STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00241

# YIDISHE KSOVIM FUN A VAYTN KOREV

Micah Joseph Berdichevsky

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Beth & Seth Klarman*
*in honor of*
*Sam & Bertha Britt*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. י. בערדיטשעווסקי
(מיכה יוסף בן גריון)

מ. י. בערדיטשעווסקי
(מיכה יוסף בן גריון)

# יידישע כּתבים

באַנד 1

# יידישע כתבים

## פֿון אַ ווייטן קרוב

איבערגעגעבן צום דרוק
על ידי
מיכה יוסף בן גריון

איקוף פֿאַרלאַג

1948

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער מיט־
הילף פֿון דער פֿאַמיליע אָרעשקעס און פֿריינט
צום אָנדענק פֿון
געח. פֿאָרזיצער פֿון שיקאַגער איקוף
**חיים אָרעשקעס**
(1946—1893)

Copyriht by
YIDDISHER KULTUR-FARBAND—YIKUF
New York, 1948

M. J. BERDITCHEWSKY
(BEN-GURJON)
YIDDISHE KSOWIM

געדרוקט אין 3,000 עקז.

Printed in U.S.A.

# אינהאַלט:

מיכה יוסף בערדיטשעווסקי (1866—1921) — רחל בן גריון ........ 7
מ. י. בערדיטשעווסקי און זיין דור — נחמן מייזיל .............. 18

## פון היינט און אַמאָל

### אַלטע מעשיות:

טרערן (אַ מעשה פון חורבן) ........................ 43
שולמית (אַ צווייטע מעשה פונעם חורבן) .................. 49
חתן־כלה (אַ מעשה) ................................ 56
די צוויי ברידער (אַ מעשה פון מדרש) ................. 61

### חסידישע מעשיות:

דער עונש אָדער אַ נייע תולדה ובור .................. 65
גדי (אַ מעשה מיט אַ מוסר) ......................... 84
דאָס פייפעלע ........................................ 94

### נייע מעשיות:

דבורה אָדער דער הספד (אַ בלעטל געשיכטע) .............. 98
דער נסיון (אַ דאָרפס־געשיכטע) ........................ 103
די געפלאַצטע סטרונע (אַ מעשה מיט צוויי קלעזמער) ........ 110
דער אורח (אַ מעשה נורא) ............................ 117
דער קאָוואַל ........................................ 124

### געשיכטעס:

דער בן יחיד ........................................ 133
פסול געוואָרן (אַ מעשה פון אַ שוחט) .................... 143
פון דער סלוזשבע (אַן אמתע מעשה) ....................... 149
די פיר שטעקנס (אַ מעשה אין פיר קאַפיטלען) .............. 154

חאָס עס טרעפֿט זיך ........ 163
די געשיכטע פֿונעם אומגעקערטן פֿאַנטאָפֿל ........ 166

# אומעטיקס און הייטערס

## בילדער:

אַ וועלט מיט וועלטעלעך (אַ מעשה פֿון פֿאַרצייטן) ........ 169
אַראָפּ פֿון זינען ........ 175
די התחלה פֿון ראובעלע נאַטאַנסאָן ........ 178
יעקב נתן ........ 186
זיידע ........ 191
די בני שמעון און די בני לוי ........ 195
לייבוש מאיר קאָכלעפֿל ........ 198
דער ליגנער ........ 203
אין דער וועלט אַריין ........ 208

## סצענעס און שפּילן:

שלום געוואָרן (אַ בילד) ........ 211
פֿאַרן בית־דין (אַ צווייט בילד) ........ 221
די שבועה (אַ סצענע) ........ 235
אַ נאָכמיטאָג ביים רב אין שטוב (אַ בילד) ........ 240
די קניה (אַ סצענע) ........ 245
דער שידוך (אַ שמועס) ........ 252
ברויט (אַ בילד) ........ 254

# קליינע מעשהלעך

## צרות און יסורים:

דער קדיש (אַ בילד) ........ 258
דריי חדשים אָדער דער עגמת נפֿש פֿון אַ יידן ........ 264
בקשות (נאָכדערציילטע דעם בעל־המעשה) ........ 268
סכסוכים (אַ קרעכץ) ........ 273
אָן אַ שדכן (פּונקט נאָכדערציילט) ........ 277
זכות אבות (אַ ייד פֿאַר זיך) ........ 281
אַ קניפּל (פֿונעם בעל־מעשה אַליין) ........ 283

**רחל בן גריון**

# מיכה יוסף בערדיטשעווסקי

## (1921—1866)

### א

מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, וואָס אין די שפּעטערע יאָרן האָט ער זיך גערופן בן־גריון, איז געבוירן געוואָרן אין מעזשבעש, פּאָדאָליע, די שטאָט פֿונעם בעל־שם־טוב, כ״ז אב תרכ״ה (זומער 1866). זיין פֿאָטער, זיין זיידע און נאָך זעקס דורות פֿאַר זיי, זיינען געווען רבנים און משמשים בקודש. באמת, זיינען געווען מער ווי זעקס דורות, מיר קאָנען אָנציילן דרייצן דורות, ווען מיר וועלן רעכענען דער מוטערס צד, וואָס ציט זיך ביז צו ר׳ ישעיה הורוביץ׳ן, אַן עלטער־זיידע פֿונעם של״ה (דער מחבר פֿון דעם באַוואוסטן ספֿר „שני לוחות הברית״). מיכה יוסף איז געווען דער ערשטער אין דער משפּחה, וואָס האָט פּורץ־גדר געווען, פֿאַרלאָזט די ווענט פֿון בית־מדרש און איז אַוועק אין דער ווייטער וועלט.

זיינע קינדערשע יאָרן האָט מיכה יוסף פֿאַרבראַכט אין דובאָווע, אַ שטעטל פֿון אומאַנער געגנט, קיעווער גובערניע. דאָס שטעטל איז געווען אַן אומאויסשעפּנדיקער קוואַל פֿון טיפֿן און מעשיות אָן אַ צאָל, וואָס מיכה יוסף האָט פֿון דאָרטן געשעפּט. ער איז געווען דער בכור ביי זיינע עלטערן, ר׳ משה אהרן און זיין ווייב פּערל. זיין מוטער איז געשטאָרבן יונגערהייט, ווען מיכה יוסף איז אַלט געווען אַ צוועלף יאָר. אין זיינע ספֿרים האָט מ. י. ב. באַשריבן זיין פֿאָטער מיט אַלע זיינע שיינע מידות

* רחל בן גריון איז די פֿרוי פֿון מ. י. בערדיטשעווסקי (מיכה יוסף בן גריון). זי מיטן זון עמנואל בן גריון וואוינען אין תל־אָביב, זיי זיינען באַשעפֿטיקט מיטן פֿאַרעפֿנטלעכן און איבערזעצן די פֿאַרשיידענע ווערק פֿון מ. י. בערדיטשעווסקי, הן די פֿריערדיקע אויסגאַבעס, הן פֿון איבערזעצונגען און פֿון די מאַנוסקריפּטן. רעד.

און מעלות טובות. דער פֿאָטער איז געווען אַן אמתער חסיד, וואָס האָט געלעבט מיט דער אמונה צום בורא, נישט אָפּגעווייכט אויף אַ פּינטעלע פֿון דער תּורה־שבכתב און דער תּורה־שבעל־פּה, אָבער אַן דער רבנישער פּינצטערקייט. און להיפוך, — ער איז געווען פֿריינטלעך צו פֿרייע מענטשן. געוויס איז אים נישט געפֿעלן געוואָרן דער וועג, אויף וועלכן זיין בכור איז געגאַנגען, בפֿרט, אַז דער זון איז געווען אַן עילוי און מען האָט געהאָפֿט, אַז ער וועט זיין פֿון די גדולי־התּורה. פֿונדעסטוועגן האָט דער פֿאָטער אין זיין האַרצן זיך איבערגעבעטן מיט דעם וואָס מיכה יוסף איז אַוועק אין די מרחקים צו די אומות־העולם; ער האָט מסתּמא גע־טראַכט: ווער ווייסט, אפֿשר איז דאָס די השגחה. ער פֿלעגט אָפֿטמאָל זאָגן וועגן אים: מיין יאָסל איז בעצם אַ ייד! — דער בעסטער סימן, אַז ער האָט פֿון אים געהאַלטן, ניט אַכטנדיק אויף דעם ווייטיק אין האַרצן; ער האָט ניט אויפֿגעהערט צו שרייבן צו אים בריוו די גאַנצע צייט פֿון זייער צעשיידונג, ביז צו דער וועלט־מלחמה.

מיכה יוסף האָט געלערנט אין חדר, ווי אַלע יינגלעך אין יענער צייט. מען האָט אים חתונה געמאַכט גאַר יונגערהייט, אָבער אַזוי ווי עס האָט אים געצויגן צו דער השׂכּלה, צו אַלגעמיינער בילדונג, צו לייענען ספֿרים חיצונים, האָט ער זיך צעקריגט מיט דער משפּחה, פֿאַרלאָזט דאָס שטעטל און זיך אַוועקגעלאָזט קיין וואָלאָזשין, אין דער באַרימטער ישיבֿה. דאָרטן האָט זיך אין אים דערוועקט דער שרייבער. זיינע ערשטע אַרטיקלען זיינען געווען אַ געשיכטע פֿון דער ישיבֿה, שילדערונגען פֿונעם ישיבֿה־לעבן, ווי אויך קריטיק איבער דער שיטה פֿון לערנען אין ישיבֿה. נאָך זיין פֿאַרלאָזן וואָלאָזשין האָט ער ווידער חתונה און קומט קיין בערשאַד. פֿון דעם דאָזיקן שטעטל האָט ער אָנגעהויבן שיקן זיינע מאמרים אין די פֿאַרשיידענע צייטונגען און צייטשריפֿטן. י. ל. גאָרדאָן האָט אים געדרוקט אין „המליץ”, נ. סאָקאָלאָוו — אין „האסיף”, אין „הצפֿירה”. אייזיק גרע־בער האָט געדרוקט אין קראָקע אַ ספּעציעל זאַמלבוך „בית־המדרש”, וואָס מיכה יוסף האָט אים רעדאַקטירט און כּמעט אין גאַנצן אים פֿאַר־פּילט מיט זיינע אַרבעטן. אויך דער צווייטער שידוך איז צעבראָכן געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַר מיכה יוספֿן אַ צייט פֿון וואָגלעניש. צו פֿיר און צוואַנציק יאָר איז ער געקומען קיין אָדעס. דאָרט האָט ער זיך באַ־קענט מיט די שרייבער פֿון יענער צייט: מיט מענדעלע מו״ס, ליליענ־בלום, אחד־העם און אַנדערע שרייבער.

אין אַ יאָר אַרום, אין שנת תר״ן, 1890, האָט מיכה יוסף פֿאַרלאָזט רוסלאַנד און איז אַוועקגעפֿאָרן קיין דייטשלאַנד. ער האָט אָנגעהויבן צו שטודירן אין ברעסלוי, דערנאָך אין בערלין, און פֿאַרענדיקט דעם אוניווערזיטעט אין בערן (שווייץ), און דאָרטן באַקומען דעם טיטול דאָקטאָר פֿילאָזאָפֿיע (1896). ער האָט זיך באַזעצט אין בערלין. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין „השלח״, וואו ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער און אַ שטענדיקער בר־פּלוגתא פֿון אחד־העם. ער איז אַרויס אין דער עפֿנטלעכקייט מיט זיין פֿאָדערונג פֿון „שינוי־ערכין״ (ענדערן די ווערטן). גלייכצייטיק האָט ער אָנגעהויבן שרייבן דערציילונגען, וואָס זיינען אַרויס שפּעטער אין דער „ביבליתוקה עברית״ פֿון „תושיה״־פֿאַרלאַג. דעמאָלט זיינען פֿאַרפֿאַסט געוואָרן: „מעירי הקטנה״, „מבית ומחוץ״, „מחניים״ און „עורבא פרח״. אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך גענומען צו שרייבן דייטש. אין די יאָרן תרנ״ט־תר״ס (1899 — 1900) זיינען אַרויס זיינע ערשטע זאַמלונגען פֿון דערציילונגען. אין די זעלבע יאָרן זיינען דערשינען זיין „ספר חסידים״ און פֿיר ביכלעך מיט אַרטיקלען, פֿאַרעפֿנטלעכט אין בערלינער פֿאַרלאַג „הוצאת צעירים״, וואָס ער האָט געגרינדעט מיט דער הילף פֿון זיינע פֿריינט.

אין 1902 האָט מ. י. ב. געהייראַט און זיך באַזעצט אין ברעסלוי. פֿאַר דעם האָט ער זיך געזען מיט זיין פֿאָטער און געלעבט אַ קורצע צייט אין דער סביבה פֿון זיין קינדהייט. דאָרטן האָט זיך אויך דערוועקט אין אים אַ נייע צוגעבונדנקייט צו דער יידישער שפּראַך.

די תקופֿה אין ברעסלוי תרס״ב — תרע״א (1902 — 1911) איז געווען די פֿרוכטבאַרסטע צייט פֿון מיכה יוסף בערדיטשעווסקי. דאָ האָט ער פֿאַרפֿאַסט אין העברעאיש זיינע גרינטלעכע אַרבעטן, אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען איבער געזעלשאַפֿטלעכע, רעליגיעזע, פֿילאָזאָפֿישע, ליטעראַרישע פֿראַגן און פּראָבלעמען. זיינע איבערגעאַרבעטע דערציילונגען זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין די צוויי בענדער: „מן העבר הקרוב״ און „מעמק החיים״; אין יענער צייט איז ער אַריין אין דער וועלט פֿון אגדה און באַנייט הונדערטער פֿאָלקס־אגדות („מני קדם״, „אגדות עם״), וואָס זיינען געשריבן מיט זיין אייגענעם לשון און אייגנאַרטיקן סטיל. אין אָט די יאָרן האָט ער אויך פֿאַרפֿאַסט זיינע אַלע יידישע כתבים. די ערשטע פּרוואון צו שרייבן יידיש געהערן צו דער צייט, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט אין אוקראַינע (און אויך אין פּוילן) פֿאַר די ברעסלויער יאָרן.

דאָס זיינען די יידישע כתבים, געשריבן אַליין אין יידיש, און וואָס קומען אַריין אין די איצטיקע צוויי בענדער פֿון דער איקוף־אויסגאַבע.

די לעצטע צען יאָר פֿון זיין לעבן האָט מ. י. ב. געלעבט אין בערלין. דאָס איז געווען די תקופֿה פֿון מיכה יוסף בן־גריון, ווי ער האָט זיך פֿון דעמלט אָן אָנגערופֿן. ער האָט זיך גענומען צו זאַמלען אגדות און מעשיות פֿון פֿאַרשיידענע אַלטע קוועלן. ער האָט צונויפֿגעשטעלט זאַמל־ביכער, וואָס זיינען דערשינען אין דייטשישער איבערזעצונג דורך זיין פֿרוי („די זאַגען דער יודען" און „דער בארן יודאס"), זיי זיינען שטאַרק באַקאַנט געוואָרן אין דייטשלאַנד. עס איז געווען די צייט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. מ. י. ב. איז געזעסן על התורה ועל העבודה. ער האָט געפֿאָרשט די יידישע געשיכטע און די פֿאַרשיידענע ספֿרים פֿון חכמי ישראל. עס האָט זיך אים געעפֿנט אַ טויער נעענטער צו דערקענען די באַהאַלטענע, פֿאַרלוירענע קוועלן פֿון דת־ישראל און פֿון דין־ישראל. אָבער דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אויפֿגעשריבן אין יענער צייט איז כמעט גאָרנישט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן. כמעט אַלע זיינע אויספֿאָרשונגען זיינען געבליבן אין כתב־יד ביז היינט צו טאָג.

נאָכן ערשטן וועלט־קריג, ווען מ. י. ב. האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעזאָגט פֿון בעלעטריסטיק און פובליציסטיק, איז געקומען אברהם יוסף שטיבעל און אים צוריקגעבראַכט צו דער העברעאישער ליטעראַטור. אַדאַנק אים האָט מ. י. ב. באַוויזן צו שרייבן זיינע ראָמאַנען („בסתר רעם", „בית תבנה", „מרים") און באַאַרבעט פֿון דאָס ניי זיינע העברעאישע ווערק. ער האָט נאָך דערלעבט צו זען דעם ערשטן באַנד פֿון דער העברעאישער געזאַמלטער אויסגאַבע. אין יענער צייט האָט אים געטראָפֿן דער שווערסטער אומגליק. אין די אוקראַינער פּאָגראָמען זיינען אומגעקומען זיין פֿאָטער און דער יינגסטער ברודער, צוזאַמען מיטן גאַנצן שטעטל דובאָווע, וואָס זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן דורך די פעטלורישע באַנדעס. דאָס האָט אים אין גאַנצן צעבראָכן, ער האָט געהאַט אַ האַרץ־אַטאַק און איז געשטאָרבן (י"ז חשוון תרפ"ב, נאָוועמבער 1921). ער איז אַלט געווען 56 יאָר און איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין בערלין, אויפֿן בית־עלמין אין וויסענזע.

נאָך מיכה יוסֿפס טויט האָט א. י. שטיבעל צוגעזאָגט אויסער די העברעאישע ווערק צו פֿאַרעפֿנטלעכן אויך די יידישע כתבים. דאָס איז מקויים געוואָרן אין יאָר 1924. פֿון מיכה יוסֿפס ליטעראַרישער ירושה

האָט זיך אין דייטש געדרוקט אַ וויסנשאַפֿטלעך ווערק מיטן טיטל „סיני וגרזים". די געזאַמלטע טעקסטן פֿון פֿאָלקס־מעשיות, וואָס ער האָט זיי איבערגעשריבן און וואָס ער האָט געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן, זיינען פֿאַרבליבן אין מאַנוסקריפּט צוואַנציק יאָר, ביז זיי זיינען געדרוקט געוואָרן דאָ ניט לאַנג אין ארץ־ישראל („ממקור ישראל"). אינעם „בית מיכה יוסף", וואָס ווערט איצט געגרינדעט אין תל־אביב, זיינען נאָך דאָ אַ סך כּתב־ידן, דאָס רוב וויסנשאַפֿטלעכע, — אויך זיינע טאָג־ביכער און בריוו, וואָס מען וועט זיי נאָך איבערגעבן צום דרוק.

## ב

אין דער היינטיקער צייט איז שוין אַלעמען גוט באַקאַנט, וואָס מיכה יוסף איז געווען און וואָס ער האָט באַטייט פֿאַר דער ליטעראַטור. אין אַלע זיינע שריפֿטן, סיי אין די אַרטיקלען און סיי אין זיינע דערציילונגען, האָט זיך אַרויסבאַוויזן נישט נאָר דער פּאָעט און דער קינסטלער, נייערט אויך דער פֿרייער רעוואָלוציאָנערער גייסט. ער האָט נישט אָנגענומען פּאַרטיק קיין שום איינשטעלונג בנוגע צו דעם יידישן פּראָבלעם; ער האָט נישט געהאַלטן נישט פֿון אַסימילאַציע און נישט פֿון אויבנאויפֿיקער אָפּלייקע־נונג פֿון אַסימילאַציע, נישט פֿון „אתּה בחרתּנו" און נישט פֿון זעלבסט־פֿאַרלייקענונג; ער האָט קריטיקירט די הערשאַפֿט פֿון אָרטאָדאָקסיע, וואָס האָט זיך אָפּגעקערט פֿון נאַטור, פֿון ערד און לופֿט; ער איז נישט נתפּעל געוואָרן פֿון אפּיקורסות און פֿון אַטעאיזם, וואָס האָבן אונדז געבראַכט אַ דור אָן וואָרצלען; ס'איז אים נישט געווען צום האַרצן כּלל־טוערײַ און פֿאַ־ליטישע פֿילאַנטראָפּיע, — ער איז געבליבן איינער אַליין מיט זיך. ער האָט געטראָגן אין זיין ברוסט די נביאישע קראַפֿט און זיין האַרץ האָט שטענדיק געווייטיקט פֿון צער־ישראל. אָבער עס איז נישט געווען בלויז דער ווייטיק מחמת אַנטיסעמיטיזם און די רדיפֿות אויף יידן, עס איז געווען דאָס, וואָס ער האָט אָנגערופֿן מיטן נאָמען „הקרע שבלב", דער צעריסענער יידישער געמיט. דער דור פֿון זיין צייט, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פֿון טראַדיציע, איז געשטאַנען על פּרשת דרכים און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. די אמונה איז אויסגערונען, און די השכּלה האָט געהאָלפֿן נאָר דעם שכל, אָבער דאָס האַרץ איז געבליבן ליידיק. וואָס איז געווען צו טאָן? גיין קיין ארץ־ישראל? אַוודאי דאַרף מען גיין, אָבער מען הערט

בלויז וועגן פּלענער, די פּאַרטייען מאַכן אַ רעש, די בעלי־חלומות רעדן פון אַ „מרכּז רוחני״, וואָס וועט נאָר הענגען אין דער לופטן, ווי דאָס ביזאָהעריקע יידישע לעבן אין גלות...

און אינטערעסאַנט: דווקא דער יאוש און דער פּעסימיזם און די קריטיק פון בערדיטשעווסקי האָבן געהאַט מער פּעולה, ווי מען האָט זיך אויף דעם גערעכנט. עס זיינען דערוועקט געוואָרן נייע כּוחות אינעם אַלטן פאָלק, און די חלוצים פון דער „עליה שניה״ וואָס האָבן זיך בפירוש געפילט ווי תּלמידים פון בערדיטשעווסקי, האָבן פאַרלאָזן די אַלטע היימען, און זיי זיינען געגאַנגען בויען דאָס לאַנד אָן פּראַזן און טאַקע ממש „בזיעת אפּיך״. בערדיטשעווסקיס קריטיק פון ציוניזם האָט אויך זיכער געהאָלפן דאָס בויען פון לאַנד.

בערדיטשעווסקי האָט געפילט, אַז עס רוקט זיך אָן אַ מוראדיקער שטורעם. ער האָט געפילט, אַז עס קומט אַ גרויסער חורבן, דער חורבן פון גלות־לעבן, האָט ער דעריבער געמאָנט און געפאָדערט די איבערשאַצונג פון ווערטן, די שינוי־ערכין. דאָס הייסט קודם־כּל אויספאָרשן די געשיכטע און געפינען די כּוחות, וואָס זיינען פאַרגראָבן אין דער לאַנגער צייט פון גלות, די נשמה פונעם פאָלק, וואָס מען האָט זי פאַרגעסן. ער נעגירט די אַלע אָנגענומענע ווערטן און אָנשויאונגען און אַנטדעקט אין דער יידישער פאַרגאַנגענהייט די קוואַלן פון יידישן גייסט. אָט דער יידישער גייסט, וואָס איז אַמאָל געווען שטאַרק און מעכטיק, האָט זיך נאָכן חורבן באַהאַלטן אין אַ ווינקעלע און איבערגעלעבט די צייט פון דעם שטרענגן רבניזם. דאָס איז די וועלט פון דער אגדה, וואָס האָט עקזיסטירט נישט אַרום דער הלכה, נאָר אין קאָנטראַסט צו איר. אין די אַלע דיקע ספרים פון מצוות און הלכות געפינען זיך איינצלנע בלעטער פון מעשיות און ספורים, וואָס אין זיי געפינען מיר פונקט דעם היפּוך פון דער לומדישער און קפּדנישער וועלט־אָנשויאונג. אין תּנ״ך אַליין זיינען פאַרבליבן חשובע רעשטן פונעם אַלטן מיטאָס; אין דער גמרא, וואָס איז פול מיט פּלפּול און דין און משפּט, רעדט מען אויך פון מעשה בראשית און פון מעשה מרכּבה און מען דערציילט זיך נסים און נפלאות. בערדיטשעווסקי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין די טיפענישן פון ים און האָט געפונען די פּערל פון פאָלקס־פּאָעזיע. מען האָט געטענהט, אַז דאָס איז געווען אַ „דרך תּשובה״ ביי אים, אָבער באמת איז דאָס געווען די נאַטירלעכע קאָנסעקווענץ פון זיין קריטיק: ער האָט געפאָדערט פון יידן, זיי

זאָלן ווערן אַנדערש, ער האָט זיי געוויזן, אַז זיי זיינען אַמאָל געווען לחלוטין אַנדערש.

ג

מ. י. בערדיטשעווסקי איז בעיקר באַוואוסט אין דער ליטעראַטור ווי דער דערציילער, דער רעאַליסט. ער האָט טאַקע געוויזן דעם גרויסן חידוש, ער האָט אַנטדעקט און אָפּגעשילדערט דעם מענטשן, דעם נאַקעטן מענטשן אונטער דעם יידישן מלבוש. ער האָט זיי אָפּגעמאָלט, די יידן פונעם קליינעם שטעטעלע אינעם תחום־המושב, ווי זיי לעבן און ליידן, אָן שום סענטימענטאַליטעטן, אָבער מיט אַ שטאַרק געפיל. די העלדן זיינע וואָלטן געקאָנט לעבן אין יעדער צייט און ביי יעדן פאָלק; ער שילדערט זיי צוזאַמען מיט זייער ספּעציעלער סביבה און גיט אונדז אין איינעם — דאָס בילד און די ראַם. דאָס דאָזיקע לעבן איז געשטאַנען אויף הינערישע פיסלעך, אָבער ווען די מענטשן האָבן געלעבט אין דעם, איז עס געווען אַ שטאַרק און באַפּעסטיקט לעבן. אין בערדיטשעווסקיס ספרים קאָן מען געפינען אַלץ: פון איין זייט האָט ער געפילט דעם באַזונדערן חן פון אָט־אָ דעם לעבן, און פון דער אַנדערער זייט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט ניט קיין יסוד. מען קאָן געפינען אויך אין זיינע עפּישע ווערק דעם קריטיקער, דעם בעל־שינוי־ערכין, און אין דער זעלבער צייט דערקענט מען אין זיי דעם בעל־אגדה, דעם שעפערישן קינסטלער.

אַז מ. י. ב. האָט געמאַכט דעם סך־הכל פון זיינע דערציילונגען, האָט ער זיי געוואָלט געבן דעם נאָמען „אבות ובנים" (עלטערן און קינדער). אין אמתן, ווען מען קוקט זיי אָן אין אַ געזאַמלטער פאָרם, איז דאָס ווי אַ גרויסער דענקמאָל פון צוויי דורות פונעם יידישן פאָלק: אָט זיינען די אבות, די עלטערן, וואָס האָבן געשטעקט מיט די וואָרצלען אין יהדות, און די מסורה און דער מנהג זיינען פאַר זיי געווען ווי ערד און לופט, און אָט זיינען די קינדער זייערע, וואָס האָבן געשטרעבט נאָך פרייהייט פונעם עול המצוות, און זייערע שיפן זיינען צעבראָכן געוואָרן אָן די פרעמדע ברעגעס...

פונעם כראָנאָלאָגישן און ליטעראַרישן שטאַנדפונקט טיילן מיר זיינע דערציילונגען אויף דריי באַזונדערע גרופּעס: צוערשט די דערציילונגען, וואָס גייען אינעם אייגענעם נאָמען; דערנאָך קומען די כאַראַקטעריזירונגען

פֿון טיפֿן, וואָס ער האָט זיי געזען און ווי ווען ער וואָלט געווען איינער פֿון זיי אַליין; צום סוף — די קלאַסישע געשטאַלטן פֿונעם יידישן לעבן, וואָס קומט אַרויס ווי אַ נייער גלגול פֿון דער אַלטער, אייביקער יידישער געשיכטע...

די מעשיות פֿון דער ערשטער תקופֿה, ווי געזאָגט, זיינען געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן, אָבער ווען דער מחבר רעדט אין דער דריטער פּערזאָן, איז עס אַלץ אַ השתפּכות־הנפֿש פֿון אים אַליין. דאָס זיינען דער־ציילונגען פֿון אַ יידישן יונגנמאַן, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין דער גאָטספֿאַרכטיקער סביבה און איז לערנען, ביי וועמען עס האָבן זיך אָנ־געהויבן ספֿקות, וואָס פֿירן אים אַוועק פֿונעם בית־מדרש אין די וועלטלעכע שקאָלעס. און ווען ער איז געוואָרן געבילדעט, הויבט זיך ביי אים אָן אַ נייער צער, דער צער פֿונעם צעריסענעם מענטש, וואָס ווייסט ניט צי זאָל ער גיין אַהין צי אַהער. דאָס איז דער נתנאל פֿון „מעבר לנהר", וואָס טוט דעם שפּרונג פֿון טראַדיציע־גרענעצן אין דער פֿרייער השכלה־וועלט, און דאָס איז אויך מיכאל פֿון „מחנים", וואָס בשעת ער איז געוואָרן גאָר פֿריי, האָט ער פֿאַרלוירן זיין רו אויף אייביק.

אין איינער פֿון זיינע ליטעראַרישע פֿאַרצייכענישן האָט בערדי־טשעווסקי אויפֿגעשטעלט אַ כּלל פֿאַרן דערציילער: ער זאָל באַצווינגען דעם שטורעם אין זיין האַרצן, און ער זאָל רעדן וועגן זיך, ווי ווען ער וואָלט געווען אַן אַנדערער, און אַריינדרינגען אַזוי טיף אין דער נשמה פֿונעם אַנדערן, ווי עס וואָלט געווען זיין אייגענע נשמה. זיין ערשטע גרופּע דערציילונגען זיינען סוביעקטיווע ווערק, און די צווייטע גרופּע, וואָס ער האָט זיי געשריבן אין זיינע רייפֿע יאָרן, קאָן מען באַצייכענען פֿאַר אָביעקטיווע. אין די אָביעקטיווע געשיכטעס אַנטפּלעקט זיך אויך דער הומאָר זיינער, וואָס איז געווען זייער אַ שטילער און אַ באַהאַלטענער, כּמעט נאָר אַ שמייכל, וואָס האָט פֿאַרוואַנדלט דעם מידת־הדין פֿונעם לעבן אין מידת־הרחמים פֿון קונסט...

די דריטע גרופּע דערציילונגען — ער אַליין האָט זיי אָנגערופֿן מיטן טיטול ראָמאַנען, — זיינען געשריבן אין דער צייט פֿון שקיעת־החמה, ווען ער האָט געפֿילט, אַז דער טויט דערנעענטערט זיך, און ער האָט גע־וואָלט נאָך איין מאָל זיך באַהעפֿטן מיט זיינע געשטאַלטן, וואָס זיינען דעמלט שוין געווען בלויז זכרונות, שאָטנס פֿון פֿאַרגאַנגענהייט. דאָ איז ביי אים דער „עבר הקרוב" — די נאָענטע פֿאַרגאַנגענהייט פֿון זיין אייגן

לעבן, און דער „עבר הרחוק״, — די ווייטע פֿאַרגאַנגענהייט פֿונעם לעבן פֿון יידישן שטאַם, וואָס איז שוין צוזאַמענגערונען אין איין שטראָם, אַ מין סמבטיון־טייך, וואָס רוישט און רוישט און הערט גאָרנישט אויף צו רוישן.

## ד

די יידישע כתבים זיינע, דאָס רוב ספּורים און סקיצן, געהערן צו דעם מיטלסטן פּעריאָד פֿון זיין שאַפֿן, צו דער תּקופֿה, וואָס ער האָט זיך ווידער באַהעפֿט מיטן לעבן פֿונעם שטעטל און נאָך אַמאָל זיך פֿאַרטיפֿט אין זיין לעבנס שטייגער. ער האָט זיך באַצויגן צו אים ווי אַן עדות, און נישט ווי אַ ריכטער, און אַוודאי נישט ווי אַ קטיגור. עס איז פֿונדעסטוועגן דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן זיינע יידישע און העברעאישע דערציילונגען, וואָס זיינען אין פֿלוג פֿון דער זעלבער מדרגה און כאַראַקטער. דער עיקר אונטערשייד איז די שפּראַך. ווען בערדיטשעווסקי האָט געשריבן אין העברעאיש, איז דער לשון־קודש נאָך נישט געווען ווי דער היינטיקער לעבעדיקער לשון, וואָס מען רעדט אויף אים און וואָס קינדער וואַקסן אויף אין אים. קומט עס אַזוי אַרויס, אַז אין בערדיטשעווסקיס העברעאישע ספּורים זיינען כמעט נישטאָ נישט קיין דיאַלאָגן און נישט קיין מאָנאָלאָגן. ער האָט אין גאַנצן פֿאַרוואַנדלט דעם „בעל־פּה״ אינעם „בכתב״. ער איז טאַקע געווען איינער פֿון די גרויסע שאַפֿער פֿונעם ליטעראַרישן העברעאיש, און אַן דעם וואָלט נישט געבוירן געוואָרן די גערעדטע העברעאישע שפּראַך. פּונקט דער היפּוך איז ער געווען אין זיין שאַפֿונג אויף יידיש. דאָ האָט ער געלאָזט דעם פֿאָלק רעדן, ווי עס לייגט זיך אים אויפֿן צונג; ער איז דאָ געווען אָפֿענער און באַרעדעוודיקער ווי אין די העברעאישע ספּורים, וואָס אין זיי האָט ער זיך באַגנוגנט מיט אַ רמז, מיט אַ וואונק. מ. י. ב. אַליין האָט געמאַכט אַן אונטערשייד צווישן זיינע העברעאישע און זיינע יידישע שאַפֿונגען. ער האָט אויך געפֿאָדערט, אַז מען זאָל נישט משיג־גבול זיין די פֿאָלקס־שפּראַך און די בוך־שפּראַך; ער האָט שטאַרק פּאָלעמיזירט מיט די, וואָס האָבן אַלץ געגאָסן פֿון איין כּלי אין דער אַנדערער כּלי, און וואָס ער האָט געפֿאָדערט פֿון די אַנדערע שרייבער, האָט ער קודם־כּל אַליין געטאָן עס.

אין זיינע יידישע כתבים איז ער אויף דער אמתן אַ ווייטער קרוב, דער פֿעטער, וואָס דערציילט אייך אַ מעשה און הערט אויס אייער צער.

ער איז נישט אַזוי ווי די שרייבער, וואָס האָבן פֿאַרלאַנגט זיך אַראָפּצו־לאָזן צום פֿאָלק. פונקט פֿאַרקערט, ער האָט געהאַלטן, אַז מען מוז זיך לערנען ביים פֿאָלק. און דערפֿאַר טאַקע איז ער געווען און פֿאַרבליבן פֿאַרשטענדלעך פֿאַרן פֿאָלק. נישט איינער האָט געזאָגט, אַז ווען ער הערט בערדיטשעווסקיס יידיש, דערמאָנט ער זיך ווי זיין מאַמע, צי זיין מאַמעס מאַמע, האָט געלייענט און געזאָגט די „צאינה־ראינה". אַ באַוואוסטער יידישער שרייבער, וואָס איז געווען פֿון זיינע שטאַרקע פֿאַרערער, האָט וועגן בערדיטשעווסקיס יידישער שאַפֿונג געזאָגט, אַז דאָס איז ווי פֿרישע מילך, וואָס מען טרינקט זי אין דאָרף, גלייך פֿון דער קו.

## ה

די יידישע כתבים בערדיטשעווסקיס זיינען געשריבן געוואָרן כמעט אַלע אין די יאָרן תרס"ב — תרס"ו (1902 — 1906), דאָס מיינט אין דער קורצער צייט פֿון אַ פֿינף יאָר. דערפֿאַר טאַקע זיינען זיי ווי פֿון איין שטיק געגאָסן. תחילת האָט ער געפּרואווט אַרויסצוגעבן קליינע ביכלעך, גראָשן־העפֿטן, זיי האָבן אָבער נישט געפֿונען קיין אָפּקלאַנג און נישט געהאַט קיין פֿאַרזעצונג. די יידישע צייטונגען פֿון יענע יאָרן האָבן זיך נישט באַצויגן צו אים ווי ס'באַדאַרף צו זיין. וואָס ער האָט יאָ באַוויזן צו דרוקן, איז אים אָנגעקומען מיט גרויסע צרות און איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן מיט אַ סך גרייזן. מען מוז זאָגן, אַז עס זיינען געווען אויך אויס־נאָמען: ח. ד. הורוויץ און מרדכי ספּעקטאָר און אברהם רייזען. אָבער אַ סך נחת האָט ער נישט געהאַט פֿון די פֿאַרלעגערס און די רעדאַקטאָרן, ער איז פֿאַרשטומט געוואָרן אין דער ליטעראַטור, וואָס ער האָט אַריינ־געלייגט אין איר אַ שטיק האַרץ. אין 1912 האָט זיך געדרוקט אין וואַר־שעווער פֿאַרלאַג „ליטעראַטור" אַ טייל פֿון די „יידישע כתבים פֿון אַ וויטן קרוב" אין צוויי בענדער, וואָס אין זיי זיינען געזאַמלט אַ צוויי־דריטל פֿון זיינע יידישע שאַפֿונגען. אָבער די פֿאָרם פֿון די ביכער, דאָס פּאַפּיר און דער דרוק, זיינען געווען גאָר נישט אַזוי שיין און האָבן אים גאָרנישט באַפֿרידיקט.

די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן האָט מיכה יוסף זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן פֿאַר די פֿאַרלוירענע קינדער זיינע, ווי ער האָט זיי אָנגע־רופֿן, און וואָס עס האָט זיך נישט געפֿונען קיין שום גואל פֿאַר זיי. דאָס

האָט דערנאָך באַוויזן צו פֿאַרגיטיקן, ווי געזאָגט, אַברהם יוסף שטיבעל, מיט דער אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען דריי יאָר נאָכן טויט פֿון מיכה־יוסף אין בערלין, 1924. דאָס איז געווען די ערשטע אמתע פֿולע אויסגאָבע פֿון די יידישע כּתבים, געדרוקט מיט דער הילף פֿון פֿ. לאַכאָווער, דעם פֿריינד און פֿאַרערער פֿונעם העברעאישן בערדיטשעווסקי, און אונטער דער אויפֿזיכט פֿון פֿ. מאַרגאָלין, דעם ווילנער פֿאַרלעגער און צייטונג־אַרויסגעבער און דעם קענער פֿון דער יידישער שפּראַך. די כּתבים האָבן זיך געדרוקט אין זעקס קליינע ביכלעך, אין דער אָרדענונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פֿון מחבר אַליין, וועלכער האָט איבערגעלאָזט די שריפֿטן גרייט צום דרוק.

זינט דעם זיינען ווידער פֿאַרגאַנגען עטלעכע און צוואַנציק יאָר. דער ווייטער קרוב, וואָס איז געווען איינער פֿון די געציילטע פֿאָלקס־שריפֿטשטעלער אין יידיש, איז פֿאַרט געבליבן אַ נסתּר פֿאַרן פֿאָלק.

הלוואי זאָל די איצטיקע נייע אויסגאַבע, וואָס דער איקוף נעמט אונטער, קומען אין די הענט פֿון די אַלע לייענער, וואָס די ווערק זיינען פֿאַר זיי באַשטימט.

תּל־אָביב.

נחמן מייזיל

# מיכה יוסף בערדיטשעווסקי און זיין דור

## א

מיכה יוסף בערדיטשעווסקי האָט פֿאַרנומען און פֿאַרנעמט אויך איצט אַ גאַר באַזונדער אָרט אין דעם יידישן שאַפֿן, אין דער יידישער קולטור פֿון די לעצטע דורות. ער איז געווען און פֿאַרבליבן אַן אויסטערלישע געשטאַלט אין דער גאַלעריע געשטאַלטן און פּערזענלעכקייטן פֿונעם סוף פֿון 19טן און אָנהויב 20סטן יאָרהונדערט, אין דעם געדאַנקען־גאַנג פֿון דעם יידישן פֿאָלק. דורך אים און דורך זיינע פֿאַרשיידנאַרטיקע ווערק קרייצן זיך אויף אַ ספּעציפֿישן אופֿן דער געראַנגל פֿון יידישקייט און אוניווערסאַלקייט, דער געראַנגל פֿון ייד און „גוי״, דער געראַנגל פֿון מזרח און מערב, דער געראַנגל פֿון פּראָגרעס און מסורה.

עס איז אַן עוולה, וואָס ביז איצט, זיבן און צוואַנציק יאָר נאָך זיין טויט, האָבן מיר נאָך נישט קיין פֿולע, פֿולשטענדיקע מאָנאָגראַפֿיע, וואָס זאָל פֿאַנאַנדערוויקלען דאָס בילד פֿון זיין לעבן און שאַפֿן, פֿון זיינע בלאָנדזשענישן און דערגרייכענישן, פֿון זיינע אַלע באַרג־אַראָפּן און באַרג־אַרויפֿן. מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, וואָס אַלע זיינע יאָרן, זינט 1890 און ביזן לעצטן טאָג פֿון זיין לעבן־שאַפֿן אין 1921, האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו זוכן און צו נישטערן, צו פֿיבערן און צו וויטיקן וועגן דער געשטאַלט פֿון אַ גאַנצן ייד און פֿולן מענטשן, — ער גופֿא, וואָס האָט כסדר געהאַלטן אין פֿרעגן און אָפּפֿרעגן, אין ענטפֿערן און פֿאַר־ענטפֿערן, איז לסוף פֿון זיינע יאָרן אַליין פֿאַרבליבן ווי אַ רעטעניש. זיין לאָזונג, זיין פֿיר־לאָזונג „און עס איז נאָך דאָ פֿיל וואָס צו פֿרעגן״, איז פֿאַרבליבן סיי פֿאַר אים אַליין און סיי פֿאַר זיין דור און סיי פֿאַר די דורות נאָך אים.

לכתּחילה איז ער געווען מער צעשטערער ווי בויער. אַ קינד פֿון אַ דורות־לאַנגער טראַדיציאָנעלער יידישער סביבה און משפּחה, אַ זון פֿון אַ פֿרומען רב אין אַ קליין שטעטל אין פּאָדאָליע, האָט ער שוין אין

די יינגערע יאָרן געפּרואווט זוכן אַ סינטעז, געוואָלט אויסדרינגען נייע געדאַנקען, נייע טענדענצן אין דער בית־המדרש־קולטור און אַפּילו גע־נומען אַרויסגעבן אַ זאַמלבוך „בית־המדרש". אַט דער יאָ־רעליגיעזער און נישט־רעליגיעזער זאַמלבוך איז זיך געשטאַנען אין דעם גרויסן ספרים־אַלמער פון מיין פאָטער אויפן גרענעץ צווישן די פרומע ספרים און די השכלה־ביכער. עס איז נאָך נישט געווען באַשטימט, צי איז דער פאַר־פאַסער־אַרויסגעבער פון „בית־המדרש", אַ לערנער, אַ „דאַאיקער", אָדער ער איז שוין פון יענער זייט גרענעץ, „מאחורי־הפרגוד".

עס איז אינטערעסאַנט דער זעלטענער און רירנדיקער בריוו־אויסטויש צווישן פרומען רבֿ, מיכה יוספס פאָטער, ר' משה אהרן, מיטן זון, וואָס גייט אַוועק פון דער היים, פאַרלאָזט דערנאָך די ישיבה, ווערט אַ משכיל און לאָזט זיך גאָר קיין אויסלאַנד אין גויאישע אוניווערזיטעטן, קיין שווייץ און לסוף אין דייטשלאַנד (די בריוו געפינען זיך אינעם בערדיטשעווסקי־אַרכיוו ביי דער פרוי און זון פון מ. י. ב. אין תל־אביב). — מיכה יוסף בערדיטשעווסקי קלערט אויף זיין פאָטער, אַז ער קאָן ניט, נאָכן שטאַרקן ריס, וואָס איז געוואָרן אין אים, זיך אומקערן צוריק אַהיים. און אַט דער „הציץ ונפגע" — אַריינגעבליקט אין דער נייער וועלט, אין דער נייער קולטור, און געשטרויכלט געוואָרן — ער ווערט טאַקע דער שטאַרק־סטער אָפּפרעגער, דער בריקן־צינדער, דער צעשטערער. לאָמיר גע־דענקען, אַז עס איז דער לעצטער צענדליק פונעם 19טן יאָרהונדערט. אין גאָר דער וועלט, אַזוי אויך אין דער יידישער, הערשט דאָן דער גרויסער דראַנג, דער שטאַרקער בונט קעגן דעם איינגעשטעלטן, קעגן דעם אָנגענומענעם, קעגן דעם פאַמעלעכן גאַנג אין געדאַנק, אין קונסט, אין פילאָזאָפיע. מער ווי מען וויל בויען, ווילט זיך צעשטערן. און עס איז זייער פּאָפּולער און זייער אייגן דער לאָזונג: „כדי צו בויען אַ בנין, דאַרף מען פריער צעשטערן בנינים".

דורך בערדיטשעווסקיס דערציילונגען פון יענער צייט, וואָס זיינען מער אינטעלעקטועל ווי שילדעריש, מער עמאָציאָנעל ווי רעאַליסטיש, דורך זיינע פאַרשיידענע האַלב־פּובליציסטישע און האַלב־פילאָזאָפישע עסייען־מאמרים, דורך זיינע פאַרשיידענע קלענערע נאָטיצן־באַטראַכ־טונגען, וואָס באַווייזן זיך אין דער יידישער (ריכטיקער — אין דער העב־רעאישער) פּרעסע און זאַמלונגען פון יענער צייט, קומט כסדר דער רוף פון „שינוי ערכין", פון איבערשאַצן ווערטן, די פאָדערונג איבערצוואַנ־

דערשן דעם אַנגענומענעם נוסח פֿונעם יידישן לעבן און דענקען, דער פֿאַרלאַנג צו שטורעמען די אַלטע יידישע פֿעסטונגען, אַראָפּרייסן די תּפֿילין פֿון קאָפּ און פֿון האַנט, פֿאַרבייטן דעם אַלטן יידישן פֿאַרהייליקטן ספֿר מיט דער שווערד, מיט דער „גויאישער" שווערד.

מ. י. בערדיטשעווסקיס ווערק פֿון די ערשטע יאָרן זיינען ווי דער־ציילערישע בלעטער פֿון אַן אייגענעם טאָג־בוך, זיי דערציילן אונדז אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים זיין דראַנג און שטרעבן צו באַפֿרייען זיך פֿון דער עלטערנס ירושה, אויסצואוואָרצלען יעדן זכר און שורש פֿונעם בית־מדרש, זיך אָפּזאָגן פֿון די מידות און מנהגים, יאָכן און פֿליכטן פֿונעם יידישן ספֿר און זיך באַהעפֿטן מיט וועלטלעכע מאָסן און באַגריפֿן. אָט דער קאַמף און געראַנגל איז גאַרנישט אַזאַ לייכטער, ווייל וואָס־מער ער האָט געריסן די „חבלי־ירושה" (די ירושה־קייטן), אַלץ פֿעסטער איז געווען דער צו־בונד און אַלץ טיפֿער די ווייטיקן, די וואונדן, וואָס דאָס צערייסן האָט געבראַכט מיט זיך.

דערציילט טאַקע מ. י. ב. וועגן איינעם אַ העלד, אייגנטלעך — וועגן זיך: „ווען ער האָט פֿאַרלאָזט זיין פֿאַרשאַלטענע געבוירן־שטאָט, האָט ער געשוואוירן קיין מאָל זיך מער נישט אומצוקערן, קיין מאָל וועט ער נישט פֿאַרשוועכן זיין שבועה. ער האָט שוין מער קיין פֿאָלק נישט און קיין הימלאַנד נישט. ער איז אין גאַנצן אַ פֿרייער מענטש, וואָס לעבט זיך אַליין, אָן קיין שום משפּחה־פֿאַרבינדונגען. ער האָט נישט קיין זכרונות און וויל פֿון זיי כלל ניט וויסן". אין אַן אַנדער אָרט אינעם זעלבן בוך טראַכט מ. י. ב׳ס העלד אָט וואָס: „ער וועט מיט איין מאָל איבעררייסן אַלע שטריקן און ווערן אינגאַנצן פֿריי. ער וועט פֿאַרלאָזן דעם לעצטן דור׳ צו וועלכן ער האָט נאָך אַ שייכות, און וועט ווערן אַ נייער מענטש, אַ זון פֿון אַן ערשטן דור".

אַזעלכע זיינען זיי, בערדיטשעווסקיס אַרויסגעבראַכטע יונגעלייט אין זיין ערשטער קאַמף־תּקופֿה. אָבער אין עטלעכע יאָר אַרום, נאָך די פֿאַר־שיידענע מאַטערנישן, זוכענישן, פֿאַרצווייפֿלונגען און בלאָנדזשענישן, שטייט ווידער אַמאָל פֿאַר אונדז מ. י. בערדיטשעווסקיס יידישער יונגער־מאַן מיט אַ ווייטיקדיק האַרץ און אויפֿגערעגטן געמיט און מאָנט און פֿאָ־דערט ביי זיך און ביי זיין אייגענעם געוויסן: „ער האָט אַ געפֿיל, אַז ער דאַרף אונטערפֿירן אַ דין־וחשבון פֿון זיין אייגענעם לעבן, זיך איינקוקן און באַטראַכטן די אָנהויב־מעשים, אַריינדרינגען אין זייער וועזן און איינ־

ציקווייז־איינציקווייז אויסרעכענען זיינע פֿעלערן און די אָפּנייגן אין זיין לעבן״ („הזר״ — דער פֿרעמדער). ער האָט איין קנופּ אויפֿגעבונדן און זיבן נייע זיינען אויף דעם אָרט געוואָרן. ער באַשליסט חתונה האָבן פּאַר אַ פֿרעמדער, אַ גויה. „גיין מיט איר אין אַ ווייטן לאַנד. ער וועט צו זיינע עלטערן און חברים מער נישט שרייבן. ער וועט אויפֿהערן צו לייענען יידיש, אויפֿהערן זיך צו אינטערעסירן מיט דעם, וואָס עס טוט זיך ביי יידן, און אָן עלטערן־ירושה און אָן עלטערן־יסורים וועט ער מיט איר לעבן אין פֿרייד און אין פֿאַרגעניגן פֿונעם פֿרייען לעבן...״ אָבער עס העלפֿט נישט, זיין האַרץ בענקט צוריק נאָך זיין היים, און גראָד אין דער פֿרעמד וואַקסט די בענקשאַפֿט און לעכצונג נאָך אַלץ, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דער אַלטער יידישקייט. מ. י. ב. קאָנסטאַטירט כּסדר די אינעווייניקסטע ריסן, וואָס קומען פֿון דעם שטענדיקן געראַנגל צווישן מוח און נשמה, צווישן געדאַנק און געפֿיל; קאָנסטאַטירט זיי אין זיינע דערציילונגען און אין זיינע אַרטיקלען.

## ב

אין יענער צייט, צוריק מיט אַ 40—50 יאָר, האָבן זיינע אויפֿריכטיקע און טיף־מענטשלעכע עמאָציאָנעלע רופֿן און לאָזונגען שטאַרק געווירקט אויף דער יידישער יוגנט, וואָס האָט גענומען זיך אַרויסבאַפֿרייען פֿונעם יידישן שטעטל און זיך געריסן אין דער ברייטער, פֿרייער וועלט, וואָס האָט באַזאַרפֿט פֿאַרבייטן דאָס אָפּגעשטאַנענע און פֿאַרזיגלטע יידישע לעבן אויף אַ וועלטלעך לעבן, געבויט אויף אוניווערסאַלע יסודות און מענטש־לעכע פּרינציפּן און וועלט־אָנשויאונגען.

אין יענער צייט פֿון ניטשע, איבסען, שטירנער און גאָרקי, וואָס זיינען, יעדער איינער אויף זיין באַזונדערן אופֿן און שטייגער, און מיט גאָר אַנדערע אויסבליקן און כּוונות, אַרויסגעטראָטן קעגן דער קליינ־בירגערלעכקייט און קעגן דעם פֿעסט־איינגעשטעלטן, קעגן דער הער־שאַפֿט פֿון טראַדיציאָנעלן און דאָגמאַטישן, — אין יענער צייט, ווען דער יחיד האָט גענומען זיך בונטעווען קעגן די פֿאַרשיידענע אָנגע־נומענע אמתן און הייליקייטן, האָבן שטאַרק אימפּאָנירט די אַלערליי, אין תּוך פֿאַרשיידענע און אַנדערשדיקע רופֿן און לאָזונגען פֿון די בונ־טאַרן, פֿון די מאָנער און „העצער״ קעגן די איינגעפֿונדעוועטע מאַטעריעלע, פּאָליטישע און גייסטיקע וועלטן. עס האָבן אויך שטאַרק אימפּאָנירט און

געפֿעלן די אַלע „צעשטערערישע״ רופֿן, די אַלערליי בונטאַרישע לאָזונגען פֿון מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, וועלכער האָט דורך זיינע ווערק, גרעסערע און קלענערע, בעלעטריסטישע און פּובליציסטיש־עסייאיסטישע, גערופֿן איבערצורייסן מיטן עבר, אַ סוף מאַכן מיט דער פֿאַרעלטערטער ייִדישקייט, מיטן מיטלאַלטער, וואָס האָט זיך פֿאַרצויגן אַזוי ווייט און שפּעט אין דער ייִדישער וועלט. אין יענער צייט האָבן מיר, די יוגנט, וואָס איז אויפֿגעצויגן געוואָרן אויף דער העברעאישער און גלייכצייטיק אויף דער דעמאָלטיקער רוסישער בונטאַרישער ליטעראַטור, — אין יענער צייט זיינען פֿאַר אונדז די רייצנדיקע העברעאישע ביכלעך, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן מ. י. בערדיטשעווסקי אונטערן פֿאַרלאַגס־נאָמען „צעירים״, שטאַרק געווען אָנגעלייגט. זיי האָבן צוגעטראָפֿן אונדזער אַלע־מענס ווילן און דראַנג: — אַרויס פֿון די ענגע דלד אמות, אַרויס פֿון די ענגע מחיצות, וואָס די אָפֿיציעלע דעמאָלטיקע ליטעראַטור אין העב־רעאיש האָט פֿונדאַסניי אַרומגעשטעלט אַרום דעם וואַקסנדיקן ייִדישן גייסט און פֿרייען ווילן.

מיכה יוסף בערדיטשעווסקי האָט אין יענער צייט אַריינגעבראַכט אין דער ייִדישער פּובליציסטיק און אין דער געדאַנקען־וועלט נייעם אינהאַלט, נייעם פּאַטאָס, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אָט דער דראַנג, אָט דער פּאַטאָס איז געווען אָפֿטמאָל אַ סכעמאַטישער, אַן אינטעלעקטועלער. ער האָט אויפֿגעריסן די טויערן פֿון די ייִדישע „בינעזער־ווענט״ פֿון אינעווייניק. ער האָט כּסדר באַמיט זיך „פֿאַרשווערכן״ די קדושה פֿונעם אַלטן ייִדישן ספֿר, וואָס האָט פֿאַרשטעלט דעם גאַנג פֿאָרויס, און פֿאַרהאַלטן די באַ־העפֿטונג צו דער וועלט־ליטעראַטור און וועלט־שיינקייט. עס האָבן נאָך מער אימפּאָנירט מ. י. בערדיטשעווסקיס רופֿן און מאָנונגען, ווייל זיי זיינען געווען טיף־אויפֿריכטיקע רופֿן און מאָנונגען און פֿריער פֿון אַלץ זיינען זיי געווענדט צו זיך גופֿא, צו דעם מענטש אין זיך. ער אַליין איז געשטאַנען אין מיטן פֿון דעם קאַמף, ער איז געווען דער ציל־ברעט פֿאַר די פֿיילן, וואָס ער האָט געלאָזט אין דער ייִדישער וועלט. מ. י. בערדיטשעווסקי האָט געהאַלטן פֿון דעם כּלל, אַז „פֿריער שטראָף זיך אַליין און דערנאָך אַנדערע״. און טאַקע ער גופֿא האָט אַדורכגעמאַכט די אַלע גלגולים, די אַלע איבערלעבונגען, וואָס ער האָט געפֿאָדערט און פֿאַרלאַנגט פֿון זיינע מיטצייטלער. זיינע ווערק, די האַלב־בעלעטריסטישע און פּובליציסטישע „עורבא פרח״, „מחניים״ זיינען אין תּוך ווידוי־ראָמאַנען פֿון אַ ייִדישן

יונגנמאַן, וואָס האָט געמאַכט די אַלע עקספּערימענטן פריער פון אַלץ אויף זיך גופא. זיי דערמאָנען אין פיל פּרטים און בעיקר לויט זייער אינע־ווייניקסטן אומרו און נאָך אַזאַ ווידוי־ווערק פון יענער צייט, דער „לאָן״ (וואוהין) פון מרדכי זאב פייערבערג, וועלכער האָט אויך זיך פאַרמאָסטן צו איבעראַנדערשן די יידישע וועלט און פרעגן און אָפּפרעגן.

זיין שרייבן איז געווען ביי אים אַ הייליקע עבודה. ער איז אַלע זיינע יאָרן געווען · אַ יושב אוהל, געווען אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, פון דעם לעבנס־געטומל, און ווי אַ פאַרצייטיקער רב, אַ גאון, איז ער זיך געזעסן אין זיין שטיבל, על התורה ועל העבודה און געטריי געווען און איבערגעגעבן דער יידישער מחשבה, זיין געדאַנקען־וועלט, זיינע זוכענישן און אָפּ־פרעגענישן. און אַלצאיינס וועגן וואָס ער האָט געשריבן: צי וועגן די וויכטיקסטע, עיקרדיקסטע פּראָבלעמען פון וועלט און יידנטום, צי ער האָט דערציילט אַ פּשוטע פאָלקס־מעשה וועגן אַ דאָרפס־ייד, וועגן אַ ליבע־געשיכטע צווישן אַ בחור מיט אַ מיידל אָדער וועגן עפּעס אַ פּאַסירונג אין אַ יידיש שטעטל, — אין אַלץ האָט ער אַריינגעלייגט עפּעס אַ טיפע כוונה, אַ מין מוסר השכל, וואָס דאַרף אַרויסדרינגען פון דעם דערציילטן און געשילדערטן. ער מיט זיין שרייבן און דענקען איז ענג געווען פאַר־בונדן מיט דער באַקאַנטער יידישער מוסר־ליטעראַטור, וואָס ער האָט פאַרווענדט און געריכטעט אויף אַ נייעם וועלטלעכן דרך און שטייגער.

אין זיינע פאַרשיידנאַרטיקע שאַפונגען — אין זיינע דערציילערישע, קינסטלערישע אָפּהאַנדלונגען און אין זיינע געדאַנקלעכע, אָפּט־סכעמאַטישע דערציילונגען — האָט ער סוף־כל־סוף אַרויסאַנטפּלעקט זיין אינעווייניקסטע וועלט, זיינע גייסטיקע געראַנגלענישן, זיינע קאַמפן מיט די פאַר־שיידענע איינשטעלונגען אין דער יידישער געדאַנקלעכער וועלט און מיט די דאָגמעס. זיין כוח איז סוף־כל־סוף געווען בעיקר אין אָפּפרעגן, ער האָט ליבערשט געשטעלט פראַגן ווי געגעבן תשובות. דאָס איז געווען זיין סטיכיע. זיינע טיף־איבערגעלעבטע, אינטים־אַדורכגעווייטיקטע נאָטיצן, זיינען געווען טראַכטענישן און נאָכטראַכטענישן, זיי האָבן געשטאַמט פון דעם אייגענעם הארץ און נשמה. ער האָט געמעגט זאָגן אויף זיך און אויף זיין שרייבן: „מבשרי אחזה אלוה״, — פון זיך גופא, פון מיין איי־גענעם וועזן טו איך זען גאָט... עס זיינען טאַקע געדאַנקען און האַלבע געדאַנקען, אויסדרוקן פון זיין אינעווייניקסטער וועלט, אָדער ווי ער רופט זיי אַליין אָן „דברי חזון״ — וויזיע־רייד, זעאונג־אויסרופן.

אין טיפֿער פֿאַרצווייפֿלונג האָט ער אַמאָל געשריבן אַזעלכע ווערטער: „נישטאָ מער קיין וועג צו אויסלייזונג און נישטאָ קיין אויסוועג. נישטאָ דער גוטער ווילן און נישטאָ דער גלויבן — און עס האָט זיך אויסגעלאָזט דער כּוח צו טראָגן און טענות צו האָבן... גיב דעם פֿאָלק איבעראַנייס נייע לוחות, אָדער צעברעך זיי פֿאַר זיינע אויגן — ס'איז אָבער נישטאָ קיין קול, נישטאָ קיין אויער, וואָס זאָל הערן און נישטאָ קיין האַרץ, וואָס זאָל עס פֿאַרנעמען... נישטאָ ביי אונדז קיין גאַנצע איינהייטלעכע געגנוואַרט, נישטאָ קיין לעבן פֿון אַ שאַפֿערישן ציבור. מיר זיינען איצט אַפֿילו קיין עדה נישט! יעדער איינער אויף זיין זייט, יעדער איינער אין זיין געצעלט, הגם עס האַלט שוין ביים איינפֿאַלן... מיר זיינען איינזאַם, איינזאַם איז אונדזער מערב... מיר דרייען זיך אַרום איינציקערייז, איינציקווייז. אונ־דזער נשמה, וואָס האָט זיך געריסן צום לעבן און צום ליכט פֿון מאָרגנ־דיקן טאָג, איז איינגעוויקלט אין טרויער. און די וואָס האָבן געהאָפֿט אויף אַ צוקונפֿט, און זי איז נישט געקומען, אויף אַ געגנוואַרט — און זי איז נישטאָ, — אַלע צעקריכן איינציקווייז און שטילערהייט קומען זיי צוריק אין אונדזער אַלט־אַלטן בית־המדרש, ציען אַרויס די אַמאָליקע כּתבים און די גרויסע פֿאַרמעט־ספֿרים פֿון אַלמער, בלאָזן אַראָפּ פֿון זיי דעם שטויב, עפֿענען זיי אויף מיט אַ שווער געמיט און זיי קוקן אויף די שאָטנס, וואָס שטייען אויף פֿון זייערע קברים".

צו אַזאַ מין געמיט האָט געבראַכט מ. י. בערדיטשעווסקין זיין יאָרנ־לאַנג לעבן אין דער פֿרעמד און זיין אָפּגעריסנקייט פֿון דעם רעאַלן יידישן און אַרומיקן לעבן. ער האָט נישט געזען די נייע כּוחות, וואָס רייסן זיך אַריין אין דער וועלט, אין דער געזעלשאַפֿט, ער האָט נישט געשפּירט די נייע כּוחות אין דער יידישער וועלט.

אין יענע צייטן, מיט אַ יאָר פֿערציק—פֿופֿציק צוריק, איז נישט גע־ווען כּמעט קיין איין אויסגאַבע, קיין איין צייטונג, וואו מ. י. ב. זאָל עפּעס נישט פֿאַרעפֿנטלעכן, אַ דערציילונג, אַן אַרטיקל, באַמערקונגען, נאָטיצן. מ'וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ער איז געווען אין סאַמע מיטן פֿון די טומל־דיקע „ליטעראַרישע יאַרידן" אין וואַרשע, ווילנע, אָדעס, בערלין, קראָקע. אָבער מ. י. בערדיטשעווסקי איז אַלע זיינע יאָרן געווען אָפּגעזונדערט ערגעץ־וואו אין אַ דייטשישער שטאָט אָדער פֿאַרשטאָט און האָט זיך כּמעט מיט קיינעם נישט אָנגעקערט. זיינע פֿריינד מיטצייטלער, באַ־וואוסטע העברעאישע שרייבער האָבן דערציילט און דערציילן מיט פֿאַר־

גאַפֿונג וועגן דעם אויסטערלישן אַרט לעבן, וואָס מ. י. ב. האָט אַ פּאָר צענדליק יאָר געפֿירט אין די מרחקים, ווייט פֿון די יידישע קולטור־צענטערס.

מיר וועלן דאָ ברענגען אַ פּאָר אויסצוגן פֿון די אַרטיקלען פֿון זיינע מיטצייטלער, וואָס ווייזן, וואָס מ. י. ב. איז געווען פֿאַר זיין דור.

## ג

ראובן ברײנין פֿאַרצייכנט אין זיין טאָג־בוך (פֿון 22סטן יוני, 1907)[1] וועגן זיינע באַגעגענישן און איינדרוקן פֿון מ. י. ב.: „אַז איך בין אין אַפּריל היי־יאָר (1907) געווען אין ברעסלוי (דייטשלאַנד) האָב איך באַזוכט מ. י. בערדיטשעווסקי אין זיין הויז. אַ פֿינף יאָר האָב איך אים נישט געזען. אין לויף פֿון עטלעכע יאָר איז ער געווען אַן אַריינגייער אין מיין שטוב. און נאָך איידער מיר האָבן זיך פּערזענלעך באַקענט אין בערלין אין 1893, ווען איך בין געפֿאָרן פֿון פּאַריז קיין ווין דורך בערלין, האָבן מיר איינער דעם אַנדערן געשריבן בריוו ממש אין די טויזנטער. מיר האָבן כמעט אין איין צייט אָנגעהויבן אונדזער ליטעראַרישע טעטיקייט אין דער העברעאישער ליטעראַטור. ער איז געקומען מיט איין יאָר פֿאַר מיר... פֿאַר מיינע אויגן האָט ער אַדורכגעמאַכט אַלע זיינע פֿאַרשיידענע גלגולים. פֿאַר מיינע אויגן האָט ער געביטן און געענדערט זיינע ליטעראַרישע און גייסטיקע פֿאָרמען. איך האָב זיך גוט צוגעקוקט צו אַלע זיינע מעטאַמאָרפֿאָזן. איך האָב צוגעזען ווי ס׳זיינען אויפֿגעקומען זיינע האָפֿנונגען, שטרעבונגען, בענקשאַפֿטן און ליטעראַרישע פֿאַרמעסטן.

„און דאָס אַלץ — שרייבט ר. ברײנין — האָט אַ בליץ געטאָן אין מיין מוח, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט אין זיין הויז. מיטאַמאָל זיינען אַדורך פֿאַר מיר אַלע ליטעראַרישע געשעענישן, די פּערזענלעכע קעגנזייטיקע באַציִאונגען, ליבשאַפֿט און שנאה, פֿאַרערונג און קעגנערשאַפֿט, באַגעגענישן און צעשיידונגען. און אָט שטייט פֿאַר מיר בערדיטשעווסקי — אַ נידעריקער, דאַרער, אַן אויסגעטרוקנטער, אַ געגאַלטער, מיט קורצע גרויליכע האָר, אַ קורצזיכטיקער, מיט אַ דינער און הייזעריקער שטימע, מיט באַרעכנטע באַוועגונגען... מיר האָבן געשמועסט עטלעכע שעה אָן

---

[1] כל כתבי ר. ברײנין — כרך שלישי, רשימות וזכרונות, ניו־יאָרק, 1940, זז׳ 123 — 125.

אַן איבעררייס, מיר זיינען געשפּרונגען פֿון איין פֿראַגע צו אַן אַנדערער, ביי איינע זיך לענגער אָפּגעשטעלט, אַנדערע — בלויז באַרירט. איך האָב מיט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט זיך צוגעקוקט צו אים און דערזען, אַז בערדיטשעווסקי געפֿינט זיך איצט אין אַ צושטאַנד פֿון אַ נייער אַנטפּלעקונג. יעדנפֿאַלס, אַזוי גלויבט ער גופֿא. ער זוכט, ער שטרעבט איצט צו מער קלאַרקייט, העלקייט, און גייט אַוועק, אַזוי גלויבט ער, פֿון דער טונקלקייט, פֿון דער מעטאַפֿיזיק, פֿון דער געהיימניספֿולקייט. ער גאַרט ליכטיקייט. אָבער מיר דוכט, אַז ער וועט עס קיין מאָל נישט דערגרייכן, ווייל לויט זיין כאַראַקטער איז ער נישט מסוגל פֿאַר אַ גאַר געזונטער און לאָגישער טעטיקייט, פֿאַר אַן אָרגאַניזירטער און פּלאַנמעסיקער אַרבעט. און דעריבער ליידט פֿון דעם אויך זיין סטיל און שפּראַך. אַפֿילו די געדאַנקען, וואָס זיינען פֿאַר אים קלאָר, אַפֿילו די סאַמע פּשוטע און לאָגישע געדאַנקען דריקט ער אויס אין אַ ניט־גאַר לאָגישער, צעבראָכענער שפּראַך..."

ראובן בריינין האָט דאָן געזען אין בערדיטשעווסקין אַ מענטש, וואָס „זיינע שיפֿן זיינען אים ווי אונטערגעגאַנגען", ווי איינעם, וואָס „זיין דור איז פֿאַרשוואונדן", און ער אַליין איז פֿאַרבליבן און ער קאָן זיך נישט צופּאַסן צו די פּראָבלעמען פֿון דער צייט, פֿון דעם יידישן פֿאָלק און פֿון דער וועלט...

ווי שטאַרק ס'איז אָפּטמאָל געווען די פֿאַרצווייפֿלונג פֿון מ. י. בערדיטשעווסקי און זיין טיפֿע פֿאַרלוירנקייט דערציילט אונדז אַ בלאַט פֿון זיין טאָגבוך, וואו ס'ווערט איבערגעגעבן וועגן י. ח. ברענערס באַזוך ביי אים אין ברעסלוי. י. ח. ב. האָט פֿאַרלאָזט לאָנדאָן (ס'איז געווען פֿעברואַר 1908), וואו ער האָט געהאַט אַרויסגעגעבן דעם העברעאישן זשורנאַל „המעורר", וועלכן ער האָט אַליין אויך געזעצט. י. ח. ב. איז געפֿאָרן זוכן אַרבעט קיין לעמבערג און אויפֿן וועג האָט ער אָפּגעשטאַט אַ וויזיט בערדיטשעווסקין. דאָס איז געווען זייער ערשטע און איינציקע באַגעגעניש. נאָך דעם ווי זיי האָבן פֿאַרבראַכט עטלעכע שעה, איז י. ח. ברענער אַוועקגעפֿאָרן און מ. י. ב. האָט פֿאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך (וואָס ער האָט געפֿירט אין דייטש) צווישן אַנדערע פֿאָלגנדיקע שורות: „אַ לענגערע צייט נאָך זיין אַוועקפֿאָרן האָב איך ניט געקאָנט קומען צו זיך. די אַלטאַלטע יידן־פֿראַגע, וואָס כ'האָב שוין לאַנג גערעכנט, אַז זי האָט אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן, האָט זיך ווידער דערוועקט אין מיר. פֿאַרוואָס ליידט

י. ח. ברענער אַזוי פּיל מוראַדיקע לײַדן? פֿאַרוואָס ווערט ער געיאָגט פֿון לאַנד צו לאַנד? וואוהין לאָזט ער זיך? וואָס שטייט אים פֿאָר? און וואָס ס'איז באמת מוראַדיק און גרויזאַם, וואָס פֿאַר זיך איז אָט דער מענטש גאָר, לויט זיין גייסט, קיין ייד נישט, ער פֿאַרשעלט גאָר דאָס יידישקייט, ווייל ער זעט ווי ס'גייט צום גרונט, און אפֿשר ווייל ער עס גאָר... אין קיין שום באָדן קאָן ער זיך נישט איינוואָרצלען, ווערט ער אַזוי געיאָגט און געשטויסן צו יידישקייט, וואָס איז אים דערווידער. אָ, מיין האַרץ האָט געפּלאַצט, ווען כ'האָב אים געזען אין אַזאַ צושטאַנד".

און ס'איז אים, בערדיטשעווסקין, געווען ווייניק די רעזיגנאַציע־פֿאַרצייכענישן, און ער האָט דעם זעלבן טאָג געשריבן אַ טיף־פּיינלעכן און פֿאַרצווייפֿלטן בריוו צו י. ח. ברענער, וואו ער פֿרעגט אים צווישן אַנדערן: „צוליב וועמען באַמיען מיר זיך? און צוליב וואָס? כמעט די סאַמע געציילטע לעצט־פֿאַרבליבענע קענען נישט איינער דעם אַנדערן, און אפֿשר איז עס גאָר אַ גליק פֿאַר זיי און פֿאַר אַלעמען, זאָל טאַקע איינער פֿונעם צווייטן גאָרנישט וויסן, וועט איינער דעם אַנדערן נישט וועקן, און יעדער וועט זיך אַנצינדן אַ ליכטל ביי זיך אין דער היים, ביז עס וועט פֿאַרלאָשן ווערן".

אין דעם זעלבן בריוו (פֿון 8טן פֿעברואַר 1908) דערציילט מ. י. ב., אַז „טעג און יאָרן זיינען ביי מיר פֿאַראיבער און איך האָב נישט געלייענט און נישט געשריבן קיין העברעאיש, ווייל איך בין געווען טיף אַנטוישט אין אונדזערע שרייבער און אין דער ליטעראַטור... אַלץ האָט זיך געענ־דערט און ס'איז ווי אַ חלום, וואָס איז פֿאַרשוואונדן..." (זע דעם העברע־אישן זאַמלבוך י. ח. ברענער, תל־אביב, 1944, ז"ז 112—114)

אינטערעסאַנטע שטריכן צו דער בערדיטשעווסקי־געשטאַלט ברענגט רב צעיר (פּראָפֿ. ח. טשערנאָוויץ) אין זיינע אַרטיקלען און זכרונות איבער מ. י. ב.: „פֿיל האָבן געלייענט און געלערנט די ווערק פֿון מ. י. בערדי־טשעווסקי, אָדער ווי ער האָט זיך דערנאָך אָנגערופֿן בן־גריון, — הויבט אָן זיינע באַמערקונגען רב צעיר — וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אַ מהומה אין דער יידישער וועלט, אַז ער מאַכט אַ תל פֿון אַלץ און פֿון אַלעמען... די אַלטע האָבן אים באַוואָרפֿן מיט שטיינער, און די יונגע זיינען געווען זיינע חסידים, אים אָנגעטאָן אַ קרוין פֿון אַ „רבין", און געכאַפּט שיריים פֿון זיינע טישן. אָבער ווייניק האָבן געקענט דעם מענטש בערדיטשעווסקי אין זיין היים, וואו ער איז געווען אַן איינזאַמער, אַ מין

נזיר אין זיין הויז אויף פֿרידענהאָף..." רב צעיר גיט איבער אינטע־רעסאַנטע פּרטים פֿון בערדיטשעווסקיס לעבן, פֿון זיין פֿאַרשיידנאַרטיקן שרייבן, אַנגעהויבן פֿון זיינע לומדישע פּשטלעך און פּלפּול־איינפֿאַלן, וואָס ער האָט נאָך געחתמעט מיטן נאָמען „הרב מיכה יוסף בהר"א באַר־דיטשעווסקי אב"ד בדובאווא". ער דערציילט וועגן זיינע ווייטערדיקע איבערוואַנדלונגען און שטעלט זיך אָפּ אויף זיינע קענטענישן און אייגנ־שאַפֿטן. ער באַטאַנט, אַז „בערדיטשעווסקי שבעל־פּה איז געווען פֿיל גרע־סער פֿון בערדיטשעווסקי שבכּתב".

רב צעיר דערציילט וועגן דעם פּעריאָד ביי מ. י. ב. צווישן פֿאַרלאָזן דעם בית־המדרש און זיין אַריינטרעטן אין דייטשישן אוניווערזיטעט. „אַט די צייט איז אַ פֿאַרהוילטע אין זיין לעבן... אין אַט די קריזיס־יאָרן האָט ער זיך ווי אויסבאַהאַלטן. ער האָט געוואוינט עטלעכע יאָר אויך אין אַדעס און זיך פֿאַר קיינעם נישט באַוויזן. ער איז געווען אַ מין „נסתר", אַן דעם כאַראַקטער ווי ר' לייב שרהס. אַליין געזען, אָבער אים האָט קיינער נישט געזען. ער האָט פֿאַרמאָגט אין זיך שטריכן פֿון אַ חסידישן רבין, אויך נאָך דעם ווי ער איז אַנטפלעקט געוואָרן, ער האָט אָבער קיין טישן נישט געפּראַוועט, ווייל זיינע חסידים זיינען געווען פֿאַנאַנדערגעשפּרייט איבער גאַר דער וועלט. ווען ער וואָלט געלעבט מיט אַ הונדערט יאָר פֿריער, וואָלט ער געווען אַ מין צדיק וואָס טרעט אַרויס קעגן זיינע רביים, אַ צדיק, וואָס פֿאַרמאָגט זיך זיין אייגענעם דרך, ווי ר' נחמן בראַסלאַווער אַמאָל. וואָס זיינע חסידים קומען נאָך אַלץ אויף זיין קבר און וואָס מ'פֿלעגט דערציילן אויף אים, אַז ער טרייבט אַרויס זיינע חסידים, וועלכע רייסן זיך אַריין אין זיין „יחידות"־שטיבל, און ער פֿלעגט זיי באַליידיקן און אַמאָל איז ער גאָר אַנטלאָפֿן פֿון זיי און פֿאַרשוואונדן. אַזוי אויך מ. י. ב., ער איז געווען אַ רבי, ער האָט געטריבן פֿון זיך די חסידים, ער איז אַנט־לאָפֿן פֿון זיי, זיי האָבן פֿון דער ווייטנס געכאַפּט „שיריים" פֿון זיין טיש. זיין איינזאַמקייט און התבודדות האָבן אים אַ סך צוגעהאָלפֿן אַדורכצומאַכן פֿאַרשיידענע גלגולים, ווייל ווען ער וואָלט געווען פֿאַרבונדן דירעקט מיטן לעבן און מיט דער געזעלשאַפֿט, וואָלט ער אַזוי לייכט ניט געקאָנט זיך אָפּרייסן פֿון איין וועלט און אַריינשפּרינגען אין אַ צווייטער. אַזוי אָבער ווי ער איז געווען אַליין מיט זיך, איז ער אַלץ מער און מער קאָנ־צענטרירט געווען אין זיך, געלעבט און אויסגעלעבט זיך אין די אייגענע באַהעלטענישן און אַזוי האָט ער געשפּאַצירט אין זיינע געדאַנקען פֿון איין

וועלט אין דער צווייטער, פֿון איין היכל (הייכל — פּאַלאַץ) אין אַנדערן, ווי דער בעל שם אין זיין צייט, איידער ער איז נתגלה געוואָרן אין זיין פֿולער געשטאַלט און געוואָרן אַ פֿירער פֿון זיין דור...״

„ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש אין ברעסלוי — שרייבט רב צעיר — האָט מיך בערדיטשעווסקי איבערראַשט מיט זיינע תּלמודישע און געשיכטלעכע ידיעות, און בכלל מיט דער נאָענטקייט פֿון זיין וועלט־באַנעם מיט דער אַלטער יידישקייט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז באַקאַנט געווען ווי אַ שטאַרקער קעגנער פֿון דער אַמאָליקער יידישקייט. ער איז געווען אַ טיפֿער קענער פֿון דער תּנ״ך־וויסנשאַפֿט, פֿון דער אַמאָ־ליקער און מאָדערנער, און ער האָט זיך געהאַט זיינע אייגענע וועגן־שטעגן אין דער ביבל־קריטיק. איינקע פֿון זיינע פֿאָרשונגען האָט ער פֿאַר־עפֿנטלעכט אין דייטש. אַט די אויספֿאָרשונגען זיינען אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך, און זיי וואַרטן אויף זייער אויסלייזער, וואָס זאָל איבערגעבן זייער אינהאַלט אין דער געהעריקער באַלויכטונג. בערדיטשעווסקי איז געווען אַ גרויסער „מתמיד״, ער האָט געקויפֿט און געלייענט אַלץ, וואָס איז געשריבן גע־וואָרן וועגן יידנטום אין העברעאיש און אין אַנדערע שפּראַכן. ער איז נישט געווען גלאַט אַזוי אַ לייענער, נאָר גלייך ביים לייענען האָט ער געמאַכט פֿאַרצייכענונגען און אָנגעשריבן דעם איינדרוק, וואָס דאָס ווערק האָט אויף אים געמאַכט. די פֿאַרצייכענישן זיינען געווען פֿון אַ פֿריינט, פֿון אַ מיטשותּף צו דער אַרבעט און נישט פֿון אַ קריטיקער, וואָס שטייט זיך אָן דער זייט אין דרויסן און זאָגט זיך אַרויס זיין גוטע אָדער שלעכטע מיינונג. ער האָט זיך דערנעענטערט צום מחבר, אַריינגעדרונגען אין זיין וועזן און בשעת מעשה איז ער געוואָרן ווי אַ מיטשאַפֿער פֿון דעם שריי־בערס מעשה־בראשית...״

און ריכטיק זאָגט רב צעיר, אַז „בערדיטשעווסקי האָט געשעפּט פֿיל יניקה פֿון די פֿאָלקס־קוואַלן, און מער ווי ער האָט געשעפּט יניקה פֿון ספֿר, האָט ער געשעפּט פֿון דעם לעבן. דאָס לעבן און דער ספֿר זיינען געווען ביי אים ענג פֿאַרבונדן. זיין כּוח האָט ער באַוויזן אין זיינע דער־ציילונגען. — „קורצע ראָמאַנען״, „בין החומות״ (צווישן מויערן) און אַנדערע זיינען שיינע און וואונדערלעכע לעגענדעס. זיינע פֿאָלקס־מעשיות און בילדער דערמאָנען אין אַ געוויסן זין די לעגענדעס פֿון תּנ״ך־צייטן און פֿון די צייטן פֿון דעם צווייטן בית־המקדש... בערדיטשעווסקיס פֿאָלקס־מעשיות און לעגענדעס, — די וואָס שטאַמען פֿונעם לעבן און די וואָס

זיינען געקומען פֿון ספֿרים, זיינען שטאַרק ענלעך צווישן זיך, ווייל איין פֿאָטער האָט זיי געבוירן...״[1]

אַ טרעפֿלעכע אָפּשאַצונג פֿון מ. י. ב. און פֿון זיין אייגנאַרטיקן שאַפֿן גיט בערל קאַצענעלסאָן אין זיין אינטערעסאַנטער בערדיטשעווסקי־אָפּהאַנדלונג, געשריבן נאָך מ. י. ב.׳ס טויט. צווישן אַנדערן זאָגט בערל קאַצענעלסאָן:

„דריי זיינען זיי געווען, וואָס האָבן מיט זייער געבענטשטער האַנט אַריינגעבראַכט דאָס חסידות אין אונדזער ליטעראַטור: בערדיטשעווסקי, פּרץ, יהודה שטיינבערג. כראָנאָלאָגיש איז בערדיטשעווסקי געווען דער ערשטער. אָבער דאָס איז נישט דער עיקר. וואָס ס׳איז באַזונדערס וויכטיק: בערדיטשעווסקי האָט נישט סטיליזירט זיין חסידות, נישט אויסגעפֿורעמט זי אין אַ דיכטערישער פֿאָרם, אויך נישט געשאַפֿן פֿון איר קיין פּראַבלעמען. ער אַליין איז געווען אַ טייל פֿון חסידות, די חסידות גופֿא, געשטאַמט פֿון איר מקור, געווען איינער פֿון בעל־שם־טובס טרייע תּלמידים... און טאַקע פֿון דעם מקור, פֿון די אמתע חסידישע קוואַלן, וואָס איז נישט געווען אויסגעטראַכט און אויסגעפֿאַנטאַזירט, האָט אויך געשטאַמט זיין אפּיקורסות, זיין בונט און זיין שטרייט מיט גאָר דער ייִדישקייט־מסורה. צום ערשטן מאָל אין אונדזער נייער תּקופֿה איז דורך בערדיטשעווסקין אַנטפּלעקט געוואָרן אַ נייע אַפּיקורסות, אַן אומראַציאָנעלע, נישט פֿאַרבונדן מיט דער השכּלה; ס׳איז געווען אַ שטרייט נישט קעגן דעם פֿאַרנונפֿט, נאָר גאָר אַן אַנדערער, אַן אפּיקורסות קעגן דעם לעבנסשטייגער, אַן אָפּלייקענונג אין דעם געשיכטע־גאַנג, אַ בונט פֿון די חושים, פֿונעם האַרץ, פֿונעם לעבעדיקן מענטש. ער, דער איינצלנער, דער איינזאַמער, וואָס האָט אַרום זיך קיינעם ניט געהאַט, האָט געוואָגט אויפֿצוהייבן אַ האַנט קעגן דעם כּוח, וואָס זיין נאָמען איז יבנה (יאַווגע). ער איז געוואָרן אַ באַקעמפֿער פֿון אונדזער פֿאָלקס־געשיכטע, פֿון אונדזער טראַדיציאָנעלן וועלט־באַנעם. ער האָט געמאָנט די היסטאָרישע קריוודע פֿון די קנאָים, פֿון די בונטאַרן, וואָס די אַלטע ייִדישע מסורה האָט פֿאַרשעמט און באַליידיקט, די קריוודע פֿון אלישע בן אבויה, פֿון ענן, פֿון די אַלע, וואָס זיינען אַריינגעוואָרפֿן געוואָרן אין חרם פֿאַר זייערע פֿרייע

[1] זע רב צעיר — מסכת זכרונות, ניו־יאָרק, 1945, זז׳ 217—229.

געדאַנקען. די נעמען אחר, בן־גריון זיינען געוואָרן זיינע סינאָנימען, זיינע ביי־נעמען..."

און ווייטער זאָגט בערל קאַצענעלסאָן וועגן מ. י. בערדיטשעווסקי, אַז „ער האָט פיל יאָרן זיך פאַרטיפט אין די יידישע אגדות, געגראָבן כסדר ברונעמער אין דער יידישער אגדה און געשעפט פון דאָרטן", און גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט אַ צווייטן, מיט ח. נ. ביאַליק, וועלכער האָט אויך געזאָפּט פון לעגענדעס, אָבער אַזעלכע, וואָס מ'קאָן זיי אויפנעמען און שאַפן פון זיי אַ נייע טראַדיציע, — „האָט מ. י. בערדיטשעווסקי גע־בראַכט אונדז אַ גאַר אַנדערן מין, וואָס איז אין גאַנצן געווען אין זיין פאָרם און געשטאַלט". ער האָט אַריינגעבראַכט „די אונטערשטע וועלט פונעם יידישן גייסט: די פאַלשע משיחים, די גאולה־אַנזאָגער, די זינדיקע, די בעלי־תשובות, די אפיקורסים, די ליידנדיקע, די, וואָס איילן צו דעם קץ (קייץ — אויסלייזונג)". ער האָט אַריינגעבראַכט די וועלט פון שרעק און מורא, די וועלט פון תאוות און בענקשאַפט, פון זינד און שטראָף, פון ראַנגלענדיקע גייסטער, — דאָס איז די יידישע מיטאָלאָגיע, וואָס אונדזער מסורה האָט פיינט געהאַט און געוויכט פון איר. ער האָט נישט אויסגע־קליבן און נישט אַנאַליזירט, וועלכע פון זיי — ווער ווייסט — זיינען גאָר אַריינגעפאַלן בגנבה אין אונדזערע הייליקע ספרים..."

„אָבער נישט בלויז דאָס" — שרייבט בערל קאַצענעלסאָן — „האָט ער אונדז געבראַכט פון זיינע ווייטקייטן. דאָס האַרץ האָט מיר תמיד געזאָגט, אַז דאָס אַלץ איז אייגנטלעך נישט מער ווי אַ שטאָף, ווי ראשי־פרקים, ווי אָנדייטונגען פאַר זיין אייגענער אגדה, וואָס ער אַליין איז געווען איר שאַפער. יעדנפאַלס איז עס געווען בלויז אַ צווייג פון אָט דעם גרינעם בוים, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו ברענגען פרוכט. ער האָט געשטיגן פון מדרגה צו מדרגה, פון איין ספערע אין דער אַנדערער. איך וויל נישט גיין אויסרעכענען די מדרגות, די שטופעס. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן דאָ באַגריפן קעגן די גרויסע יידיש־מענטשלעכע ווערק ווי „מהעבר הקרוב" (פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט) און „מעמק החיים" (פון די טיפע־נישן פון לעבן). מ'דאַרף לעבן און איינלעבן זיך מיט זיי..." (ב. כצנלסון — „בחבלי אדם" תל־אביב, תש"ה ז"ז 197 — 200).

ד

ס'איז וויכטיק צו באַטאָנען די טיפֿע קעגנזייטיקע פֿאַרשטענדעניש, וואָס איז געווען צווישן מיכה יוסף בערדיטשעווסקי און יצחק לייבוש פּרץ, — דער גרויסער אומרואיקער קינסטלער, וואָס האָט אויך אַלע יאָרן זיך געראַנגלט מיטן מהות פֿונעם יידישן גייסט און געזוכט פֿאַרמען און מיטלען ווי אַזוי אַרויסצובאַפֿרייען דעם יידישן גייסט פֿון זיין פֿאַרגליווערטקייט. וועגן דעם געמיינזאַמען גאַנג פֿון אָט די צוויי גרויסע גייסטער און פערזענלעכקייטן מוז מען באַריכותדיקער רעדן און אויך באַטאָנען זייער כּמעט גלייכצייטיקן קומען און דערנענטערן זיך צום פֿאָלקסטימלעכן, לכתחילה, צום חסידישן מקור און דערנאָך — צום אמת־פֿאָלקישן.

ווי טיף־פֿאַרשיידן פּרץ און בערדיטשעווסקי זיינען ניט געווען, סיי לויט זייערע כאַראַקטערן און סיי לויט אַרט אויפֿנעמען און באַציאונג צו יידישע און וועלט־פּראָבלעמען, זיינען דאָך געווען צווישן זיי אייניקע גאַנץ־באַדייטנדיקע באַריר־פּונקטן. מ. י. בערדיטשעווסקי איז געווען אויף גאַנצע 15 יאָר יינגער פֿון פּרצן, אָבער עס איז קיין ספֿק נישט, אַז אַ שטיק וועג אין זייער גאַנג און דערנענטערונג צום חסידישן און פֿאָלקס־שאַפֿן, האָבן זיי דורכגעמאַכט אינאיינעם, הגם געטריבן און געצוואונגען פֿון גאָר אַנדערע כּוחות. כּמעט אין איין צייט, אין די יאָרן 1889 — 1901 ווייזן זיי אַרויס ביידע, און יעדער איינער אין זיין ווינקל, אין זיין וועלט, אַ טיף־אינעווייניקסטע פֿאַראינטערעסירונג צו די נשמהדיקע אוצרות פֿונעם ערשט נישט־לאַנג־פֿאַרשריגענעם חסידות. אַז מ. י. בערדיטשעווסקי איז געווען שטאַרק פֿאַרכאַפּט פֿון פּרצעס חסידישן שאַפֿן זאָגט עדות זיין, בערדיטשעווסקיס, אַרטיקל, געשריבן אין 1901 (אין נ. סאָקאָלאָווס „ספֿר השנה"). דאָרטן האָבן מיר אַזעלכע שורות ווי: „אויף אַזאַ ליד האָב איך אַלע מיינע יאָרן אויסגעקוקט, מיין נשמה איז אויסגעגאַנגען נאָך דעם, און זי שטייט איצט פֿאַר אונדז מיט איר גאַנצער פּראַכט און הויך, מיט גאָר דער לויטערקייט פֿון איר קול, מיט איר גאַנצן מהות און כּוח." און ווייטער: „דאָס חסידות פֿון י. ל. פּרץ איז דער שיר השירים אין אונדזער נייער ליטעראַטור און איר שענסטע קרוין. ווי וואונדערבאַר עס איז זיין „משנת חסידים", ווי דערהויבן עס זיינען זיינע „מקובלים". ס'איז נישטאָ קיין גלייכן צו זיין „השמחה במעונו", און ס'איז נישטאָ קיין גרעסער ווערק ווי „צווישן צוויי בערג". זיינע „שיחת חסידים" און „אויב נישט נאָך

העכער" זיינען טייערע דימענטן; זיין נייער „ניגון" איז אַ „שיר היחוד", וואָס האָט קיין ענלעכס נישט צו זיך...!"

אַז פּרץ האָט געהאַט אַ ספּעציעלן אינטערעס פאַר מ. י. בערדי־טשעווסקין און זיין שאַפן ווייזן אונדז די עטלעכע בריוו, וואָס י. ל. פּרץ האָט געשריבן צו מ. י. בערדיטשעווסקי, וואו פּרץ רעאַגירט שטאַרק און טרעפלעך אויף אייניקע אַרויסזאָגונגען פון מ. י. ב. און באַקעמפט זיי. מיט אַ באַזונדערער ליבע און פאַרערונג וואָרנט פּרץ זיין ייִנגערן קאָלעגע פאַר די געפאַרן, וואָס שטייען פאַר אים אין זיין בלאָנדזשען און באַ־זונדערס פון דעם איינפלוס פון „די אומריינע פּרוכט פון ניטשעס עץ־הדעת, זיינע חברים, תּלמידים..."[3]

מ. י. בערדיטשעווסקי איז געווען אַ שאַרפע סתירה, אַ קעגנזאַץ צו אַ צווייטן ייִדישן שרייבער־דענקער, וואָס האָט אין זיין צייט געווירקט אין דער ייִדישער וועלט און אין דער העברעאישער ליטעראַטור — אחד־העם. הגם ביידע אויפגעוואַקסן און זיך אַנטוויקלט אין איין צייט און כמעט אין איין סביבה. ביידע געשטאַמט פון דער ייִדישער אוקראַינע: אחד־העם פון קיעווער געגנט, בערדיטשעווסקי — פון פּאָדאָליע; ביידע — בן־טובימס, געבוירן און אויפגעצויגן אין רבנישע הייזער, מקורבים צו רבישע הויפן; אחד־העם איז געבוירן אין 1856, בערדיטשעווסקי — אין 1865. ביידע האָבן זיך אַנטוויקלט אין כמעט די זעלבע באַדינגונגען און רעלי־גיעזער סביבה. אָבער ווי פאַרשיידן זיי זיינען מיט זייערע כאַראַקטערן און לעבנס־ און שאַפונגס־וועגן! דער ערשטער — דורכאויס הלכה, דאָגמע, לאָגיק, געדאַנק, די הערשאַפט פון ווילן. דער צווייטער — אַ ברויזנדיקער, אַ זיגזאַגישער, מיט שטענדיקע ספקות און וואַקלענישן; ביים ערשטן — אַ געפלאַסטערטער וועג, אַ פעסטער באָדן, צילאָנגעווענדט און באַשטימט, און ביים צווייטן — געהיימע לאַבירינט־וועגן, אָפטמאָל אָן אַ זיכערן וויסן וואוהין דער וועג פירט. דער כסדרדיקער פעסטער פּלאַן ביים ערשטן, און אָט־אַהער און אָט־אַהין — ביים צווייטן.

אחד־העמס ווייטערדיק דענקען, שרייבן און טעטיקייט — זיינען געווען פּירושים צו די עשׂרת־הדברות, וואָס ער אַליין האָט געגעבן פון זיין

---

[3] זע: א. ר. מלאכי — פּרץ און בערדיטשעווסקי — „ייִדישע קולטור", 1945, נומ' 3, זז' 48 — 53; אויך: נ. מייזיל — פּרץ, זיין לעבן און שאַפן — נ"י, 1945, ז' 328.

באַרג־סיני; עס זיינען אַלץ געווען צוגאָבן צו דעם עיקר, וואָס איז דורך אים אַרויסגעזאָגט און באַטאָנט געוואָרן אין זיינע ערשטע אַרטיקלען. אחד־העם איז געווען אַ חסיד, אַ טרייער חסיד פֿון זיך גופֿא. ער איז געווען און פֿאַרבליבן פֿאַרגלויבט אין זיין אייגענער לערע. און גאָר אַנדערש איז געווען בערדיטשעווסקי. ער האָט שפּעטער שאַרף געלייקנט און געצווייפֿלט אין דעם, וואָס ער האָט אַפֿריער פֿאַרטיידיקט. זאָגט טאַקע גאַנץ אָפֿנהאַרציק מ. י. בערדיטשעווסקי אין זיין הקדמה צום בוך „בדרך" (בכלל — בערדיטשעווסקיס הקדמות צו זיינע אַלע פֿאַרשיידענע ווערק זיינען אַ וויכטיקער צושטייער צו זיין געשטאַלט, צו זיין געדאַנקען־גאַנג!): „דאָס וואָס עס איז געווען ביי מיר גאָר אַ זיכערע זאַך, איז מאָרגן געוואָרן אין גאַנצן ספֿק. מיינע ווערק זיינען רינגען אין דער קייט פֿון מיינע געדאַנקען און פֿראַגן... מיין גייסט האָט פֿאַרמאָגט פֿליגלען, איך האָב געהאָפֿט צו געפֿינען אַ פֿרייען פּלאַץ דורך דעם, וואָס כ'וועל פֿאַנאַנדערוואַרפֿן די גרענעצן."

און נאָך עפּעס: זינט 1890, ווען ער איז אַלט געווען 25 יאָר, האָט ער פֿאַרלאָזט היים און משפּחה, יידישע סביבה און יידישע וועלט, און איז פֿאַרוואָגלט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע אוניווערזיטעט־שטעט, זיך באַהאָפֿטן מיט לייב און לעבן צו דער מערב־אייראָפּעאישער ליטעראַטור, געלערנט און געשטודירט, אַרונטערגעפֿאַלן אונטער די השפּעות פֿון די דייטשישע וואָרט־זאָגער און דענקער. און דאָך: עס איז נישט געווען קיין איין זאַך, קיין איין דערשיינונג אינעם לעבן און אין דער ליטעראַטור פֿונעם יידישן פֿאָלק, ער זאָל נישט רעאַגירן אויף דעם.

ער איז יאָרן געווען ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער אין אייגענע לאַבירינטן, — גייסטרייכע און געפּילפּולע. געצווייפֿלט און געלייקנט, פֿאַרלאַנגט אַ נייעם גאַנג אין דעם יידישן געדאַנק, אַ נייעם פֿאַרמעסט פֿון די שאַפֿערישע יידישע כּוחות. אָבער אין סאַמע שווערסטן געראַנגל מיטן יידישן גאָט, האָט ער גענומען צופֿאַלן צו די אַלטע יידישע קוואַלן און גענומען זוכן שיינקייט, פּערל, אוצרות אין דעם יידישן אַמאָל. ער האָט אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער און מעטאָד אָנגעהויבן זיך גריבלען אין די חסידישע מעשיות.

זיין „נשמת חסידים", געשריבן סוף 19טן יאָרהונדערט, ענדיקט מיכה יוסף בערדיטשעווסקי: „אויך איך, נאָך מיינע אַלע גייסטיקע און אינעווייניקסטע גלגולים און איבערוואַנדלונגען, נאָך די אַלע

עבודה־זרה׳ס, וואָס איך האָב זיי געדינט אין מיין האַרץ און מוח סיי אין די יידישע און סיי אין די נישט־יידישע געצעלטן, נאָך די גרויסע און לאַנגע טעותן, וואָס איך האָב געמאַכט אין לעבן און אין דער וועלט, מיט די אַלע ליכט און שאָטנס — איצט קוקט אויך צו מיר אַריין אַ מין ליכט פֿון די באַהעלטעענישן..."

און ווידעראַמאָל חזרט זיך איבער ביי בערדיטשעווסקין, וואָס עס איז געשען ביי אים אויך פֿריער: איידער ער קומט מיט עפּעס אַ ניי וואָרט, מיט נייע געדאַנקען און געפֿילן אין דער עפֿנטלעכקייט, מאַכט ער עס אַדורך פֿיבעריש און וויטיקדיק אין די אייגענע טיפֿענישן פֿון האַרץ און מוח. און דערביי איז באַזונדערס וויכטיק נאָכצופֿאָלגן דעם כסדרדיקן גאַנג ביי בערדיטשעווסקין פֿון זיין רשות היחיד צום רשות הרבים, פֿון זיין אייגענער אינעווייניקסטער אינטימער וועלט צום עולם, צו דער עפֿנטלעכקייט. די גרענעצן פֿון דעם יחיד און רבים, פֿונעם איינצלנעם און כלל, זיינען ביי אים צונויפֿגעמישט נישט צום אָפּטיילן. זאָגט טאַקע בערדיטשעווסקי אין זיין ספֿר „מני קדם" (פֿונעם אמאָל):
„... עס טרעפֿט, אַז דו ווילסט זוכן און אויפֿנעמען בלויז די פּרוכט פֿונעם ציבור, דו ווילסט הערן די שפּראַך פֿון גאָר דעם פֿאָלק, — קומט דאָס ברומען פֿון יחידים, פֿון איינצלנע, און פֿאַרכאַפּט דיין נשמה. און אָפֿט פֿאַרקערט, דו פֿאַרלאָזט דעם ברייטן וועג און לאָזט זיך אויף זייטיקע שטעגלעך, און עס הערט זיך גאָר אין די ווייטע הימלען דאָס קרעכצן פֿונעם פֿאָלק. עס זיינען אויפֿגעריסן די גרענעצן צווישן אויבן און אונטן, — אָט ווילן מענטשן זיך דערהויבן און ווערן גלייך צו געטער, און אָט קומט גאָר דער שטן, דער טייוול, און קעמפֿט מיט זיי ביידן..."

דאָס געטלעכע און מענטשלעכע האָבן אַזוי אַרום געקעמפֿט אין אים, אין זיינע ווערק. ער איז קיינמאָל ניט געווען דער קאַלטער, אָביעקטיווער קינסטלער, וואָס האָט גענומען זייטיקן שטאָף, פֿרעמדן מאַטעריאַל און געקנאָטן און געשאַפֿן פֿון דעם ווערק, ווערטן. ער איז קיינמאָל נישט געקומען צו טעמעס, צו סוזשעטן, וואָס זיינען געווען אויסער אים און זיין וועלט. פֿאַר אים איז פֿרעמד די באַצייכענונג „כחומר ביד היוצר", ווי שטאָף אין דער האַנט פֿון דעם שאַפֿער. פֿאַרקערט, ער איז פֿון דעם סאָרט קינסטלער־דיכטער, וואָס ער ווערט משועבד, פֿאַרוואַנדלט און טיף־פֿאַרבונדן מיטן שטאָף, מיטן מאַטעריאַל. ער אַליין שאַפֿט אים פֿון זיך און ווערט איינס מיט אים. קומט שוין ביי אים אויס אַן אַנדערע באַצייכע־

נונג: „כיוצר ביד החומר״, דער שאַפֿער אין די הענט, אונטער דער הער־שאַפֿט פֿונעם מאַטעריאַל... ערגעץ־וואו טוט אַ זאָג בערדיטשעווסקי: „... און אויך איך, איך בין געקומען צו דערציילן, און איך האָב גאָר גענומען הערן.״ ער איז געוואָרן מיטגעריסן און אָנגעהויבן נאָכגיין נאָך דעם קול, וואָס ער אַליין האָט אַרויסגערופֿן...

און אַזוי איז שוין געגאַנגען דער ווייטערדיקער וועג זיינער. ער האָט גענומען שפּאַצירן איבער די וועגן פֿון דער ייִדישער געשיכטע, זיך גע־לאָזט אין דעם ווילדוואַלד פֿון דער ייִדישער לעגענדע, פֿון אַמאָל און פֿון שפּעטערדיקע צייטן. ער, דער טיפֿער אינטעלעקט, דער טיפֿער, גייסט־רייכער דענקער און פֿילאָזאָף, האָט זיך געלאָזט פֿירן און פֿאַרפֿירן פֿון דעם פֿאָלקס־שאַפֿן אין די פֿאַרשיידנסטע תּקופֿות, וואו ער האָט אַרויסאַנטפּלעקט גרויסע עסטעטישע שיינקייטן און מאָראַלישע ווערטן. אין דער אַלטער פֿראַגע, אינעם אַלטן קאַמף פֿון הלכה און אגדה, פֿון געזעץ און לעגענדע, פֿון עטישע און עסטעטישע שאַפֿונגען, האָט ער אויסגעקליבן די אגדה, די לעגענדע, דאָס עסטעטישע, וואָס דאָס פֿאָלק האָט געשאַפֿן, אָבער וואָס פֿאַרמאָגט גלייכצייטיק אויך גרויסע און טיפֿע מאָראַלישע, עטישע ווערק און ווערטן. און יאָרן איז ער אַזוי געווען אַ נזיר, אָפּגעטיילט און אָפּ־געזונדערט פֿון דער רוישיקער וועלט און פֿון ייִדישן געטומל, געהאַלטן אין איין מאַכן לאַנגע און ווייטע שפּאַצירן און עקסקורסיעס אין די אַמאָ־ליקע שאַפֿערישע וועלטן, אין די מדרשים, אין די פֿאַרשיידענע ביכער און ביכלעך, סיפּורי־מעשיות און וואונדערלעכע געשיכטעס פֿון דעם פֿאָלקס־שאַפֿן, און אַרויסאַנטפּלעקט פֿון דאָרטן פּרעכטיקע מעשהלעך, זעלטענע אַרויסזאָגעכצן, סענטענץ־אַפֿאָריזמען און פֿאָלקס־חכמה. און נאָכן אָנזאַמלען גאַנצע בענד, טיילווייז פֿאַרעפֿנטלעכט און טיילווייז געבליבן אין כּתב־יד, האָט ער אויף זיין שטייגער געשריבן: „איך ברענג דאָ פֿאַרן עולם איי־ניקע בלעטער פֿון די ביימער פֿונעם גרויסן וואַלד, וואָס פֿאַרמאָגט טויזנ־טער סטעזשקעס; און איך בין געגאַנגען אין אים, אינעם וואַלד, נישט אין זיין לענג און נישט אין זיין ברייט, איך האָב נאָר בלויז געפּרוּווט שטעלן מיין פֿוס ביי זיין אָנהויב...״

## ה

אַ באַזונדערן אָרט אין זיין רייכן שאַפֿן פֿאַרנעמען די ייִדישע מעשיות, אָדער ווי ער רופֿט זיי אַליין אָן „די ייִדישע כּתבים פֿון אַ

ווייטן קרובֿ״, וואָס ער האָט אין משך פֿון יאָרן אויסגעכאַוועט אין זיך און דערנאָך, ערבֿ זיין טויט, צוגעגרייט צום דרוק. זיי זיינען אַרויס אין זעקס ביכלעך, — 3 יאָר נאָך זיין טויט, — אין בערלין 1924.

עס לוינט זיך אָפּשטעלן אויף זיי אויספֿירלעכער. „די יידישע כתבֿים״ זיינען נישט געווען קיין פּשוטע, מעכאַנישע איבערזעצונגען פֿון זיינע העברעאישע שאַפֿונגען. אין אייניקע ערטער האָט מ. י. ב. גאַנץ קלאָר באַגרינדעט זיין שאַפֿן אין יידיש און פֿאָרמולירט אַן אינטערע־סאַנטן געדאַנקען־גאַנג. דאָס העברעאישע און יידישע שאַפֿן קומען פֿון גאַנץ־באַזונדערע קוועלן און דאָס שאַפֿן אין העברעאיש און דאָס שאַפֿן אין יידיש קאָן נישט אַזוי פּשוט און גלאַט פֿאַרביטן ווערן. און דערצו איז לויט בערדיטשעווסקיס מיינונג, אויך דער לייענער אין יידיש אַ גאַנץ־אַנדערער און מען מוז אים צוטראָגן דעם שפּייז לויט זיין געשמאַק און טעם. בערדיטשעווסקי האָט געוואָלט אַריינברענגען עפּעס נייס, וואָס שטאַמט מער פֿון די טיפֿע טיפֿענישן פֿון דער יידישער פֿאָלקס־נשמה, און נישט ס׳זאָל זיין פּשוט און מעכאַניש איבערגעזעצט פֿון זיין העברעאישן שאַפֿן.

אויב אין זיינע העברעאישע ווערק האָבן מיר דעם אויסדרוק פֿון זיין פּסדרדיקן גייען, וואַנדערן, זוכן, פֿרעגן און אָפּפֿרעגן, צווייפֿלען און גע־פֿינען, איז אין זיין יידישן שאַפֿן — באַמיט ער זיך צו זיין וואָס פֿאָלקס־טימלעכער, וואָס פּרימיטיווער, אוממיטלבאַרער און נאַאיווער. אין העב־רעאישן הערן מיר מער בערדיטשעווסקין דעם דענקער, דעם בונטאַר, דעם קעמפֿער, דעם מאָנער, און אין יידיש — מער דעם פֿאָלקס־מענטש, דעם פֿאָלקס־דיכטער, דעם גוטהאַרציקן און קלוגן זיידן, וואָס רעדט צו זיינע אייניקלעך אויף זיין אַלטן זיידישן לשון. דאָרט האָבן מיר מער מחשבה, דאָ — האַרץ, כאָטש מחשבה און געפֿילן קאָן מען קיין מאָל נישט פֿאַנאַנ־דערטיילן ביי מ. י. בערדיטשעווסקין. אין די גאָר־רייכע און פֿיל־בענדיקע שאַפֿונגס־אוצרות פֿון דעם העברעאישן בערדיטשעווסקי פֿאַרנעמען די יידישע כתבֿים אַ ווינקל, וואוהין מ. י. בערדיטשעווסקי, וואָס האָט אַדורכ־געמאַכט אַזוי פֿיל אידעאישע שטרייטן און קאַמפֿן, קלויבט זיך אַריין, וואַרפֿט אַראָפּ די לבֿושים פֿון דער וועלט און וועלטלעכקייט, פֿון כּלערליי פֿראַגן און פּראָבלעמען און ער זעצט זיך צו און נעמט זיך רעדן און שמועסן מיטן יידישן פֿאָלקס־מענטש אויף זיין שפּראַך און סטיל. אָפּטמאָל ווערט גאָר מ. י. בערדיטשעווסקי ווי אויפֿגעלייזט בעת ער נעמט סתּם אַזוי שמועסן,

און די אויבערהאַנט האָט שוין גאָר דער באַרעדעוודיקער פֿאָלקס־מענטש, וואָס לאָזט זיך וואוילגיין אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער. מיר האָבן שוין ז׳אַ זאַגעריי פֿון אַ קלוגן, באַרעדעוודיקן יידן, וואָס מ. י. ב. גיט אים די מעגלעכקייט צו שמועסן און צו חקירהן.

צום באַדויערן זיינען בערדיטשעווסקיס יידישע כּתבים, ווען זיי זיינען דאָ און דאָרטן פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן, נישט אויפֿגענומען געוואָרן ווי ס׳דאַרף צו זיין. י. ל. פּרץ[4] און בעל מחשבות, יעדער איינער אויף זיין אופֿן, האָבן אין זיי איינגעזען צו פֿיל געקינצלטקייט און פֿאַרזען דאָס אָריגינעלע און אייגנטימלעכע, וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט. אפֿשר דערפֿאַר האָט מ. י. ב. איבערגעריסן זיין יידיש שרייבן. ס׳איז זיכער אַ גרויסער שאָד, ווייל צווישן די יידישע כּתבים האָבן מיר וואונדערלעכע פּערל, און מ. י. ב. וואָלט געגאַנגען אַלץ טיפֿער און העכער אין אָט דעם זוכן דאָס פֿאָלקסטימלעכע און אַרויסברענגען עס אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער.

ערשט די פֿולע אויסגאַבע פֿון מ. י. בערדיטשעווסקיס יידישע שריפֿטן, וואָס זיינען אַרויס אין 6 ביכלעך אין 1924, 3 יאָר נאָך מ. י. ב.׳ס טויט, האָבן באַוויזן דאָס טיף־אָריגינעלע און אייגנאַרטיקע, וואָס עס פֿאַרמאָגט דאָס יידישע שאַפֿן פֿון בערדיטשעווסקין. ס׳האָט זיך דערוועקט אַ גאָר נייער אינטערעס צו דער בערדיטשעווסקי־פּערזענלעכקייט און ס׳זיינען

[4] אין אַן אַרטיקל „אין פֿאָלק אַריין" איז פּרץ אַרויסגעטראָטן קעגן מ. י. ב׳ס איינער אַ פֿאָלקס־געשיכטע; „אַ מעשה פֿון איינעם אַ קאָוואַל וואָס האָט פֿאַרסמט זיין ווייב", וואָס איז דערשינען אין אַ באַזונדער ביכל אין דער פֿאָרם פֿון די ביליקע פֿאָלקס־ביכלעך, וואָס די פֿאַקנטרעגער פֿלעגן זיי פֿאַרקויפֿן צווישן די מאַסן. פּרץ שרייבט: „ער (מ. י. ב.) האָט אויפֿגעשריבן אַ גוטע פּסיכאָלאָגישע זאַך. קוים אָבער האָט ער זיך געזאָגט, מען מוז גיין אין מאַרק אַריין, האָט ער אויפֿגעשריבן אויף באַלטער מאַרק־לשון, וואו די מעשה ווערט דערציילט. און מיט דעם מאַרק־לשון רעדט ד"ר בערדיטשעווסקי נישט נאָר פֿאַרן קאָוואַל, נאָר אַפֿילו פֿאַר זיך... אַזוי אַריינגעקראָכן איז ער אין באַלטער קאָוואַלס נשמה". און י. ל. פּרץ רעדט מיט פֿאַריבל און איראָניע קעגן מ. י. בערדיטשעווסקי און זאָגט: „מיכה יוסף ד"ר בערדיטשעווסקי, דער יידישער ניטשע, וואָס לעכצט צו שיינקייט, צו גבורה, וואָס שטייט אויף אַ שיינעם פֿרימאָרגן און וויל מיטאַמאָל איבערבייטן אַלע אַלטע, אָפּגעריבענע מאָראַלישע מטבעות אויף נייע, שאַרפֿע, מיט פֿולער וואָג, אונדזער פֿילאָזאָף־אַריסטאָקראַט, אונדזער בר־כּוכבא, ריש בר־יונה; אונדזער וואָס איר חילט, לאָזט זיך פּלוצלינג אַראָפּ אין מאַרק אַריין, געדרוקט מיט גרויסע געפּינטלטע אותיות אויף ביבולע־פּאַפּיר, איינגעהילט אין אַ העסלעכער געלער שמאַטע און דערציילט דעם פּראָסטן גראָבן עולם: „אַ מעשה פֿון איינעם אַ קאָוואַל..." א. אַ. ו.

אַרויסאַנטפּלעקט געוואָרן גאָר נייע שטריכן אין זיין אינטעליגענטער קינסטלערישער געשטאַלט.

איינער פון די העברעאישע קריטיקער, ד״ר ד. א. פרידמאַן, האָט אין א גרעסערער אָפּהאַנדלונג (אין „צוקונפט״ 1924, אָקטאָבער, ז״ז 626—629) זייער טרעפלעך באַטאָנט דעם אונטערשייד צווישן העברעאישן און יידישן מ. י. בערדיטשעווסקי: „... אין יידיש איז בערדיטשעווסקי ווי גאָר אַן אַנדער מענטש. אין העברעאיש זעען מיר זיין אייביקן קאַמף מיט זיך אַליין, מיט דער וועלט. ער רייסט זיך און שליידערט זיך און געפינט זיך קיין אָרט נישט. אַ שטענדיקער בונטאַר. אַן אומרו. אין יידיש אָבער איז ער עפּעס מאָדנע הכנעהדיק, מיט געציילטע ווערטער, מיט רואיקע טריט, גאָר ווי איינער פון די אנשי־שלומנו. מיט איין וואָרט יאָסל דעם רבס! גאָר נישט מיכה יוסף בערדיטשעווסקי״.

און ווייטער: „דאַכט זיך, אין גאַנצן זיינען עס זעקס קליינע ביכלעך, אָבער אין אָט די זעקס קליינע ביכלעך שפּיגלט זיך אָפּ כּמעט דאָס גאַנצע יידישע לעבן. אַ מין שלום עליכם אין מיניאַטור! אַ קיצור שלום עליכם! נישט אומזיסט שעצט אַזוי בערדיטשעווסקי שלום עליכמען. אין זייער ביידנס באַציאונג צום לעבן פון פאָלק און צום שילדערן פון אָט דעם לעבן איז דאָ אַ סך געמיינזאַמס... צום ערשטן — די ליבע צום פאָלקס־לעבן, אַזוי ווי עס איז. און דאָס פילן אין אים אַ טעם. נישט אַלע קאָנען דאָס... און צווייטנס — זעלטן ווען אַ שרייבער אַן אינטעליגענט קאָן אַזוי פאַרבאַהאַלטן דעם „איך״ ביים שילדערן דאָס לעבן פון פאָלק ווי שלום עליכם און בערדיטשעווסקי (אין יידיש)... איז טאָקע דער אינהאַלט פון ב׳ס יידישע כּתבים שטיקער פאָלקס־לעבן, פריש און לעבעדיק, אָן באַפּוצונגען און געקינצלטקייטן״.

ד. א. פרידמאַן זאָגט ריכטיק, אַז די יידישע כּתבים זיינען „יידישלעך־האַרציקע״. איינער פון זיינע אַרטיקלען הויבט זיך אַפילו אָן אַזוי: „איך וויל אויסגיסן פאַר אייך מיין האַרץ״ (דריי בריוו), און ס׳איז אַפילו דאָ אַ גאַנצע אָפּטיילונג, וואָס הייסט „פונעם האַרצן״... „בערדיטשעווסקי האָט געהאַט אַ באַזונדערע הנאה פונעם לעבעדיקן, זאַפטיקן פאָלקס־יידיש״...

דער ערנסטער לייענער וועט מיט פרייד אויפנעמען דאָס אָריגינעלע, דאָס שיין־האַרציקע, דעם צויבער, וואָס די יידישע כּתבים פאַרמאָגן. און אָפּשר איצט, מער ווי ווען עס איז, ווי אַמאָל, ווען זיי זיינען געשריבן געוואָרן, ווייל איצט איז דאָך אַ שטיק, אַ גרויסע שטיק יידישע

וועלט חרוב געוואָרן, אומגעקומען אויף אייביק. און דער לייענער וועט לייענען און לייענען די אָפּטמאָל רויע, נישט-געקינצלטע מעשיות, שמועסן, געשיכטעס און וועט זיך זאָט נישט קאָנען אָנלייענען. אַזאַ הנאה האָב איך איצט געהאַט ביים איבערלייענען די אַלע אויבנאויפיק פּראָסט-פּשוטע מעשיות. מיר וועלן נתפּעל פון די גלענצנדיקע שורות, בלעטלעך, בילדער, אַרויסזאָגונגען, וואָס זיינען דאָ צווישן די עכט-יידישע כתבים!

הערט נאָר ווערטער:

„איך פאַרשטייט, לשון קודש קאָן יעדער אויסלערנען, אַז ער קוועטשט אַ פּאָר יאָר די באַנק און שטאָפּט אין זיך אַריין תנ״ך און דקדוק און לייענט מליצה-ביכלעך. אָבער קענען יידיש, דאָס איז אַ מתנת-יה [אַ געשאַנק פון גאָט — נ. מ.], וואָס דערמיט מוז מען געבוירן זיין. איך מיין דעם אמתן יידיש, ווי אַזוי ס׳איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני פון אַ יידן...״

אָדער אַזאַ מין זאָג וועגן יידיש:

„אַ יידישער יונגערמאַן, אַז ער הויבט אָן צו וועלן קענען לשון קודש, קוקט ער אַריין אין ישעיה און אין ירמיה, צי אין ר׳ יהודה הלוי, צי גאָר אין די שפּעטערדיקע, למשל, אין גאָרדאָנען. לשון קודש איז ביי אונדז אַ בן-בית און אַז מען וויל דאָס קענען, באַדאַרף מען נאָר צוגיין צו דער שאַפע מיט די ספרים און אַרויסנעמען אַ ספר. יידיש אָבער ליגט נאָך אין האַרצן ביים המון-העם, אין אָט די מענטשן, וואָס ביז אַצינד און טאָקע שוין פון דער גמרא אָן, אַז מ׳האָט געשמועסט פון יידן, האָט מען פאַרגעסן זיי מצרף צו זיין צום מנין...״

און אַ באַצייכנונג פון ש. י. אַבראַמאָוויטש:

„מענדעלע מוכר ספרים, דער זיידע מיט זיינע גרויסע חיבורים, איז דער רמב״ם אין דער יידישער ליטעראַטור.״

אָט אַזאַ איז געווען די באַציאונג און ליבשאַפט פון מ. י. בערדיטשעווסקי צום פאָלק און צו זיין יידיש לשון.

מ. י. בערדיטשעווסקי האָט געזוכט און געפונען אַ נייעם סטיל אין שפּראַך, אַ נייעם אופן פון רעדן און שילדערן אין יידיש. צווישן די צענדליקער טיף-אייגנאַרטיקע געשיכטעס און אַרויסזאָגעכצן, זיינען דאָ אמתע פאָלקס-פּערל, וואָס האָבן קיין גלייכן נישט צו זיך אין דער יידישער ליטעראַטור. בערדיטשעווסקי האָט אין זיין צייט געוואָלט אַרויסרופן ביים יידישן פאָלקס-לייענער גאָר אַנדערע עמאָציעס, גאָר אַנדערע געפילן, גאָר

אַנדערע איינדרוקן און ער האָט געגומען רעדן צום פֿאָלק אין זיין שפּראַך, אויפֿגעהיט פֿאָלקס־אויסדרוקן, פֿאָלקס־קנייטשן, וועלכע ער האָט אַרויס־געטראָגן פֿון זיין יידישער סביבה, פֿון דובאָוואָ און פֿון אומאַן; ער האָט צונויפֿגעמישט רעאַלע געשיכטעס מיט פֿאָלקס־מעשה. ער האָט געפּרואווט אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם געלערנטן און געוואָלט ווערן וואָס פּשוטער. בערדיטשעווסקי האָט, ווי געזאָגט, זיינע מעשיות לכתחילה געדרוקט אין דער פֿאָרם פֿון יענע פֿאָלקס־ביכלעך, וואָס דער פֿאַקנטרעגער האָט זיי גע־האַט אַרומגעטראָגן יעדן פֿרייטיק צו די „דינסט־מיידלעך” און פּשוטע לע־זערינס. און ער האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון אָט דעם אייגנאַרטיקן שאַפֿן. אין אַ בריוו צום קריטיקער פּ. לאַכאָווער האָט ער אַמאָל געשריבן: „סוף־כּל־סוף זיינען זיי מיינע קינדער, איך האָב זיי אויסגעטראָגן און גע־בוירן אין מיין נשמה און דורך מיין אינעווייניקסטן וועזן...”

מען דאַרף גאָר באַזונדערס רעדן וועגן דעם טיפֿן פֿאַרשטאַנד, וואָס בערדיטשעווסקי האָט אַרויסגעוויזן צו דעם שאַפֿן פֿון יידישן פֿאָלק, פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן אין די פֿאַרשיידענע תּקופֿות פֿון זייער וואָגלען און וואַנדערן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מיר, יידן, פֿאַרמאָגן נישט קיין לי־טעראַטור פֿון איין גייסט און פֿון איין פֿעסטגעשטעלטן כאַראַקטער, נאָר מיר פֿאַרמאָגן פֿאַרשיידענע און פֿאַרשיידנאַרטיקע מינים ליטעראַטור, וואָס זיינען געבוירן און זיך אַנטוויקלט ביי אונדז אין פֿאַרשיידענע צייטן, ביי פֿאַרשיידנאַרטיקע באַדינגונגען... דאָס איז זייער אַ וויכטיקער גע־דאַנק, וואָס פֿאַרלאַנגט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג. עס איז נויטיק זיך אומצוקערן צו אָט דעם פּראָבלעם און ספּעציעל און ערנסט באַהאַנדלען עס, באַזונדערס איצט, ווען מען וויל זיך אָפּשאָקלען פֿון פּיל, וואָס דער יידי־שער גייסט און פֿאָלקס־זשעני האָט געשאַפֿן אין די לעצטע יאָרהונדערטער.

עס איז אַן עוולה, וואָס מען ווייסט ביי אונדז, אין דער יידישער וועלט, אין דער יידישער ליטעראַטור, אַזוי ווייניק וועגן מיכה יוסף בערדי־טשעווסקי, — איינער פֿון די אָריגינעלע קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער וועלט.

זאָל די איצטיקע איקוף־אויסגאַבע פֿון מ. י. בערדיטשעווסקיס יידי־שע כּתבים דערנענטערן צו די יידיש־לייענער די גייסטרייכע און מערקווירדיקע בערדיטשעווסקי־געשטאַלט, וואָס מיט אַלע זיינע אומוועגן און אָפּנייגן דאַרף ער אונדז שטאַרק אינטערעסירן.

15טער אַפּריל, 1948.

# טרערן

## אַ מעשה פֿונעם חורבן *

צו יענער צײַט, ווען דער בית־המקדש איז נאָך געשטאַנען און ירושלים איז געווען גרויס און די יידן זיינען נאָך געווען אַ מלוכה, טאַקע אַן אמתע מלוכה מיט מלכים־ושרים, און מען איז געזעסן ביי זיך אין דער היים, איש תחת גפֿנו, איטלעכער האָט זיך געהאַט אַ שטיקל ערד, און גלות איז גאָרנישט געווען ווי היינט, — האָט געוואוינט אין אַ דאָרף אין גליל אַ ייד, וואָס האָט געהייסן טוביה בן אליעזר, און ער האָט געהאַט אַ ווייַנגאָרטן און האָט געמאַכט וויין, און זיין וויין איז געווען גוט און באַקאַנט און האָט געהאַט אַ שם. אַזוי איז אים געגאַנגען גוט, און ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער, וואָלט ער קיין מאָל נישט געהאַט קיין זאָרגן; און חנה זיין וויב איז געווען גוט און פֿרום און האָט נישט מהרהר געווען אויף השי״ת. אַלע יאָר פֿלעגן זיי עולה־רגל־זיין קיין ירושלים צו פסח, צי צו שבועות, צי צו סוכות, און ברענגען אַ קרבן, אַמאָל טאַקע גאָר ביכּורים און גוטע ווייַנטרויבן פֿונעם אייגענעם ווייַנגאָרטן. חנה, אַז זי איז געקומען אין דער גרויסער שטאָט, וואָס די כּוהנים און די שׂרים און טאַקע דער מלך אַליין האָבן דאָרט געוואוינט, און ס'איז געווען אַ פּראַכט און ס'איז געווען אויף וואָס צו קוקן, איז זי זיך נישט פֿאַרגעקומען קליין אין אירע דאָרפֿס־קליידער; און פֿון די בנות־ירושלים מיט זייער רייכטום און צירונג און זיידענע קליידער, טאַקע פשוט פֿאַרפּוצט, ווי היינט אין די גרויסע שטעט מיט מאָדעס, איז זי לחלוטין נישט נתפּעל געוואָרן, און ס'איז איר נישט געקומען אויף דער מחשבה צו ווילן אויך זיך אָנטאָן אַזוי. — זי איז געווען אַ כּשרע דאָרפֿס־נשמה, ווי זי איז אויפֿגעוואַקסן ריין, אַזוי איז זי געבליבן ריין. טוביהן אָבער, איר מאַן, כאָטש ער איז געווען אַן

---

* אַרויסגענומען פֿון דער גמרא.

ערלעכער און אַן איש־ישר, אָבער אַ מאַנספּאַרשויך, האָט ירושלים מיט אירע סאָלדאַטן, מיט די חצוצרות און מיט די טראָמפּייטן און דעם גאַנצן טאַראַראַם פֿון אַזאַ שטאָט מרובה־באוכלסין, מיט אַזוי פֿיל מענטשן, פֿאַרט בעסער געפֿעלן, ווי דאָס לעבן אין דאָרף. דאָס הייסט, זאָגן האָט ער ניט געזאָגט: איך וויל בעסער וואוינען אין ירושלים, איידער אין גליל אין אַ דאָרף; און קיין מאָל האָט ער דערפֿון ניט גערעדט מיט זיין ווייב חנהן, אָבער אַ הרהור איז אים אַ מאָל אַזוינער געקומען, ווי זאָגט מען אַ מחשבה: מ׳איז פֿאַרט אַ מענטש, און אַז מ׳זעט ירושלים אַלע יאָר בתפֿארתה, קאָן זי שוין געפֿעלן.

פֿונדעסטוועגן איז ער זיך ווייטער געזעסן אין גליל אויף זיין וויינגאָרטן, האָט געאַרבעט און השגחה געגעבן אויף דעם וויין און נאָך געפֿלאַנצט נייע וויינשטאָקן; און ווער ווייסט, אויב ער וואָלט דאָרט ניט אָפּגעלעבט די גאַנצע יאָרן און וואָלט געשטאָרבן און צו קבורה געקומען דאָרט לעבן זיין וויינגאָרטן, ער און זיין ווייב חנה. וואָס־זשע טוט גאָט? מוז זיך חנה אַמאָל פֿאַרקילן אויף אַזאַ וועג קיין ירושלים, קראַנק ווערן אויף דער אמתן און שטאַרבן, קוים דערלעבט פֿערציג יאָר. דאָס האָט טוביהן שטאַרק געטראָפֿן, און ער איז צוריק אַהיים געקומען אַליין צו זיין וויינגאָרטן אין גליל, איז אים געווען שרעקלעך אומעטיק, ער האָט שוין מער ניט געפֿילט אויף זיך דעם עול אויפֿצושטיין צו זיין אַרבעט, אַכטונג געבן אויף די קנעכט, און אַז די קנעכט האָבן געזען, אַז קיינער קוקט ניט, האָבן זיי טאַקע געאַרבעט אַבי־ווי. אַזוי איז דער וויינגאָרטן צוריקגעגאַנגען און טוביה האָט אַ קוק געטאָן, אַז ס׳איז קיין תכלית ניט, און מרה־שחורהדיק איז אים געווען אַזש צום משוגע ווערן, האָט ער זיך מיישב געווען און האָט פֿאַרקויפֿט דעם גאַנצן וויינגאָרטן מיט דעם הויז, מיט דעם ווינקעלער. און כאָטש ער האָט באַקומען דערפֿאַר אַ שטיק געלט, האָט ער דאָס געטאָן מיט אַ שווער האַרץ, וואָרים ס׳איז געווען נחלת־אבותיו. געטרייסט האָט ער זיך, אַז ער וועט אַצינד קאָנען ציען קיין ירושלים און דאָרט וועט אים ניט זיין אַזוי אומעטיק.

אָנגעקומען קיין ירושלים מיט אַ סך געלט, האָט זיך טוביה געקויפֿט אַ הויז און שענערע מעבל, ווי ער האָט געהאַט דאָרט אין גליל, און האָט געפּרוּווט זיך איינצולעבן. און אַזוי ווי ער איז געווען געניט אין וויין, האָט ער אָנגעהויבן צו מאַכן מסחרים מיט וויין און פֿלעגט קומען אויף

דעם גרויסן מאַרק, וואָס איז געווען אין ירושלים, און דאָרט זיך צונויפֿ־געקומען מיט מענטשן און מיט גרויסע סוחרים.

און כאָטש ס'איז אַ ווייטיק צו זאָגן, מוז איך מודה זיין, אַז ירושלים פֿון דעמאָלט איז ניט געווען אַזוי פֿיל מיט יושר און צדקה. אמת, שמעיה ואַבטליון זיינען טאָקע געזעסן און האָבן געלערנט און געפֿלאַנצט יידיש־קייט אין בית־המדרש. אָבער אויף די גאַסן האָט עס אויסגעזען גאָר אַנדערש. די צדוקים, די דעמאָלדיקע אינטעליגענץ, און די גבירים האָבן שטאַרק אין זין געהאַט די וועלט, און האָבן געמאַכט גרויסע נסיעות קיין גריכנ־לאַנד און רוים און דאָרט האָבן זיי זיך אָפּגעלערנט נייע מנהגים... אַ סך האָבן פֿאַרביטן די יידישע בגדים און ביי זיך אין דער היים גערעדט גריכיש און רוימיש. דער הויף מיט דער קעניגלעכער פֿאַמיליע פֿון הורדוס האָבן זיך אויפֿגעפֿירט גאָרניט ווי יידן, און געבויט האָט מען גימנאַזיעס און טעמפּלען מיט זיילן ווי מען איז דאָס גאָרניט געוואוינט אין דער הייליקער שטאָט. דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלץ. צו אַזאַ לעבן אין וואוילטאָג, מוז מען האָבן אַ סך געלט, און אַז מען האָט דאָס ניט, מוז מען עס פֿאַרט קריגן, און דעמאָלט נעמט מען עס צו ביי אַנדערע... אַזוי איז געקומען, אַז די רייכע האָבן אָוועקגענומען ביי די שוואַכע זייער פֿאַרמעגן, און קיינער האָט פֿון זיי ניט געקאָנט קומען אין געפֿענגניש אריין. יאָ, ס'איז געווען אַ דור...

איר קאָנט פֿאַרשטיין, אַז ביי אַזאַ לעבן זיינען די בנות ציון אויך ניט מער געווען דאָס, וואָס אַמאָל. שיין זיינען זיי געווען, אָבער ס'איז ניט געווען די לויטערקייט פֿון אַמאָל און ניט די ריינקייט פֿון אַמאָל... ניין, פֿאַר־שייטע נקבות זיינען דאָס געווען, זיך געוואוינט צו פּוץ און צו לוקסוס, און אָנגעטאָן אין די טייערסטע קליידער פֿון דער וועלט מיט אַלע קונצן... און אַז ישעיה און אַלע נביאים, וואָס האָבן געלעבט פֿאַרן ערשטן חורבן און האָבן אויך ניט געזען בעסערס פֿאַר די אויגן, וואָלטן דעמאָלט אויפֿ־געשטאַנען, וואָלטן זיי געקאָנט זאָגן זייערע שטראָף־רייד אַ סך שאַרפֿער ווי פֿריער און אַ סך ברענענדיקער. אַזאַ לעבן איז געווען דעמאָלט אין ירושלים!

צו אַזאַ צייט, ווען גאָט איז שוין דערצאָרנט געווען אויף אַלע די, וואָס לעבן אַזוי, און ס'האָט אים שטאַרק פֿאַרדראָסן אויף זיין פֿאָלק, וואָס גייט ניט אין זיינע וועגן און איז גאָרניט מער דאָס הייליקע פֿאָלק, ווי עס שטייט אין דער פּרשה קדושים, פּונקט פֿאַרקערט: מותרות אויף שריט

און טריט, צונעמען ביים בעל־חוב דאָס לעצטע בענקל, אַפּילו דעם יתום ואלמנה אויסצוזויגן, אַבי זיך אַליין צו באַרייכערן, און צניעות שוין גאָרניט, גאָר להיפך ולהיפך — יאָ, אין אַזאַ צייט קומט טוביה בן אליעזר אין דער אויסגעלאַסענער שטאָט ירושלים פֿון זיין שטילן וויינגאָרטן און ווערט אַ סוחר. אַזאַ סביבה איז ניט געווען פֿאַר אים און ער האָט ניט געדאַרפֿט אַהין צו קומען.

אין אַ יאָר אַרום, ווי טוביה איז געזעסן אין ירושלים און האָט זיך שוין באַקענט מיט פֿיל מענטשן און געזען האָט ער נאָר דאָס, וואָס ס'וואַרפֿט זיך אין די אויגן, און האָט ניט פֿאַרשטאַנען פֿונעם תוך, האָט ער חתונה געהאַט און גענומען איינע פֿון די בנות־ירושלים פֿון אַ גוטער משפּחה און אַ גרויסע יפֿת־תואר. איך וויל נישט זאָגן, אַז חנה איז שוין גאָר אויס־געלעשט געוואָרן פֿון זיין הארצן, אָבער ס'ליגט שוין אַזוי אין דער טבע פֿון מענטשן זיך צו טרייסטן. און דאָס אַליין, אַז א ייד פֿון דאָרף איז זוכה צו נעמען איינע פֿון ירושלים, פֿון דער הויפּטשטאָט אַליין, דאָס האָט טאַקע טוביהן געצויגן צו דער נייער פֿרוי, און אַ ביסל האָט עס זי צו אים אויך געצויגן. פֿאַר איר, וואָס איז אויפֿגעוואַקסן אין וואוילטאָג און אין ליאַרעם, איז געווען אַ מענטש פֿון דעם מין, ווי טוביה בן אליעזר, אַ נייס. און תחילת האָט איר טאַקע גוט געפֿעלן ביי אים. טוביה האָט זי ליב געהאַט און האָט זי מכבד געווען און זי חשוב געהאַלטן און איר געקראַכן אונטער די נעגל און נישט פֿאַרגעסן קיין איין טאָג, אַז זי איז אַ ירושלימער.

ער האָט זיך אָנגעהויבן פֿירן העכער פֿאַר אירעטוועגן, און זי האָט דאָס אַוודאי געוואָלט. אַלע וואָך האָט זי זיך געמאַכט נייע קליידער פֿון טייערע שטאָף און טאַקע זיך אָנגעטאָן תענוגים; און אַזוי האָט זי געצוואונ־גען טוביהן צו לעבן איבערן כח. טוביה האָט זי שטאַרק ליב געהאַט און איר ניט געקאָנט אָפּזאָגן. ער האָט איר נאָכגעגעבן אַלע אירע פֿאַרלאַנגען, און זי איז נישט געווען אַ פּיצל דאַנקבאַר, פֿאַרקערט, זי האָט זיך גאָר אָנ־געהויבן אָפּצוקערן פֿון אים...

ניין, די איז נישט געווען די ריכטיקע פֿרוי פֿאַר טוביהן; ער אָבער איז געווען שטאַרק פֿאַרנאַרט אין איר, און ער האָט נישט געזען, וואָס ער האָט ביי זיך אין שטוב; זיין האַרץ איז איר בלינד נאָכגעגאַנגען. מ'פֿאַר־שטייט, פֿון אַזאַ פֿירונג האָט זיך באַלד אויסגעלאָזט דאָס געלט, און מ'הייבט זיך שוין אָן צו פֿאַרדרייען און אָנצוקומען צו אַ מלווה... דע־מאָלט איז דאָס פּונקט אַזוי געווען ווי היינט.

און יענער מלווה, וואָס טוביה האָט מיט אים געהאַט צו טאָן, איז געווען אַ גרויסער עושר און איז געזעסן אין בית־לחם, לעבן ירושלים. דאָס איז געווען אַ ריכטיקער בלוטזויגער, אַ שלעכטער מענטש ביז אין האַרצן אַריין; אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אין געווען גזלה און גנבה, און בטבע איז ער גאָר קיין פרומער נישט געווען, אויך וואָס איז שייך צום זעקסטן געבאָט פון די עשרת־הדיברות... יאָ, דאָס איז געווען אַן אמתער רשע. ער האָט געקענט טוביהס ווייב נאָך פון פריער, וישא עיניו עליה, און האָט דערהויבן זיינע אויגן צו איר.

און אָט דער בית־לחמער האָט טוביהן פאַרנאַרט פון אַלע זייטן, האָט אים געליען געלט און זיך געלאָזט אַלץ איבערשרייבן אויף זיין נאָמען. אין יענע יאָרן האָט מען אַזעלכע זאַכן אויך גוט פאַרשטאַנען. דערצו האָט ער נאָך אונטערגעשיקט רכילות־טרייבער צו טוביהן אויף זיין ווייב, און אַליין האָט ער זיך כלומרשט געשטעלט פאַר זיין פריינד און אים געראָטן, אַז מיט אַזוינער מוז מען זיך גטן. אויסמעקן פונעם האַרצן האָט טוביה זי ניט געקאָנט, פאַרקערט, אין תוך אַריין האָט ער זי ליב געהאַט ווי פריער, איר געשטאַלט האָט אים געצויגן צו זיך מיט אַ משונהדיקן כוח; אָבער על־פי־דין און אַז מ׳האָט שוין אַזוי גערעדט און ס׳איז גאָר געווען גבית־עדות, וישלחה מעל פניו, און ער האָט זי אַוועקגעשיקט פון זיין הויז און זיך געמוזט מיט איר גטן.

אַן געלט און אַ בעל־חוב איבער די אויערן איז טוביה אַליין געבליבן אין דער גרויסער פרעמדער שטאָט ירושלים. — אויך מיט דער ירושלימער האָט ער קיין קינדער ניט געהאַט. — טוביהן איז אומעטיק, גאַנץ אַליין זיצט ער אין שטוב, און דאָס פנים פון זיין געשידענער פרוי קאָן ער פאַרט ניט פאַרגעסן... זי איז אים תמיד געשטאַנען פאַר די אויגן, ווי אַן אַפּטוענישׁ. איר ווייסט נישט, ווי גרויס דער כוח פון דער שיינקייט פון אַ ווייב איז אויף אַ מענטשן, מעג ער אַפילו זיין אַזאַ ערלעכער און ריינער מענטש, ווי טוביה בן אליעזר.

און דאָ גייט טוביה אַרויס אין גאַס און הערט, אַז יענער, זיין מלווה פון בית־לחם, וואָס האָט אים אַליין געראָטן זיך צו גטן, האָט טאַקע חתונה געהאַט מיט זיין ווייב די גרושה. נבלה בישראל! אַזוינס האָט מען נאָך ניט געהערט ביי יידן, אַפילו צווישן גרויסע רשעים. און ווי אַזוי טוביה האָט די גוטע בשורה אויפגענומען, איז מיר שוין פאַרשפאַרט צו דער־ציילן. עס האָט אים געווײנט אין האַרצן...

דער נבל פֿון בית־לחם איז אָבער דערמיט ניט יוצא געווען, ניין, ער האָט זיך גענומען אָן טוביהן נוקם צו זיין. איר הערט ?! מעשה! אים האָט פֿאַרדראָסן, פֿאַרוואָס טוביה האָט פֿריער חתונה געהאַט מיט זיין איצטיק ווייב, און ער האָט אים גענומען קוועטשן און דריקן, אַז ער זאָל אים באַצאָלן די חובות. טוביה האָט אָבער ניט געהאַט קיין פּרוטה, און דער בית־לחמער האָט צוגענומען ביי אים דאָס הויז און די גאַנצע כלי־בית און אים אַפֿילו ניט געלאָזט אַ בענקל. און אַחוץ דעם, ווייל דאָס אַלץ האָט ניט אויסגערייכט פֿאַר דעם גאַנצן חוב, האָט ער גענומען טוביהן צו זיך פֿאַר אַ קנעכט, ער זאָל אים אָפּדינען דעם חוב. אַזוינע האַרטע דינים זיינען דעמאָלט געווען. דער בעל־חוב איז געווען גלייך ווי אַ גנב, און עס שטייט געשריבן: ונמכר בגנבתו, מען זאָל אים פֿאַרקויפֿן פֿאַר דער גנבה.

טוביהס לעבן אין בית־לחם איז געווען דער ריינער גיהנום פֿאַר אים, כאָטש מ'האָט מיט אים ניט אַזוי שווער געאַרבעט, און ער האָט נאָר געהאַט צו טאָן מיט אַ קליינעם שימוש, דערלאַנגען דעם אָדון און דער אָדונית דעם בעכער ווייַן צום טיש.

אין דעם שטילן בית־לחם, לעבן דער קאָכעדיקער שטאָט ירושלים איז געזעסן דער מלווה מיט זיין נייער שיינער ווייב אין דעם שיינעם הויז מיטן גרויסן גאָרטן. און ווען טוביה פֿלעגט ברענגען דעם בעכער ווייַן צו טראָגן און האָט געזען פֿון ווייטן, ווי זיי ביידע זיצן אַרומגענומען האַנט אין האַנט, פֿלעגן אים די טרערן אַריין אין די אויגן און פֿון די אויגן פֿלעגן זיי פֿליסן אין בעכער אַריין...

און אָט די טרערן — זאָגט די חכמים — האָבן פֿול געמאַכט די מאָס פֿון די זינד פֿון די יידן, און גאָט האָט ניט מער איינגעהאַלטן זיין צאָרן און האָט גוזר געווען, אַז דער בית־המקדש זאָל חרוב ווערן און די שטאָט ירושלים זאָל פֿון פֿיינט איינגענומען ווערן.

און דורך דעם עוון האָט טיטוס גובר געווען, ניט דורך זיינע לעגיאָנען.

# שולמית

## אַ צווייטע מעשה פֿונעם חורבן *

לעבן די דריי גרויסע גבירים פֿון ירושלים, וואָס מיט זיי האָט געקלונגען די וועלט, נקדימון בן גוריון, וואָס פֿון זיינעטוועגן האָט געשיינט די זון, בן ציצית הכסת, דער פֿרומער גביר, וואָס אַז ער איז געגאַנגען אין גאַס, האָבן זיך אים נאָכגעשלעפּט די ציצית פֿון זיין טלית, און בן כּלבא שבוע, דער גרויסער מכניס־אורח, וואָס איטלעכער איז פֿון אים אוועקגעגאַנגען זאַט, — לעבן אָט די אַדירים, וואָס אַז טיטוס האָט באַלאַגערט די שטאָט ירושלים און מ׳האָט ניט געקאָנט צופֿירן קיין פּראָוויאַנט, האָבן זיי גענומען אויף זיך צוויי־און־צוואַנציק יאָר כּסדר אויסצוהאַלטן די שטאָט מיט עסן און טרינקען און הייצונג, כּדי מ׳זאָל זיך ניט אונטערגעבן דעם פֿיינט, — לעבן די דריי גבירים, זאָגט די מעשה, האָט צו יענער צייט געלעבט נאָך איין גרויסער גביר מתּתיהו איש זרחיה. דאָס איז אויך געווען איינער פֿון די גדולי־האומה; אָבער וואוינען האָט ער געוואוינט ניט אין ירושלים, נאָר ניט ווייט פֿון יריחו, אין אַ גרויסן פּאַלמען־גאָרטן, און דערפֿאַר איז ער ניט געווען אַזוי באַקאַנט ווי זיי. די זרחיהס זיינען געווען אַן אַלטע משפּחה, איינע פֿון יענע משפּחות, וואָס זיינען געקומען מיט עזראן פֿון בבל און האָבן מיטגעבראַכט אַ סך קנעכט און דינער און האָבן אָפּגעקויפֿט פֿיל ערד און געבויט דאָס הייליקע לאַנד. אין די ענינים פֿון דער מדינה און לעבן פֿון די פּאַרטייען האָבן זיי זיך קיינמאָל ניט געמישט. סיי אין דער צייט, וואָס די מלכים פֿון פּרס האָבן נאָך געהאַט די ממשלה איבער ארץ־ישראל און די כּהנים האָבן געפֿירט דעם בית־המקדש און די מדינה צוגלייך, סיי נאָכדעם, אַז די גריכן האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינמישן און האָבן געוואָלט, אַז יידן זאָלן אַוועקוואַרפֿן זייער אמונה און עס זיינען געקומען די חשמונאים און האָבן זיי מיט זייער גבורה

---

* אַרויסגענומען פֿון אָבות דרבי נתן.

גוט אַנגעלערנט און געמאַכט ארץ־ישראל פֿאַר אַ מלוכה, און זיינען אַליין געוואָרן פֿירשטן און מלכים; און סיי נאָכדעם, אַז הורדוס פֿון אדום, טאָקע אַן אײדעם ביי זיי, האָט זיי אַלע, די חשמונאים, אויסגעהרגעט און זיך געזעצט אַליין אויפֿן טראָן און איז געוואָרן אַ גוטער פֿריינט פֿון די רוימער וואָס פֿון זיי איז דערנאָך אַרויסגעקומען צו פֿאַרברענען די הייליקע שטאָט און צו מאַכן אַ תל פֿון יידן און זייער לאַנד — אין די אַלע צייטן האָבן די זרחיהס געלעבט שטיל, אָפּגעהיט יידישקייט און געהאָלפֿן דעם פֿאָלק אין זיין אומגליק. אַז דער בית־המקדש איז נאָך געשטאַנען, האָבן זיי גע־געבן האָלץ און שטיינער צו באַפּעסטיקן די מויערן פֿון ירושלים, גאָלד און זילבער צום פּוץ פֿון קדשי־הקדשים. איטלעכן טאָג האָט מען מקריב געווען פֿון זיי אַ קרבן. זיי האָבן אויסגעהאַלטן ישיבות, וואו מ׳איז געזעסן און אָנגעהויבן טראַכטן מאַכן די גמרא. זיי האָבן געזאָרגט, עס זאָלן זיין גוטע וועגן פֿאַר די, וואָס גייען עולה־רגל־זיין קיין ירושלים, זיי האָבן געלאָזט מאַכן נאַכט־הייזער פֿאַר די, וואָס מוזן נעכטיקן אין וועג. און אַלץ האָבן זיי געטאָן שטילערהייט, אָן ליאַרעם און אָן געררודער; אַפֿילו מענטשן, וואָס האָבן פֿון זיי געלעבט און זיינען פֿון זיי געהאָלפֿן געוואָרן, האָבן אָפּטמאָל ניט געוואוסט, פֿון וואַנען ס׳קומט די הילף. יאָ, די זרחיהס זיינען געווען די בעסטע מענטשן אין ארץ־ישראל, וואָס אַזוינע זעט מען ניט מער.

דער פּאַלמען־גאָרטן, אין וועלכן זיי האָבן געוואוינט, איז געווען אַ גן־עדן זומער און ווינטער; איטלעכער פֿון דער פֿאַמיליע האָט זיך געהאַט זיין קליין הייזל פֿון מאַרמאָר, וועלכן זיי האָבן געלאָזט ברענגען פֿון ווייטע לענדער. זיי האָבן ניט ליב געהאַט קיין גרויסע זאַלן, קיין הויכע טורעמס, אָבער אַלץ האָט געמוזט זיין שיין און אָנציענד פֿאַרן אויג. עפּעס איז געווען אין דער גאַנצער זרחיה־משפּחה די צניעות פֿון אַ פּרוי, וואָס האָט ליב צו גיין פֿאַרשלייערט, צו פֿאַרדעקן איר שיינקייט. ווי זאָגט דער פּסוק: כל כבודה בת מלך פנימה. — ס׳זיינען פֿאַראַן מענטשן, וואָס האָבן ליב צו לעבן אין שטילקייט און פֿאַרבאָרגנקייט, צען טויערן מוז מען עפֿענען ביז מען קומט צו זיי, און דאָרט זיצן זיי אין שאָטן פֿון ביימער, און פֿאַר זיי שפּרינגט דער שפּרינג־ברונעם, וואָס קילט די לופֿט...

יאָ, אַז מען לייענט די ספֿרים פֿון אַמאָל, איז דאָס רוב נאָר די רייד פֿון די גרויסע גבירים, די גרויסע צדיקים און לערנערס און חכמים, וואָס זיינען געווען ביי יידן; אָבער פֿון די, וואָס האָבן ליב געהאַט שיינקייט

און זיינען טאָקע אין דעם גרויס, שטייט וויניק געשריבן. און פֿון אַזאַ מין מענטשן זיינען געווען די זרחיהס.

מתּתיהו איז געווען דער ייִנגסטער פֿון זיינע ברידער, און ער איז אויך געווען דער שענסטער און דער בעסטער פֿון זיי. געגעבן האָט ער אַן אַ שיעור, און אויף דעם טויער פֿון זיין הויז איז געשטאַנען אויפֿגע־שריבן: כּל דכפֿין ייתי ויכול! איטלעכער הונגעריקער זאָל אַריינגיין און זאָל עסן! רבקה, זיין ווייב, אַ יפֿת־תּואַר, אַן אמתע בת־מלכּה און אַ גרויסע מיוחסת, וואָס איז אַרויסגעקומען פֿון אַ כּהן־גדול, איז נאָר געווען דער מזג־טוב און די גוטסקייט אַליין. אַז איינער האָט נאָר געמאַכט אַ רחמנות־פּנים, האָט זי אים געקענט אָוועקגעבן אַלץ. נאָר צו זיי אַליין האָט מען וויניק געקאָנט צוקומען; די גרויסע נדבות און מתּנות זיינען אַלץ גע־גאַנגען דורך די גבאים, און זיי אַליין האָבן זיך געלעבט שטיל פֿאַר זיך, ווי היינט ביי אַ גרויסן רבין. איין איינציקע טאָכטער האָבן זיי געהאַט, זי האָט געהייסן שולמית. די שיינקייט פֿון שולמית איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ׳האָט ניט געקאָנט קוקן איר אין פּנים — עס האָט געלויכטן אַזוי ווי די זון. איר איידעלער גוף, איר שיינער וואוקס און גאַנג האָבן ניט געהאַט צו זיך זייער גלייכן אויף דער וועלט. ווער ס׳האָט געהאַט די זכיה זי צו זען, האָט געמיינט, אַז ער זעט אַ מלאך פֿאַר זיך. אָפּגעהיט האָט מען זי אַ סך מער ווי הורדוסעס טאָכטער, און איר שטאָלץ איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיין ילוד־אשה וואָלט ניט געקאָנט קומען אויף דער דעה זי אָנצורירן מיטן מינדסטן פֿינגער. שולמית איז געווען געגליכן צו דער לבֿנה, וואָס איז געוואוינט, אַז אַרום איר זיינען תּמיד דאָ שטערן, און זי אַליין שיינט פֿון וויטן...

הונדערט דינסטן האָט מען צו איר געהאַלטן, אַלע שיין אָנגעטאָן און אַלע שיין און ריין, וואָס האָבן זי שטענדיק באַגלייט. איטלעכן טאָג האָט זי זיך געבאָדן אין מילך און אין ווייַן, און וואָס ס׳איז דאָ אויף דער וועלט, איז געווען פֿאַר איר גרייט. מתּתיהו און זיין ווייב האָבן זייער געהאַלטן פֿון ייִדישקייט און ביי זיי אין שטוב האָט מען גערעדט נאָר אויף לשון־קודש. פֿאַר איר אָבער, פֿאַר שולמיתן, האָבן זיי געלאָזט ברענגען לערער פֿון גריכנלאַנד. שולמית האָט געקענט גריכיש און רוימיש און איז געווען געניט אין אַלע איידעלע חכמות. איר טאַנצן איז געווען א פּלא, איר זינגען איז געווען אַזוי זיס, אַז די פֿייגל האָבן איר מקנא געווען. ווער ס׳האָט זי געזען און געהערט איר קול זינגען, איז געווען ווי פֿאַרכּישופֿט

פֿון איר, ס'איז געווען אַזוי, אַז מען האָט ניט געטאָרט זי מיטנעמען אין שטאָט אַריין קיין ירושלים, וואָרים די בני־ציון זיינען געשטאָרבן פֿון ליבע, אַז זיי האָבן זי דערזען. מתתיהו האָט ניט געהאַלטן פֿון די בני־הורדוס און פֿאַר זיי האָט ער געהיט זיין טאָכטער, ווי פֿאַר פֿייער.

וואָס זאָל איך נאָך אָפּמאָלן שולמיתן — מיין פּען איז צו שוואַך דערצו; און די, וואָס ווילן מער וויסן פֿון איר, הייס איך אַ קוק טאָן אין שיר־השירים אַריין...

*

עס זיינען אָבער געקומען גאָר אַנדערע צייטן אויף יידן. יענע אוצרות פֿון ברויט און אייל און ווייך, וואָס נקדימון בן גוריון, בין ציצית הכסת און בן כלבא שבוע האָבן אָנגעקליבן אין ירושלים, זיינען פֿון די בריונים און פֿון די אַלע, וואָס ס'איז זיי נמאס געוואָרן צו זיצן אין די איינגעשלאָסענע, באַלאַגערטע מויערן, אָנגעצונדן און פֿאַרברענט געוואָרן. די מויערן פֿון ירושלים זיינען געפֿאַלן און דאָס בלוט פֿון די גבורי־ישראל, וואָס האָבן געהאַלטן מלחמה, ווי לייבן און לעמפּערטן, האָט גערונען מיילן ווייט. פֿאַרברענט איז געוואָרן די באַרימטע הייליקע שטאָט, פֿאַרברענט איז געוואָרן דער בית־המקדש און דער פּאַלאַץ פֿון די מלכי־הורדוס, וואָס האָט באַשיינט די שטאָט. פֿאַרוויסט איז געוואָרן דאָס לאַנד ארץ־ישראל, וואָס דאָרט איז געפֿלאָסן מילך און האָניק. פֿון אַלע דערפֿער און שטעט איז געוואָרן אַ תל; און די מענטשן, וואָס זיינען נאָך געבליבן ביים לעבן, זיינען פֿאַרקויפֿט געוואָרן אויף די מערק פֿאַר קנעכט און דינסטן אין פֿרעמדע לענדער. נפֿלה, נפֿלה עטרת ישראל: דאָס יידישע פֿאָלק האָט אויסגעטאָן די קרוין.

מתתיהו און זיין גאַנצע פֿאַמיליע זיינען אין דער מלחמה דערהרגעט געוואָרן. אָנגעצונדן האָט מען אַלע זיינע פּאַלאַצן, די פּאַלמעס פֿון גאָרטן האָט מען אויסגעריסן און פֿאַרברענט, און די ברונעמס, וואָס פֿון זיי האָט געשפּריצט דאָס קלאָרע וואַסער, ווי קריסטאַל, האָט מען פֿאַרשאָטן מיט ערד און מיט שטיינער.

נאָר שולמית, וואָס אַ טרייער קנעכט האָט זי מציל געווען פֿון פֿייער, איז מיט אים געפֿאַנגען געוואָרן פֿון אַ רוימער, און ער האָט זייביידע פֿאַרקויפֿט קיין דמשק צו אַ גריך אַפּאָלאָניוס אין שטוב אַריין. אַפּאָלאָניוס האָט פֿאַרשטאַנען צו שעצן די שווער געפּרוואווטע שולמית, און זי איז

געוועזן אין זיינע אויגן ווי אַ געפֿאַלענער שטערן. ער און זיין ווייב האָבן זי ליב געהאַט ווי זייערס אַ קינד און זי נישט געגוויט צו אַרבעטן. שטיל און שטאָלץ און אין זיך פֿאַרגראָבן האָט שולמית דאָרט געלעבט ביים גריך, זי האָט ניט ליב געהאַט צו קלאָגן און ניט ליב געהאַט צו דער־ציילן פֿון אַמאָליקע צייטן... זי האָט ניט געוואָלט געהאַלטן ווערן פֿאַר אַ פּריצה; און אַז איר הערין, די גריכין, איז געגאַנגען אין גאָרטן, פֿלעגט זי כאַפּן אַ קרוג וואַסער און געוואָלט איר העלפֿן באַגיסן די בלומען. די גריכין האָט זי אָבער ניט געלאָזט זיך צורירן צו אַן אַרבעט, — ס׳איז איר אויסגעקומען ווי אַ חילול זיך לאָזן באַדינען פֿון דער שיינער שולמית. אַזוי האָט שולמית געפֿונען באַשיצער אין דער פֿרעמד, און אַז מ׳טוט אַ קוק ווי אַנדערע אירע שוועסטער האָבן געהאַט צו ליידן און ווי זייער שיינקייט איז געטראָטן געוואָרן מיט די פֿיס, וואָלט מען איר געמעגט מקנא זיין. זי האָט געטראָפֿן אויף מענטשן, וואָס האָבן פֿאַרשטאַנען, ווער שולמית איז און וואָס איר קומט. די אמתע שיינקייט און ריינקייט פֿון אַ מענטשן איז גובר אַפֿילו דעם שונא.

אַל תגעו במשיחי! רירט ניט אָן די געזאַלבטע פֿון מיין פֿאָלק! אַזוי האָט גאָט אַמאָל געזאָגט, אָבער דערנאָך האָט גאָט עפּעס אַנדערש געזאָגט און זיין כעס איז געוואָרן גרויס, מוראדיק גרויס...

ויהי הלילה, איז געקומען דער בעל־החלומות צו אַפּאָלאָניוסן און האָט צו אים געזאָגט: דו, אַפּאָלאָניוס, הער מיין באַפֿעל, האַלט ניט מער די בת־ציון שולמית ביי דיר און שיק זי אַוועק פֿון דיין הויז. אַפּאָלאָניוס האָט דאָס געהאַלטן פֿאַר אַ ניט־באַדייטנדיקן חלום און האָט ניט געהערט אויף די ווערטער פֿון מלאך. דער בעל־החלומות איז אָבער געקומען די צווייטע נאַכט און האָט איבערגעחזרט דאָס אייגענע. און אַזוי פֿלעגט ער קומען אַלע נאַכט און האָט אַלץ דערמאָנט אַפּאָלאָניוסן, ער זאָל אַוועקשיקן שולמיתן פֿון זיין הויז, ביז אַפּאָלאָניוס און זיין ווייב האָבן מורא באַקומען און האָבן געמוזט מיט אַ שווער האַרץ נאָכגעבן.

איין מינוט האָט אַפּאָלאָניוס זיך געפּרוּווט טרייסטן: ווער ווייסט, טאָמער איז דאָס צום גוטן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די איידעלע פֿלאַנצונג וועט אומקומען און צעבראָכן ווערן דרויסן אין דער ביטערער קעלט. — שולמית וועט ניט קאָנען לעבן, אַז זי וועט נישט האָבן עמעצן, ווער ס׳זאָל זיך פֿאַר איר אָננעמען און זי באַשיצן. איר קענט נישט די גריכן און ווייסט נישט, וואָס זיי קאָנען. זיי זיינען נישט געוואוינט צו ווײנען

פֿון איטלעכער סיבה; די פֿרוי פֿון אַפּאָלאָניוס האָט געהאַט אַ שטאַרק האַרץ, און אַז צוויי קינדער זיינען ביי איר געשטאָרבן אין איין טאָג, האָט זי דאָס געקאָנט פֿאַרטראָגן; אָבער אַצינד, אַז ס'איז געקומען דער טאָג, וואָס זי האָט זיך געמוזט אָפּזעגענען אויף אייביק מיט שולמיתן, האָט זי זיך נישט געקאָנט האַלטן פֿאַר ווייטיק און האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

אַפּאָלאָניוס האָט אַליין גענומען צונויפֿבינדן שולמיתן דאָס קליינע פּעקל מיט זאַכן און האָט צו איר געזאָגט די ווערטער: מיר קאָנען דיך נישט האַלטן מער ביי אונדז, שולמית. מיר גיבן דיר פֿרייהייט צו גיין וואוהין דו ווילסט. אַזוי וויל דיין גאָט. שולמית האָט גענומען אַ שאַל אויפֿן האַלדז און אין איין האַנט אַ קריג פֿאַר וואַסער און אין דער אַנדערער אַ שטעקן צום גיין.

עס איז געווען אַ שטילער זומער־מאָרגן. אַ קליין ווינטל, וואָס האָט געבלאָזן אין דער נאַכט, האָט אָפּגעקילט די לופֿט. שולמית האָט פּאַוואָליע פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף און איז געקומען אויפֿן פֿרייען פֿעלד. צו דער שעה איז נישט געווען צו זען קיין מענטש אויפֿן וועג, און שולמית אין ווייסן טוניק מיטן פּעקל אויפֿן אַקסל האָט אויסגעזען ווי אַ חלום אין אַ העלן טאָג... אַפּאָלאָניוס איז איר נאָכגעגאַנגען פֿון ווייטן. ער האָט געוואָלט וויסן, וואָס איז געווען די כּוונה פֿונעם בעל־החלומות, וואָס ער האָט זי פֿאַרטריבן פֿון זיין הויז. דאָ זיינען זיי אָנגעקומען צו אַ וועלדל, און שולמית האָט זיך פֿאַרלוירן הינטער די ביימער. אַפּאָלאָניוס האָט זי נישט געקאָנט מער זען.

שולמית איז געגאַנגען און געגאַנגען, ביז זי איז געקומען צו אַ קלאָר וואַסער, און ווי זי האָט דערזען דאָס וואַסער, האָט זי זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטיין און האָט אָנגעהויבן צו וואַשן די פֿיס אין וואַסער. איז דאָס אויסצומאָלן דאָס בילד, ווי די לעצטע בת־ציון, וואָס איז געבליבן פֿון אַ געשטראָפֿט פֿאָלק, זיצט אַליין אין אַן אָפּגעלעגן, שטיל וועלדל? ווייט פֿון איר הערט מען נישט קיין קול פֿון אַ מענטשן. ס'ווייזט זיך נישט קיין הילף, ס'קומט נישט קיין גואל...

און ווי שולמית איז אַזוי געזעסן, איז צוגעקראָכן אַ גרינע שלאַנג, וואָס האָט געשפּירט פֿון ווייטן דעם ריינעם גוף פֿון אַ מענטשן; און ווי זי האָט דערזען שולמיתן, זיצנדיק ביים וואַסער, האָט זי איר געגעבן אַ ביס אין די פֿיס. שולמית פֿאַלט אַריין אין וואַסער און איז טויט, טויט.

אין אַ שעה אַרום איז אָנגעקומען אַפּאָלאָניוס צום וואַסער און האָט געפֿונען דעם טויטן גוף. די פֿיס זיינען נאָך געווען בלוי פֿון געם גיפֿט. ער איז אַראָפּגעשטיגן צום טייך, האָט אַרויסגעצויגן דעם מת, האָט גענומען די טויטע שולמית אויפֿן פּלייצע, און האָט זי געבראַכט צו טראָגן אַהיים צו זיין ווייב. שטום פֿאַר שמערץ האָבן זיי ביידע אויסגעגראָבן אַ קבר אין זייער גאָרטן און האָבן זי דאָרט באַגראָבן. ס׳איז אונטערגעגאַנגען די זון.

זעסט דו, — האָט אַפּאָלאָניוס געזאָגט צו זיין ווייב, אומקערנדיק זיך פֿון פֿרישן קבר, — אָט דאָס הייסט, ווען גאָט גיסט אויס זיין כּעס אויף זיין פֿאָלק.

בלע ה׳ ולא חמל. — — — —

# חתן־כלה

## אַ מעשה *

דאָס האָט געטראָפֿן צו די צייטן פֿון דער גמרא, צו די צייטן, וואָס די מענטשן זיינען געווען פֿרום און ריין.

שווער האָט זיך געלייגט די האַנט פֿון די רוימער אויף די יידן, נאָכן חורבן־ביתר. פֿאַרוויסט איז געוואָרן אַ האַלב לאַנד, חרוב זיינען געוואָרן אַ סך שטעט. די גבורי־ישראל זיינען דערטרונקען געוואָרן אין בלוט און די שענסטע בנות־ציון זיינען פֿאַרשלעפּט געוואָרן ווייט פֿון דערהיים און פֿאַרקויפֿט געוואָרן. — פֿונדעסטוועגן איז דער איידעלער זין פֿון די מענטשן נישט פֿאַרלוירן געגאַנגען; פֿאַרקערט, מען האָט נאָך געקאָנט זען גבורת־הנפֿש, און „ואהבת לרעך כמוך" איז נישט געווען אַ בלויזער פּסוק, וואָס מ'זאָגט דאָס שנים מקרא ואחד תרגום און מ'טוט פּונקט פֿאַרקערט... ניין! איין מענטש האָט טאַקע ליב געהאַט דעם אַנדערן און האָט זיך געקאָנט מפֿקיר זיין פֿאַרן אַנדערן, און איינער האָט געקאָנט אָפּטרעטן דעם אַנדערן זיין גליק...

*

עס איז געווען אין דער גרויסער שטאָט טיבעריאַס, אויף אַ גרויסן שקלאַפֿן־מאַרק, אַ מאַרק וואו מען פֿאַרקויפֿט קנעכט און דינסטן, וואָס דינען אייביק, און נישט נאָר שוואַרצע מענטשן, נעגערס, וואָס מען מיינט, אַז זיי זיינען געבוירן געוואָרן לשם קנעכט, נאָר טאַקע לייטישע קינדער, ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס זיינען געבוירן אין רייכטום און וואָס מ'האָט צו זיי אַליין געהאַלטן קנעכט, ווערן אַצינד פֿאַרקויפֿט. דאָס זיינען געווען אַלע שבויי־מלחמה, אַלע, וואָס דער מנצח פֿון דער מלחמה האָט זיי געפֿאַנגען גענומען; דאָס זיינען געווען מערסטנטיילס נשים וטף, פֿרויען און קינדער,

---

* אַרויסגענומען פֿון די מעשיות פֿון רבינו נסים גאון.

וואָס בלייבן אין דער היים. אַלע זיינען זיי אויסגעשטעלט אין בלויזע העמדער אויפֿן מאַרק און אַרום זיי איז געצויגן אַ קייט. אַזוי שטייען זיי פֿלאַטערנדיק, און די קויפֿער, טאַקע אַנדערע רוימער, גריכן און פּערזער, גייען אַרום און קוקן און מוסטערן די אומגליקלעכע, אויב זיי זיינען געזונט, אויב זיי זיינען שיין. איך וויל דאָס נישט ווייטער אויסמאָלן, אַזוי נידעריק איז היינטיקע צייטן דער צלם־אלהים פֿון אַ מענטשן פֿאַרט ניט מער, לכל־הפחות נישט אויף אַזאַ אופֿן.

אויף אַט דעם שקלאַפֿן־מאַרק האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אַ יידיש מיידל פֿון צוועלף יאָר, וואָס איז אויסגעשטעלט געוואָרן פֿאַרקויפֿט צו ווערן. זי איז געווען פֿון אַ משפחה מיוחסת און פֿון גרויס שיינקייט און איידלקייט; זי איז אַפֿילו געווען ניט מער ווי אַ קינד, אָבער ס׳איז שוין אין איר געווען אַ רגש פֿון עמה ומולדתה, און אַז זי האָט געמוזט פֿאַרקויפֿט ווערן, האָט זי כאָטש געוואָלט פֿאַרקויפֿט ווערן צו אַ יידן. און דאָ העלפֿט גאָט, עס גייט פֿאַרביי אַ רייכער ייד, וואָס איז נישט אַזוי געטראָפֿן געוואָרן פֿונעם חורבן, דערזעט דאָס קינד, זי גיט זיך אים צו דערקענען און ער טראַכט נישט לאַנג און קויפֿט זי אויפֿן אָרט און שטעל. מען האָט פֿאַר איר פֿאַרלאַנגט אַ שטיק גאָלד, אָבער וואָס טוט נישט אַ ייד פֿאַר פּדיון־שבויים?

דער דאָזיקער ייד האָט געהייסן יחזקאל און איז געווען אַמאָל אַ קצב, וואָס פֿלעגט אָרעמע־לייט געבן פֿלייש אויף שבת, וה׳ היה עמו, און גאָט איז געווען מיט אים און ער האָט מצליח געווען אין אַ לאַנד, וואָס איז חרוב געווען, און קוים זיינען צוגעגייט די גאָרבן; לערנען האָט ער נישט געקענט, אָבער ער איז געווען אַ מוקיר תּלמידי־חכמים, און ס׳איז ביי אים געווען אַן אָפֿענע שטוב און ער איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה.

דאָס מיידל, וואָס ער האָט זי געקויפֿט אויפֿן שקלאַפֿן־מאַרק, האָט געהייסן אַביגיל. יחזקאל האָט איר באַלד געגעבן די פֿרייהייט, אָבער זי, אַ קינד אָן אַ פֿאָטער און אָן אַ מוטער, איז ווייטער געבליבן ביי יחזקאלן. יחזקאל און זיין ווייב נחמה, אַ יידענע מיט אַ גוט האַרץ, האָבן זי ביי זיך אויפֿגעצויגן און האָבן פֿאַר איר אַלץ געטאָן, וואָס ווען איר פֿאָטער און מוטער וואָלטן געלעבט און געבליבן ביי זייער מעמד, וואָלטן זיי פֿאַר איר נישט געקאָנט מער טאָן. זי איז ביי זיי געווען ווי אַן אייגן קינד, און מ׳האָט זי אָפּגעהיט ווי דאָס אויג.

און אביגיל איז געוואַקסן און איז געוואָרן אַלע טאָג שענער און קליגער. מ׳האָט טאָקע צו איר געהאַלטן לערערס און זי האָט געלערנט אַלע איידעלע מלאכות. זאָל איך אויסמאָלן ווי אַזוי זי האָט אויסגעזען צו פערצן יאָר, צו פופצן, צו זעכצן און ווייטער? ווייסט מען נישט ווי אַזוי אַ רויז, אַז זי וואַקסט און בליט און ווערט אַלץ שענער, זעט אויס? אַז יחזקאל און זיין ווייב נחמה האָבן גאַרנישט געקאָנט לעבן אָן איר, איז דבר־שפתים אַך למחסור!

און דאָ מוז איך דעם לעזער מגלה זיין אַ סוד, אַז יחזקאל און נחמה האָבן געהאַט אַ שטיקל פניה אין האַרצן. אַפילו אַ ריינע פניה, אָבער פאָרט אַ פניה. זיי האָבן געהאַט אַ זון אַן איינציקן, אַ געראָטענעם אין אַלע מעלות, וואָס איז געווען זייער איינציקער יורש פון זייער גרויסן פאַרמעגן. און די מחשבה איז ביי זיי געווען, אַז זייער אלימלך — אַזוי האָט געהייסן זייער זון — און אַביגיל דאַרפן ווערן אַ פּאָר. קיינעם האָבן זיי נישט גע־זאָגט פון דער מחשבה, און מיט די קינדער האָבן זיי אַוודאי נישט גערעדט דערפון, אָבער אַז אַביגיל איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר, און ס׳איז פאַר זיי ביידע צייט געוואָרן חתונה צו האָבן, האָט יחזקאל גענומען זיין זון אָן אַ זייט און האָט צו אים געזאָגט: וואָס טויג דיר, מיין זון, צו זוכן אַ ווייב אין דער פרעמד, נעם אַביגילן, וואָס זי איז ביי אונדז און וואָס זי איז אַזוי ווי אונדזער אייגן קינד, ופרשת כנפיך עליה, און שפּרייט אויס דיינע פליגלען אויף איר. דאָס האַרץ פון אלימלכן האָט געשלאָגן פאַר פרייד...

און ס׳איז געווען אַ סעודת־אירוסין כיד־המלך, און דערנאָך האָט מען געמאַכט די חתונה מיט גרויס פראַכט און מיט די מנהגים פון יענע צייטן. פאַר אָרעמע־לייט האָט מען געמאַכט אַ סעודה כסעודת שלמה בשעתו, עלעהיי דאָס לאַנד איז גאַרנישט אונטערגעיאָכט... איטלעכן אָרעמאַן האָט מען געדעקט אויף אַ קליין טישל, כדי איטלעכער זאָל זיך משמח זיין און זאָל זיך נישט שעמען פאַרן אַנדערן צו עסן וויפל ער וויל. יחזקאל דער בעל־שמחה איז געווען מלא־גדולה, וואָס ער האָט דאָס אַלץ דערלעבט; ער איז כסדר אַרומגעגאַנגען פון טיש צו טיש, מיט איטלעכן גערעדט אַ גוט וואָרט און געפרעגט, וואָס ער ווינטשט זיך, כדי גלייך ממלא־זיין זיין רצון. אלימלך און אַביגיל זיינען געזעסן אויבן־אָן, ווי אַ בן־מלך און אַ בת־מלכה. מען האָט אַ רגע געקאָנט פאַרגעסן און געקאָנט מיינען, אַז מ׳איז נאָך אין באַזיץ פון ירושלים און זי איז נאָך בתפארתה.

דאָ דערזעט אויף איינמאָל יחזקאל, אַרומגייענדיק, אַן אָרעמאַן פֿון אַ יאָר דרייסיק, וואָס זיצט שטיל און מרה־שחורהדיק ביי אַ טישל, וואָס איז געשטאַנען אין אַן עק. די מאכלים און די משקאות שטייען נאָך פֿאַר אים, ווי מ'האָט זיי אים אַנידערגעשטעלט.

— וואָס איז אייך? — זאָגט יחזקאל צו אים — פֿאַרוואָס עסט איר נישט און טרינקט נישט? איך זע אַן אייך, אַז איר האָט אַ גרויסן צער. זאָגט מיר, וואָס איז אייך, טאָמער קאָן איך אייך העלפֿן. אויף מיין שמחה דאַרף קיינער נישט האָבן קיין צער אין האַרצן, און ווען ס'איז כמאַרנע, פֿאַר דעם מוז אויפֿגיין די זון.

— מיין זון וועט קיין מאָל נישט אויפֿגיין — זאָגט דער פֿרעמדער אָרעמאַן — זי איז אויף אייביק אונטערגעגאַנגען; דאָס טייערסטע, וואָס איך האָב פֿאַרמאָגט, האָב איך פֿאַרלוירן, פֿאַרלוירן אויף אייביק.

— ביי מיר אין שטוב — האָט זיך ווידער יחזקאל אָנגערופֿן — מוז אייער זון ווידער אויפֿגיין, דערפֿאַר איז דאָך ביי מיר אַזאַ שמחה, איר מוזט זיך משמח זיין מיט אונדז אַלע.

— אייער שמחה איז נישט מיין שמחה, פֿאַרקערט...

יחזקאל שלאָגט אים איבער מיט כעס, אָבער ער זעט אין די אויגן פֿון יונגנמאַן אַ גרויסע טרער; דאָס דערוווייכט אים זיין האַרץ:

— טאָמער קאָנט איר מיר פֿאַרט זאָגן, וואָס איז אייך, איך בעט אייך.

— אויב איר ווילט באמת וויסן — הויבט אָן דער יונגערמאַן — וואָס מיר איז, טאָ קומט מיט מיר אין אַן אַנדער חדר, וועל איך אייך זאָגן, וואָרים ווען נישט — איז דאָס מיין טויט.

*

דאָס איז געווען אַ לאַנגע מעשה, וואָס דער יונגערמאַן האָט דערציילט יחזקאלן. ער האָט אים דערציילט, ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער געוואוינט מיט זיינע עלטערן אין דעם אייגענעם דאָרף, וואָס דאָרט האָט געוואוינט דער פֿאָטער פֿון אַביגיל; זיי זיינען נאָך בײדע געווען במעמד העושר און האָבן געהאַט רייכע פֿעלדער און וויינגערטנער. און ער האָט אַמאָל געראַטעוועט אַביגילן פֿון טויט, אַז זי איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ טייך און האָט געקאָנט דערטרונקען ווערן, און ווי דער פֿאָטער פֿון אַביגילן האָט צוגעזאָגט, זי אים צו געבן פֿאַר אַ ווייב, אַז זי וועט אויסוואַקסן... דער־נאָך איז געקומען דער שונא און האָט געמאַכט פֿון אַלעמען אַ תל...

און כּדי צו באַווייזן, אַז דאָס איז דער אמת, וואָס ער זאָגט, האָט ער אויפגעוויזן מיט אַ סימן, וואָס זיין כּלה האָט געהאַט אויף דער לינקער האַנט.

מיט אַ שווער האַרץ האָט יחזקאל אויסגעהערט די ווערטער פֿון דעם פֿרעמדן יונגנמאַן. אָבער ער האָט פֿאַרשטאַנען דעם טיפֿן שמערץ, וואָס האָט געמוזט זיין אין זיין האַרצן, און באַלד האָט ער אויך געוואוסט, וואָס ער וועט טאָן.

מען האָט גענומען דעם יונגנמאַן אין אַ באָד אַריין און מען האָט אים אָנגעטאָן ריינע זאַכן. ווי זאָגט מען — ויגלח ויחלף שמלותיו. אלימלך האָט אויסגעטאָן זיינע טייערע קליידער און מען האָט זיי אָנגעטאָן דעם אָרעמען, וואָס האָט גאָר באַקומען אַ ניי פּנים.

און ווער איז געגאַנגען צו דער חופּה? נישט אלימלך, נאָר דער אמתער חתן. יחזקאל און זיין ווייב נחמה זיינען געווען די שושבינים. די חתונה איז טאַקע געווען די אייגענע, נאָר מיט דעם חילוק, אַז דער חתן איז נישט מער זיין זון, נאָר דער באַשערטער פֿונעם הימל.

אָט דאָס האָבן געקאָנט יידן פֿון אַמאָל!

# די צווייי ברידער

## אַ מעשה פֿון מדרש

עס איז פֿאַראַן אַ פּסוק אין חומש: שופך דם האדם באדם, דמו ישפך. פֿאַרטייטשט: ווער ס'פֿאַרגיסט דאָס בלוט פֿון אַן אַנדערן מענטשן אומזיסט און אומנישט, דער זאָל נישט שטאַרבן מיט זיין אייגענעם טויט. די טבע אַליין דערמאָנט אים זיין חוב. און כאָטש ס'קומט אַמאָל אויס, אַז אַ רוצח ווערט אַמאָל געראַטעוועט און גאָט שטראָפֿט אים ניט תיכף נאָך דער רציחה, ווייזט זיך דאָס נאָר אַזוי אויס, אָבער אין דער אמתן קומט שוין אַמאָל זיין צייט און ס'טרעפֿט אים די האַנט פֿון אייביקן ריכטער.

*

אין מדרש־רבה, צום חומש דברים לייענען מיר אָט אַזאַ מעשה: ס'איז געווען אַמאָל אין אַ דאָרף אַן אַלמנה, רות האָט זי געהייסן מיטן נאָמען, און זי האָט געהאַט פֿעלד און בהמות. און געאַרבעט האָבן ביי איר דינסטן און קנעכט. און זי האָט זיי גוט געצאָלט און טאַקע ניט געאַרבעט מיט זיי עבודת־פּרך, וואָרים זי איז געווען אַ מענטש מיט רעכטשאַפֿטקייט. דער יושר און די חיובים פֿון אַ מענטשן זיינען ביי איר געווען די אמונה. אין דער וועלט מוז זיין רעכט, פֿלעגט זי זאָגן, קיינער טאָר ניט קרימען דעם אַנדערן אויף אַ האָר, קיינער טאָר ניט אָוועקנעמען ביים אַנדערן, קיינער טאָר ניט אויפֿהייבן זיין האַנט אויף דעם אַנדערן... און האָט זיך אירס אַ קינד געקריגט מיטן קנעכט, און דער קנעכט איז געווען גערעכט, האָט זי ניט געקוקט אויף איר בלוט און פֿלייש. נושא־פּנים־זיין, אַפֿילו זיך אַליין, דאָס איז ביי איר ניט געווען. יאָ, אַזוינע מינים פֿרויען האָבן מיר געהאַט אַמאָל.

רות האָט געהאַט צוויי יינגלעך, איינער האָט געהייסן שמעון און דער אַנדערער האָט געהייסן יעקב. און זיי זיינען געווען די לעבעדיקע ירושה

פֿון איר מאַן. אַז איר מאַן האָט געלעבט, זאָגט מען, האָט זי געהאַט מיט אים אַ שווער האַרץ. — אָבער נאָר איינער פֿון די זין האָט געהאַט אין זיך די ווילדקייט פֿונעם פֿאָטער און דאָס איז געווען שמעון. דער ייִנגערער ברודער, יעקב, איז אויך ניט געווען קיין נעבעך, אָבער ער איז ניט געווען אַזאַ כּעסן ווי שמעון. שמעונס כּעס איז געווען למעלה־מן־הטבע. אים צו זען רייטנדיק אויפֿן פֿערד, צי אַרויספֿאָרן אויפֿן טוויג, האָט מען דערקענט, אַז דער כּעס קאָכט אין אים; אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער געטאָן מיט כּעס. יעקב האָט מורא געהאַט פֿאַרן ברודער, אָבער נאָכגעבן מיט רצון האָט ער ניט געקאָנט. אַ מענטש, וואָס טוט קיינעם ניט קיין עוולה, קאָן ניט פֿאַרטראָגן, אַז מען טוט אים אַן עוולה; אָבער שמעון איז געווען תּמיד דער תּקיף איבער אים, און וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער אויסגעפֿירט, און שלא־על־פּי־דין. גאַרניט, טו עפּעס. ווי אַזוי די מוטער רות האָט פֿון דעם געליטן, באַדאַרף איך אייך ניט דערציילן.

ויהי היום, האָבן זיך ביידע ברידער צעקריגט. זעכצן יאָר זיינען זיי שוין אַלט געוואָרן, דער איינער — פֿול מיט תּאוות און ליידנשאַפֿטן, די וועלט וואָלט ער געקאָנט פֿאַרשלינגען; דער צווייטער, ווי זאָגט מען, אַ ריינער מענטש, אַ כּשר בלוט. אויף איין זייט קין, אויף דער אַנדערער — הבל. און דאָס זיינען צוויי ברידער...

ווי געזאָגט, זיי האָבן זיך ביידע צעקריגט. ווער ווייסט, טאָמער איז דאָס גאָר געווען אַ פּוסטע זאַך און זיי וואָלטן געקאָנט צוריק שלום ווערן. אָבער מסתּמא איז באַשערט געווען, אַז שמעון זאָל אויסלאָזן זיין צאָרן. שמעון האָט אָנגעהויבן צו שעלטן זיין ברודער און דערנאָך אים צו שלאָגן; און אַז יעקב האָט זיך ניט געלאָזן, איז שמעון נאָך מער אַריין אין כּעס. ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ שאַרף מעסער פֿון בוזעם אַרויס און האָט עס אַריינגעשטאָכן זיין ברודער אין האַרצן אַריין.

יעקב האָט געגעבן אַ מוראדיקן געשריי און איז געפֿאַלן אויף דער ערד. און אַז די מוטער רות איז אַריינגעשפּרונגען פֿון דעם הינטערשטן חדר, האָט דאָס וואַרעמע בלוט פֿון דעם צעשטאָכענעם זון נאָך געשפּריצט. און דער רוצח איז אַנטלאָפֿן דורך אַן אָפֿענער טיר...

*

שטיל און מיט צוזאַמענגעביסענע ליפּן האָט די מוטער פֿון ביידע גענומען אַ ריין גלאָז, האָט עס אונטערגעשטעלט אונטער דאָס שפּריצנ־דיקע וואַרעמע בלוט פֿון דעם דערהרגעטן זון, עס איז געוואָרן פֿול.

דערנאָך האָט זי צונויפֿגערופֿן די מענטשן פֿון שטוב. מען האָט אויפֿגעהויבן יעקבן פֿון דער ערד, אים אויסגעטאָן די בלוטיקע קליידער, אים אָפּגעוואַשן און איינגעוויקלט אין אַ ווייס ליילעך. ער איז שוין געווען אַ טויטער.

געיאָמערט און געקלאָגט האָבן אַלע נאָך יעקבן. אַלע האָבן אים ליב געהאַט ווי אַן אייגן קינד, וואָרים ער האָט געהאַט אין זיך די טייערע מידות פֿון זיין מוטער און האָט קיינעם ניט געטאָן קיין עוולה. נאָר זיין מוטער האָט ניט געוויינט און ניט געקלאָגט. דאָס בלוט אין גלאָז איז געשטאַנען און האָט געזאָטן.

שטיל און אָן טרערן איז די מוטער געגאַנגען צו דער קבורה. דאָס גאַנצע דאָרף איז געווען ביי דער לוויה. באַגראָבן האָט מען אים נאָענט פֿון אַ בערגל.

און אויף דעם בערגל האָט רות געלאָזט אויפֿמויערן אַ טורעם פֿון שטיינער און אויבן אונטערן דאַך האָט זי געהייסן מאַכן אַ קליין חדרל, און אָט אין דעם חדרל האָט זי דאָס קאָכעדיקע גלאָז בלוט אַרויפֿגעבראַכט און האָט עס דאָרט אַנידערגעשטעלט.

עטלעכע פֿון אירע געטרייע קנעכט האָבן זיך געוואָלט לאָזן אויף דער וועלט, כּדי צו זוכן שמעונען, דעם רוצח, וואָס האָט אומגעבראַכט זיין ברודער, אָבער רות האָט דאָס ניט צוגעלאָזט. וואָס זי פֿלעגט טאָן, איז געווען איינס: איטלעכן טאָג, אַז זי האָט געענדיקט די אַרבעט פֿונעם גאַנצן טאָג, פֿלעגט זי זיך פֿאַרגנבענען און פֿלעגט אַרויסגיין אין חדרל פֿון טורעם. דאָרט איז געשטאַנען דאָס גלאָז מיט יעקבס בלוט און דאָס בלוט האָט שטענדיק געקאָכט, גלייך ווי ס׳קומט נאָר־וואָס פֿון אַ מענטשן.

שטיל פֿלעגט זי דאָרט זיצן און קוקן אויפֿן גלאָז און פֿלעגט קוקן דורכן פֿענצטערל ווייט איבערן דאָרף, גלייך ווי זי וואָלט דאָרט עמעצן געזוכט. דאָס פֿלעגט זי טאָן יעדן טאָג, זומער און ווינטער. עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ יאָר, דאָס צווייטע, דאָס דריטע. פֿון שמעונען הערט מען גאָרניט, און פֿאַמעלעך הויבן די מענטשן אָן צו פֿאַרגעסן וועגן אים און פֿון דער רציחה. רות האָט אָבער ניט פֿאַרגעסן און ניט אויסגעלאָזט איין טאָג, וואָס זי זאָל ניט אַרויפֿגיין אויפֿן טורעם, אַזוי גוט, ווי אַ פֿרומער ייד לאָזט ניט אויס קריאת־שמע. אַזוי זיינען אַוועקגעגאַנגען צען יאָר נאָך יעקבס טויט, און רות קומט אַלע טאָג צום טורעם, און דאָס בלוט קאָכט און זידט, גלייך ווי עס וואָלט געווען פֿון היינטיקן טאָג.

דרייצן יאָר זיינען פֿאַרגאַנגען. שטום האָט זי געטראָגן דעם צער אין האַרצן, אַזוי ווי מען טראָגט אַ סוד. מיט קיינעם האָט זי ניט גערעדט פֿון איר צער, אַפֿילו ניט מיט גאָט... דערצו איז זי געווען צו שטאָלץ.

אויפֿן פֿערצנטן יאָר, עס איז געווען אַ זומער־טאָג, דער הימל איז געווען בלוי, די לופֿט איז געווען ריין און פֿריש. רות איז אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן טורעם, ווי דער שטייגער אירער איז געווען, זי האָט געוואָרפֿן אַ בליק דורכן פֿענצטער, שלום ושלווה איז געווען אויף דער וועלט!

אויף איין מאָל האָט דאָס בלוט אין גלאָז אויפֿגעהערט צו קאָכן און עס איז געבליבן גאַנץ שטיל.

און ווי די שווער געפּרוואוווטע מוטער האָט דאָס דערזען, האָט זי אויפֿגעהויבן אירע הענט צום הימל און האָט געזאָגט: איך דאַנק דיר, ריכטער פֿון דער וועלט, וואָס דו האָסט געמשפּט. אַצינד ווייס איך, אַז מיין זון, דער רוצח, איז ניטאָ מער אויף דער וועלט.

און אַזוי איז טאַקע געווען. דעם אייגענעם טאָג און די אייגענע שעה, וואָס דאָס בלוט איז שטיל געבליבן, איז שמעון אין וואַלד דערהרגעט געוואָרן.

# דער עונש אָדער אַ נייע חולדה ובור

געווידמעט דעם נודד נצחי

## א

—יאָ עס איז דאָ אַ גאָט, ס׳איז דאָ גערעכטיקייט און מען משפּט אויבן, און אַלץ וואָס דער מענטש טוט דאָ אונטן, ווערט פֿאַרשריבן אין ספֿר־הזכרונות. סיי גוטס סיי בייז, ווערט דאָרט פֿאַרצייכנט און פֿאַרשריבן אין ספֿר־הזכרונות, און אַז ס׳קומט די צייט צו באַצאָלן, באַצאָלט מען. מילא, אַז דער מענטש זינדיקט לשמים, דאַוונט נישט צו דער צייט, צי עס פֿאַררוקט זיך אים דער תּפֿילין־של־ראש, צי ער טוט טאָקע אַן אמתע עבֿירה, ווי חילול־שבת, שטראָפֿט מען אַוודאי. דערפֿאַר אָבער, אַז מען טוט תּשובֿה, מען פֿאַסט, מען צעוויינט זיך ביי דער שמונה־עשׂרה, צי ביי אַ קאַפּיטל תּהילים, איז גאָט מוחל. ווי זאָגן די חכמים: גדולה תּשובֿה, תּשובֿה איז אַ גרויסע זאַך; מען בעט זיך איבער מיט דעם אויבערשטן, און פֿאַרשטאָפּט ווערט אויף אַמאָל דאָס מויל פֿון אַלע מקטרגים, וואָס האָבן גאָרנישט צו טאָן אויף יענער וועלט, ווי נאָר אַרויסצוזוכן כּל עוונות ופּשעים פֿון אַ מענטשן און אים מקטרג צו זיין. קעגן תּשובֿה האָט אַפֿילו דער שׂטן קיין שליטה נישט; און אַז גאָט זאָגט: איך בין מוחל פּלוני בן פּלוני אויף יענע און יענע זינד, וואָס ער האָט געטאָן, דערפֿאַר ווייל ער האָט זיך צוריקגעקערט צו מיר און האָט אין האַרצן חרטה, מוזן זיי, די מקטרגים, שווייגן און נאָכגעבן. אַזוי איז דאָס זינט גאָט האָט באַשאַפֿן דעם מענטשן, און אַזוי שטייט עס געשריבן אין די ספֿרים הקדושים...
און אַפֿילו אַז עס וואָלט נישט געשטאַנען אַזוי געשריבן, וואָלט דער שׂכל אַליין געקאָנט מחייב זיין, אַז אַזוי באַדאַרף עס צו זיין, אַז מען מוז קאָנען נישט־גוטס צוריק גוט מאַכן, וואָרים ווען חלילה נישט, וואָלט די וועלט נישט געקאָנט האָבן קיין שום קיום. דער מענטש האָט אַ יצר־הרע און ס׳ליגט שוין אַזוי אין דער טבע אַמאָל אַראָפּצוגיין פֿון דרך הטוב

והישר. וואָלט דאָס געווען אויף תמיד פֿאַרפֿאַלן, וואָלט מען נישט גע־קאָנט דאָס שלעכטס צוריק פֿאַרריכטן; איך פֿרעג אייך, וואָס וואָלט פֿון אונדז אַלע געוואָרן, בעוונותינו הרבים?

דאָס איז אָבער אַלץ גערעדט געוואָרן, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, אין עבירות לשמים. גאָט, וואָס האָט אַליין באַפֿוילן די מצוות, קאָן אויף זיין קריוודע מוותר זיין. דערפֿאַר אַליין איז ער טאַקע דער אל רחום וחנון. איז אָבער אַ מענטש עובֿר אויף אַן עבירה בין אָדם לחברו, טוט עמעצן שלעכטס, האָט נישט קיין רחמנות, וואו מען באַדאַרף צו האָבן רחמנות, רעדט רכילות און לשון־הרע, באַרגט ביי אַן אַנדערן געלט און וויל נישט באַצאָלן, אָדער איז עמעצן מבזה און איז אים שופֿך־דמים, צי גאָר חלילה טשעפּעט זיך מיט אַן אַלמנה, צי מיט אַ יתום — דאָס איז, רבותי, קיין קאַטאָוועס נישט; אין די זאַכן איז גאָט אַ מזמיר, מוראדיק, און דאָ איז נישט פֿאַראַן ביי אים קיין סליחה און קיין מחילה נישט, ביז מען האָט יענעם נישט איבערגעבעטן און ניט אָפּגעווישט די עוולה; איר מעגט צוויי פּאָר תפֿילין לייגן, דאַווענען ווי אַ ייד, און מקיים זיין אַלע מצוות, העלפֿט דאָס אַלץ נישט, אויב אַ מענטש האָט עפּעס אין האַרצן קעגן אייך. ווי זאָגט דער נביא: למה לי רוב זבחיכם? וואָס טויג מיר אייער פֿרומקייט און אייער לערנעכץ, אַז נאָר איין מענטש האָט זיך אויף אייך צו באַקלאָגן.

רעכנט דער מענטש זיין חשיבות קעגן דעם הימל און וויל זיין אַ מיוחס און זיך גאָר איבערנעמען אויף אַ ווײַלע, האַקט מען אים אָפּ די פֿליגלען: ווער ביסטו און וואָס ביסטו מיט דיין גדלות? יסודך מעפֿר וסופֿך לעפֿר! פֿון שטויב ביסטו און שטויב וועסטו ווערן. טוט אָבער אַ מענטש שלעכטס קעגן אַן אַנדערן מענטשן, איז דאָס אַן אַנדער חשבון. איטלעכער מענטש, אַפֿילו דער מינדסטער, יאָ דער פּחות שבפּחותים איז ביי גאָט אַזוי חשוב, אַז ער קאָן, אויב מען האָט אים שלעכטס געטאָן, אַ גאַנצע שטאָט חרוב מאַכן פֿאַר זיינעטוועגן; און אַז די גאולה קומט און משיח שטייט שוין פֿאַר דער טיר און אָט־אָט דאַרפֿן אַלע יידן דערלייזט ווערן, און איין אַלמנה לאָזט אַ טרער, דערפֿאַר, וואָס מען האָט איר געטאָן אַן עוולה, קומט די איין טרער פֿאַרן כסא־הכבוד, און גאָט הייבט זי אויף צו זיך און קוקט אויף איר און זאָגט, משיח זאָל זיך אומ־קערן אין זיין מקום אַריין, דער דור איז נישט זוכה, ער מוז נאָך לאַנג, לאַנג בלייבן אין גלות...

## ב

פֿאַרצייטן האָט געלעבט אין אַ שטאָט אַן אַלמנה מיט דריי מיידלעך, און אַלע זיינען זיי געווען שיין. נאָר געלט האָט זי צו זיי נישט געהאַט. גאַנץ אָרעם איז זי אַפֿילו ניט געווען, וואָרים זי האָט געהאַט אַ קליינע ישטוב מיט דעם רעשט פֿון אַ מעמד, אָבער דאָס איז נאָך ווייט פֿון אַ קליין זעקל גאָלדענע רענדלעך. און אויך יענע יאָרן האָט מען נישט גע־קאָנט אויסגעבן אַ מיידל אומזיסט, נישט אָפּצוציילן אויפֿן טיש הונדערט רענדלעך, צי כאָטש פֿופֿציק. — אָט דאָ איז איר אָבער באַשערט געווען אַ גליק, צו טאָן אַ שידוך מיט דעם עלטערן מיידל, און אַ גוטן שידוך. דער חתן איז געווען אַ ייִנגל פֿון לערנען און פֿון אַ גוט הויז און ווייל זיין פֿאָטער איז יונג געשטאָרבן, איז ער צו אַכצן יאָר שוין געווען סאַמאָסטאָיאַטעלנע.* אוודאי האָט זיך די אַלמנה זייער געפֿרייט און דאָס מיידל אויך אין האַרצן. — יוגנט! אַז זי האָט אויף איינמאָל אין ווערמען צו טראַכטן און ווערמען זיך אויסצומאָלן...

ס'איז שוין געווען אַוועקגעגאַנגען אַ פּאָר חדשים נאָך די תנאים. מיטאַמאָל האָט זיך דער חתן מיישב געווען און האָט אָפּגעלאָזט דעם שידוך. פֿאַר וואָס האָט ער דאָס געטאָן? האָט זיך אים געטראָפֿן אַן אַנדער שידוך, צי אַ קרובס אַ מיידל? ווער קאָן דאָס וויסן, ווער קען זיך גיין אָנגעדענקען אַלץ, וואָס מען האָט געטאָן יונגערהייט?

די נייע כלה איז געווען אַ וואויל מיידל און אַ שטילע, און נאָך דער חתונה האָט ער מצליח געווען מיט איר, און האָט פֿאַרגעסן אַז יענער אַלמנה, אַז זי האָט געהאַט אַ טאָכטער... און דער חידוש איז, אַז זרח — אַזוי האָט ער געהייסן — איז געווען אַ מענטש מיט אַ האַרץ און אַן ערלעכער, וואָס האָט קיינעם נישט געקרימט אַ האָר, צי גאָר גע־טאָן עמעצן אַן עוולה. און ער איז טאַקע געוואָרן דער איש חשוב ונכבד בין הבריות, און מיט צירלען זיין ווייב האָט ער געלעבט בנעימות גוט און פֿיין, אין אַלעם וואָס זרח האָט געטאָן, האָט ער מצליח געווען, ער איז געוואָרן אין אַ קורצער צייט אַן עושר און האָט זיך אויפֿגעבויט אַ הויז. צירל זיין ווייב האָט געהאַט אַ שם פֿאַר אַ דימענט, און זי האָט טאַקע ניט אַוועקגעלאָזט קיין אָרעמאַן און קיין הונגעריקן, איידער זי האָט אים נישט געגעבן צו עסן און צו טרינקען. אַזוי האָבן ביידע גע־

---

* זעלבסטשטענדיק.

לעבט גליקלעך, און ס'איז געווען שיין פאַר גאָט און פאַר לייט. וואָס וואָלט זייביידע געפעלט? אָבער ווי זאָגט דער פסוק: ויהי ערב ויהי בוקר! דאָרט וואו ס'איז דאָ ליכט, איז דאָ פינצטערניש. ס'איז שוין אַזוי אין דער וועלט, אַז גאָלע גוטס איז נישטאָ, אַזוי האָט אויך ביי זרחן און ביי צירלען געמוזט זיין אַ שטן אין זייער לעבן.

אַז ס'איז אַוועקגעגאַנגען דאָס ערשטע יאָר נאָך דער חתונה, איז זיי געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע קינד, אַ יינגל. און ס'איז געווען ששון־ושמחה מיט אַ קריאת־שמע־לייענען פאַר קינד און קייט; אויפן ברית האָט מען גערופן די גאַנצע שטאָט און מ'האָט אַראָפּגעבראַכט קלעזמער, ווי אויף אַ חתונה, און דאָ אין מיטן דער סעודה, אַז דער עולם האָט געהאַלטן אין איין עסן און טרינקען און זרחס פנים האָט געלויכטן, קוקנדיק אויף זיינע געסט, וואָס האָבן אים געוואונטשן גליק, אים און זיין זון, לויפט אַריין די באָבע מיט אַ געשריי: קומט אַהער צום קינד, מיט דעם קינד איז אויס!... און אַז זרח איז אַריינגעפאַלן אין חדר, וואו דאָס קינד איז געלעגן, האָט ער עס געפונען טויט. גאָרנישט, נאָר ווי אַן אויסכאַפּעניש!...

אין אַ יאָר אַרום איז זיי געבוירן געוואָרן דאָס צווייטע יינגל, און זרח און צירל האָבן געדאַנקט גאָט, וואָס האָט זיי אַזוי גיך באַצאָלט דעם טויט פונעם ערשטן קינד. ווידער האָט מען געמאַכט גרויסע הכנות צום ברית. און אין מיטן דער סעודה האָט מען ווידער דערהערט אַ געשריי, און אין אַ שעה אַרום איז שוין דאָ דער קברות־ייד... און אַז דאָס דריטע קינד איז געקומען אין אַ יאָר אַרום, האָט מען אָפּגעלייגט דעם ברית, טאָמער מתו אחיו מחמת מילה, אָבער דאָס האָט גאָרנישט געהאָלפן און אויך דאָס קינד איז געשטאָרבן אויף דער נאַכט. אַז די מוטער איז שוין געווען אַנטשלאָפן געוואָרן, און געוויינט האָט מען דאָס מאָל, ווי נאָך אַ גרויסן.

און אַז ס'האָט געזאָלט קומען דאָס פערטע קינד איז מען שוין געווען אַ חודש פריער מרה־שחורהדיק. און צירלען האָבן זיך געחלומט בייזע חלומות. אַמאָל האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן און האָט געהערט, ווי טויטע קינדער שרייען נאָך דער מוטער... זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז געווען ווי צעמישט. זרח האָט געמוזט אַראָפּגיין פון זיין בעט און אָנצינדן אַ ליכט. וואָס מ'האָט איבער־געטאָן קאָנט איר זיך אויסמאָלן: וואו אַ מזוזה, האָט מען דורכגעזען און

אַלץ בודק געווען: די אויוונס, די שוועלן, און תשובה געטאָן און זיך אויסגעוויינט פֿאַר גאָט, און צדקה געטאָן און נדרים, געגעבן ליכט אין שול אַריין און געלאָזט מאַכן אַ נייעם פּלויט אַרום דעם פֿעלד, כּדי גוט צו מאַכן די מתים — עפּעס ביי יידן זיינען פֿאַראַן קאַרג עצות?

און דער סוף איז געווען, אַז דעם האָט גאָט אויך צוגענומען. אַפּנים, מען האָט זיך דאָרט איינגעשפּאַרט... זרח און צירל גייען אַרום טרויעריק, צו דעם קלאָגן איז מען שוין געוואוינט. און אַז מען האָט זיך אַנידערגע־זעצט צום טיש, האָט זיך קיינער נישט דערוועגט אויפֿצוהייבן דעם קאָפּ, אַזוי איז געווען דער ווייטיק גרויס. צירל האָט זיך געטראַכט, אַז ס׳וואָלט געווען בעסער, אַז זי וואָלט גאָר קיין קינדער נישט געהאַט, און זרח האָט אַפֿילו נישט געהאַט אַזוינע געדאַנקען, אָבער עס האָט אים געריסן דאָס האַרץ קוקנדיק אויף זיין ווייב, ווי אַזוי זי איז זיך מצער. דערווייל איז מען אַ טרוד, מ׳מוז אין זינען האָבן אַנדערע זאַכן מיט אַרענדעס און קוויטעס, יענע יאָרן ביי די מלכי רוסיה ופולין! און אַזוי איז צירל ווידער פֿאַרגאַנגען אין טראָגן, און אַז זרח האָט זי אַ פֿרעג געטאָן, לאָזט זי אַרויס אַ געוויין. זאָגט איר נישט דאָס האַרץ, אַז דאָסמאָל וועט ווידער אַלץ זיין לבטלה? וואָס מאַטערט מען זי אומזיסט? אַ לעבן! אַרומגיין ניין חדשים און זיך זאָגן: דאָס קינד וואָס דו וועסט האָבן, וועסטו נישט דערלעבן צו דערציען, מען נעמט עס אַוועק ביי נאַכט צו ניין טעג, און דו שטייסט און קאָנסט ניט העלפֿן. וואָלט עס כאָטש געווען קראַנק, איך ווייס מען טוט עפּעס, מען רופֿט דאָקטוירים. אָבער אַזוי געבן אַ מאַמען אַ קינד אויף דער דעה עס אַוועקצונעמען, וואָס פֿאַר אַ האַרץ מוז מען האָבן דערצו? און דער אויבערשטער איז דאָך אַ רחום־וחנון! נעכט האָט זי נישט געשלאָפֿן און האָט אַלץ געטראַכט, ווי וועט דאָס זיין מיטן פֿינפֿטן קינד, דאָסמאָל מוז דאָס לעבן, זי וועט נעמען דאָס קינד און וועט קומען פֿאַרן ריבונו־של־עולם אַליין...

און אַז זי איז געלעגן געוואָרן, האָט מען אַלע פֿענצטער פֿאַרהאָנגען, נישט צוגעלאָזט קיין דעך, וואו אַ ווינקל האָט מען צוגעקלעבט שיר־המעלותן און צעטלעך און קמיעות. פֿרומע יידן זיינען געזעסן גאַנצע נעכט און האָבן געלערנט משניות, מקבלים האָבן געזאָגט תהילים שטי־לערהייט און דאָסמאָל שלא־על־מנת־לקבל־פּרס, איטלעכן האָט ווייגע־טאָן דאָס האַרץ, קוקנדיק אויף דער אומגליקלעכער מוטער.

און טויט, טויט, טויט! אויפֿן ניינטן טאָג! נאָך פֿאַר אַ שעה האָט עס די מוטער גענומען צו דער ברוסט, עס ליגט דאָ איינגעוויקלט אין ווייסן קישעלע און קוקט מיט די אייגעלעך. און פּלוצים אַ דעכל, און זיי זיינען געשלאָסן אויף אייביק. דער מלאך־המוות מוז האָבן אַ האַרץ ווי אַ שטיין.

אָז נבהלו זרח וצירל אשתו, דאָס מאָל האָט זיך זרח און זיין ווייב צירל שטאַרק דערשראָקן און אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס איז אַן עונש מן השמים. אָבער קיינער האָט נישט געוואוסט צו געפֿינען דעם חטא. פֿאַרלאָזט האָט זרח זיינע עסקים. צו וואָס טויג אים דאָס גאַנצע עשירות, אַז גאָט האָט אים אַזוי געשטראָפֿט? און צירל האָט שוין גאָר־נישט געוואוסט וואָס צו טראַכטן, קיין טרער איז נישט אַרויס מער פֿון אויג, ווי פּעק זיינען זיי געלעגן די אויסגעוויינטע תחינות פֿון פֿריער — וואָס האָבן זיי געהאָלפֿן? וואָלט ביי איר געווען דער צער פֿון טראָגן גרויס, צי וואָלט איר דאָס האָבן אָנגעקומען שווער — ניין, מוז איר אַלץ זיין לייכט און גרינג, כּדי צו דערלעבן שפּעטער אַזאַ צער... אַז דו האָסט שוין צוגענומען דאָס ערשטע, האָט זי געדופֿן צו גאָט, וואָס טויג דיר נאָך דאָס צווייטע און אַלע זיינע ברידער?

און ווי איך שרייב אָט די שורות, ווייס איך, אַז ס'וועלן קומען מענטשן און וועלן דאָס לייענען און וועלן פֿרעגן: אלה הצאן מה חטאו? וואָס זיינען שולדיק די קליינע נפֿשותלעך, אַז גאָט זאָל זיי צונעמען אַזוי גיך פֿון דער וועלט? און איך אַליין פֿרעג דאָס אויך בשעת־מעשה. אָבער תּיכף גיב איך מיר צוריק אַ פֿרעג: וכי חשוד קודשא־בריך־הוא ליעבד דינא בלא דיינא? איז דען גאָט דער שופֿט־רמים, וואָס קוקט אויף צדק ומשפּט, חשוד צו נעמען מענטשן און זיי שטראָפֿן אומזיסט און אומנישט? איך בעט אייך, לייענט ווייטער. —

## ג

צו דער צייט האָט אָנגעהויבן נתפּסם צו ווערן ביי יידן דער חוזה. רבי יצחקל לובלינער, איינער פֿון יענע גרויסע לייט, וואָס איז אַפֿילו געווען אַ חידוש ביי צדיקים מיט זיין צדקות און מיט זיין עבודה און מיט זיין נאָענטקייט צו גאָט. און געזען האָט ער וואָס ס'טוט זיך אויף הונדערטער מייל ווי אַן אמתער נביא, און אַז ער האָט אויפֿגעהויבן די ברעמען און האָט אַ קוק געטאָן אויף אַ מענטשן, האָט ער געוואוסט, וואָס

ס'האָט זיך מיט אים געטאָן און וואָס ס'וועט מיט אים זיין, און דערפֿאַר האָט מען אים טאַקע גערופֿן דער חוזה, דער זעער....

ווי זרח האָט דערהערט פֿון אים דערציילן די ניסים און נפֿלאות, איז ער צוגעטראָטן צו זיין ווייב צירלען און האָט צו איר געזאָגט: צירל־לעב, הער אויף צו וויינען, איך וועל אַריבערפֿאָרן קיין לובלין צום חוזה, און ער וועט גאָט בעטן פֿאַר אונדז און וועט אונדז העלפֿן. ס'שטייט דאָך געשריבן: היד אלהים תקצר? גאָט וועט אונדז ניט פֿאַרלאָזן און וועט זיך סוף־כל־סוף אויף אונדז מרחם זיין. אָוודאי האָט אים צירל געגעבן רשות; און אַז ס'איז געגאַנגען די ערשטע בויד קיין לובלין, האָט ער זיך אַריינגעזעצט און איז אָוועקגעפֿאָרן.

דעם גאַנצן וועג איז זרח געווען אומעטיק און ער האָט אַלץ גע־טראַכט, ווי אַזוי טרעט מען פֿאַר אַ צדיק, און ווי הויבט מען אָן אים אַלץ צו דערציילן פֿון אָנהויב אָן, אָבער דער בטחון האָט אים מחזק געווען. אין אַ פֿרייטיק אינדערפֿרי האָט זיך באַוויזן פֿון וויטן די שטאָט לוב־לין. זרחס האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן און ער האָט גע־טראַכט, ווי אַזוי וועל איך געפֿינען אַן ענטפֿער אויף מיינע שאלות וספֿקות. אָנגעקומען אויף דער אַכסניה, האָט ער זיך גלייך איבערגעטאָן, געגאַנגען אין וואָסער אַריין און זיך געשטעלט דאַווענען: ער האָט גע־בעטן צו גאָט, ער זאָל אים העלפֿן אויסגלייכן אין זיך איטלעכס קנייטשל און האָט זיך שטאַרק מכין געווען צום קבלת־פּנים פֿונעם גרויסן רבין. עפּעס איז אים אויסגעקומען אויפֿן וועג צום חוזה, אַז ער קומט איצט פֿאַרן כהן־גדול, און טאָמער גיט ער אים גאָר אַ פֿרעג, פֿאַר וואָס ער האָט ניט געבראַכט קיין קרבן...

ויהי בצעדו על סף משכן בית הצדיק, און ווי ער האָט באַטראָטן די שוועל פֿון רבי ר' יצחקל און האָט געזען זיצן אויפֿן שטול דעם רבין מיט דער לאַנגער זילבערנער באָרד און אָנגעטאָן אין ווייסן, ותוארו כתואר פני אלהים, און דאָס פּנים האָט געשיינט ווי ביי אַ מלכות, אַז מען האָט געזען בחוש, אַז די שכינה רוט אויף אים, איז אויף אים געפֿאַלן אַן אימה ופחד. ער איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל און האָט ניט געקאָנט אַ טרעט טאָן ווייטער. דער חוזה האָט זיך אָבער אויפֿגעהויבן פֿון שטול, איז צוגעגאַנגען צום אורח, האָט אים געגעבן שלום און האָט צו אים געזאָגט: איך ווייס, דו הייסט זרח און דו קומסט צו מיר וועגן אַ שווער האַרץ פֿון קינדער. פֿאָר אַהיים תיכף נאָך שבת און צעטייל דיין געלט

אויף דריי חלקים, איין טייל גיב אַוועק פֿאַר אָרעמעלייט, דעם אַנדערן טייל לאָז איבער דיין ווייב און דעם דריטן טייל בייט אויס אויף ר״ענד־לעך און נעם דאָס מיט דיר אין וועג אַריין. און דו אַליין לאָז זיך אַוועק אין דער וועלט, גיב לעת־עתּה פֿונעם געלט נישט אויס, גיי פֿון שטאָט צו שטאָט, און זוך און פֿרעג, ביז דו וועסט עמעצן געפֿינען, וואָס וועט דיר זאָגן די סיבה פֿון דיין עונש; און אַז גאָט וועט דיך דערהערן, און ער וועט דיר מוחל זיין, ונסלח לך, וועט פֿון דיר אַראָפּ־גענומען ווערן דער גוזר־דין און דו וועסט האָבן אַ זרע־של־קימא.

ויהי כשמוע זרח את הדברים האלה, און אַז זרח האָט דערהערט די דאָזיקע ווערטער, איז ער געפֿאַלן דעם חוזה צו די פֿיס, און האָט אָנגעהויבן צו וויינען: רבי, האָט ער געזאָגט, טוט מיט מיר אַלץ, וואָס איר ווילט, גיט מיר אַרויס אַ תשובה, אָבער זאָגט מיר נאָר איינס: וואָס האָב איך געזינדיקט, אַז גאָט האָט מיך אַזוי געשטראָפֿט?

רבי יצחקל האָט אָבער אויפֿגעהויבן נאָך אַמאָל זיינע ברעמען און אַ קוק געטאָן אויף זרחן און געזאָגט: איך האָב דיר שוין געזאָגט, וואָס דו האָסט צו טאָן, פֿאָר אַהיים און פֿאָלג מיך, גזרה היא מלפֿני! אַזוי איז אויף דיר נגזר געוואָרן.

וישב זרח בפחי־נפֿש, און זרח איז אַוועקגעפֿאָרן אַהיים מיט אַ שווער האַרץ. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער חוזה האָט ניט געמיינט אַ זוכן אויף אַ פּאָר חדשים; ווער ווייסט, ווי לאַנג דאָס קאָן געדויערן, דער גאַנצער ענין איז אים אויסגעקומען ווי אַ שווערער חלום. האָט ער חס־וחלילה נושא־ונותן געווען שלא באמונה? האָט ביי אים איבערגענעכטיקט יענעמס אַ פּקדון איבער דער צייט? האָט ער אַמאָל מפֿסיק געווען ביים דאַווענען, וואו מ'טאָר נישט מפֿסיק זיין? האָט ער חס־ושלום פּוגע געווען אין עוונות, וואָס ער היט זיך פֿאַר זיי ווי פֿאַר פֿייער? וואו ער זוכט, זעט ער ניט פֿאַר וואָס עס קומט אים דער גלות.

ויהי כבואו לביתו, און אַז זרח איז געקומען אַהיים און האָט אַלץ דערציילט צירלען, וואָס דער חוזה האָט אים געזאָגט, האָט צירל זיך גאָרנישט דערשראָקן, און ערשט אַצינד האָט ער געזען, אַז זי האָט די אמתע אמונת חכמים און דעם גרויסן בטחון. דאַנק דאָך גאָט, זרח־לעב, האָט זי געזאָגט, אַז ער האָט דיר צוגעשיקט דעם געדאַנק צו פֿאָרן צום צדיק. טו, וואָס דער צדיק האָט דיר געזאָגט, גרייט זיך צו אין וועג אַריין, און אַז ס'וועלן אַפֿילו אַוועקגיין ימים־ושנים, וועל איך

נישט קלאָגן ביי גאָט; איך וועל זיצן און וואַרטן און וועל אים בעטן ער זאָל דיר שיקן אָט דעם, וואָס דו באַדאַרפסט געפינען. ווי שטייט עס אין טייטש־חומש: קווינו להי! מיר מוזן האָפן צו גאָט און זיך פאַר־לאָזן אויף אים.

צירלס רייד האָבן זרחן מחזק געווען, ער האָט געזען, אַז זי איז גערעכט. און אַז זי הייסט אים אַצינד גיין, האָט ער אָנגעהויבן צו פאַר־שטיין, אַז די אמהות שרה, רבקה, רחל ולאה זיינען נישט געווען קטלי־קניא באגמא; און אַז זייער צדקות און צניעות האָט די אָבות אַ סך געהאָלפן. ער האָט זיך גענומען איינשטעלן די מסחרים, האָט באַצאָלט די חובות, צוריקגעגעבן די פקדונות און אַלץ, וואָס אים איז געבליבן, האָט ער צונויפגעלייגט אינאיינעם און האָט דאָס צעטיילט אויף דריי גלייכע חלקים, איין חלק האָט ער אָוועקגעגעבן אויף אָרעמע־לייט און אויף כלל־זאַכן, איין חלק האָט ער געלאָזט צירלען לצרכה, און דעם דריטן חלק האָט ער אויסגעביטן אויף גאָלדענע רענדלעך און מיטגענומען מיט זיך אין וועג אַריין.

ד

ס׳איז געווען תחילת זומער. אַז ס׳האָט נאָר אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, איז זרח אויפגעשטאַנען, האָט זיך געוואַשן, אָנגעטאָן אַן אַלט בגד, געמאַכט די ברכות פון השכמת־הבוקר און שטילערהייט, כדי ניט צו וועקן צירלען און איר ניט אָנטאָן דעם צער פון פרידה, האָט ער גענומען דעם שטעקן אין האַנט אַריין און דאָס קלימעקל אויף די פּלייצעס, אַ קוש געטאָן די מזוזה און וישם לדרך פעמיו, און זיך גענומען גיין אין וועג אַריין. אין שטאָט האָט מען נאָך ס׳רוב געשלאָפן, נאָר איינצלנע משכימים, וואָס האָבן באַדאַרפט מעלקן די קי און זיי צו טרייבן אין טשערעדע אַריין, זיינען געשטאַנען פאַר די הייזער, אשה ובהמתה, ווי ס׳וואָלט שוין מקוים געוואָרן ישעיה הנביאס רייד, אַז מענטשן וועלן דינען דעם בורא אינאיינעם מיט די באַשעפענישן, וואָס זיי איז נישט געגעבן דער כוח־הדיבור...

צוויי וועגן זיינען געגאַנגען פונעם טויער פון שטאָט, איינער קיין צפון און איינער קיין דרום. זרח האָט אָבער געוואוסט, אַז פון איצט אָן איז גלייך וואוהין ער גייט. און אַזוי איז ער געגאַנגען, וואו די פיס האָבן אים געטראָגן. עפעס גאָר ווי אַן אַנדער מענטש האָט זיך זרח געפילט; ער איז נישט מער דער גרויסער סוחר, וואָס נאָך מיט עטלעכע טעג

צוריק איז ער געווען אריינגעטאָן אין מסחרים. ער גייט ערשט אַ האַלבע שעה צי אַ שעה, אפשר איז ער אָפּגעגאַנגען אַ מייל, אָבער ס׳קומט אים אויס, אַז די שטאָט איז מוראדיק ווייט פון אים. ער זעט נאָר פעלדער, וואָס זיינען געאַקערט אויף תבואות און עס הויבט אָן צו וואַקסן, און זיי ציען זיך גאָר אָן אַ סוף.

אָנגעקומען צו דער ערשטער קרעטשמע, האָט זיך זרח אַנידערגע־שטעלט דאַווענען אָן העוויות, ווי אַ פשוטער ייד, זיך געוואַשן, גענומען צו זיך פּיסנע ברויט און געגאַנגען ווייטער, זיך ניט מער אָפּגערוט; די זון האָט אָנגעהויבן צו בראָטן, טראָפּנס שווייס האָבן זיך געגאָסן פון זרחס שטערן און ער איז אַלץ געגאַנגען, נישט געטראַכט פון דעם, וואָס איז געווען און פון דעם, וואָס וועט זיין, גאַרנישט, אַ ייד מיט אַ קלימעקל, וואָס האָט אויף זיך גענומען דעם עול.

ויהי לפנות ערב, אַז ס׳איז געוואָרן פאַרנאַכט, איז ער אָנגעקומען אין דער ערשטער שטאָט. גאַרנישט קענטלעך איז זי אים געווען, כאָטש זי האָט געמוזט ליגן אין דער טביבה. אין פּאַליש פון אַ בית־מדרש האָט ער געדאַוונט מנחה ומעריב; און אַז דער עולם האָט אָנגעהויבן זיך צו צעגיין, האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקעלע, געשלאָפן איז ער אויף אַ באַנק, דעם קלימעק צוקאָפּנס.

און דאָס מאָל האָט זיך נאָך געטראָפן גוט, וואָרים אויף דער אַנ־דערער נאַכט, שוין אין אַ צווייטער שטאָט ווייט פון יענער, אַז ער איז געווען טויט מיד און האָט זיך געוואָלט אַנידערלייגן אָפּרוען, איז גע־קומען אָן אַנדער אָרעמאַן און האָט אים אָוועקגעשטויסן, וואָרים ס׳איז זיין פּלאַץ... אַמאָל איז טאַקע דער שמש אַליין געווען דער רשע, וואָס האָט נישט געלאָזט אַ יידן נעכטיקן אין בית־מדרש... און אַז ער האָט שוין יאָ גענעכטיקט, האָט זיך נישט איין מאָל געטראָפן, אַז אָן אַנדערער האָט געגנבעט אַ לייכטערל פון העגנגלייכטער, און אויף אים האָט מען אויס־געטראַכט דעם בילבול, און ווייסע חברה האָבן אים געמאַטערט און גע־שלאָגן, ער זאָל זיך מודה זיין אויף דאָס, וואָס ער האָט נישט געטאָן; זרח האָט אָבער אויף זיך מקבל געווען די יסורים באַהבה, ויתן את לחיו למורטים, און האָט זיך געלאָזט וויי־טאָן און מכניע זיין...

און אַזוי גייט מען פון שטאָט צו שטאָט, פון איין מקום צום אַנדערן, דער זומער איז אַוועקגעגאַנגען און ס׳איז געקומען דער ווינטער מיט זיינע קעלט און נעץ, אָבער ולא עצרהו השלג, ס׳האָט אים נישט אויפּ־

געהאַלטן; אַ ייד געוואוינט זיך צו אַלעמען... נישט איין מאָל איז אים אויסגעקומען צו נעכטיקן אויפֿן פֿרייען פֿעלד; נישט איין מאָל האָט זיך געטראָפֿן, אַז ער איז דורכגעגאַנגען אַ דאָרף, זיינען אים באַפֿאַלן הינט און האָבן אים אָפּגעריסן אַ פּאָלע, צי שקצים האָבן אים נאָכגעוואָרפֿן שטיינער, און להיפּך, האָט זיך אים גאָר באַגעגנט אַ דיאַק און האָט אים אָנגעהויבן צוצורײדן, ער זאָל זיך שמדן און צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, — אים איז געווען אַלץ איינס ולא פנה ימין ושמאל, ער האָט זיך ניט אָפּגעקערט פֿון זיין רצון אויף אַ האָר. געגאַנגען איז ער אַלץ ווייטער, וואָס איז אים אַ מניעה? וואָס איז אים, אַז ער קומט אָן אין אַן אָרט, וואָס מ'דאַרף די מענטשן נישט גלויבן אויף כשר, און ער מוז זיך באַגנוגענען מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט? וואָס זיינען אים אַלע עכּובים פֿון דער וועלט? זרח אין דער היים איז, דאַכט זיך, געווען אַן אָפּגעהיטער און ביי זיין צירלען אַ שטיק בן־יחיד, אָבער אַז ער האָט גענומען די טאָרבע אויף די פּלייצעס און דעם שטעקן אין האַנט אַריין, איז אין אים אַריינגעקומען אַ נייער כּוח. ווי זאָגט דער פּסוק: ואפיצכם בגוים! און איך וועל אייך צעשפּרייטן אונטער די פֿעלקער, ועברתם אל גוי וממלכה אל ממלכה, און איר וועט גיין פֿון איין פֿאָלק צום אַנדערן און פֿון מדינה צו מדינה. זאָגט איר גלות אָפּריכטן, מוז מען אָפּריכטן, מוז מען אָפּקומען פֿאַר אַ זאַך, זאָל מען אָפּקומען; אַ ייד איז קיין שני־למלך נישט, כאָטש ער קומט אַרויס פֿון אַברהמען.

## ה

אַזוי איז ער אויסגעווען אַלע גרויסע מקומות און אַלע גרויסע יאַרידן. און אין איטלעכער שטאָט, וואוהין ער איז געקומען, האָט ער אַלץ געזוכט און געפֿאָרשט, טאָמער טרעפֿט זיך עפּעס, טאָמער באַגעגנט ער אַ מענטשן, וואָס וועט אים זאָגן, וואָס ער זאָל טאָן. אָבער ס'פֿאַרגייט איין יאָר, דאָס צווייטע, דאָס דריטע און ער געפֿינט אַלץ נישט, וואָס ער זוכט. מ'ווערט אַ ביסל גרוי פֿון נע־ונד־זיין, און מ'גייט אַלץ ווייטער. לא כהתה עינו ולא נס לחו, נישט אַ פּיפּס האָט ער געטאָן, אַז דער וועג ווערט אַלץ שווערער, און אַמאָל, אַז ס'קומט דאָך אָן אַנדער געדאַנק, מען טוט אַ בענק אַהיים, — באַדאַרף ער זיך נאָר דערמאָנען דעם חוזהס צורה, ווי אַזוי ער שטייט און הייבט אויף די ברעמען און קוקט אים אָן, אַז ס'דערגייט ביז אין האַרצן אַריין. און אַמאָל גיט מען גאָר אַ טראַכט פֿון

כלל־ישראל, פֿון משיחן און פֿון די צדיקי־הדור. אַ קליין חוקל האָט זיך זרח מיטגענומען אין וועג אַריין, און האָט דאָס געהאַלטן אינאיינעם מיטן טלית־און־תּפֿילין, און אַז ער ווערט מיד אין מיטן וועג, זעצט ער זיך אַנידער אויף אַ שטיין, נעמט אַרויס דאָס ספֿרל, וואָס פֿון דער גאַנצער תּורה און די חכמים ביז צום רמב״ם און שפּעטער איז אַלץ פֿאַראַן אין אים, אַלץ צו שטיקלעך און אַלץ אויף דער פּרשה, און הויבט אָן צו קוקן אין אים; און וואָס דאָ שטייט געשריבן, איז פֿאַר אַלע מענטשן, וואָס זיי זיינען דאָ אויף דער וועלט און צו אַלע ציטן, און אַמאָל ר׳עדט דאָס ספֿרל טאַקע צו אים אַליין, צו זרחן... ס׳רעדט פֿון מוסר און עבֿודת־הבורא, און פֿון מצוות און עבֿירות, און פֿון דעם, אַז דער מענטש איז נידעריק און אַז ער וויל, קאָן ער זיך דערהויבן...

זאָ לויפֿט אַ טשערעדע קי איבערן וועג און זיי שלאָגן מיט די פֿיס, אַז ס׳גייט אַ פּאַרעך. זרח הייבט זיך אויף, גייט צו אַ קרעניצע, וואַשט זיך די הענט און שטעלט זיך אַנידער דאַווענען מנחה.

אַזוי זיינען פֿאַרגאַנגען זעקס יאָר!

אָבער לא לעולם חוסן, אויך די פֿרומסטע נשמה איז נישט פֿון אייזן, און ס׳איז געקומען דאָס זיבעטע יאָר און זרח גייט אַלץ און גייט, און נאָך איז קיין עק נישט, ער איז אָפּגעגאַנגען הונדערטער מיילן ולא מצא כלום, און אין קיין שום אָרט האָט זיך נישט באַוויזן אַ מענטש, וואָס זאָל אים זאָגן דעם טעם פֿון זיין גיין... דאָס חוקל האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק אָפּצוניצן, אַז זרח האָט אין אים אַריינגעקוקט, זיינען פֿון אים געפֿאַלן די בלעטער. זרח האָט דאָס געהאַלטן צוגעבונדן מיט אַ שטריקל... אַז ער פֿלעגט איצט מיד ווערן, האָט ער שוין מורא געהאַט אָפּצורוען, טאָמער וועט ער נישט קאָנען גיין ווייטער. די כּוחות האָבן אָנגעהויבן נאָכצולאָזן, און אַזוי האָט אויך אָנגעהויבן נאָכצולאָזן דער בטחון... האָט איר געזען אַ דייזשקע, אַז זי טריקנט, תּחילת ווערט אַ קליין שפּעלטל, דערנאָך אַ גרעסערער שפּאַלט ביז ס׳פֿאַלט אַרויס אַ קלעפּקע... די גאַנצע צייט, אַז מ׳האָט זרחן געהאַלטן פֿאַר אַן אָרעמאַן און מ׳האָט אים געבעטן צו זיך אויף שבת און אים געזעצט אונטן ביים טיש, האָט ער געהאַט הנאה, אַז מען ברעכט זיין טבע; אַצינד אָבער איז אים ווידער אָנגע־קומען שווער׳ער אָנצונעמען הילף... זרח האָט שוין נאָר געשלעפּט די פֿיס, דאָס אַלטע צעריסענע און אָפּגעניצטע חוקל האָט נישט מער געהאַט דעם כּוח פֿון אַמאָל.

ס׳איז געווען אַ זומערדיקער טאָג, זרחן האָט זיך אַלץ אין מוח געפּלאָנטערט און געפּלאָנטערט, מיד איז ער געווען, ווי איר קאָנט אייך אויסמאָלן; און אַז ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ בערגל אין מיטן וועג אָפּרוען אַ ביסל, איז אים פּלוצים אַריין אַ געדאַנק אין קאָפּ, ווי ס׳גיט אַ בליץ: פאַרוואָס האָסטו, זרח, דאָס אַלץ געטאָן און זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַזאַ ספק? וואָס טויג דיר דאָס פרום זיין און מאַטערן זיך, אַז דו קומסט פאָרט נישט צו קיין תכלית? און אַז ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס הייסט האָבן חרטה, פאַרוואָס ער האָט געפאָלגט דעם חוזה, איז ער אויפגעשפּרונגען פאַר שרעק און האָט אָנגעהויבן צו לויפן, ווי איינער וויל אַנטלויפן פאַר אַ מחשבה־זרה... די מחשבה האָט אים אָבער נישט געלאָזט רוען, און אַזוי איז ער געגאַנגען דריי טעג כסדר און האָט אַלץ געטראַכט, פאַרוואָס ער איז אַוועק פון דער היים? פאַרוואָס מאַטערט ער זיך? און אַז ער איז געקומען צו אַ וואַסער, איז אין אים אַריין אַ הרהור, צוריק אומצוקערן זיך... האָט ער אָנגעהויבן זיך אַרומצוקוקן, ווי ווייט ער איז אַראָפּגעבלאָנדזשעט פון גלייכן וועג און האָט פאַרלוירן די אמונה, און האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד...

אַל תביאני לידי נסיון! האָט ער אָנגעהויבן בעטן גאָט. אָ, גאָט! נעם פון מיר אַוועק דעם נסיון און מאַך אין מיר ווידער שטאַרק דעם בטחון. ז׳ו ביסט אַן עדות, ווי אַזוי איך האָב די אַלע יאָר דיר געטריי געדינט און געגלויבט אין די רייד פון דיין קנעכט דעם חוזה, והראני את הדרך, פיר מיך ווידער אויפן גלייכן וועג! און לאָז מיך זיין דיין זון.

ס׳איז פאָרט נישט מעגלעך, האָט ער געטראַכט נאָך דעם, אַז ער איז ווידער אַ ביסל געקומען צו זיך, אַז דער חוזה זאָל זיך טועה זיין; ער האָט מסתמא געהאַט דעם ריכטיקן קוק, נאָר ער, זרח, איז נאָך נישט זוכה, כדי צו קומען צו דער גאולה, און כאָטש ער האָט דאָס געזאָגט אין הארצן, האָט דאָס אים נישט גאַנץ געהאָלפן. געגאַנגען איז ער אַפילו ווייטער, אָבער די מנוחה פון פריער האָט ער ניט מער געהאַט. איז דאָס אַ וואונדער, אַז מ׳הויבט אָן אַ ביסל חרטה האָבן, אַז מען דערמאָנט זיך, וויפל יאָר מען האָט צוגעבראַכט אין דער פרעמד, און ווי ס׳איז גאָרנישט געוואָרן פון דעם. איי, פאַר צוריק אַהיים — ווי לאָזט מען אָבער די מי און די טרחה פון אַזוי פיל יאָר? טאָמער טרעפט זיך פאָרט אַ נס, און דו געפינסט נאָך וואָס דו זוכסט, האָסט אַזוי פיל געוואַרט, וואַרט נאָך...
אַזעלכע געדאַנקען קענען מיר אַלע.

ו

אַט דאָ האָט זרח געהערט, אַז אין קורצן וועט זיין אין אַ גרויסער שטאָט אַ גרויסער יאַריד, וואָס אויף אים קומט צוזאַמען דער ועד־ד׳־אַרצות. זרח האָט באַשלאָסן אַהין צו גייך. טאָמער וועט גאָט דאָס מאָל אויף אים רחמנות האָבן און וועט אים העלפֿן. אָבער אין האַרצן האָט ער זיך געזאָגט: דאָס איז זיין לעצטער גאַנג און אויב חס־וחלילה, גאָט וועט אים דאָ אויך ניט צושיקן, וואָס ער זוכט, פֿאָרט ער אַהיים, ס׳מעג קומען, וואָס ס׳קומט.

אַזוי האָט זרח דערגרייכט דעם יאַריד און האָט באַלד געפֿונען אַ סטאַנ־ציע. אין שטאָט האָט זיך שוין אַלץ געגרייט פֿאַרן מאָרגנדיקן טאָג. טויזנטער מענטשן מכּמה לשונות גייען אין די גאַסן: יידן, רוסן, פּוילן, גרעקן, טאַטערן. טויזנטער וואָגנס און פֿורן זיינען שוין געשטאַנען; אור־מעטום זיינען שוין געוועזן אויפֿגעשטעלט פּאַלאַטקעס און די גרויסע סוחרים האָבן אָנגעהויבן אויסצולייגן די סחורות: וואָלנס, זיידנס, קאָרט, כאַמעט, טייערע טיכער און גרויסע געשטריקטע קאָלדרעס, וואו מען האָט געטאָן אַ קוק, איז געוועזן איין עשירות. דאָ האָט מען געזען אַרויסנעמען פעלצן, דאָ שמויסן, דאָ לעדער, דאָ גרויסע שטיוול. אויף אַן אַנדער אָרט האָט מען געזען אויספּאַקן העלפֿאַנטביין, בערנשטיין, קאָרעלן, פּערל, גאָלד און זילבער. נאָך אויף אַ פּלאַץ האָט מען געזען צוזאַמענטרייבן פֿערד און רינ־דער, שאָף און ציגן.

דעם אַנדערן טאָג אינדערפֿרי, ווי ס׳האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, האָט זיך אָנגעהויבן דער יאַריד. און די גאַנצע שטאָט האָט אָנגעהויבן צו קאָכן ווי מיט טויזנט קעסלען, טויזנטער קולות האָבן זיך צוזאַמענגע־מישט אין איין קול: מ׳לויפֿט, מ׳האַנדלט, מ׳שרייט! טשערקעסן גייען אַרום און האַלטן אויפֿן קאָפּ סחורות, בעטלער זינגען און שפּילן אויף לירעס, און די זון בראָט. תּקופֿת־תּמוז איז דאָס געוועזן. זרח גייט פֿון אין דער פֿרי אָן אַרום און זוכט. וואו אַ קלייט, וואו אַ פֿור שטעלט ער זיך אַנידער און האָרכט צו. ער פֿאַרלירט נישט קיין מינוט, ער לאָזט נישט צו קיין שום געדאַנק אין קאָפּ אַריין. ווי אַ וואָלף גייט אַרויס אויף יאָגד און האָט נאָר אין זינען צו שטילן זיין הונגער, אַזוי האָט זרח נאָר געהאַט די איינע מחשבה: צו געפֿינען דעם מענטשן, וואָס זאָל אים אויסזאָגן דעם ענין פֿון זיין גזר־דין. איצט מוז ער אים געפֿינען, און ער וועט אים

געפֿינען... עפּעס האָט ער דאָך געהערט פֿון בעל־שם און פֿון אליהו הנביא, וואָס זיי ראַטעווען מענטשן אין נויט. וואָס איז שייך, זאָל אויף אַזאַ יאַריד ניט קומען איינער פֿון די גדולים, צי זאָלן דאָ נישט זיין למד־וואָוניקעס וואָס זיי ווייסן פֿון אַלעמען און קאָנען אַלץ דערגיין. די פּיס שלעפּן זיך קוים, דער הונגער קלעמט אים דאָס האַרץ און דער האַלדז איז אויסגעטריקנט פֿאַר דורשט; אָבער ער זעצט זיך ניט אַנידער אויף איין מינוט: ער קאָן גאַר אַ דרעמל טאָן און גראַד אין דער מינוט גייט פֿאַרביי דער, וואָס ער זוכט אים שוין אַזוי לאַנג. און אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען דער גאַנצער טאָג. אויסגעגאַנגען איז ער אין דעם איינעם טאָג, וואָס ער איז פֿריער געגאַנגען אין אַ יאָר, אָבער לשווא עמלו! זיין מי איז געווען אומזיסט, צעשלאָגן און מיד אין אַלע אברים איז ער געקומען אויף דער אַכסניה און איז איינגעשלאָפֿן אין אַ שווערן שלאָף.

און אויפֿן מאָרגנדיקן טאָג איז ער אויפֿגעשטאַנען כאור־הבוקר און גאָרש! מיט אַ נייעם כּוח האָט ער אָנגעהויבן צו גיין און צו זוכן. דאָס מאָל האָט ער ניט דערלאָזן, אַ פּיצל געדאַנק זאָל אים מבטל זיין. אַוועק! אַוועק! האָט ער זיך געטרייסלט, איך מוז היינט אָט דעם געפֿינען, וואָס דער חוזה האָט געזאָגט. און צו גאָט האָט ער גערופֿן: דו מוזט מיר העלפֿן, היינט, היינט, היינט! וואָלט ער אַצינד געווען אויפֿן הימל, וואָלט ער געמאַכט אַ געשריי און אַ געפּילדער: זיבן יאָר האָט איר מיך געמאַטערט און אויסגעשיקט שטעט, געגאַנגען בין איך ווינטער און זומער, אין די גרעסטע קעלטן און אין די גרעסטע היצן. וואָס האָט איר פֿון מיר געוואָלט! העלפֿט מיר, מלאָכים! העלפֿט מיר, אַלע צדיקים פֿון דער וועלט, בעט פֿאַר מיר! וואו איז דער צדק און משפט? וואו זיינען אַלע הבטחות? וואָס ווילט מען פֿון מיר? ער שרייט מיט אַ משונהדיק קול, ער וויל לויפֿן, שפּרינגען איבער אַלע פּורן, גאָרניט מער דער זרח...

און דערנאָך, אַז ער איז געקומען אויף דער נאַכט אין דער אַכסניה טויט מיד, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אין אַ ווינקל, ווי אַ שטומער. איז געקומען דער שטן און האָט געהאַט דאָס חציפֿות און האָט געזאָגט: ווי קאָנסטו גאַר האָבן אמונה? דאָרן נישט קיין מעריב און זיי מפֿקיר יענע וועלט! און ס'האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז זרח זאָל אים דער־הערן... אָט, אָט! דאָ האָט ער אַ געשריי געטאָן, ווי אַ לייב, אַז אַלע מענטשן האָבן זיך דערשראָקן און האָבן געמיינט, אַז ער איז אַראָפּ פֿון זינען...

און אויפֿן דריטן טאָג פֿון דעם גרויסן יאַריד, וואָס איז שוין געווען דער לעצטער טאָג, איז זרח גאָר אַרומגעגאַנגען ווי אויפֿן עולם־התוהו... וואָס האָט ער געזוכט אַזוי פֿיל יאָר? עפּעס איז אים אויסגעקומען דאָס לעבן ווי אַ לאַנגער חלום און אין מיטן גיין שטעלט ער זיך אָפּ און טאַפּט זיך ביי דער בעקעשע, אויב ער איז באמת דאָ. דער קאָפּ איז אים געווען ווי צעמישט און אין האַרצן איז שוין נישט געווען קיין האָפֿענונג און קיין בטחון. געגאַנגען איז ער, וואָרים די פֿיס האָבן זיך נאָך געשלעפּט. —

און פֿאַרנאַכט האָט זיך אָנגעהויבן דער יאַריד פֿאַנאַנדערצופֿאָרן. די ביידלעך ווערן אַראָפּגעריסן, די סחורות פֿאַרפּאַקט מען אין גרויסע פּעק און מען לייגט זיי אויף די וואָגנס און מען דעקט זיי צו מיט רעדנעס. אויף דער ערד וואַלגערט זיך אַרום שטרוי און פּאַפּיר, שאָלעכץ פֿון אייער און שטיקלעך אַרבוז, אָפּגעריסענע ייִנגלעך קלייבן דאָס אויף פֿון דער ערד און שלאָגן זיך. ס׳ווערט אַלץ שיטערער און לייזיקער אין די גאַסן. זרח גייט אַרום ווי אַ ייד אום שבעה־עשר־בתמוז אין אַ דאָרף.

ז

ס׳איז געוואָרן כמאַרנע. דער הימל האָט זיך פֿאַרפֿינצטערט און ס׳האָט זיך צעלאָזט אַ טוטשע * רעגן, ווי אַן אמתער מבול איז דאָס געקומען פֿון אויבן כדי אָפּצושווענקען אַלע זינד... זרח לויפֿט פֿאַרן רעגן, ווי ווייט ער האָט נאָך כוח צו לויפֿן, ביז ער קומט אין אַ טויער פֿון אַ שטוב און שטעלט זיך דאָרט אַנידער. עטלעכע מיידלעך און ווייבלעך זיינען דאָרט אויך געשטאַנען, וואָס האָבן זיך אויך באַהאַלטן פֿאַרן רעגן. אייגע פֿון זיי, אַ מיידל פֿון אַ יאָר צוואַנציק, האָט געהאַלטן אַ זאַנטיק און האָט נישט געלאָזט דעם רעגן אין פּנים אַריין; זי איז צוגעגאַנגען צו דעם באַרעגנטן יידן און האָט אים געוואָלט באַדעקן דעם קאָפּ מיטן זאַנטיק, האָט זיך זרח אָפּגערוקט, ווי איטלעכער פֿרומער ייד רוקט זיך אָפּ פֿון אַ נקבה... האָט זיך דאָס מיידל אָנגערופֿן צו די איבעריקע: קוקט אים אָן, ווי ער רוקט זיך אַוועק, שוין איין מאָל, אַז ער איז געווען מיין חתן, האָט ער זיך פֿון מיר אָפּגערוקט און איצט אויך... און ווי זרח האָט אויפֿגעהויבן די אויגן און האָט געוואָלט זען ווער דאָס רעדט, איז זי נישט געשטאַנען...

---

* אַ כמאַרע.

ער פֿרעגט זיך ביי די ווייבלעך און מיידלעך: איז דאָ נישט געשטאַנען אַ מיידל מיט אַ זאַנטיק? זיי קוקן אים אָן ווי אַ משוגענעם.

דער רעגן האָט אויפֿגעהערט צו גיין, דער הימל איז געוואָרן העלער. פּאַמעלעך און פֿאַרטראַכט איז זרח געגאַנגען אויף דער אַכסניה, איצט האָט ער זיך ערשט אָנגעהויבן צו דערמאָנען פֿון דער גאַנצער מעשה, ווי ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל און איז געווען אַ חתן מיט דער ערשטער כּלה, און דערנאָך אַז ער האָט אָפּגעלאָזט דעם שידוך און דעמאָלט איז געקומען צו אים איר מוטער און האָט געוויינט; אַוודאי האָט ער אויף איר רחמנות געהאַט, אָבער וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אַז דער שידוך איז פֿאַרט אָפּגעלאָזט, מסתּמא איז אַזוי געווען באַשערט. געשאָלטן האָט זי אים נישט, טאָמער יאָ? ס'איז אים אַליין געווען אַ חידוש, ווי ער האָט דאָס אַלץ פֿאַרגעסן ביז אַצינד און ווי ער האָט זיך קיינמאָל נישט דערמאָנט וועגן דעם.

אויף דער סטאַנציע אָנגעקומען, האָט ער איבערגעביטן די קליידער און האָט זיך אָנידערגעשטעלט דאַווענען מנחה. ווי אַ נייער מענטש האָט ער זיך געפֿילט אויף איינמאָל, ווי איינער וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון אַקסל שווערע שטיינער. אַוודאי איז נאָך אין האַרצן געלעגן דער עוון, אָבער אַצינד זעט ער אים, אַצינד ווייסט ער, פֿאַרוואָס גאָט האָט אים געשטראָפֿט...

שטילערהייט האָט ער געדאַוונט מנחה און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן ברכו. ער איז געשטאַנען אין ווינקעלע און האָט געציילט די ווערטער, איטלעכס וואָרט אַזוי פֿריש און פֿאַוואָליע, ווי אַ ייִנגל וואָס הויבט אָן צו פֿאַרשטיין פּירוש־המילות. השם נפֿשנו בחיים ולא נתן למוט רגלינו, דו גאָט, וואָס דו האָסט אונדז געגעבן דאָס לעבן און אונדזערע פֿיס לאָזט דו נישט שטרויכלען. מי כּמוך באלים! וואו איז דען דאָ אַ גאָט, ווי אונדזער גאָט? כּי בידך נפֿשות החיים והמתים, אין דיין האַנט איז טויט און לעבעדיק — דאָ גיט עס אַ פּיק אין האַרצן און אַ צי ווי מיט אַן אָבצווענג — פּדית אותי ה׳, דו גאָט האָסט אונדז דערלייזט — אַ רואיק ווינטל בלאָזט, — אלהינו שבשמים יחד שמך וקיים מלכותך, גאָט אין הימל דו ביסט איין גאָט אין דער גאַנצער וועלט — די טרערן גיסן זיך ווי פּלאַכעס...

## ח

און אויפֿן מאָרגנדיקן טאָג איז ער אויפֿגעשטאַנען, האָט אַרויסגענומען דאָס געלט, באַצאָלט אויף דער סטאַנציע און האָט זיך גענומען פֿאָרן אין שטעטל אַריין, וואו ער איז אַמאָל געווען אַ חתן. אַצינד איז ער נישט מער געגאַנגען, נאָר געפֿאָרן ווי אַ מענטש, און אַזוי לאַנג, ביז ער איז אין אַ פֿרייטיק אינדערפֿרי אָנגעקומען אַהין, אין שטאָט אַריין. ער האָט זיך גענומען גלייך פֿרעגן נאָך יענער אַלמנה, אָבער קיינער האָט זי נישט געקענט און נישט געוואוסט פֿון אַזאַ נאָמען. אַזוי האָט ער צוגעבראַכט דעם שבת און האָט אַלץ געפֿרעגט, ביז ער האָט געפֿונען אַן אַלטן יידן, וואָס ער האָט אים געזאָגט, אַז ס'האָט טאַקע געוואוינט אַמאָל אַזאַ אַלמנה, זי איז אָבער שוין לאַנג געשטאָרבן, זי האָט געהאַט דריי מיידלעך, די צוויי יינגערע האָבן ערגעץ חתונה געהאַט פֿון ווייטן, די עלטערע איז אויך געווען אַ כּלה, מען האָט אָבער מיט איר אָפּגעלאָזט דעם שידוך, און זי איז שוין אויך געשטאָרבן... זרח האָט אָפּגעשנירט דאָס טיכל און האָט געגעבן דעם יידן אַ רענדל, און איז דערנאָך אַריבערגעגאַנגען אויף דעם הייליקן אָרט פֿון דער שטאָט, האָט געבעטן דעם קברות־ייד, ער זאָל מיטקומען, און האָט גענומען זוכן דעם קבר פֿון זיין כּלה, און אין אַ פּאָר שעה אַרום, אַז מ'האָט שוין געהאַט אויסגעזוכט דאָס גאַנצע פֿעלד, האָט מען געפֿונען אין אַן עק דעם קבר גאַנץ פֿאַרוואַקסן מיט גראָז און מיט אַן אָנגעלייגטער צעבראָכענער מצבה: פה נקברה הנערה המשכלת ויעלת חן... מתה בת עשרים בשברון לב בשנת... לפ״ק. ת׳נ׳צ׳ב׳ה.

זרח האָט געהייסן דעם קברות־יידן, ער זאָל גיין רופֿן דעם חזן. דער חזן איז געקומען און געמאַכט אַן „אל מלא רחמים". זרח האָט אים אויך געגעבן אַ רענדל און ער איז אַוועקגעגאַנגען. דער קברות־ייד האָט גערופֿן דאָס ווייב און זרח איז געבליבן אַליין, ער האָט זיך אָנגעבויגן אויפֿן קבר און האָט אָנגעהויבן בעטן מחילה, ס'איז געווען ערב ראש־חודש.

זיי מיר מוחל, רחל לעב, האָט ער אָנגעהויבן, לך חטאתי, צו דיר האָב איך געזינדיקט, ולבבי אשפך כּמים, און מיין האַרץ פֿאַרגיס איך פֿאַר דיר און אויב איך האָב דיר שלעכטס געטאָן, האָב רחמנות אויף מיינע ניי־געבוירענע קינדער און לאָז זיי נישט שטאַרבן בעוון־אָבות, זאָג מיר וואָס דו ווילסט פֿון מיר און מיט וואָס איך קאָן אָפּוואַשן דעם צאָרן פֿון אַב־יתומים ודיין־אַלמנות.

ער זאָגט און שלאָגט זיך אָשמנו!

און ווי ער איז אַזוי געשטאַנען פאַרן קבר איינגעבויגן, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן שטייענדיק; און ווי ער דרעמלט אַזוי, איז אים געקומען די כלה צו חלום און האָט צו אים געזאָגט: איך בין דיר מוחל, זרח, במחילה־גמורה, וואָס דו האָסט מיר געטאָן, איך האָב אויך אין קבר קיין מנוחה נישט... נאָר איין זאַך וויל איך דיך בעטן: דו ווייסט, איך האָב נאָך צוויי שוועסטער און זיי וואוינען אין שעפּעטיווקע, דאָרט האָבן זיי חתונה געהאַט, אָבער זיי זיינען אָרעם און האָבן קינדער חתונה צו מאַכן. פאָר אַהין און העלף זיי.

זרח האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט אויפגעהויבן זיינע הענט און האָט געזאָגט: אודך ה׳ כי פדיתני, אַ דאַנק דיר, גאָט, פאַרוואָס דו האָסט מיך דערלייזט!

אַזוי איז זרח געפאָרן קיין שעפּעטיווקע און האָט געלאָזן אָנזאָגן זיין כלהס שוועסטער, אַז ס׳איז געקומען צו זיי זייער אַ רייכער פעטער פון ווייטן, וואָס האָט זיך דערוואוסט, אַז ס׳איז זיי שלעכט און ער וויל חתונה מאַכן זייערע קינדער און זיי געבן נדן און זיי אויסקליידן. געזאָגט — געטאָן. שעפּעטיווקע האָט זיך געחידושט אויפן גרויסן עושר, וואָס האָט געגעבן תיקון איןביידע בתי־מדרשים, און נדבות — ווער ס׳האָט נאָר געבעטן. מיט צוויי מיידלעך האָט מען באַלד געטאָן אַ שידוך. ווער האָט זיך נישט געווינטשן צו נעמען אַ מיידל, וואָס האָט אַזאַ רייכן פעטער? פאַר די אַנדערע קינדער האָט ער אויך איינגעלייגט געלט און די מוטערס אויך געלאָזט אַ סך געלט און זיך געזעגנט מיט טויזנט ברכות.

אַזוי איז זרח געקומען נאָך אַ סך יאָרן אַהיים צו זיין ווייב צירלען צוריק, וימצאה בריאה ושלמה, און האָט זי געפונען געזונט און פריש, וואָרים זי האָט די גאַנצע צאָל יאָרן ניט איין מינוט פאַרלוירן דעם בטחון, און האָט יעדן טאָג געהאַפּט צו גאָט, אַז זרח איר מאַן וועט קומען אַהיים און אַלץ וועט נאָך ווערן גוט. ויפקד ה׳ את אשתו, און גאָט האָט ווידער געעפנט דעם טראַכט פון צירלען און אין ניין חדשים אַרום האָט זי געהאַט אַ זון, און ער איז אויפגעוואַקסן געזונט, און איז געוועזן וואויל און געראָטן און האָט חתונה געהאַט פון יחוס, און האָט געהאַט קינדער און קינדס־קינדער, און אַ טייל לעבן נאָך היינט אין עושר און אין כבוד. אַזוי זאָלן מיר אַלע יידן זוכה זיין צו ישועות ונחמות ובא לציון גואל!

# גדי

## אַ מעשה מיט אַ מוסר

### א

אל תהי בז לכל אדם! זיי ניט מבזה דעם אָרעמאַן, קוק ניט אַוועק פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט ניט אַזאַ שיין פּנים און איז נישט שיין אָנגעטאָן, קרים דיך ניט קוקנדיק אויף אַ בעל־מום און אויף אַן אָפּגעריסענעם, וואָס וואוינט הינטער דער באָד. אַז יענער האָט אַ שוואַרצע פֿאַרהאָרעוועטע האַנט, די נעגל זיינען פֿאַרגעלט און קיינמאָל נישט גערייניקט און די הויט איז האַרט און געדראָלן ווי אַ ריבאייזן, און דו האָסט, ברוך־השם, אַ ווייך, ווייס הענטל, ווי יעדער איידעם, וואָס זיצט נאָך אויף קעסט און טוט גאָרנישט, מיאוס זיך ניט אים צו געבן די האַנט. פֿון אַ טרעגער אין מיל, וואָס זיין פּנים און קאַפּאָטע און זיינע שטיוול און אַלץ אין אים איז לויטער מעל, רוק דיך ניט אָפּ, טאָמער וועט ער חס־ושלום דיר אויסשמירן דעם נייעם סורדוט דיינעם. מיין ניט, אַז די נשמה פֿון איינעם וואָס שטייט ווייט הינטער דיר, איז פֿון קלאַטשע; מיין ניט, אַז אַ ייד, וואָס זיצט אין בית־מדרש פֿון תּמיד אַן אויף דער הינטערשטער באַנק און זיינע אָבות־אָבותיו זיינען ניט געזעסן העכער, איז אַ מענטש פֿון נידעריקערן סאָרט פֿון דיר, וואָס דו זיצסט כּל־ימיך אין מזרח און ביסט געוואוינט צו זיצן אויבן־אָן. דער אייגענער גאָט, וואָס האָט דיך באַשאַפֿן, האָט אים באַשאַפֿן, און ער איז אַזוי גוט זיין פֿאָטער ווי דיין פֿאָטער. איך וויל אייך דערציילן אַ מעשה, איך בעט אייך, הערט צו.

*

די מעשה איז פֿון אַ שמשס אַ זון, גדי מיטן נאָמען, אַן אומגליקלעך באַשעפֿעניש — קיין מענטש האָט נישט געוואוסט, ווי אַלט ער איז געווען — מיט אַ פֿאַרוואַקסענער ווילדער באָרד, דאָס פּנים שוואַרץ, די האָר קיין

מאָל נישט געקעמט און אָנגעטאָן אין אַ מין אַלטן וואַטאָווען בגד, אויס־געשמירט און באַפּלעקט און מיט טויזנט לעכער און מיט צעריסענע קעשענעס. דאָס היטל איז געווען אַ גלגול פֿון אַ קאַשקעט מיט אַ צע־בראָכענעם דאַשעק און שוין אַוודאי אַלט געווען אַ יאָר צוואַנציק. אויף די פֿיס האָט ער געטראָגן אויסגעדרייטע שטיול, וואָס זיינען קיין מאָל נישט געשמירט געוואָרן, און די כאַלעוועס זיינען געווען צוגעבונדן מיט שטריקלעך... וואָס פֿאַר אַ לייבל און וואָס פֿאַר אַ העמד ער האָט געטראָגן אונטער דער קאַפּאָטע, וויל איך שוין גאָרנישט זאָגן. דאָס האָרץ זיינס איז געווען שטענדיק אָפֿן און פֿאַרוואַקסן מיט האָר, ווי ביי אַ ווילדער חיה. געפֿעלט האָבן אים אַלע ציין אין מויל, און אַז ער האָט אַמאָל געגעבן אַ שמייכל און ס׳איז אים געוואָרן דאָס שפּייעכץ — דאָס איז געווען פֿון אים אַ חולשה — האָט געקאָנט, מ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, נישט גוט ווערן...

ווי עס שטייט אויבן, האָט קיינער נישט געוואוסט, ווי אַלט ער איז און ווען ער איז געבוירן געוואָרן. אַזוי ווי ער איז, געדענקט מען אים שוין פֿון תמיד אָן. זיין מוטער איז געווען אַן אַלטע און אַן ערלעכע יידענע, קליין און איינגעצויגן און אויסגעדאַרט ווי אַ שפּאָן. זיין פֿאָטער ראובן דער שמש איז געווען אַ גרויסער מגושמדיקער ייד און, לאַ־עליכם, אַ שטיק שיכור. וואָס ס׳איז געווען צו טאָן אין קלויז, איז אַלץ געווען אויף גדין און אַלע עבודות־קשות זיינען געווען חל אויף זיין קאָפּ. אַפֿילו וואַשן דעם פֿאָל אין קלויז אַלע ערב־שבת, וואָס אין אַן אַנדער שטאָט דינגט מען דערצו אַ גויה, האָט גדי אַליין געטאָן; ער האָט גע־קערט, געשאָבן די בלאָטע פֿון די טרעפּ, גערייניקט די פֿענצטער, גע־פּוצט די הענגלייכטער און אַרויסגענומען דעם פֿאַרגרינטן חלב. דאָס פֿאַס וואַסער צום וואַשן די הענט האָט ער תמיד אָנגעפֿילט, אַרויסגעטראָגן דעם צעבער און געטריקנט די האַנטעכער. ווינטער האָט ער געהייצטביידע אויוונס און טאָקע אַליין געהאַקט דאָס האָלץ, געקליבן שפּענער, געגאַנגען נאָך נאָפֿט, אַרויסגעטראָגן די אַש. איז אָפּגעפֿאַלן דער טינק פֿון אַ וואַנט, האָט גדי זי פֿאַרשמירט מיט ליים; זיינען אַריין ציגן אין דער ווייבערשער שול, — דאָרט זיינען נאָך דעמאָלט נִיט געווען קיין פֿאָלן, — און האָבן צעשאַרט די ערד, האָט גדי געטראָגן פֿרישע ערד און זאַמד און האָט אויסגעגלייכט די ערד; האָט אַ שטאַרקער רעגן אָוועקגעשווענקט די שוועל פֿון קלויז, האָט גדי זי ווידער אויפֿגעמויערט

מיט שטיינער. אין קוימען איז גדי געקראָכן, אַז ס'האָט געטרויכערט, נאָכ־געקוקט אויפֿן דאַך, ווען ס'האָט געדונערט, הכּלל, ס'איז נישט געווען קיין עבודה, וואָס גדי האָט זי נישט געטאָן, און גאָרנישט איז געווען פֿאַר אים צו שווער. צו וואָס זאָל אַזוינס רוען? וואָס דען זאָל אַזוינס טאָן, ווען נישט אַרבעטן?

און איז נישט געווען אין קלויז וואָס צו טאָן, האָבן אַנדערע מיט אים געאַרבעט. פֿון די גבאים און דעם רב און די שוחטים און די חזנים איז גאָרנישט צו רעדן, אָבער איטלעכער אין שטאָט, פֿון גרעסטן ביז צום קלענסטן, האָט געהערשט אויף גדין און זיך מיט אים געשאַפֿט. וואו ס'איז געווען אַ לאָך צו פֿאַרשטאָפּן, האָט מען פֿאַרשטאָפּט מיט גדין. גדי איז געגאַנגען רופֿן די בעלי־דינים צום רב, דעם שוחט צום קצב קוילען, דעם כּהן אויף אַ פּדיון־הבן, די לייט פֿון דער חברה־קדישא אויף אַן אסיפֿה. נגידותטעס האָבן אים מיטגענומען אין מאַרק אַריין, ער זאָל זיי נאָכטראָגן די געננדז און די הינער. ביי די גבאָיטעס האָט ער געהאָלפֿן שטעלן באָרשטש, ביי דער רביצין האָט ער איינגעזייערט די אוגערקעס. דאָ האָט ער געמישט קלייען פֿאַר אַ קו און דאָ האָט ער געקליבן שפענער. קינדער, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין אין חדר אַריין, — און דער באַהעלפֿער האָט זיך צעקריגט מיטן רביך, — האָט גדי געמוזט זיי טראָגן אויף די פּלייצעס. ביי אַ גט און ביי אַ חליצה איז זיך גדי אָנגעלאָפֿן די פֿיס. ביי אַ ברית איז ער געווען דער ערשטער און דער לעצטער. ביים בעל־ברית איז ער געווען זיין משרת און ביי דער באָבען איז ער געווען איר משרת, און אַפֿילו איטלעכע דינסט האָט אים באַהאַנדלט ווי אירן אַ דינער... ווער שמועסט אויף אַ קנסמאָל, צי גאָר אויף אַ חתונה, האָט גדי געאַרבעט עבודת־פּרך. ווער האָט גע־טראָגן די ברעטער צום שאַלאָש און די רעדנעס? גדי. נאָך געפּעס צום קרעמער ווער איז געלאָפֿן? גדי. נאָך פֿיש, נאָך פֿלייש, נאָך צוקער און נאָך מאַנדלען האָט מען געשיקט גדין. גדין האָט מען געשיקט נאָך בראָנפֿן, נאָך וויין. אַוודאי איז ער אַרומגעלאָפֿן אויף אַלע סטאַנציעס, וואו די מחותּנים זיינען געשטאַנען. דעם עולם געגאַנגען רופֿן צום אויפֿרופֿן, צו דער וועטשערע. ס'איז גאָרנישט געווען איין גדי, נאָר צען גדיס האָבן געאַרבעט און זיינען געלאָפֿן אין פֿאַרשיידענע ערטער, און פֿון אַלע איז גערונען דער שווייס. און טאָמער מיינט איר, ער האָט דערפֿאַר עפּעס באַקומען? צו וואָס באַדאַרף אַזאַ בריה האָבן געלט?

און פֿאַר פּסח האָט גדי געמוזט לויפֿן אין די גרעסטע בלאָטעס צו די בעקערס העלפֿן טראָגן די מצות. און וואָס האָט ער נישט איבער־געטאָן, אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אלול מיט אַלע ימים־נוראים מיט דעם ריין־מאַכן די קלויז און מיט די דאָרפֿס־יידן, וואָס זיינען געקומען אין שטאָט אַריין; איטלעכער פֿון זיי האָט באַלד געהאַט זיין משרת און שמש, און ער האָט געהייסן גדי. חנוכה־צייט האָט ער געבונדן די גענדז צום קוילען און זיי געטראָגן צום שוחט, געפּליקט די פֿעדערן און גע־שלעפּט די אָבדירקעס אין מאַרק אַריין. און איך באַדאַרף דעם לעזער נישט צו זאָגן, אַז גדי האָט קיינמאָל נישט טועם געווען דעם טעם פֿון אַ גריוו...

און וואָס האָט גדי געוואוסט פֿון אַ שבת, צי פֿון אַ יום־טוב, צי פֿון אָפּרוען, צי גאָר פֿון דאַווענען; אַז אין מיטן דאַווענען קאָן מען אים שיקן טויזנט גענג, אַז ער איז גאָרנישט בגדר מענטש, כאָטש ער קומט שטאַרק צוניץ און איז אַן עבד־כּנעני פֿון איטלעכן. אַ מצווה טאָן איז אַוודאי אַ גוטע זאַך, אָבער איז דען גדי, וואָס אין קלויז טרייבט מען מיט אים ליצנות, בגדר מצווה? מיינט מען דאָס אים, אַז ס׳איז אַ מצווה צו געבן אַן אָרעמאַן אַן אָפּגעלייגטן בגד? פֿרעגט אים, צי ס׳האָט אים איין מאָל אין זיין לעבן צוגערופֿן אַ יידענע אין ווינטער און אים געזאָגט: גדי, ס׳איז דיר קאַלט, דאָ האָסטו אַן אַלט לייבל פֿון מיין מאַן. געלאָפֿן איז ער פֿאַר איטלעכן און האָט געטאָן אַלע שליחותן. האָט אים עמעצער געגעבן זומער אַ פּאָר שיך, אַז ס׳זיינען געווען היצן און די שטיוול האָבן אים אָפּגעברענט די פֿיס? וואָס הייסט, פֿילט ער דען? פֿאַרשטייט דען אַזוינס, אַז נידעריקע שיך אין זומער זיינען בעסער ווי אויס־געדרייטע שטיוול? זעט איר, גיין אָפּזוכן די קו ביי אַ באַלעבאָס, אַז זי איז זיך פֿאַרגאַנגען אין פֿרעמדע גערטנער, און די הינט ביי די גויים האָבן אים אָפּגעריסן די פּאָלעס, דערצו איז גדי ווי געשאַפֿן. גיין רייסן גרינס אויף שבועות, צי שניידן ערבות אויף הושענות, און זיך לאָזן שלאָגן פֿון די שקצים מכּות־רצח, אָדער גאָר נעכטיקן אויפֿן הייליקן אָרט, אַז מ׳האָט געבראַכט אַ מת פֿון דאָרף און ס׳איז שוין געווען צו שפּעט אים מקבר צו זיין — דערצו איז גדי גוט. גדי האָט נאָך געמוזט אַליין גראָבן דעם קבר, אַז ס׳איז געווען קאַלט אין גאַס, און דער קברות־ייד האָט זיך געפֿוילט צו גראָבן...

וואָס האָט גדי נישט געטאָן? און צו וואָס איז ער נישט געווען ניצלעך? האָט איינער באַדאַרפֿט אָפּזיצן וועזשע, ווייל ער האָט געהאַט אויף זיך אַן אַקט, האָט מען געדונגען גדין פֿאַר אַ מזומנעם זעקסער, און ער איז געזעסן. האָט מען געדאַרפֿט אָפּהיטן אַ משוגענעם, וואָס האָט געשלאָגן און געהרגעט, האָט גדי אים אָפּגעהיט, און יענער האָט אים צעדראַפּעט דאָס פּנים און שיער ניט אויסגעזעצט די אויגן. דער פּריס־טאַוו פֿון דער שטאָט האָט אויך געאַרבעט מיט גדין און אויך דער סעקרעטאַר און דער שרייבער ביז צום סאָטסקי. גדי איז געווען דער אמתער שעיר־המשתּלח; נאָר יענער איז כאָטש אָפּגעקומען מיט איין מאָל, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון באַרג לעזאזל מיט די עוונות פֿון כּל־ישראל און פּטור, און גדי האָט געמוזט טראָגן אַלע פּגעים און עבודות אויף זיינע פּלייצעס, וואָס וואָלטן געקלעקט פֿאַר כּמה דורות.

און ווי אַזוי ער האָט דאָס אויסגעהאַלטן, איז נאָך עד היום אַ חידוש. אַ מענטש, וואָס האָט קיינמאָל רעכט נישט אָפּגעגעסן, קיינמאָל נישט גערוט, און כּל־ימיו קיין קישן צוקאָפּנס נישט געזען. זומער איז ער געשלאָפֿן אין דער ווייבערשער שול אויפֿן בוידעם און ווינטער אויף דער הוילער באַנק נעבן אויוון, ווען ס'איז נאָר נישט געווען אַן אורח אַ תּקיף, וואָס האָט אים אַוועקגעטריבן. ווער האָט זיך אָנגענומען פֿאַר אים? ווען האָט דאָס געאַרט, אַז גדי איז געשלאָפֿן אויף דער ערד? פֿאַר־קערט, האָט אַ יינגל אַ שייגעץ אים געפֿונען שלאָפֿנדיק, האָט ער אים אַ טרעט געטאָן מיטן פֿוס, אָדער אַרויפֿגעגאָסן אויף אים אַ קוואַרט וואַסער.

אַפֿילו גוטע און פֿרומע לייט מיט אַ האַרץ האָבן נישט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, אַז ער איז אויך אַ מענטש, און אַז למשל, מען וואַרפֿט אים אַ שטיין אין קאָפּ אַריין, קאָן אים דאָס ווי טאָן, יינגלעך און ווייסע חברה האָבן זיך תּמיד צו אים געטשעפּעט; דער האָט אים געצופּט ביי דער נאָז, דער ביי דער באָרד, דער האָט אים אַראָפּגעוואָרפֿן דאָס היטל. און אַפֿילו די סטאַטעטשנע בהורים, וואָס זיינען געזעסן אין קלויז און האָבן געלערנט, האָבן געהאַט גרויס תּענוג צו נעמען גדין נאָך מיטאָג, אים אַרויפֿלייגן אויפֿן טיש, אויף וועלכן ס'איז קריאת־התּורה, און אים שמייסן. און ער זאָל דאָס געבן אַ שעלט, זאָל זיך נישט לאָזן, זאָל שלאָגן מיט די פֿיס, אָדער בייסן, ווי דער שטייגער איז. און דערנאָך, אַז מען האָט אים שוין גוט אָפּגעשמיסן, האָט מען זיך צונויפֿגעלייגט

צען קאָפּיקעס און מ׳האָט אים געשיקט קויפן עפּל אין מאַרק אַריין. זיי האָבן געביסן די שיינע, רויטע עפּל וואָס פון זיי האָט געשפּריצט דער זאַפט, און גדי האָט געמוזט קוקן און קלייבן די קערנער, און אַז ס׳איז שוין געווען ביי זיי אַ נדבן, האָט ער אים געקאָנט געבן דאָס אָפּגעגע־סענע האַרץ פונעם עפּל... וואָס זאָל אַזוינס זיין אַ מפונק און ווערליש? ס׳מוז דאָך זיין איינער אין שטאָט, וואָס זאָל אויפעסן דאָס טרוקענע פאַרשימלטע ברויט ביי דער באַלעבאָסטע. און ווער דען זאָל אויס־טרינקען די גערונענע מילך, אָדער אויפעסן די שלעכטע צעקראָכענע אוגערקעס, ווען נישט גדי?

יאָ, ווען איך וואָלט ליב געהאַט צו ריידן אין גלייכענישן, וואָלט איך געזאָגט, אַז גדי איז געווען אין שטעטל דאָס מיסט בבחינת מענטש.

וואָס קאָן דאָס זיין פאַר אַ מין בריאה אויף דער וועלט? וואָס ווייסט אַזוינס פון פרייד און לייד, וואָס גייט אַרום, דאַכט זיך, מיט טויבע חושים? און דאָך איז דאָס געווען אַ באַשעפעניש, אַפילו אַ וואָרעם און אַ זשוק, וואָס איר מיאוסט אייך פאַר דעם, קומט אויך פון גאָטס האַנט. ווער קאָן אַריינקריכן אין אַ האַרץ פון אַזאַ גדי, צו וויסן, וואָס ער טראַכט און צי אויב ער טראַכט. האָט ער שוין גאָר קיין השגה נישט פון אַ מענטשן? ציט אים נישט צו איינעם און צו דעם אַנדערן נישט? האָט ער לחלוטין גאָר קיין חילוק ניט געוואוסט צווישן דעם, אַז דער ווינט האָט אים געפּאַטשט דעם רעגן אין פּנים אַריין און די באָסקייט האָט אים דורכגענומען, און צווישן דעם, אַז ס׳איז געווען זומער און די זון האָט געלויכטן? ווי געזאָגט, ווער קאָן אַריינקריכן אין אַ האַרץ פון אַזאַ מענטשן און ווער קאָן דאָס וויסן אויף דעם עולם?

ויהי היום איז זיך גדי מיישב און גיט אַ שטאַרב. צי ער איז געלעגן שלאָף, צי גלאַט אַזוי די ערד האָט אים צוגענומען — וואָס איז די נפקא־מינה, געשטאָרבן, באַגראָבן! נישט אַ האָן האָט אין שטעטל נאָך אים געקרייט, און קיינער האָט נישט נאָכגעזאָגט נאָך אים אַ גוט וואָרט, ער האָט דאָך פאַרט געדינט דעם כּלל און דעם פּרט אַלע זיינע יאָר, — גאָרנישט, עלעהיי אַ בהמה. אפשר האָט די גבאיטע געדאַגהט, אַז היינט איז נישטאָ ווער ס׳זאָל איר מעלקן די ציג, צי אַן אַנדערער, וואָס ס׳איז אים איינגעפאַלן דער אויוון, און ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל שלעפּן די ציגל אומזיסט. און איר מיינט, אַז באַלד ווי גדי איז געשטאָרבן, איז געקומען דער מלאך־הדומה און האָט געגעבן די פיר

שמיץ אויפֿן קבר און אים גערופֿן צום בית־דין של מעלה, ווי איטלעכן מענטשן, — פֿרעגט מיך, לאָמיך הערן. אַפֿילו אַזוינער האָט אויך אין זין נאָר בכּבודיקע יידן, צי אַפֿילו אמתע רשעים, וואָס האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פֿון דער וועלט, בעת זיי האָבן געלעבט... נײַן, גדין האָט מען אין דער ערד טיף באַגראָבן, אָן שערבלעך אויף די אויגן און אָן אַ טלית, — ער איז דאָך געשטאָרבן אַ בחור, און אַפֿילו אין ספר־הזכרונות אַליין אויפֿן הימל, וואָס דער מינדסטער האָט דאָרט אַ בלאַט, און זיין נאָמען און זיינע מעשים שטייען דאָרט פֿאַרשריבן, האָט אויך געפֿעלט גדיס נאָמען. איר קאָנט דאָרט זוכן אַ גאַנצן טאָג אין אות גימל, — די שרייבערס דאָרט האָבן בילכערס צו טאָן, ווי אין זינען האָבן אַזאַ מין בריאה משונה בצורת מענטש, אַ פֿאַרוואָלגערט און אומגליק־לעך באַשעפֿעניש אָן אַ טראָפּן ליכט אין גאַנצן לעבן... און אַז דאָס שטעטל, וואָס גדי האָט דאָרט געלעבט, האָט אים קיין מצבה נישט גע־שטעלט, באַדאַרף איך נישט צו זאָגן; און אַז קיין קדיש האָט מען נאָך אים נישט געזאָגט, באַדאַרף איך אייך אוודאי נישט צו זאָגן. גאָרנישט, מען מיינט אָדם יסודו מעפֿר וסופֿו לעפֿר, גדי איז געקומען פֿון שטויב און וועט שטויב... אַפֿילו אַ ווערעמל וועט פֿון אים קיין הנאה נישט האָבן, וואָרים ער איז געווען אויסגעטריקנט ווי אַ שפּאָן. און אויב ס׳איז אַזוי, טאָ וואָס־זשע האָב איך באַדאַרפֿט קומען און דאָס אַלץ דערציילן? און צו וואָס באַדאַרף דער לעזער וויסן, אַז ס׳איז אַמאָל געווען אַ שמשס אַ זון, וואָס האָט געהייסן גדי און האָט אַזאַ מין לעבן געלעבט, וואָס מען קאָן דאָס גאָר־נישט אָנרופֿן לעבן? יאָ, — וועט ער פֿרעגן, — וואָס לאָזט מיך דער דערציילער מיט דעם הערן? אָט דאָ הויבט זיך אָן דער צווייטער טייל פֿון מיין סיפּור...

## ב

דריי טעג נאָך דעם, ווי גדי איז געשטאָרבן, איז גאָט געזעסן אויפֿן הימל, און ס׳איז געזעסן די גאַנצע פּמליה של מעלה, און ס׳זיינען גע־זעסן די שבעה רועים, די זקנים און אַ סך צדיקים, און מלאָכים זיינען געשטאַנען, און ס׳איז געווען דער שמועס מכּוח עולם התחתון, און ווי אַזוי די מענטשן האָבן זיך ליב צו פֿאַרשטעלן, און ווי אַזוי מען ווייסט גאָרנישט, ווער איז דער אמתער צדיק און ווער דער אמתער רשע... האָט זיך גאָט אָנגערופֿן צו אַ קליין מלאכל און האָט צו אים געזאָגט:

קענסטו דעם וועג צו יענעם שטעטל? גיי אויפֿן בית־עולם און זוך אין עק נעבן דעם צוים, וועסטו געפֿונען אַ קבֿר אויפֿגעשאָטן ווי אַ קליין בערגל, עפֿן דעם קבֿר און ברענג אַהער צו טראָגן אָט דעם וואָס ליגט דאָרט באַגראָבן. גיי אָבער גיך, רו זיך נישט אָפּ. ויעש המלאך כן, האָט דער מלאך אַזוי געטאָן, איז אַראָפּגעשטיגן פֿון עולם־העליון אין יענעם שטעטל אַריין און האָט געשפּאָלטן דעם קבֿר, גענומען גדין אויף זײַנע פֿליגלען און אים געבראַכט צו טראָגן אויפֿן הימל. און ווי דער מלאך איז מיט גדין אָנגעקומען אויבן, האָט גאָט באַפֿוילן, מ׳זאָל נעמען גדין אין גן־עדן אין אַ באָד און אים ערשט רייניקן דעם גוף און אים שטאַרקן, און צוריקגעבן דעם צלם פֿון אַ מענטש, וואָס מ׳האָט דאָרט אונטן אין אים צעטראָטן... באַלד האָט מען זיך גענומען אין גן־עדן אים וואַשן און רייניקן און שמירן זײַן לײַב מיט סמים און מרקחת. איין מלאך האָט אים אָפּגעשוירן די פֿאַרווילדערטע האָר, אַן אַנדערער האָט אים אָפּגעשניטן די פֿאַרוואַקסענע נעגל פֿון די הענט און פֿון די פֿיס, גראָזן און קרײַטעכצער האָט מען געבראַכט מיט די טײַערסטע ריחות, און מען האָט מיט זיי געריבן זײַן גוף, און געוואַשן האָט מען אים מיט ווײַן און מיט מילך און מ׳האָט אים דערנאָך געלייגט אײַנגעוויקלט אין אַ ווייכער קאָלדרע אָפּרוען, ביז דער גוף האָט זיך אַ ביסל געלײַטערט און די הויט איז געוואָרן ווי פֿון אַ מענטשן. אים אַליין האָט מען געגעבן כּל מיני דערקוויקעכץ, און אַלע שמשים אין גן־עדן האָבן זיך מיט אים אָפּגעגעבן, און גאָט איז ער געוואָרן אַזוי טײַער, ווי דער גרעסטער צדיק.

אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען אַן ערך פֿון צוויי חדשים און אַז ס׳איז געקומען דער דריטער חודש, האָט גדי אויפֿגעעפֿנט די אויגן און זיך אָנגעהויבן פֿילן ווי אַ מענטש. ס׳איז געווען צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן, אַז מ׳האָט מיט אים נישט געאַרבעט, און גיין גייט ער אָנגעטאָן אין ריינע קליידער און ער הערט נישט זײַן נאָמען פֿאַרדרייען, און נישט יעדעס ייִנגל טרעט אים מיט די פֿיס. פֿאַרקערט, ער איז אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, און כאָטש ער קאָן קוים עבֿרי, — וואָרים קיינמאָל האָט מען אים נישט געלאָזן דאַווענען, — דאַנקט ער גאָט, ווי ס׳קומט אים פֿאַר אויף זײַן אופֿן, און ער איז אַ שטילער רואיקער מענטש, וואָס טשעפּעט נישט אַפֿילו אַ פֿליג אויף דער וואַנט. אַי, וואָס ער האָט נישט די גרויסע השגות און קאָן נישט תּופֿס זײַן די ענינים — האָבן דאָך אַ סך בריאות,

וואָס גאָט האָט זיי באַשאַפֿן, קיין השגה נישט פֿון דער וועלט, און פֿונדעסט־וועגן האָט גאָט פֿון זיי נחת־רוח. דערפֿאַר, וואָס איך האָב מער שׂכל פֿון מיין חבר און פֿאַרשטיי אַ זאַך מער ווי ער, בין איך נאָך נישט זיין אָדון, און דער בורא־עולם איז אַזוי גוט זיין שעפֿער ווי מיין שעפֿער. און טאָ־מער גאָר פֿאַרקערט, דעם שׂכל, וואָס גאָט האָט אין מיר געפֿלאַנצט, כּדי צו טאָן גוטס, באַנוץ איך צו שלעכטס און צו פֿאַלשקייט. ער אָבער איז אַ פּשוטער מענטש, אָן חכמות, אָן העוויות און אָן העזה אַלץ וועלן צו דערקלערן און צו דערפֿאַרשן, און אַפֿילו אין גן־עדן אַליין איז ער זיך שטיל און זאָגט נישט קיין וואָרט. ס׳איז נישטאָ קיין פּיצל קנייטש אין זיין נשמה און קיין פֿאַרקרימעכץ אין אים, וואָס קומט אַלץ דערפֿון, וואָס מען וויל איינגעמען די וועלט און מען פֿאַרגעסט דעם גבול, וואָס גאָט האָט געזעצט דעם מענטשן... אויסגעגליכן איז אַלץ אין גדין געוואָרן, זינט מען האָט פֿון אים אַראָפּגענומען דעם שווערן עול און די קנעכט־שאַפֿט...

און פֿאַר דעם שׂכר, דערפֿאַר וואָס גדי איז געווען אויף דער וועלט איטלעכן אַן עבד־נכנע, און זיין אַרבעטן און טאָן האָבן געהאַט אין זיך ריינע קנעכטשאַפֿט, טאַקע ווי דער אָקס אין אַקער און ווי דער אייזל, וואָס גייט אין די לאַנגע מדבריות און רוט נישט אַ ווײַלע, אַט דערפֿאַר האָט גאָט איינגעגעבן גדין אין דעם נייעם לבוש פֿון מענטש, און ווי ער האָט זיך אויפֿגעריכט, צו דוד המלך אין הויף אַריין.

אין די הונדערטער פּאַלאַצן און גערטנער פֿון גן־עדן, וואו עס וואוי־נען דוד המלך וכל מלכי בית־דוד הטובים און אַלע מלכי־צדק, וואָס קומען אַרויס פֿון דודן, איז זיך גדי אַרומגעגאַנגען און האָט געהערט אַלע אינדערפֿרי דעם תּהילים זינגען אין גרויסן סאַד, און האָט געזען די מלאָכים און שׂרפֿים און האָט זיך נישט געוואונדערט. ער האָט זיך אויך נישט געשטופּט דאָרט, וואו מען טאָר נישט. ווי געפֿרייט האָט ער זיך, אַז מ׳האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ שומר ביי איינעם אַ טויער און אַז ער האָט באַקומען אַן אַרבעט. געשטאַנען איז ער אויף זיין פּלאַץ און האָט שומר־געווען באמונה, און פֿונדעסטוועגן, אַז ס׳איז געקומען אַ נשמה און האָט געבעטן, מ׳זאָל זי אַריינלאָזן צו דוד המלך, וואָרים זי וויל האָבן אַ תּיקון, האָט ער איר נישט געענטפֿערט גראָב. אים איז געווען די פֿאַר־וואָגלטע נשמה אַזוי חשוב ווי דוד המלך אַליין, און זיין האַרץ האָט ניט געוואוסט פֿון דעם וואָס מיר רופֿן דאָס „געהויבענע״ און „נישט־געהויבענע״,

און דעם חילוק צווישן דעם מלך און זיינע עבדים. און אַז דוד המלך איז געגאַנגען שפּאַצירן אין יענעם גאָרטן, וואו גדי איז געשטאַנען, און האָט אים דערזען און איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט צו אים: וואָס מאַכסטו, גדי? — האָט זיך גדי נישט דערשראָקן און איז נישט געפאַלן צו די פיס, ווי ער האָט דאָס געזען טאָן אַפילו גרויסע שרים. ער פילט זיך ריין און טוט זיך זיינס; פאַרוואָס זאָל ער דען האָבן אימה און פחד? אַזוי איז גדי געוואָרן אַן אַנדער מענטש, זינט גאָט האָט זיך אָנ־גענומען זיין קריוודע און אים אַרויסגעצויגן מעבודת־מצרים, פון דער אמתער קנעכטשאַפט, און האָט אים דערלייזט.

און דאָך איז ער טאַקע דודן געפעלן מער ווי אַלע עבדים ושרים; און ס׳איז אַ סברה, אַז זינט דוד המלך האָט אים דערקענט און ס׳איז אים דורכגעבליצט דער מין מענטש גדי, האָט ער געמאַכט אַ ניי קאַפּיטל תהילים אויף אים, דאָס הונדערט־און־איין־און־פופציקסטע קאַפּיטל. דאָס איז אָבער אין אונדזער תהילימל נישטאָ, און דאָס וועט ערשט אויפגע־נומען ווערן, ווען ס׳וועלן קומען די צייטן פון תחית־המתים...

*

יאָ, מקימי מעפר דל, מאַשפות ירים אביון, גאָט דערהייבט דעם אָרעמאַן פון שטויב, פון מיסט קלייבט ער אים אויף, דעם נידעריקסטן, און מאַכט אים גרויס, איז אַ שיין ליד; אָבער דאָס איז נאָך נישט דער גאַנצער זמר גדי און די בחינה פון אַזאַ מין מענטשן. אין דער גמרא און אין די שפּעטערדיקע ספרים איז אויך דאָ פון דעם אַ ביסל. לייגט אייך אַנידער פאַר דער שוועל אין בית־המדרש — זאָגט איינער — כּדי די, וואָס גייען דאַוונען מיט די גרויסע טלית־און־תפילינס און מיט די ברייטע גאַרטלען זאָלן אויף אייך טרעטן, און איר זענט מער פאַר זיי אַלע...

# דאָס פּייפּעלע

צו דעם בעל־שמס צייטן האָט געלעבט אין אַ דאָרף אַ ייד, אַן ערלעכער און אַ פּשוטער ייד, שמעון מיטן נאָמען. געהאַלטן האָט מען אַ שטיקל שענקל, און כאָטש ס׳איז ניט געווען אַזוי מיט הרחבה, האָט מען קיין מאָל ניט אַ טראַכט געטאָן מכּוח דעם, צי חס־ושלום גאָר האָבן תּרעומות. פֿאַרקערט, מען דאַנקט נאָך דעם אויבערשטן, אַז מ׳האָט זיך אַ ווינקעלע. און כאָטש מ׳איז שטענדיק אַ טרוד, בלייבט נאָך אַ ביסל צייט פֿאַר אַ יידיש וואָרט... אַי, ס׳איז ניטאָ קיין מנין און קיין מקווה ניט און אַלע זיבן זאַכן פֿון שטאָט, דערפֿאַר איז אָבער דאָ אַ תּהילימל און אַ סידורל, און אַ שטילע שמונה־עשרה דאַוונט זיך אין אַ דאָרף אַוודאי גוט... וואָס וואָלט שמעונען און זיין ווייב געפֿעלט, אַז גאָט וואָלט זיי ניט געווען גע־שטראָפֿט מיט אַ קינד, אַ יינגל, וואָס איז שוין אַלע צען יאָר און קען אַפֿילו נאָך קיין עברי ניט, וואָס זאָג איך עברי, ניט די צורה פֿון אַן אַלף, פֿון אַ מלופֿים. מלמדים האָט מען ניט געקאָנט האַלטן, אָבער באַ־העלפֿערס האָט מען גענומען, און געזוכט גוטע איבערן כּוח, אָבער ס׳איז געווען אַלץ אומזיסט. דער מוח איז געווען אַזוי פּראָסט און פֿאַרשטאָפּט, אַז מען האָט אים ניט געקענט אויסלערנען זאָגן אַ ברכה, צי ווער שמועסט קריאת־שמע לייענען צי מודה־אני. מיינט איר, אַז ער האָט עפּעס פֿאַר־שטאַנען פֿון אַן עבירה, אַז מען טאָר שבת ניט רייסן פּאַפּיר צי טראָגן אַ שטיינדל?

וואָס שמעון און זיין ווייב האָבן געליטן, קאָנט איר אייך ניט אויס־מאָלן. אָבער ווי געזאָגט, תּרעומות האָבן זיי ניט געהאַט צום אויבערשטן און האָבן ניט גערעדט פֿון זייער מזל. יענע יאָרן און יענע מיני מענטשן! — אָבער דאָס איז אין אַמאָליקע צייטן אויך געווען ווי היינט; מען האָט זיך געשעמט, זיך געשעמט פֿאַר אַנדערע... אַז ס׳זיינען געקומען ימים־נוראים און מען איז געפֿאָרן אין שטאָט אַריין, האָט מען זיך געשעמט מיטצונעמען דאָס יינגל, מ׳זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד. אַ יידיש קינד, און ס׳זעט אויס,

ווי ס׳וואָלט געשטאַמט פון גויים און רעדן רעדט דאָס אויך האַלב גוייש, אַ פּראָסטער שייגעץ...

אָבער וואָס טוט מען, דאָס נפש איז שוין באַלד אַלט דרייצן יאָר, ס׳גייט אויף בר־מצווה און מען מוז דאָך טראַכטן וועגן דעם, ווי מאַכט מען אים כאָטש צו אַ שטיקל ייד. האָט זיך דער פאָטער מיישב געווען און אים דאָס מאָל מיטגענומען אין שטאָט אַריין צו יום־כיפור. געדאַוונט האָט ער אין בעל־שמס בית־מדרש, און מאָלט אייך אויס, אַז אַזאַ בופּ־לאָקס פון אַ מענטשן קומט אין אַזאַ סביבה... דער בעל־שם אַליין האָט נאָך דעמאָלט געלעבט און די גאַנצע חבריה, און געדאַוונט האָט מען ווי די שרפים ואופנים. דער דאָרפס־בחור איז געשטאַנען צווישן די וועק־סענע ליכט און די געלע טליתים, וואָס האָבן זיך געשאָקלט, און האָט געקוקט וואונדערלעך. די תפילות זיינען דאָס מאָל ניט געווען אַזוי אַקוראַט, ווארים ס׳איז דאָס יאָר געווען אַ גרויסער קטרוג אויף יידן און דער בעל־שם האָט זיך שטאַרק נתעצב געווען און אַלע מאָל אַ געשריי געגעבן שאגת־אריה. כל־נדרי האָט מען אָנגעהויבן מיט גרויס יללה, עפּעס אַ קלייניקייט, וזה שער השמים! אַז מען שטייט און מען מוז עפענען די טויערן פונעם הימל, און עס שטייען תפילות פון הונדערטער יאָרן און מ׳לאָזט זיי ניט אַריין. שמעון האָט געהאַלטן זיין זון כסדר נעבן זיך און האָט פון אים ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג. עפּעס איז אים אַריין אין דער מחשבה, טאָמער איז ער זיך מיישב און לעשט אויס אַ ליכט, און ער האָט זיך צעוויינט מיט אַזאַ געבראָכן קול, וואָס דאָס איז געווען באַצאָלונג פאַר אַלע דרייצן יאָר. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די סליחות מיט די לאַנגע תפילות. עפּעס אַ קלייניקייט, האָבן די זכיה צו דאַווענען מיטן בעל־שם אינאיינעם, אָבער דער בעל־שם וויינט ביטער, אַ פּנים ס׳איז אַ שטאַרקע שיטנה אויף כל־ישראל...

און אויף מאָרגן פרי האָט דער בעל־שם אַליין געדאַוונט שחרית פאַרן עמוד און מוסף אויך, איטלעכן איז געווען אַזוי שווער אויפן האַרצן און איטלעכער האָט געטאָן תשובה פאַר אַלע יאָרן און איטלעכער האָט גע־פילט, אַז מען מוז ממרק זיין אַלע עוונות... דאָ זעט שמעון, אַז זיין יינגל האַלט די האַנט אין קעשענע און וויל עפּעס אַרויסנעמען. טאַטע, זאָגט ער, איך האָב אַ פייפל און וויל בלאָזן אויף דעם. איר קאָנט אייך אויס־מאָלן דעם שרעק פונעם פאָטער. ער זאָגט אים שטילערהייט און בייסט מיט די ליפּן: טו דאָס ניט, מ׳טאָר ניט... דאָס יינגל אָבער זאָגט:

כאַטש איין בלאָז טאָן. שמעון וואָלט אים געקאָנט דערהרגענען. טאָר מען אום יום־כיפור זיין אין כעס? און אַזאַ בלבול בשעת התפילה! ער האָלט אים צו די קעשענע מיטן פּייפּעלע, וואָרים אַרויסנעמען טאָר מען דאָס ניט, ס׳איז מוקצה... דאָס יינגל רייסט זיך און בעט: כאָטש איין בלאָז. שמעון פאַרשעלט זיך, פאַרוואָס ער האָט אים מיטגענומען; ער וואָלט גע־געבן מי־יודע וויפל, אַז ער וואָלט אים אַצינד געהאַט אין דאָרף. און דאָס יינגל רייסט זיך און בעט אין איינעם: לאָז מיך בלאָזן, טאַטע. — ס׳איז שוין מנחה, ס׳קומט צו נעילה. דער בעל־שם האָט זיך ווידער אַנידערגעשטעלט און האָט אָנגעהויבן מתפלל צו זיין בשברון־לב. אָבער ער האָט נאָך ניט געפּועלט אויבן, וואָס ער האָט געוואָלט פּועלן. ער איז שוין געווען ביי זיין רבין אחיה השילוני און איז שוין געווען אין היכל־המשיח, און ס׳העלפט ניט, מען וויל די תפילות ניט אַריינלאָזן. עפּעס טויזנטער פון די מקטרגים און משטינים האָבן זיך דאָס מאָל צו־נויפגענומען און אָנגערעדט אויף יידן, אַפילו דעם חטא פונעם עגל האָט מען נאָך אַמאָל אויפגעמישט און דעם חטא פון ירבעם בן נבט. האָט דען דער בעל־שם גאָר קיין זכיות ניט? האָט אים דאָס מאָל גאָט פאַרלאָזן? אין דעם גאַנצן בית־המדרש איז אימה ופחד. ס׳איז שווער, ס׳איז שווער, דאָס פילט איטלעכער מתפלל, און נאָך אין אַ שעה אַרום איז שוין תקיעה־גדולה. דאָ כאַפּט אַרויס דאָס דאָרפס־יינגל דאָס פּייפּעלע און הויבט אָן צו בלאָזן: טאָ! טאָ! טאָ! אַ שרעק איז געפאַלן אויפן עולם. מ׳האָט ניט געוואוסט פון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען? און מ׳האָט געמיינט, ס׳איז דער שטן, וואָס בלאָזט. און אַז מען האָט דערזען דאָס יינגל האָלטן דאָס פּייפּעלע אין מויל, וואָלט מען אים געקאָנט צערייסן. האָט זיך דאָ דער בעל־שם אומגעקערט מיטן פּנים צום עולם און האָט געגעבן אַ וואונק, מ׳זאָל דאָס יינגל ניט טשעפּען און האָט זיך ווידער אַנידערגעשטעלט דאַוונען נעילה, און עפּעס גאָר אַנדערש מיט אַ פריילעך האַרץ און אַלע האָבן אויף איינמאָל געפילט, ס׳איז עפּעס גרינגער געוואָרן. אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט דער ווייַנענדיקער יום־כיפור רואיק און לייכט. מעריב האָט מען אויך גיך אָפּגעדאַוונט און נאָך חידוש־לבנה, אַז מען האָט שוין פאַר־שלאָגן די פלעקער אויף סוכות, האָט זי די חבריה צוזאַמענגעקליבן צום בעל־שם און רבי וואָלף קוצעס האָט, ווי תמיד, געוואָלט פון אים וויסן דעם פירוש פון דער זאַך. דער בעל־שם האָט פאַררויכערט די לולקע און האָט דערציילט פון דעם גרויסן קטרוג אויף יידן און פונעם גרויסן

צער, וואָס ער האָט געהאַט דעם גאַנצן יום־כּיפּור, אַז ער האָט געזען, אַז ער קאָן נישט אָפּוואַשן די שיטנה און מיטנעמען די תּפֿילות. אָבער דאָס ייִנגל, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען אין אַ בית־מדרש און וואָס האָט קיינמאָל נישט פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט פֿונעם דאַווענען, און זעט, אַז עס רודערט זיך עפּעס אַרום אים און ער וויל אויך עפּעס טאָן, אָבער ער קען ניט. דאָ האָט ער אַ בלאָז געטאָן אויפֿן פּייפּעלע און דאָס איז געווען אין דער שעה זיין עבֿודה. און פֿון דער עבֿודה פֿון אַזאַ פּראָסטער נשמה איז געוואָרן אַן עת־רצון למעלה. און אַלע טויערן האָבן זיך אויפֿגעעפֿנט און די תּפֿילות זיינען אַריין פֿאַרן כּסא־הכּבֿוד, און מען האָט יידן אַלץ מוחל געווען און מען האָט זיי נאָך געשענקט אַ גוט און אַ רייך יאָר און ישועות און נחמות בכל־תּפֿוצות־ישׂראל.

# דבורה אָדער דער הספד

## אַ בלעטל געשיכטע

— אין דער תורה איז פֿאַראַן אַ דין, אַז אַ חתן איז פּטור פֿון גיין אין מלחמה אַריין, אַז איינער, וואָס האָט נאָר וואָס חתונה געהאַט, צי האָט גע־בויט אַ הויז, צי האָט געפֿלאַנצט אַ נייעם ווייגאָרטן, מוז בלייבן אין דער היים, כּדי משמח־זיין זיין ווייב, מאַכן דעם חנוכּת־הבית און צוזען ווי עס בליען די ערשטע בלומען — און דערפֿאַר איז ער פּטור פֿון גיין דינען, און מ׳טאָר אים נישט נעמען פֿאַר אַ סאָלדאַט. אַ דאַנק גאָט, זיינען אַזוינע מנהגים ביי אונדז ניט תּמיד מקוים געוואָרן, און מ׳האָט ביי אונדז זיך נישט געהאַלטן שטענדיק אָן דעם דין. פֿאַרקערט, מיר קענען גע־שיכטעס, וואָס די כּלה אַליין האָט דעם געליבטן חתן געטריבן אין קריג אַריין, אַז די נייע באַלעבאַטים פֿלעגן אַליין צענעמען די הייזער און זיינען געגאַנגען שלאָגן דעם פֿיינט מיט די העלצער, אַז מאַמעס האָבן פֿאַר זייערע בני־יחידים, וואָס זיינען געגאַנגען אין קריג אַריין, גענייט העמ־דער... און אַזעלכע געשיכטעס זיינען פֿאָרגעקומען נישט נאָר אַמאָל, נאָר גם בימים הקרובים, אין צייטן, וואָס שטייען גאָרניט ווייט פֿון אונדז.

אין אַ דאָרף נעבן אַ גרויסער שטאָט אין וואָלין האָט געלעבט אַ יידישע פֿרוי מיטן נאָמען דבורה. פֿון תּמיד אָן האָט זי געוואוינט אין דאָרף. פֿון איר פֿאָטער האָט זי געירשנט אַן אייגן הויז מיט אַ גאָרטן און אַ שטיקל פֿעלד. איר פֿאָטער האָט זיך דאָרט באַזעצט אין דער צייט, וואָס יידן האָבן דאָרט נאָך געמעגט קויפֿן ערד. דבורה האָט פֿאַרשטאַנען צו אַקערן די ערד און צו באַאַרבעטן דאָס פֿעלד, און כאָטש דאָס וואָס זי האָט געירשנט, איז געווען נישט פֿיל, האָט עס איר געטראָגן אויף חיונה און זי האָט געקאָנט אָוועקגעבן פֿאַר אַזעלכע, וואָס האָבן נישט. מענטשן האָט זי געהאַלטן וויניק, וואָרים איר זון בערל האָט איר געהאָלפֿן אין אַלעמען. בערל איז געווען אַ דאָרפֿס־קינד, ווי ס׳שטייט אין פּסוק: גרויס געוואַקסן מיט אַ פֿאַרברענט פּנים און צוויי שטאַרקע הענט, וואָס קאָנען

אַלצדינג טאָן, און רוען נישט אַ מינוט, אַ יונג, וואָס ס'איז געווען אַ פֿרייד אויף אים צו קוקן, כאָטש אין די קליינע אותיותלעך האָט ער געקענט אַ סך ווייניקער, ווי איך און איר, מיינע לעזער.

דבורה איז טאַקע געווען שטאָלץ פֿון איר זון. און כאָטש זי איז אויך נישט געווען פֿון די, וואָס האָבן מורא אַליין אַרויסצוגיין ביינאַכט, האָט זי אים דאָך באַדאַרף האָבן. ווי זאָגט מען, אַ מענטש איז פֿאָרט נישט קיין הונט. אַ מאַן האָט מען נישט, קרובים אויך נישט, נישטאָ קיין שוועסטער און נישטאָ קיין ברודער, און אַ יידיש קינד אַליין אין דאָרף. און כאָטש וואַסיל און איוואַן און די איבעריקע גוים זיינען געווען מיט איר תּמיד שלום און האָבן גענומען ביי איר דעם גוטן טרונק בראָנפֿן, מוז מען פֿונדעסטוועגן געדענקען, אַז מ'איז אין גלות. קידוש קאָן מען און מען מעג מאַכן אויף חלה; און אַז מען וויל, קאָן מען זיך דעם סדר אַליין אָפּריכטן, אָבער אַז ס'קומט שניט און די אַרבעט אין פֿעלד, דעמאָלט קומט בערל ריכטיק צוניץ. נישט אומזיסט זיינען דאָ מאַנספּאַרשוינען אויף דער וועלט!

דבורה און איר זון בערל זיינען אויך געווען צוויי גוטע פֿריינט. בערל האָט געהאַט דעם אָנבליק פֿון זיין פֿאָטער, וואָס איז געשטאָרבן יונ־גערהייט: אַ פֿערד האָט אים אַראָפּגעוואָרפֿן באַרג אַראָפּ און האָט אים דערהרגעט. ווי געזאָגט, זומער איז דאָ פֿיל צו טאָן. דעמאָלט איז נישטאָ קיין צייט צו זאָגן, וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו דער אַרבעט. אָבער אין די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט, ווען אין דרויסן איז אַ זאַווערוכע און אין שטוב איז ליכטיק און וואַרעם, פֿלעגט דבורה זיצן אין שטוב און שטריקן זאָקן און בערל פֿלעגט שניצן האָלץ, און איז געווען אַריינגעטאָן אין זיין אַרבעט, — דעמאָלט פֿלעגט דבורה קוקן אויף איר קינד מיט אַ פֿרייד, פֿון וועלכע די אויגן ווערן נאַס.

אַ שווערע צייט איז געקומען דעמאָלט פֿאַר דער גרויסער מדינה, וואָס דבורה האָט אין איר געוואוינט. נאָך אַ שרעקלעכער מלחמה, מאָלט אייך אויס אַ לאַנד, אין וועלכן מ'איז נישט רעכט זיכער מיטן לעבן, וואָס מיינס איז יענעמס און יענעמס איז מיינס; וואָס אין מיטן העלן טאָג קאָן מען איבערפֿאַלן ווערן, איטלעכער וויל זיין דער גרעסטער, און איטלעכער וויל אַלץ איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ... אין דערפֿער אַרבעט מען נישט מער, מילן שטייען פּוסטע, שפּייכלערס ווערן אונטערגעצונדן. ממש: איש את רעהו חיים בלעו!

און דאָס אַלץ איז נאָך גאָרנישט אַקעגן דעם, וואָס יידן האָבן גע־האַט דעמאָלט צו ליידן. אַ שנאה איז אויסגעבראָכן אויף זיי, וואָס מ׳זעט דאָס גאָרנישט. מאָלט אייך אויס: הונדערטער יידישע שטעט זיינען אין מיטן העלן טאָג פֿון באַסיאַקעס איבערגעפּאַלן, אויסגעראַבעוועט ביז אויפֿן לעצטן און פֿיל מענטשן גאָר דערהרגעט. יאָ, די מענטשלעכע רציחה האָט נישט קיין גרענעץ, אַז זי צעלאָזט זיך; קינדער זיינען דערשטאָכן גע־וואָרן פֿאַר די אויגן פֿון זייערע מאַמעס, ווי אין גאַנטעס צייטן. מען האָט געריסן דאָס פֿלייש פֿון לעבעדיקע לייבער און אַלע עינויים־קשים פֿון דער וועלט זיינען געמאַכט געוואָרן אויפֿן יידישן גוף, ס׳איז ממש געוועזן אויס־געגאָסן די גאַנצע תוכחה אויף יידן!

ניין! קיין נייע קינה וויל איך נישט שרייבן, דערצו מוזן מיר האָבן אַ נייעם „שבט יהודה״; בעסער וויל איך דערציילן פֿון די, וואָס זיינען אויפֿגעשטאַנען אין דער צייט ביי יידן, בעת־צרה, און האָבן אָנגעהויבן אָפּצולייקענען דעם ענין פֿון דער תוכחה און אַז מען מוז אויף זיך נעמען די שטראָף; און ווען עס שטייט געשריבן: ונסו מנוסת חרב, יידן וועלן אַנט־לויפֿן פֿאַרן פֿיינט און וועלן זיך לאָזן אויסהרגענען, האָבן זיי געזאָגט, די יונגע־לייט, וואָס זיינען דעמאָלט געקומען: ניין! מיר וועלן זיך נישט לאָזן! און זיי האָבן טאַקע געפּרוּווט זיך שטעלן קעגן דעם פֿיינט. די אייגענע יונגע־לייט, וואָס האָבן מורא געהאַט צו גיין דינען, האָבן זיך אָצינד געקויפֿט ביקסן און האָבן זיך אויסגעלערנט שיסן און געשאָסן אויף די, וואָס זיינען געקומען זיי צו דערשיסן. ווי זאָגט דער פּסוק: הבא להרגך, השכם להרגו! אַז איינער קומט דיך אומצוברענגען, מעגסטו אים אויך אומברענגען!

אין דער שטאָט נעבן דעם דאָרף, וואו דבורה האָט געוואוינט, און אין די שטעטלעך אַרום און אַרום האָט זיך געלאָזט הערן פֿון שרעק־לעכע פּאָגראָמען אויף יידן. ס׳איז געווען אין כל חדש, ס׳האָט זיך אָפּגע־טאָן, וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן אין אַלע שטעט אין יענער צייט; אָבער דאָס, וואָס איז נאָענט, פֿאַר דעם איז די מורא גרעסער. אַזוי איז דער מענטש באַשאַפֿן.

אין דער שטאָט, ניט ווייט פֿון דעם דאָרף, האָט מען שוין געשמועסט פֿון דעם יום־הדין אַ וואָך פֿריער און מען האָט זיך געריכט יעדן טאָג. אַ טייל זיינען זיך צעלאָפֿן אין אַנדערע שטעט און האָבן גאָרנישט אויס־געפֿירט, וואָרים דאָרט איז געווען נאָך ערגער, דאָס רוב איז געבליבן,

און ווידער אַ טייל ·פֿון דעם רוב האָט געזאָגט: מיר וועלן זיך שטעלן אַקעגן! יונגע־לייט מיט אַ האַרץ האָבן נישט געקאָנט צולאָזן, אַז זייערע מאַמעס זאָלן געהרגעט ווערן און זייערע שוועסטער זאָלן געשענדט ווערן. זיי האָבן זיך אָנגעגורט מיט שווערדן און געזאָגט, ווי שמעון־ולוי: הכזונה יעשה את אַחותנו!

ס'איז געווען אַ ווינטער־טאָג. אַ קאַלטער און אַ שאַרפֿער ווינטער־דיקער ווינט האָט געבלאָזן אין דאָרף, און מיט דעם ווינט זיינען געקומען די זיפֿצער פֿון אַן עם־מוכה, וואָס מען שלאָגט עס. די גויים פֿון דעם דאָרף האָבן זיך געגרייט אין שטאָט אַריין, דאָס הייסט, כּדי צוצוקוקן און בשעת־מעשה טאַקע מיטצוהעלפֿן. מוזשיקעס, גוטע פֿריינד פֿון דבורהן, האָבן זיך געמאַכט תּמעוואַטע, ווי זיי דערקענען זי גאַרנישט, און ס'האָט נישט פֿיל געפֿעלט, זיי זאָלן באַפֿאַלן דבורהס הויז. מ'האָט נאָר געוואַרט, איינער זאָל קומען און זאָל הייסן דאָס טאָן... דבורה האָט אָבער זיך אַליין נישט אין זין געהאַט; אַז זי האָט געזען, אַז די שרעקן הערן נישט אויף, האָט זי גערופֿן איר זון און האָט צו אים געזאָגט: גיי אַהין, צו דיין פֿאָלק, און העלף.

זי אַליין האָט אים געהאָלפֿן פּוצן דעם ביקס, האָט אים אַרויסגע־נומען דאָס לעדער מיטן שרויט, אים אַלץ צוגעגרייט אויפֿן וועג און אים געזאָגט, ער זאָל נישט גיין אויפֿן ברייטן שליאַך. אַ פֿרייד האָט אַ בליץ געטאָן אין איר פּנים, אַז זי האָט דערזען איר זון אין אַ האַלבער שעה אָנגעטאָן און גרייט צו גיין...

און בערל איז געגאַנגען מיט אַ מוטיק האַרץ און איז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין אין מיטן פֿייער. מיט דעם גאַנצן כּוח האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן שונא און האָט געהאָלפֿן זיינע חברים פֿון דעם זעלבסטשוץ, וואָס זיינען שוין געווען מאַט און זיינען שיטערער געוואָרן. מען זאָגט, וואונדער האָט בערל באַוויזן, פֿאַרטיליקט אַ סך פֿיינט און אַ סך מענטשן געראַטעוועט דאָס לעבן; דריי שעה האָט ער געקעמפֿט מיט אַ ווילדן כּוח און מיט אַ גבורה נפֿלאה.

דאָ איז געקומען אַ קליין שייגעצל, האָט אויפֿגעהויבן אַ שאַרפֿן שווערן שטיין, האָט זיך געצילט צו בערלען, האָט אים געטראָפֿן און אים געשפּאָלטן דעם קאָפּ. אַזוי איז דער גלית פֿון די יידן געפֿאַלן דורך דעם דודל פֿון די באָסיאַקעס.

און אַז מ'האָט אויסגעראַבעוועט די שטאָט און דערהרגעט אַזוי פֿיל מענטשן, איז געקומען מיליטער צו לעשן דאָס פֿייער, וואָס האָט שוין אויסגעברענט. נאָך דעם האָט מען זיך גענומען באַגראָבן די געפֿאַלענע, און זיי ברענגען צו קבר־ישראל...

אַ מחנה פֿון מענטשן איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער לוויה. דרייצן מיטות האָט מען געטראָגן. מ'האָט נישט געקלאַפּט מיט פּושקעס און נישט אויסגערופֿן: צדקה תּציל ממוות! אָבער ווער קאָן באַשרייבן די מוראדיקע יללות, וואָס מען האָט דאָרט געהערט? מאַמעס האָבן באַוויינט זייערע אומגעבראַכטע קינדער, קינדער האָבן באַקלאָגט און באַוויינט זייערע טאַטעס און מאַמעס, יידן, סיי נשים, סיי אַנשים, האָבן פֿאַרגאָסן טייכן טרערן. אַ ציבור, אַ גאַנצער ציבור, האָט געטראָגן צום קבר זיינע געפֿאַלענע קרבנות און אין האַרצן האָט נאָך איטלעכער דעם פּחד...

שטיל, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ קלייד, דעם קאָפּ איינגעוויקלט אין אַ טונקעלן שאַל, איז דבורה געגאַנגען נאָך דער לוויה. געגאַנגען איז זי גלייך, נישט איינגעבויגן. מען האָט אַפֿילו נישט געוואוסט ווער זי איז, ווער האָט אין זין זיך אומצוקוקן אויף פֿרעמדע אין אַזאַ מינוט?

דער עולם איז געקומען צום בית־עלמין. מען האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים אוהל. האַרצרייסנדיקע מלא'ס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוקומען. יידן האָבן געבראָכן די הענט און געוואָרפֿן צום הימל; און אַז מען האָט גענומען מקבר צו זיין די געפֿאַלענע, איז אַ טייל פֿון דעם עולם געבליבן אין חלשות; דאָס איז געווען דער אמתער סתימת־הגולל; און די שערי־רחמים זיינען געשלאָסן, דאָס האָט איטלעכער געפֿילט.

דער דרייצנטער קבר איז געווען בערלס קבר, בערלס דעם בחור פֿון דאָרף, וואָס איז געקומען אַהער העלפֿן און האָט זיך געקויפֿט דעם טויט...

און אַז מען האָט גענומען אים פֿאַרשיטן מיט ערד, איז אַרויסגעטראָטן די איינגעוויקלטע יידענע מיטן שאַל, האָט דערהויבן איר קול און האָט אַזוי געזאָגט:

איך בין די מאַמע פֿון דעם דערהרגעטן, וואָס איר באַגראָבט אים אַצינד, איך האָב אים געשיקט צו אייך. איך וויל נישט וויינען, וואָס גאָט האָט מיר צוגענומען מיין זון. קיינער האָט אים נישט צוגענומען, איך האָב אים אַליין געגעבן. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט נישט קומען צוריק אַ לעבעדיקער. אָבער איך האָב אים געשיקט, ער זאָל זיין מיט אייך און ער זאָל שטאַרבן פֿאַר אייך...

# דער נסיון

## אַ דאָרפֿס־געשיכטע

אַ ייד, אַז ער וואוינט אין שטאָט, לעבט ער נאָך צווישן יידן און איז נישט אַליין... צווישן יידן פֿילט מען זיך היימיש. מען גייט אַרויס אין מאַרק, מען גייט אין בית־מדרש אַריין, מען כאַפּט אַ שמועס, מען זעט עפּעס. אין שטאָט זיינען פֿאַראַן רבנים, פֿאַראַן שוחטים, פֿאַראַן חזנים. ס'איז פֿאַראַן אַ קהילה. לומדים זיצן און לערנען, יונגע־לייט ריידן פֿונעם כּלל און פֿון נייס. יידן זיינען אַ פֿאָלק, און איטלעכער ייד איז איין אבר פֿון דער גאַנצער אומה.

פֿרעגט אָבער אַ יידן אין אַ דאָרף, צי ער לעבט אַזוי. אַ ייד אין אַ דאָרף, אַפֿילו אַז ער האָט ערגעץ טאַטע־מאַמע, איז ער תּמיד בבחינת־יתום... אַ ייד מיט אַ יידישער נשמה און יידיש אָנגעטאָן לעבט יאָרן צווישן לויטער גויים. אָוואו מען טוט אַ קוק, זעט מען נאָר פּויערן, ס'זיינען נישטאָ קיין קלייטן, נישטאָ קיין איינפֿאָר־הייזער, אַלע כאַטעס זיינען גלייך, איינע ווי די אַנדערע, די ווענט זיינען פֿון ליים, אומעטום זיינען קליינע פֿענצטערלעך און דער דאַך איז פֿון שטרוי. דאָס איינציקע וואָס איז עפּעס אַנדערש, איז דער בלויער קלויסטער אויפֿן פֿרייען פּלאַץ. דער ייד זיצט פֿאַרנאַכט אויף דער פּריזבע און טראַכט זיך זיינס, און אַרום אים קלינגען די גלאָקן: קלינג, קלאַנג! קלינג, קלאַנג! און דאָס איז נישט זיין אמונה...

*

אין אַ דאָרף נעבן טשיטשעלניק האָט געוואוינט אַ ייד מיטן נאָמען בן־ציון; געהאַלטן האָט ער אַ קלייטל אפֿשר צוואַנציק יאָר, און האָט געהאַט חיונה. קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט, און מיט זיין ווייב פּערל האָט ער געלעבט בשלום אַלע זיינע יאָרן. בן־ציון האָט זיך געהאַט זיינס און האָט נישט געהאַט מיט וואָס זיך צו באַקלאָגן אויף גאָט. ס'מוז

דאָך דער מענטש ליבן גאָטס נאָמען, אַז ער האָט אַ ווינקעלע אויף דער ערד און אַז ער זאָגט אַלע טאָג הזן ומפּרנס און מאַכט נישט קיין ברכה לבטלה...

בן־ציונען איז אָבער דאָס לעבן געוואָרן שווער אין דאָרף. ער איז ממש אויסגעגאַנגען נאָך דער שטאָט... און אַלע זיינע מחשבות זיינען געווען פון תמיד אַן די שטאָט: דאָס לעבן צווישן יידן, די תפילה־בציבור, דער טעם פון בית־מדרש. אוודאי קאָן מען אין דאָרף אויך דאַווענען צו גאָט, פאַר אים אויסגיסן דאָס ביטערע האַרץ און אים דאַנקען, וואָס ער האָט אונדז אין זין; אָבער וואָס איז דאָס דאַווענען פון אַ יחיד, קעגן דאָס דאַווענען פון אַ רבים? וואָס איז דער שמע־ישראל, וואָס קומט פון איין יידן, קעגן דעם שמע־ישראל, וואָס קומט פון הונדערטער יידן אין אַ שול און גייט גלייך צום שער־השמים?

טאָג פאַר טאָג האָט זיך בן־ציון געקלאָגט אויף זיין מזל: גלייכט דאָך זיין לעבן — פלעגט ער טראַכטן ביי זיך — ווי אין אַ וויסטע... מען האָט קיינעם נישט, וואָס מען זאָל קאָנען מיט אים רעדן אַ וואָרט מכּוח יידן; מען איז געגליכן צו אַן אויסגעריסענעם צאָן פון אַ מילראָד... גיט ער אָבער אַ טראַכט ציען אין שטאָט אַריין, קומט אים באַלד אין זין אַריין, ווי שווער ס'איז אים אָנגעקומען זיך צוצושלאָגן צו אַ פּרנסה, און ווי פאַרלאָזט דאָס אַ מענטש זיין פּרנסה? פּרנסה איז קיין קלייניקייט נישט ביי יידן. און ווידער צוריק, וואָס טויג אים די פּרנסה, אַז ער מוז לעבן צווישן גוים און זיין אַ האַלבער ייד?

בן־ציון האָט געפּרואווט צו מאַכן נאָך קליינע מסחרים ביי דער קלייט און צו אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט, כּדי זיך עפּעס צונויפצוקלייבן, אַז ער זאָל קאָנען אַרויס אין שטאָט אַריין. אָבער ווי קאָן מען עפּעס אָפּשפּאָרן, אַפילו אַז מען האָט שוין יאָ אייגנס. עפּעס איז מען דאָך אַ ייד, פאַרט דורך אַן אייניקל, מוז מען אים געבן אַ נדבה; אַן אורח מוז מען אויפנעמען. אַ שווינדלער איז מען אויך נישט, און אַז מען האַנדלט באמונה, ווערט מען נישט קיין עושר...

אַזוי בלייבט מען ווידער אין דאָרף, און אַז ס'קומט בן־ציונען אַמאָל אויס צו זיין אין שטאָט, צי גאָר שבת האַלטן אין שטאָט און צוצוזען, ווי יידן גייען פון מרחץ, און ווי זיי גייען אינאיינעם פון שול, טוט ער זיך אַ פרעג: וועל איך שוין קיינמאָל נישט האָבן די זכיה צו זיין ווי אַלע יידן? וועל איך על־כּל־פּנים נישט שטאַרבן צווישן גוים! און

כאַטש מען איז פֿרום, האָט מען נאָך קנאה אין האַרצן און מען גיט זיך גאָר אַ זאָג: רבונו־של־עולם! דו האָסט אין דער שטאָט טשיטשעלניק פֿיר הונדערט יידן און אַלע האָבן פּלאַץ, פֿאַרוואָס מוז דער גורל אויס־קומען פּונקט אויף מיר, בן־ציונען, צו וואַנדערן אין אַ דאָרף? פֿאַרקערט, זאָג מיר, פֿאַרוואָס מוז איך זיין כל־ימי־חיי אַ נשבה בין הגויים?

ס'איז געקומען אַ צייט, וואָס פֿאַר בן־ציונען איז דאָס לעבן אין דאָרף געוואָרן ווי אַ תּפיסה... און דאָ ווערט מען שוין אַלט פֿופֿציק יאָר, און ער איז אַלץ אין דאָרף, אַלץ אָן יידן. דער שטייגער פֿון אַ בן־אַרבעים איז נאָך צו האָפֿן, מען איז נאָך תּמיד אויבן, אויפֿן באַרג פֿונעם לעבן; ווערט מען אָבער אַלט פֿופֿציק יאָר און מער, הויבט מען זיך אָן אַראָפּצולאָזן פֿונעם באַרג...

ויהי היום האָט זיך דאָס ווייב פֿון בן־ציונען פֿאַרקילט, איז קראַנק געוואָרן און האָט נישט געמאַכט קיין סך שהיות און איז געשטאָרבן. דאָס אַלץ האָט געדויערט אינאיינעם אפֿשר צוויי וואָכן. בן־ציון האָט גאָר קיין צייט נישט געהאַט דאָס אַלץ איבערצוטראַכטן. ערשט אַז ער האָט אָוועקגעפֿירט דעם מת אין שטאָט אַריין, אים מקבר געווען און געקומען צוריק אַליין אַהיים, האָט ער אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, וואָס ער האָט פֿאַר־לוירן... און טאַקע אָנגעהויבן צו טראַכטן פֿון דער, וואָס איז געשטאָרבן. עפּעס האָט מען דאָך געלעבט אינאיינעם אַזוי פֿיל יאָרן, און געהאָ־רעוועט אינאיינעם און געטראָגן אינאיינעם דעם עול־הפּרנסה... זיין ווייב האָט אפֿילו נישט געהאַט קיין שטאַרקע תּשוקה נאָך דער שטאָט, און דערפֿאַר האָט ער נישט ליב געהאַט צו ריידן מיט איר פֿון דעם, ווייל זי וואָלט אים נישט פֿאַרשטאַנען. ביי יידן גייען מאַן און ווייב אַרום דרייסיק יאָר מיט אַן אַנדער און מען רעדט נישט, ווי ס'געהערט זיך, מיט אַנאַנדער. מען האָט נישט קיין צייט דערצו און מען איז נישט אויפֿגעלייגט דערצו, עפּעס צו זאָגן אַן אשה אַ גוט וואָרט, כאָטש זי איז דיין ווייב. שטאַרבט אָבער איינער אָוועק, הויבט מען ערשט אָן צו פֿילן, ווי ס'איז אָוועקגענומען געוואָרן אַ שטיק לעבן...

בן־ציון, ווי איר זעט אים אָן, איז נישט געווען פֿון די, וואָס האָבן תּיכּף חתונה נאָך שלושים... ביי אים האָט מען צוגענומען אַ האַלבן גוף און מען האָט אים באַגראָבן אין טשיטשעלניק אויפֿן בית־עולם...

און ערשט אַצינד פֿילט ער, ווי ס'פֿעלט אים די שטאָט און ווי דאָס לעבן אין דאָרף איז אים נאָך שווערער און נאָך נמאסער: ער קאָן

זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן, ווי וועט ער אַצינד אויסהאַלטן אין דאָרף אַליין. זאָל ער אָבער ציען אין שטאָט אַריין, האָט ער נישט מיט וואָס.

און בן־ציון טראַכט אַזוי, רוקט ער זיך אַריבער צו זיין ווייבס קאַסטן, עפּעס מוז מען דאָך זען, וואָס זי האָט געלאָזן. ער עפֿנט אויף דעם קאַסטן און נעמט אַרויס ציכלעך און העמדער, האַנטעכער, טשיפּעקלעך, טיכלעך. וואָס וואַלגערט זיך נישט ביי אַ יידענע אין קאַסטן פֿון צענדליקער יאָרן? און ווי ער זוכט אַזוי אַרום, קומט אים אַ זעקל אין האַנט אַריין, און ווי ער הייבט עס אויף, פֿילט ער, אַז ס׳איז אַ ביסל שווער. ס׳בליצט אים דורך דער געדאַנק, אַז דאָס מוז זיין אַ קניפּל! ער בינדט דאָס אויף און שיט אַרויס אויפֿן טיש. ער גלויבט נישט זיינע אויגן: ס׳פֿאַלן אַרויס גאָלדענע רענדלעך און זילבערנע מטבעות און אַ סך געלט. — ער קוקט זיך צו נענטער, ער נעמט עס אין האַנט אַריין, ס׳איז טאַקע געלט, און דאָס האָט זיין ווייב געקליבן אַלע יאָרן און האָט אים נישט געזאָגט קיין וואָרט. אַוואו האָט זי דאָס גענומען? אין אַנהויב האָט עס אים שטאַרק פֿאַרדראָסן, וואָס זי האָט אים אַזוי אָפּגעפֿירט. אָבער דערנאָך איז אים אַריין דער רעיון, תמיד קומט דאָס טאַקע צוניץ... מיט דעם געלט קאָן ער דאָך אַרויס אין שטאָט אַריין און מאַכן אַ סוף צו זיינע יסורים. ווער ווייסט, טאָמער האָט גאָט טאַקע צוליב דעם אַליין אַריינגעגעבן זיין ווייב די מחשבה צו קלייבן געלט... צו וואָס דען האָט זי דאָס געטאָן? ער נעמט צונויף דאָס געלט, טוט עס אַריין אין זעקל אַריין און בינדט דאָס צוריק צו און ער לאָזט עס נאָך אַ ווילע אויפֿן טיש. אין אָט דעם זעקל ליגט אַצינד זיין גאולה...

אַ שטיין איז בן־ציונען אַראָפּ פֿון האַרצן. ער ציט באַלד אין שטאָט אַריין, טאַקע מאָרגנדיקן טאָג. ער שטעלט זיך פֿאָר, ווי ער וועט גיין אין מקווה און דאַוונען אין בית־מדרש מיטן ערשטן מנין... און אַז מען האָט צייט, גייט מען טאַקע אויך אַריבער אין קלויז אַריין, מען קוקט אַריין אין אַ משניות, צי מ׳הערט פֿון אַ יידן אַ יידיש וואָרט. דאָ אין דאָרף איז אַלץ ווי איין דור, ס׳רירט זיך נישט, ס׳איז גאָר קיין שינוי נישטאָ. דאָרט אָבער דערציילט דער ייד פֿון דעם צדיק און יענער ייד פֿון יענעם גאון. מען דערוויסט זיך פֿון אַלע צייטן, פֿון גזירות און פֿון ישועות אוז פֿון נחמות. דער כּלל יידן וויקלט איטלעכן אַרום פֿון אַלע זייטן, אַז ס׳איז אַ חיות!

✱

ניט ווייט פֿון זאַטשקיווקע, אין אַ צווייטן דאָרף האָט געוואוינט אַ צווייטער ייד מיטן נאָמען יחיאל. יחיאל איז געווען גאָר אַן אַנדער מין ייד ווי בן־ציון. יחיאל איז געווען דער געבוירענער דאָרפֿס־ייד; ער האָט ליב געהאַט דעם דאָרף, האָט ליב געהאַט דעם טייך, ליב געהאַט די פֿעלדער און ליב געהאַט זיינע בהמות. ער האָט געהאַט אַ גאָרטן און האָט אים אַליין געגראָבן און געזייט; אַלע וואָך איז ער אַרויסגעגאַנגען צום טייך און האָט געכאַפּט פֿיש. דאָס ווייב זיינס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די קי, האָט געמאַכט פּוטער און קעז און דאָס פֿלעגט מען דאָנערשטיק פֿירן אין שטאָט אַריין אינאיינעם מיט די פֿיש און די אוגערקעס און די קאַרטאָפֿל פֿון דעם אייגענעם גאָרטן...

אַ טאָכטער האָבן זיי געהאַט מיטן נאָמען אסתּרקע, און די איז געווען אַ זעלטענע פּאַרשוין. געטאָן האָט זי נישט אין שטוב, און ס׳איז געווען אַן עבירה צו לאָזן אירע שיינע הענט קנעטן טייג אין מולטער, צי גאָר נעמען אַ גראָבאייזן. און געגאַנגען איז זי תּמיד שיין אָנגעטאָן מיט אַראָפּ־געלאָזטע בלאָנדע צעפּ, אַז ס׳איז געווען אַ פֿרייד.

אין דעם אייגענעם דאָרף איז אָנגעקומען אַ יונגער שרייבער אין וואָלאָסט, אַ דיאַקס אַ זון, און ווי ער האָט אסתּרקען דערזען, האָט ער זיך גלייך פֿאַרליבט אין איר. ער איז נאָך איר אויסגעגאַנגען — און אסתּרקע האָט פֿאַרגעסן, אַז זי איז אַ יידיש קינד...

איין מאָל, אַז טאַטע־מאַמע זיינען געפֿאָרן אין שטאָט אַריין מיט זייערע מעשׂי־ידם, האָט אסתּרקע פֿאַרנומען וואָס ס׳איז געווען אין שטוב און איז אַוועק פֿונעם דאָרף אינאיינעם מיטן שרייבער. זי האָט זיך גע־וואָלט שמדן און פֿאַרלאָזן עמה־זמולדתּה. דערווייל האָט מען זי באַהאַלטן אין קלויסטער.

די ילָלות און דער יאָמער פֿון יחיאלן און פֿון זיין ווייב, אַז זיי זיינען אַהיים געקומען און זיך דערוואוסט וואָס זייער קינד האָט געטאָן, קאָן מען זיך נישט אויסמאָלן. אין דעם פּראָסטאַק, וואָס האָט קיין מאָל נישט געהאַט אין זינען עפּעס אַנדערש, ווי זיינע בהמות און זיינע פֿיש, האָט זיך אויף איינמאָל געעפֿנט אַ צער, אַ מוראדיקער צער... זיין ווייב איז שיער נישט אַראָפּ פֿון זינען.

און אַז ס׳זיינען אַוועקגעגאַנגען די ערשטע פּאָר שעה, האָבן זיי פֿונדעסטוועגן גענומען טראַכטן, ווי אַזוי זי אַרויסצונעמען פֿון דאָרטן;

און זיי האָבן ביי זיך אָפּגעמאַכט צו פֿאַרקויפֿן די שטוב און אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט, כּדי צו ראַטעווען דער טאָכטערס נשמה... אָבער דאָס אַלץ אינאיינעם וועט נאָך נישט זיין גענוג דערצו. אַזוינע מוז מען אַרויס־גנבענען און זי אַוועקפֿירן ערגעץ ווייט, ווייט; און אַפֿילו אַז זיי זאָלן זיך אויסטאָן פֿון העמד, וועלן זיי ניט האָבן, וואָס מען באַדאַרף צו האָבן צו אַזאַ ענין.

יחיאל האָט געקענט גוט שמועסן מיט די גויים אין דאָרף און מיט זיי רעדן פֿון אַלעמען; אָבער אַצינד האָט אים געפֿעלט אַ ייד, ויך פֿאַר אים אויסצורעדן און זיך מיט אים מייעץ צו זיין. מיט בן־ציונען איז ער תּמיד געווען פֿון ווייטן. מען פֿאַרשטייט שוין פֿון זייער טבעות, אַז זיי האָבן זיך נישט געקאָנט אַ סך אָפּגעבן מיט אַנאַנדער; אָבער בן־ציון איז געווען דער איינציקער ייד, וואָס וואוינט פֿינף וויאָרסט פֿון אים. יחיאל האָט זיך אויפֿגעהויבן, האָט געזאָטלט דעם פֿערד און האָט זיך אויפֿגעזעצט רייטן צו בן־ציונען.

*

ס'איז געווען סוף זומער, שפּעט אין דער נאַכט. בן־ציון האָט שוין געהאַט צוגעמאַכט די קלייט און איז געזעסן אין שטוב מיט אַ שׂמחה אין האַרצן. דאָס מאָל פֿאָרט ער אויף ימים־נוראים אין שטאָט אַריין און וועט שוין דאָרט בלייבן... און ווי ער טראַכט אַזוי און מאָלט ויך אַלץ אויס זיין גליק, קלאַפּט עס אין פֿענצטער. ער שטייט אויף, מאַכט אויף די טיר און זעט פֿאַר זיך שטיין יחיאלן. זיין פּנים האָט אים שוין באַלד געזאָגט, אַז ער קומט אָן ניט מיט אַ גוטער בשורה. יחיאל איז אַריין אין שטוב און האָט אָנגעהויבן צו דערציילן פֿון דער האַרטער שטראָף, וואָס גאָט האָט אים געשטראָפֿט, און ווי ער קאָן זיין טאָכטער ניט ראַטעווען. בן־ציון האָט געהערט מיט אַ שווער געמיט און זיין האַרץ האָט אים געצופּט, ווי מיט אַ צוואַנג. ער האָט געטראַכט אָן דעם זעקל, וואָס ער האָט אים געפֿונען, און זיינע געדאַנקען זיינען אַלץ געפֿלויגן פֿון דעם זעקל צו דער מעשׂה, וואָס ער האָט געהערט פֿון יחיאלן, און צוריק. דו ביסט אין דאָרף אויך אַ ייד, האָט ער געטראַכט ביי זיך; יענע אָבער, אַז מען וועט זי ניט אַרויסנעמען, איז זי אויף אייביק פֿאַרלוירן. זאָל ער נעמען אַוועקגעבן יחיאלן דאָס געלט? ווי גרויס איז געווען זיין פֿרייד, אַז ער וועט שוין קאָנען אַריינציען אין שטאָט. און האָט דען זיין

ווייב ניט געקליבן דאָס געלט צו דעם ציל? און איצט גיי, גיב אַוועק דאָס לעבן דיינס. ווען ער וואָלט געקאָנט אים העלפֿן מיט אַ פֿערטל פֿון דעם, וואָס ער האָט, וואָלט ער אים אַוודאי דאָס באַלד אַוועקגעגעבן, אָבער יחיאלן קאָן מען העלפֿן נאָר מיט אַלעמען, נאָר אַז מען גיט אים אַוועק דאָס גאַנצע געלט.

יחיאל האָט זיך אויפֿגעהויבן און האָט אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער צום פֿערד, וואָס איז געווען אָנגעבונדן אין דרויסן. געזאָגט האָט ער זיך, אַז בן־ציון קאָן אים גאָר קיין עצה ניט געבן. אָבער ער האָט געפֿילט, אַז דאָס אַוועקגיין איז חושך־מצרים...

*

אין קלויסטער ניט ווייט האָט מען אָנגעהויבן צו קלינגען. דאָס האָט יחיאלן ווידער דערמאָנט אָן דעם, וואָס צוליב דעם איז ער געקומען אַהער. אין זיין פֿראָסטער נשמה האָט זיך געעפֿנט אַ טויער און דורך דעם טויער איז אַריין די שאַנד פֿונעם גאַנצן כּלל־ישׂראל.

בן־ציון האָט געהאַלטן דעם שליסל אין האַנט און האָט געציטערט. ער זעט, אַז יחיאל וויל שוין גיין און קאָן ניט. בן־ציונען האָט עפּעס אָנ־געהויבן צו שטופּן מיט געוואַלד און זאָגן: גיב אים דאָס געלט! גיב אים! און געבן האָט ער ניט געקאָנט. ס'האָט אים עפּעס ווי צוריקגע־האַלטן... ערשט אַז יחיאל האָט אים געזאָגט: גוטע נאַכט, האָט געעפֿנט די טיר און איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, גענומען דאָס פֿערד ביים צוים און זיך געוואָלט אויף אים זעצן, האָט עס בן־ציונען געגעבן אַ כאַפּ; ער האָט אים צוריק אַריינגערופֿן אין שטוב אַריין, האָט אויפֿגעעפֿנט דעם קאַסטן, און האָט אים שטומערהייט, אָן אַ וואָרט, געגעבן דאָס גאַנצע זעקל געלט.

אַזוי האָט בן־ציון באַשטאַנען דעם נסיון. אסתּרקען האָט מען טאַקע אַרויסגענומען און אַוועקגעפֿירט ווייט אין אַ יידישע שטאָט, וואָס דאָרט האָט זי זיך צוריקגעקערט צו יידישקייט און האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידישן סטאָליער. בן־ציון האָט קיינמאָל ניט דערלעבט זיין חלום און איז געשטאָרבן אַ דאָרפֿס־ייד...

# די געפּלאַצטע סטרונע

א מעשה מיט צוויי קלעזמער

אַז דו פֿאָרסט קיין אומאַן אין שטאָט אַריין איבער דער גרויסער בריק ביי די מילן, גייט דאָס אַלץ ווי באַרג אַרויף. די הייזער און די מויערן שטייען העכער איינס איבער די אַנדערע און די גאַסן קומען אויס איינס איבער די אַנדערע. אַלץ גייט אַרויף צו דער אַלטער שטאָט און צו דער נייער שטאָט, צום מאַרק, צום ראַטהויז, צו די קלייטן, צו די גרויסע דאָקטוירים און איינפֿאָרהייזער, צו דער טאַלנער קלויז און צו דער גרויסער שול, צום בולוואַר און צום סקווער, צום קאַסטיאָל און צו דער ניקאָלאַיעווסקע אוליצע. אַלע גרויסע גבירים פֿון שטאָט וואוינען אויבן; דער איספּראַווניק און דער אָקרוזשנאָי סוד זיינען אויבן, דער לאַגער איז אויבן, די פּאָסט און די קאַזנאַטשעיסטווע איז אויבן, די וואָג איז אויבן, דער גרויסער טורעם מיטן זייגער, וואָס קלינגט פֿון איין עק שטאָט אין דעם אַנדערן, איז אויך אויבן. און אומעטום זעסטו אַ סך מענטשן גיין, לויפֿן, זיך שטופּען, די דראָזשקעס הילכן אויפֿן געפּלאַסטערטן שאָסיי, גרויסע וואָגנס פֿול מיט סחורה שלעפּן זיך. אַלע טאָג איז עס ווי אויף אַ יאַריד. פֿון אַרום און אַרום קומען צו פֿאָרן גוים און יידן פֿון קליינע שטעטלעך; איטלעכער קויפֿט צי פֿאַרקויפֿט, מעקלער דרייען זיך אַרום מיט שטעקעלעך, גוים אין ווייסע פּעלצן און שמויסענע היטלען גייען מיט די בייטשן, יינגלעך שרייען אויס בייגל און קוואַס און קיסליצעס. משרתים שלעפּן ביי די פּאָלעס; וואו מען טוט אַ קוק, איז אַ לעבן. אַלע שענקן זיינען פֿול: גרויסע סאַמאָווארן וואָס אפֿשר אַ גאַנצע דייזשקע וואַסער גייט אין זיי אַריין, שטייען אויף טישן אין גאַס און קאָכן, און קאַצאַפּעס מיט לאַנגע פּאָטלעס און דאָס העמד פֿון אויבן פֿאַרקויפֿן טיי; בלינדע בעטלער זיצן אויף דער ערד און שפּילן אויף לירעס, אַנדערע קניען זיך, זאָגן מאָליטוועס און האַלטן רויטע שיסעלעך אין די הענט. — דאָ מאַרשירט דורך אַ פּאָלק סאָלדאַטן מיט טראָמפּייטן און פּויקן, און יונג

און אַלט לויפֿן זיי נאָך. דער שטאָט־זייגער הויבט אָן צו שלאָגן צוועלף און פֿון אַלע קלויסטערס הויבט עס אָן צו קלינגען... ווער ס׳האָט ניט געזען אומאַן, דער ווייסט ניט, וואָס ס׳הייסט אַ גרויסע שטאָט. און אַז ס׳קומט ביינאַכט און מען צינדט אָן אין אַלע גאַסן די לאַמטערנעס און הונדערטער פֿענצטער פֿון אַלע גאָרן פֿון די מויערן זיינען באַלויכטן, איז ליכטיק ווי אין מיטן טאָג. אַז ס׳גייט אַ רעגן, ווערן נאָר די שטיינער אָפּגעוואַשן און אין אַ פֿערטל שעה איז שוין אַלץ טרוקן, אַז ס׳איז אַ מחיה. — עפּעס אַ קלייניקייט אומאַן, דער שענסטער אויעזדנע גאָראָד אין קיעווער גובערניע. יידן זיינען דאָרט פֿאַראַן, קיין עין־הרע, אַ סך, אפֿשר דרייסיק טויזנט און מער; אַז די נייע שטאָט וואָלט ניט געווען אַ ביסל דייטש מיט אַ שליאַפּע און, לא־עליכם, אַ ציגאַר אום שבת, וואָלט עס געווען אַ יידישע שטאָט בפּה־מלא. יאָ, צום טאָלנערס צייטן, דעם אַלטן טאָלנער רבין, איז עס געווען אַזוי; דעמאָלט, אַז רבי זלמן האָט נאָך געלעבט און יואל־נתן זיין זון, אַ ייד פֿון אַ האַלבן מיליאָן קערבלעך, איז געזעסן ביים רבין אויף דער קעלנע, אַז ער פֿלעגט אַריינפֿאָרן אין שטאָט אַריין, און האָט געהאַלטן די לייצעס פֿון די פֿערד... דאָס איז געווען אַלץ אַמאָל!

גיט מען זיך אָבער אַ בייג רעכטס פֿון דער בריק, אַז מען קומט אַריין אין שטאָט, גייט עס באַרג־אַראָפּ; איין הויז שטייט אונטער דעם אַנדערן. וואָס ווייטער, איז אַלץ נידעריקער; און אַז מען פֿאָרט, מוז מען איינהאַלטן די פֿערד, כּדי זיי זאָלן זיך ניט צעפּלאָכען. די גאַסן זיינען ברייט און שיטער, די הייזער זיינען מיט גערטנער און מיט דעכער פֿון רויטן טשערעפּ, די ווענט זיינען געפֿאַרבט בלוי און געל, מיט גרינע לאָדן, ווי פֿאַרצייטן, ס׳איז ווי אַ גאַנץ אַנדערע שטאָט פֿאַר זיך. אָבער אַז איינער באַדאַרף עפּעס צו האָבן, גייט ער אַלץ אין שטאָט אַריין אַרויפֿצו און ניט קאַפּויר. פֿון די פֿרעמדע איז גאָרניט צו ריידן, אַז זיי קענען גאָרניט די אַלטע שטאָט; אַפֿילו אין דער שטאָט גופֿא זיינען דאָ אַ סך מענטשן וואָס זיי זיינען קיינמאָל ניט געווען רעכטס פֿון דער בריק. און אַז איינער ווערט דאָרט אַמאָל פֿאַרבלאָנדזשעט, קומט אים אויס, אַז מען מוז דאָרט מורא האָבן צו גיין אַפֿילו אין מיטן טאָג; אַזוי פּוסט איז דאָרט. מען זאָגט, אַז עס וואוינען דאָרט מחילה אַ סך גנבים, ווער שמועסט די קצבים און באַלעגאָלעס און טרעגער. דער הקדש איז אויך דאָרט, און די איינגעפּאַלענע באָד איז אויך דאָרט און די אַלטע שול.

די קלעזמער פֿון דער שטאָט וואוינען דאָרט און דער אַלטער חזן וואוינט אויך דאָרט. אַז גדליה דער חזן וואָלט דאָרט ניט געוואוינט, וואָס האָט געהאַט אַ שטוב פֿון השכלה מיט מיידלעך, וואָס קענען לשון־קודש, וואָלט איך אַליין ניט געוואוסט, אַז ס׳געפֿינט זיך אין אומאַן אַזאַ טייל שטאָט. מילא דאָס בין איך ניט אויסן.

*

יאַ, ביי די קלעזמער מוז איך מיך אָפּשטעלן און פֿון זיי דערציילן. תּחילת האָט מען נאָך געהערט פֿון ראובעלע קלעזמער, וואָס שפּילט אויפֿן פֿידל און איז דער ראש פֿון דער קאָמפּאַניע, וואָס זיי פֿאָרן ניט אויף אַ חתונה, אַז מען גיט זיי ווייניקער פֿון הונדערט רובל, און וואָס זיי שפּילן ביי די גרעסטע גבירים און ביי פּריצים; ראובעלע איז געווען אַ געל יידל, אַ שטיקל דייטש, און ער האָט געהאַט אַ פֿידל, וואָס אַז מען גיט איר נאָר אַ ריר, שפּילט זי פֿון זיך. אים צו הערן אויף אַ חתונה, אַז ער פֿלעגט זיך צעשפּילן צו דער וועטשערע, איז ווערט געווען, מי־יודע־וויפֿל. ער פֿלעגט זיך אומיסטן אַראָפּלאָזן צום עולם און האָט געשפּילט, וועד־ליק אַ מענטש קאָן משיג זיין מיט די אויערן. וואָרים אַז ער האָט זיך פֿאַרגעסן אויף אַ ווילע און האָט אָנגעהויבן אויף דער אויבערשטער סטרונע, זיינען די מענטשן אויסגעגאַנגען פֿאַר גרויס מתיקות. מען דער־ציילט זיך, אַז ער האָט אַמאָל געשפּילט אויף אַ חתונה, איז געזעסן דאָרט אַ מסור, וואָס מען האָט אים נאָר גערופֿן, ווייל מען האָט פֿאַר אים מורא געהאַט... ראובעלע האָט זיך דעמאָלט צעלאָזט אויף זיין פֿידל, אַז ס׳האָט יענעם צעבראָכן ביז אין האַרצן אַריין, און ער איז אַוועקגעגאַנגען אַהיים און איז געוואָרן אַן אַנדער מענטש... ראובעלע איז געווען פֿון תּמיד אָן דער באַרימטער קלעזמער, און אַז דער גרויסער פּדהצור האָט אים גע־הערט, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט אָפּנעמען די האַלבע וועלט. — און ראובעלע האָט טאַקע אָפּגענומען די וועלט; אַרום און אַרום אין דער גאַנצער סביבה און אויף דרייסיק מייל ווייט האָט מען געוואוסט פֿון ראובעלען. און וועלכער נגיד צי אַ שיינער באַלעבאָס, וואָס האָט חתונה געמאַכט אַ מיידל, האָט ניט אַראָפּגעבראַכט ראובעלען? אַז גאָט האָט זיי געהאָלפֿן אויסצוגעבן אַ קינד, מוז מען דאָך אַלץ מאַכן מיט לייטן גלייך, און ווי קאָן זיין אַ לייטישע חתונה אָן ראובעלען? און אַפֿילו אַז מען איז

געוועז פּאַרזונקען אין חובות ביז איבערן קאָפּ, צי מע האָט פּראָסט גע־
זשאַלעוועט אַרויסצונעמען אַ קנאַקעדיקן הונדערטער און אַנידערלייגן
ראובעלען, האָט די כלה אַזוי לאַנג געוויינט און די מוטער האָט אַזוי לאַנג
געבעטן רחמים, ביז מען האָט געמוזט נאָכגעבן... אַמאָל האָט מען
גאָר געמוזט שיקן נאָך ראובעלען אַ שליח־מיוחד, אויב ער האָט זיך גע־
פּוילט צו פּאָרן און האָט געשיקט זיין פּאַמאַטשניק. וואָרעם די כלה האָט גע־
זאָגט, זי גייט ניט צו דער חופּה אָן ראובעלען, כאָטש גיי האַק דיך! און
אומגעקערט, ברענגט מען ניט אַראָפּ ראובעלען, איז דאָס שוין אַליין אַ
סימן, אַז ס׳גייט ניט אַזוי מיטן קנאַק, און עס קאָן שאַטן צום קרעדיט.
גיי, זיי ביי יענעם אין מויל! און גלאַט ראובעלע, ווער קאָן איבער־
שפּאַרן דעם יצר־הרע און ניט אַראָפּברענגען ראובעלען? ס׳איז גאָר אַן
אַנדער חתן־מאָל מיט ראובעלען און אָן אַנדער וועטשערע מיט ראובעלען.
ס׳איז לעבעדיקער, עפּעס די שמחה איז גאָר אַן אַנדערע. איך וויל אייך
מגלה זיין אַ סוד, אַז איר שיקט קוויטלעך און בעט די שטאָט צו דער
חתונה און דער פּסוק מיינט: דרשה־געשאַנק, קאָן איך אייך שווערן בהן
שלי, אַז ווען ראובעלע וועט שפּילן, וועט איר האָבן מער עולם... אַז
מען גיט אַ קערבל דרשה־געשאַנק צי צוויי, כאָטש מען עסט טאָקע די
גוטע וועטשערע, וויל מען דאָך אויך הערן אַ גוט שפּילעכץ. איך וויל
ניט זאָגן, אַז מען וויל זיך מיט דעם אַרויסשלאָגן די הוצאות. אָבער אַז
מען באַקומט דאָס קוויטל, וואָס מען בעט צו דער חתונה, און דער
יצר־הרע מישט זיך אַריין: וואָס בין איך עפּעס אים פֿאַר אַ מהותן,
עפּעס גלאַט גיין און אַרויסוואַרפֿן אַ קערבל, — וואָס, קומט עס גרינג אָן?
און דער יצר־טוב פֿון זיין זייט טענהט שטילערהייט: מ׳איז דאָך אַ שטיקל
שכן, אַ ביסל דאַרף איך האָבן זיין טובה, אַ ביסל, ווי זאָגט מען, שלח
לחמך על־פּני המים, עפּעס וועל איך דאָך אויך האָבן חתונה צו מאַכן
אַ טאָכטער צי אַ פּלעמעניצע — נאַ! טוט דער יצר־הרע ווידער אַ טאַרקע:
אַ מזומן־קערבל איז פֿאַרט מזומן, און ביז ס׳קומט אַהין, זעצט ער אָן
און פֿאַרגעסט גאָר, אַז ער איז דיר שולדיק דרשה־געשאַנק... רוקט זיך
אַרויס דער יצר־טוב: עפּעס איז דער כּלהס מאַמע געשטאָרבן און ס׳איז
אַ מצווה משמח זיין אַ יתומה. זעט איר, פֿאַר אַ מצווה ווערט דער יצר־
הרע אַ ביסל בטל. אָבער אַז ראובעלע שפּילט אויך, אי ראובעלע, אי
אַ מצווה, ביידע אינאיינעם זיינען גובר... עפּעס אַ קליינינקייט גיין הערן
ראובעלען, זיין כּל־נדרי אויפֿן פֿידל! צי זיינעם אַ וואָלעך! צי גלאַט אַזוי

אַ ווײַנעדיקס, וואָס צעגיסט זיך אַזוי טיף אין האַרצן אַרײַן, אַז מען פֿאַר־געסט אָן אַלעמען אין דער וועלט. און אַז ער פֿירט דעם חתן צו דער וועטשערע צוועלף אַ זייגער ביי דער נאַכט, און די גאַנצע שטאָט שלאָפֿט, שפּאַלט זיך דער הימל ווי אום תשעה־באָב, און טײַכן טרערן גיסן זיך. וואָס זאָל איך אים לויבן, — ווער ס'האָט ניט געהערט ראובעלען שפּילן, האָט קיינמאָל קיין גוט שפּילן ניט געהערט.

ווי זאָגט מען, ס'איז אַ וועלט מיט דריידלעך. אַז ראובעלע איז געווען במדרגה העליונה און ס'איז ביי זיך געוואָרן אַ גאַנצער פּריץ, פֿלעגט ער שוין טאָן אַ לאָסקע, ווען ער איז געפֿאָרן אויף אַ חתונה, און אויפֿן חתן־מאָל וואָלט ער שוין גאָרנישט געוואָלט שפּילן, נאָר נאָך צו דער חופּה; גיט גאָט אַ דריי, און ס'קומט אויף פּלוצים שימעלע, שימעלע קלעזמער, וואָס וואוינט אין דער נייער שטאָט. אַוודאי וואָלט מען איך אויסגעקראַצט די אויגן, ווען איר וואָלט אייך דערוועגט צו זאָגן, אַז שימעלע שפּילט בעסער פֿאַר ראובעלען. נאָר שפּעטער, אַז שימעלעס נאָמען האָט אָנגעהויבן צו קלינגען און מען האָט אים גאָר אַראָפּגעבראַכט קיין קיעוו צו בראָדסקין, האָט איטלעכער געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז ראובעלע איז טאַקע דער גוטער קלעזמער, אָבער שימעלע — דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש, און אַז מען הערט אים שפּילן, פֿילט מען ערשט דעם טעם פֿון שפּילן. ראובעלע אַליין, אַז ער האָט דאָס ערשטע מאָל געהערט שפּילן שימעלען, איז ער געווען ווי דערשראָקן...

און דער שטערן שימעלעס איז אַלץ געגאַנגען העכער און העכער, און ראובעלעס אַלץ נידעריקער און נידעריקער. ראובעלע האָט שוין גע־שפּילט פֿאַר פֿינף־און־זיבעציק און פֿאַר פֿופֿציק און פֿאַר פֿינף־און־צוואַנציק קערבלעך. ס'איז אַ חרפּה — איינמאָל גאָר פֿאַר פֿופֿצן און פֿאַר צען... אין דער קאָמפּאַניע האָט ער ניט געקאָנט מער האַלטן קיין פֿיר־און־צוואַנציק מאַן, נאָר אַכצן, דערנאָך צוועלף, און דערנאָך גאָר צען און זעקס... אַוודאי זײַנען נאָך געבליבן עלטערע לייט, וואָס זיי האָבן גע־זאָגט, אַז מיט אַן אַנדער מין שפּיל ווי ראובעלעס קאָנען זיי זיך ניט געוויינען! אָבער ער איז שוין געוואָרן אויס יום־טוב! דעם הונדערטער האָט איצט גענומען שימעלע, און אַמאָל ק"ן אָדער רי"ש. פֿון בראָדסקין האָט ער גאָר מיטגעבראַכט אַ מאָסע געלט, נאָר האָט ער ליב געהאַט אַ קערטל.

אַט דאָ איז געקומען אַ חתונה ביי שאָול עטינגער. אַוודאי מוז דאָרט שפּילן שימעלע, און מען זאָגט, אַז ער וועט נעמען דריי הונדערטער, אָבער אַזוי גלאַט איז די מעשה ניט. ביי אַלע פֿריערדיקע קינדער פֿלעגט ראובעלע שפּילן, און ער האָט געהאַט די חזקה, און גלאַט אַזוי שפּיכת־דמים, גיי מבייש זיין אַ מענטשן! — אַז ס'וואָלט געווען אויפֿן אַלטן עטינגער אַליין, וואָלט ער פֿאָרט גענומען ראובעלען, אָבער דער יונגער דור און די ווייבער האָבן געמאַכט אַ געפּילדער. אַן עלטערער זון זיינער האָט זיך אַפֿילו מיישב געווען און האָט געוואָלט געבן ראובעלען אַ הונדערטער אַפּטרעט־געלט, האָט זיך ראובעלע צעוויינט ווי אַ קליין קינד. האָט מען געמאַכט אַ פּשרה, און ס'איז געבליבן, אַז צום חתן־מאָל זאָל שפּילן ראובעלע און צו דער חופּה און צו דער גרויסער וועטשערע זאָל שפּילן שימעלע. דאָ האָט זיך שימעלע איינגעשפּאַרט און האָט געזאָגט, אַז אויב ניט ער אַליין וועט שפּילן אַלץ, וויל ער גאָרניט שפּילן. איז געגאַנגען דער אַלטער עטינגער אַליין און האָט אים אַזוי לאַנג געבעטן, ביז ער האָט ביי אים געפּועלט.

וואָס־זשע טוט ראובעלע? אויפֿן חתן־מאָל, אַז די מיידלעך האָבן געטאַנצט, איז ער געזעסן אָן אַ זייט און האָט געהייסן גדליהן, דעם, וואָס איז נאָך אים, פֿירן די קאָמפּאַניע. אָבער דערנאָך, אַז ס'איז געקומען צו דער וועטשערע, — ס'איז געווען אַ חתן־מאָל מיטן חתן, דאָס הייסט דער חתן איז זיך צונויפֿגעקומען מיט דער כּלה נאָך אַ טאָג פֿאַר דער חופּה, ווי מען טוט דאָס ביי גרויסע גבֿירים, — דער עולם האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי די גרויסע טישן, וואָס איז געווען געדעקט מיט זילבער, און קאַראַפֿען ווייִן זיינען געשטאַנען, אַז ס'האָט געפֿינקלט, און פֿון די פֿיש, וואָס מען האָט דערלאַנגט אויף טייערע פֿאַרצעלאַנענע טעלער, האָבן זיך צעלאָזט די ריחות, האָט ראובעלע זיך אַנידערגעשטעלט, אַרויסגענומען אַ רויטע פֿאַטשיילע און זיך אַ וויש געטאָן דעם שטערן, גענומען די פֿידל און זי אָנגעשפּאַרט אויפֿן אַקסל און האָט געגעבן אַ שמיר מיטן שמיציק — וואָס זאָל איך אייך זאָגן, איך האָב געקענט אומאַנער יידן, וואָס זיי האָבן געהערט ראובעלען צוואַנציק יאָר כּסדר און שימעלען אויך — אַזוינס האָבן זיי אין זייער לעבן ניט געהערט; ס'איז געווען, ווי אַ ליד פֿונעם הימל אַליין לאָזט זיך אַראָפּ און טוט זיך אַריין אין איטלעכער נשמה. ס'איז געווען, ווי כּל־נדרי מיט מוסף פֿון ראש־השנה און נעילה אין איינעם... דער עולם האָט פֿאַרגעסן, אַז ס'איז אַ חתונה; מען איז גע־

זעסן און מען האָט זיך ניט געריהרט פֿון אָרט. וואָס מיר עסן, וועט מיר עסן! און ראובעלע גייט אויפֿן פֿידל טיפֿער, אַלץ טיפֿער. אַלע חלומות פֿון אַמאָל, און זיין ירידה, זיין מוראדיקע ירידה, אַלע פּופּציק יאָר זיינע, וואָס ער האָט געלעבט, און ער האָט אַ סך געלעבט, אַלץ לייגט ער אריין אין דעם שפּילן. ביי יעדן צי שפּרינגט די נשמה און ציט זיך די נשמה מיט אַ מין דבקות און אַ צער אינאיינעם. עס קומט פֿאָר, ווי איינער זאָגט ווידוי. די פֿידל רעוועט און וויינט, אַלע קולות גיסן זיך אינאיינעם, און ציען אויף באַרג און טאָל. עס גייט אַוועק אַ שעה, צוויי, דריי, פֿיר! דאָס שפּיל הויבט אַלע מאָל אָן פֿון נייעם, און אַלץ שטאַרקער און מוראַ־דיקער. ווי שווערע וואָלקנס ציען איבער דאָס גאַנצע לעבן פֿון אַ מענטשן, און ער זאָגט אייך אַלץ און רעדט צו אייך... און דער גאַנצער עולם איז געזעסן ווי פֿאַרכישופֿט! פֿאַרגעסן, פֿאַרגעסן האָט יעדער, וואָס איז דאָ און פֿאַרוואָס ער זיצט דאָ; אַזאַ שפּיל נעמט אַ מענטשן פֿון אינעווייניק און פֿון אויסנווייניק... האָט דאָך איטלעכער אין דעם, וואָס ער זאָגט אויפֿן פֿידל, אַ חלק, זיין אייגענעם חלק, און ראובעלע האָט אָנגעלייגט דעם קאָפּ אויפֿן פֿידל, און זאָגט. דער שמיציק טוט זיינס און שפּילט און שפּילט... ס׳הויבט שוין אָן צו טאָגן. אין דעם גרויסן שאַלאַש פֿון גלאָז ברענען די ענגלייכטער ווי דערשראָקן... קיינער רירט זיך ניט פֿונעם אָרט, און מען הערט, מען הערט. דער גאַנצער עולם האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. — דאָ רייסט אַ סטרונע, נאָך איינע, ראובעלע פֿאַלט אום... מען האָט אים אָנגעהויבן צו מונטערן, אַוועקגעפֿירט אַהיים, און אין דעם אייגענעם טאָג איז ער געשטאָרבן.

אַז די כלה איז געגאַנגען צו דער חופּה פֿיר אַ זייגער ביי טאָג, און קינד און קייט זיינען געשלאָפֿן, האָט מען ראובעלען באַגראָבן...

# דער אורח

אַ מעשה נורא פֿון אַן אומגליקלעכן, וואָס האָט געוואָלט זיך נוקם זיין אין זיין פֿאָטער

איך וואָלט עס ניט געגלויבט, אַז איך וואָלט עס ניט אַליין געהערט פֿון זיין מויל, אַז מען וועט דאָס לייענען וועט מען דערפֿון זען, ווי אַזוי די דרכים פֿון אַ בשר־ודם זיינען פֿאַרשיידן...

דאָס איז געווען פֿאַראַיאָרן זומער. אַז איך בין געקומען אין קלויז אַריין, איז שוין געווען נאָכן דאַווענען. איך האָב אַרויפֿגעלייגט דעם טלית אויפֿן אַקסל און האָב אָנגעהויבן צו זאָגן פֿון אלהי־נשמה ביז הודו. אַ ביסל גיי איך מיר אַרום. דער קאָפּ טראַכט, איך שטעל מיך אָפּ ביי דער שאַפֿע ספֿרים. ווייסע־חברה שלאָגן זיך מיט גמרות. דאָ דערזע איך ביים אויוון זיצן אַ פֿרעמדן יידן. אַ סוחר איז דאָס ניט, אַ פּראָסטער אָרעמאַן אויך ניט. איך גיי צוריק אויף מיין שטאָט און דאַוון ווייטער, אָבער איך בין מהרהר אין יענעם יידן. איך האַלט שוין ביי קריאת־שמע. אַז איך וואָלט געוואוסט, אַז איך וועל אים ניט מבייש זיין, וואָלט איך אים געבעטן אויף אָנבייסן. איך גיב אַ דאַוון און בין שוין אין מיטן דער שמונה־עשרה. היינט, דאַכט זיך מיר, זאָגט מען ניט קיין תחנון. צו אַשרי־ובא־לציון טו איך אויס די תּפֿילין און גיי צו צום יידן. ער האָט גאָרניט געזאָגט, אַז איך האָב אים גערופֿן, ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז מיט מיר געגאַנגען. אויפֿן וועג איז מיר אַריין אין זינען, דאָס מוז זיין איינער פֿון מרחקים. איך האָב מיך גוט צוגעקוקט, ווי אַזוי ער האָט זיך געוואַשן און געמאַכט המוציא. אַ ייִנגעלע מיינס, פֿון צוויי יאָר, וואָס זיצט שוין ביים טיש, האָט זיך פּלוצים צעוויינט, אַז ער האָט דערזען דעם יידן. געגעסן האָט דער אורח ניט קיין סך. פֿאַרוואָס איך האָב אים ניט געפֿרעגט פֿון וואַנען איז אַ ייד, ווייס איך ניט. איך אַליין האָב אים געזאָגט, אַז איך בין אַ מעזשעבעזשער. אַז מען האָט אָפּגעבענטשט און מען האָט

זיך געגומען אויפֿרוימען, האָב איך אים אַריינגעבעטן אין דעם אַנדערן חדר. מיינע איז אַ מכניס־אורחטע, ס'איז נאָך ניט אַוועקגעגאַנגען אַ פֿערטל שעה, איז געווען אויסגעוואַקסן טיי אויפֿן טיש. טרינקט, פֿעטער! — איז אייער פלוניתטע אויך פֿון יענע מקומות? — ניין, אַ סידילקאָווער. אַז ער האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז און האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז קיינער איז ניטאָ, האָט ער אָנגעהויבן ריידן.

*

— איך וויל אייך טאַקע מגלה זיין דעם אמת. איר וואונדערט זיך אוודאי פֿון וואַנען איך בין. אַ בורח בין איך. אפֿשר שוין צוואַנציק יאָר. אַז איר זענט אַ מעזשעבעזשער, האָט איר מסתמא געהערט פֿון וואָלף טויבעס, וואָס אים האָט געהערט האַלב כאַנאַראַד און די מילן און די גאַראַלניעס. אים זיינען אַמאָל באַפֿאַלן זיינע אייגענע קינדער און ער האָט אויף זיי דערלאַנגט... דאָס בין איך זיינער אַ זון; וואָס, איר האָט מורא דאָס צו הערן?

— דערציילט ווייטער.

— איר וואונדערט זיך, ווי אַזוינס קאָן זיך טרעפֿן? גאַרניט, מענטשן האָבן אַ גוט האַרץ און אַ בייז האַרץ... איך זאָג אייך, איר וואָלט געקענט מיין פֿאָטער... אַ דעמב, זאָג איך אייך, און אַן עומד־על־דעתו. איך האָב פשוט ניט געקאָנט דערטראָגן דעם אימה־ופחד שוין ייִנגלווייז... אַז די מאַמע איז געשטאָרבן, האָט ער גענומען אַ שטעקן און האָט געזאָגט: אַז אַ שדכן וועט זיך דערוועגן קומען איבער דער שוועל, וועל איך אים ברעכן רוקן און הענט. זיבן ייִנגלעך זיינען מיר איבערגעבליבן און צוויי מיידלעך. איך בין געווען דער בכור און האָב געמוזט צוויי שעה אין טאָג ביי אים אין קאָנטאָר שרייבן. איך זאָג אייך, איר וואָלט באַדאַרפֿט אים הערן ריידן מיט אַ פּריץ, אַז יענער האָט געדאַרפֿט אים האָבן. אַזוי איז ער געזעסן און האָט יענעם געצויגן די קישקעס. מיינט איר פֿון רשעות. — ניין, נאָר זאָל יענער וויסן, אַז ער דאַרף ניט הויך האַלטן דעם נאָז: קום איך צו אים? ער קומט צו מיר!

אַכצן יאָר בין איך דעמאָלט אַלט געווען. דאָ האָב איך געהערט, אַז איך ווער אַ חתן. מיין פֿאָטער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז נעמען פֿאַר מיר די שענסטע יפֿת־תואר און די גרעסטע מיוחסת; ניט פֿון מיין

טובה וועגן, גאַרניט, די וועלט זאָל וויסן, אַז וואָלף קאָן אַלץ דערגרייכן און אַפילו צום שני למלך גיין. די כלה, וואָס מען האָט מיר גערעדט, איז געווען דעם גרויסן נתן שימכאָוויטצעס אַן אייניקל. איך זאָג אייך, מיט גאָלד האָט מען געשאָטן. אַז ער איז געפאָרן אַהין אָנקוקן, האָט מען איינגעשפּאַנט פיר ברענענדיקע פערד אין אַ קאַרעטע, אַז ס'האָט געבליסקעט. מיך האָט מען געלאָזן אין דער היים...

ויהי אַחרי־כן, די וועלט שמועסט, זי איז אים אַליין געפעלן. ווי אַזוי ס'איז געקומען, וואָס ווייס איך? בקיצור, ער אַ ייד קרוב לחמישים, האָט זי גענומען — די בודושטנע כלה מיינע... אַ סברה פון אַ טאַטן! מיר האָט מען געגעבן צוויי טויזנט רובל יוצא־געלט, דאָס הייסט, מען האָט זיי איינגעלייגט פאַר מיר — און מיר אַליין האָט מען געדונגען קעסט אין אַן אַנדער דאָרף, ווייט פון די אויגן... דעם גאַנצן וועג בין איך געווען ווי צעמישט און איך האָב לחלוטין ניט פאַרשטאַנען, וואָס ס'טוט זיך מיט מיר. ערשט אַז איך בין אַנגעקומען אַהין און בין אַרויסגעגאַנגען אויפן פעלד, האָט זיך פון מיר אַרויסגעלאָזט אַ געוויין. פון דעמאָלט אָן איז ביי מיר אַריין אַ שנאה אין האַרצן. —

מיין מומע האָט געזאָגט, איך עס גאָרניט. אומעטיק איז מיר געווען. די גאַנצע טעג בין איך איבערגעלעגן אין מיל. דער מאַראַטשיק פלעגט צו מיר זאָגן: אַי, בערל, וואָס טוסטו דאָ? פאָר אַהיים צו דיין טאַטן. דאָס האָט ער טאַקע געזאָגט אויף יידיש, ווייל ער איז געווען פון די דייטשן.

דאָ האָב איך געהערט, אַז זי איז אַנגעקומען. חוה האָט זי געהייסן. מען זאָגט, איר שיינקייט איז געווען ווי די זון. זומער אויף דער נאַכט איז דאָס געווען. איך בין אַרויסגעגאַנגען אויפן פעלד, ס'האָט מיך געצויגן און געצויגן, אַז איך בין שיער ניט געשטאָרבן. בין איך דען ניט אַ באַשעפעניש? אַז דער הימל הערט דאָס און אַלע, וואָס זיצן אויבן — משפט מען? איך בין בערל וואָלפס זון און איך זיץ דאָ ביים פעטער, נעבן אַ וואַסער. אַז איך בין ניט אַראָפּ פון זינען, איז דאָס געווען אַ נס.

נאָך צוויי יאָר האָב איך זי געזען... איך בין געשטאַנען אויף אַ טויג און האָבן צוגעקוקט, ווי די גוים דרעשען. די מאַשין האָט זיך געדרייט און דאָס שטרוי איז געפלויגן ווי אין אַ זאַווערוכע. דאָ קומט צו פאָרן אַ בריטשקע מיט צוויי פערד, און עס שפּרינגט אַראָפּ אַ נקבה. ס'האָט געגעבן אַ לייכט! איך האָב גאָרניט געוואוסט און האָב אָנגעהויבן צו שרייען מיט אַ מין קול, גלייך ווי איך וואָלט געווען משוגע געוואָרן. אַ סך הענט

האָבן מיך געפּאַקט ביי די אַקסלען און האָבן מיך אַוועקגעטראָגן אויף אַ זייט. — אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, איז געווען אין דער פרי; איך בין געלעגן ביים פעטער אין אַלקער און האָב געפילט, אַז דער קאָפּ ווערט מיר צעשפּאָלטן.

וואָס־זשע איז געווען דער סוף? אַ חתן בין איך געוואָרן. דער פעטער און די מומע האָבן מיר צוגערעדט: וואָס ווילסטו זיצן און קלאָגן אויף חורבן־בית־המקדש? האָב חתונה און ווער אַ ייד. זיי אַליין טאַקע זיינען מיט מיר געפאָרן צו דער חופּה; די כּלה איז געווען אַ יתומה. נאָך דער גילדענער יויך גיב איך אַ קוק: אַ דאַר מיידל, אָבער דאַכט זיך אַן ערלעכע, זי איז מיר געפעלן.

די סלוזשבע, וואָס מען האָט מיר געגעבן אין אַ פּאַראָווע מיל, איז געווען אַ גוטע; איך האָב געהאָרעוועט ווי אַן אייזל און האָב ניט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן. נאָר אַז איך האָב געמוזט אויפשטיין ביי דער נאַכט און אַראָפּגיין אין מיל אַריין, איז מיר געווען קאַלט אויפן האַרצן. האָט עס גאָר געדעגנט, האָט אין מיר געברענט דער כּעס אויף מיין טאַטן.

אַ זונעניו האָבן זיי געהאַט, אַ יאַמטשיק! געבאָדן האָבן זיי אים אין מילך און אים נאָכגעגעבן די שמד. אַז ער איז אויפגעוואַקסן, פלעגט ער גאָר אַרומלויפן אויפן פערד און קאָמאַנדעווען... איך האָב אים פיינט געהאַט ווי אַ שפין, און אַז איך האָב אים געזען פון ווייטן קומען, האָב איך מיך פאַרשלאָסן אין שטוב און האָב איבערגעלאָזט די מיל. דאָס איז אָבער געווען אַ גזלן, וואָס האָט אַלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. כאָטש גיי שריי. אַז ער האָט די ממשלה, אַז דער טאַטע מיינער הענגט אַן אים און אַן איר. דער אַלטער בעל־תאווה! איך האָב מיך אַליין דער־שראָקן, אַז איך האָב דערפילט ביי מיר דעם דאָזיקן געדאַנק.

מילא איך, לאָז זיין, אָבער אויך די קינדער מיינע האָט זי, די הול־טאַיקע, נישט געלאָזט קומען איבער דער שוועל. אַ זיידע! אַזאַ גביר, וואָס קויפט איר זילבערנע זאָקנבענדלעך, האָט נישט פאַר מיינע קינדער כאָטש אַן אַדיזנע.

מיין ווייב איז אַן ערלעכע און לאָזט מיך נישט קומען אין כּעס אַריין, אָבער איך זע, אַז איר אַרט דאָס אויך. ס'איז דען דאָס געלט? איך שפּיי אויף דעם. אָבער דער ענין, אַ זיידע! דאָס בלוט קאָכט זיך אין מיר, אַז איך דערמאָן מיך.

וואָס זאָל איך אייך דערציילן, די שנאה איז געוואָרן אַ שנאה־כבושה.

די אַנדערע ברידער מיינע האָבן אויך געהאַט גענוג אויסצושטיין. אַז מען האָט זיי נאָר פֿאַרשטאָפּט דאָס מויל מיט נדן און דערנאָך האָט מען זיי געהערט ווי דעם פֿאַראַיאָריקן שניי. אַז אַלע האָבן געמוזט זיך אָפּווישן דאָס מויל און גאָרנישט זאָגן; אַז יאָסקע זיינער, דער סמאַרק, איז אויף זיי דער מושל, גלייך זיי וואָלטן גאָרנישט געווען זיינע ברידער. אַ שוועסטער מיינע האָט חתונה געהאַט פֿון וויטן; דער מאַן אַפֿילו אַן עושר, אָבער אַ פּאַסקודניאַק. דער אַנדערער שוואָגער מיינער איז געווען אַ יונג מיט ביינער און האָט געדינט אין אַ וואַלד.

אַז מיר פֿלעגן זיך צונויפֿקומען אינאיינעם אויף אַ קנס־מאָל, אַ ברית — זיי, די פּריצים, איז ניט אָנגעשטאַנען צו קומען הוליען צי זיי זיינען גאָר אַוועקגעפֿאָרן קיין קיעוו הוליען — איז מען געווען עלול איינצושלינגען זיי אויף איין מאָל. מיין שוואָגער איז תמיד געווען אש־להבה, און אַז ער האָט אַמאָל גענומען אַ שטאַרקע כּוסע, האָט ער געזאָגט: איך וועל זיי נאָך אַמאָל מקיים־פּסק־זיין, איך וועל נעמען אַ זעג און וועל זיי צע־זעגן אויף פּיץ־פּיצלעך. ער איז שוין געווען צעמישט. וואָס־זשע טו איך? איך נעם אויף אַ כּוסע נאָך דער אַנדערער און פֿאַרטרינק דעם כּעס. אַז זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען, האַלט מיך מיין ווייב צו ביי דער האַנט און זאָגט: בערל, איך בעט דיך, הער אויף צו זיין פּאַני־בראַצי מיט גדליהן! (גדליה האָט געהייסן מיין שוואָגער). פֿון דעם וועט נישט אַרויסקומען קיין גוטס. — איך וויל מיך נוקם זיין! — גיב איך אַ שפּרונג. — גאָט איז מיט דיר, בערל, קום צום זינען! זי האַלט מיך צו פֿאַרן מויל: בערל, דו וועסט מיך הרגענען, אַז דו וועסט נאָך אַמאָל אַזוי רעדן. דער־מאָן זיך אָן דעם בורא. לייג זיך שלאָפֿן. — זי זעצט זיך אַנידער אויפֿן באַנקבעטל און וויינט: גאָטעניו, וואָס האָסטו מיך געבראַכט צווישן אַזוינע מענטשן!

ס'איז אַוועקגעגאַנגען דער זומער. דאָ האָבן מיר געהערט, אַז ער וויל איבערשרייבן די אימעניע מיט כּל־וכל אויפֿן יורש־עצר זיינעם און אונדז אַלע מעביר־נחלה זיין. אַוודאי האָבן מיר שוין לאַנג געטראַכט, אַז ס'וועט אַזוי קומען, אָבער אַז מיר האָבן דאָס דערהערט, האָט עס אונדז געטראָפֿן ווי אַ דונער. מיר זיינען געפֿלויגן איינער צום אַנדערן און מיר

האָבן געשוואוירן, אים די שטוב צו צעטראָגן און דאָס נישט צוצולאָזן. מיין שוואָגער האָט געקלאַפּט אין טיש, אַז די הענט זיינען אים אַזש גע־שוואָלן געוואָרן. דער דריטער ברודער מיינער איז אויך געווען אַ שטי־לער כּעסן, אָבער ער האָט מורא געהאַט פֿאַר גאָט — און אַז ער האָט געזען, אַז מען איז צען מאָל עובֿר אויף לא־תּקלל אב־ואם, האָט ער זיך אָפּגעטראָגן. איך אָבער און די איבעריקע האָבן זיך געהאַלטן אינאיינעם.

וואָס־זשע זאָל איך אייך דערציילן? מיר, איך און דער צווייטער ברודער מיינער און מיין שוואָגער, האָבן זיך פֿאַרגנבֿעט פֿון אונדזערע ווייבער. מיר האָבן געוואוסט, אַז די מלכּה און דער בן־מלך זיינען אַוועק־געפֿאָרן אין שטאָט אַריין, און דער אַלטער איז אַליין. מיר האָבן זיך אָנגעטאָן אין גויישע פּעלצן און לאַנגע שטיוול, דאָס שמויסן היטל האָבן מיר געצויגן ביז איבער די אויערן און דאָס פּנים האָבן מיר זיך אויס־געשמירט מיט סאַזשע. אַז איך האָב מיך צוגעגאַרטלט מיטן גרינעם גאַרטל, גענומען דעם שטעקן אין האַנט אַריין און געגעבן אַ טרעט מיט די שווערע אַפּצאַסעס, האָב איך מיך אַליין ניט דערקענט... מיין שוואָ־גער האָט געהאַלטן אין איין טרינקען. כּאַצקל, דער ייִנגערער ברידער מיינער, האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ פֿאַר אויגן, גלייך ער וואָלט מיך ערשט דערזען.

ס׳איז געווען אַ פֿינצטערע נאַכט. מיר זיינען אַרויסגעפֿאָרן מיט צוויי פֿערד, איך האָב געהאַלטן די לייצעס. ס׳איז געגאַנגען ווי אַראָפּ אַ באַרג. די ערד איז מיט אונדז געפֿלויגן. איך האָב געמיינט, אַז דער הימל שפּאַלט זיך. אַז איך בין געווען אַ ייִנגל און האָב געלערנט חומש, איז געגאַנגען אַ סדרה, אַז ייִדן האָבן געהאַלטן מלחמה. איך בין געזעסן און האָב גע־פֿיבערט. מען שיסט... איז דאָס אַ מענטש, וואָס שטייט דאָרט אָנגע־טאָן אין שוואַרצן?... די פֿערד האָבן זיך צעפּאָלאָכעט; מיר האָבן גע־מיינט, די ביינער וועלן אונדז צעשאָטן. גדליה, גיב איך אַ זאָג, איידער איך האָב נאָך אויסגערעדט, זיינען מיר שוין ניט ווייט פֿון טויער. דער גאַנצער הויף איז געשלאָפֿן. —

*

מיין ייִד האָט זיך אָפּגעשטעלט און געבעטן אַ גלאָז וואַסער. איך זע, אַז ס׳רינט פֿון אים דער שווייס. מיינע איז אַריינגעקומען מיך עפּעס פֿרעגן.

— מיין שוואָגער האָט אים געדושעט, — האָט ער ווידער אָנגע־הויבן, אַז זי איז אַרויסגעגאַנגען, — ס׳איז מיר ווי אין חלום. איך האָב געהאַלטן אָנגעצונדן דאָס וועקסענע ליכט. דאָ האָט ער אַרויסגעכאַפּט פֿון אונטערן קישן עפּעס אַ שוואַרצס און האָט אויסגעשאָסן. מיין ברודער איז געפֿאַלן ביים פּלויט און האָט זיך צעבראָכן אַ פֿוס. מיין שוואָגער האָט גע־פֿוילט יאָרן אין אָסטראָג. איך האָב פֿאַרלאָזט ווייב און קינדער און בין נאָך עד־היום פֿאַרוואָגלט...

# דער קאָוואַל

## אַ מעשה פֿון איינעם וואָס האָט פֿאַרסמט זיין ווייב

איך האָב זי אויפֿגעשריבן, כּדי מען זאָל זיך דערפֿון אַראָפּנעמען אַ מוסר. ער האָט זי מיר אַליין דערציילט, אַז ער איז געקומען פֿון דאַרטן. — זיין פּנים איז געווען שוואַרץ, אָבער ס'איז געווען אין דעם אַ סימן פֿון גבורה; זיין גרויע באָרד איז געווען אַ ביסל געשוירן און שטעכעדיק; אַז ער האָט גערעדט, האָט ער געקוקט אויף יענעם מיט אַ מין קוק, ווי איינער וויל טאָן אַ ביטערן שמייכל. איך דערמאָן מיך, אַז איך האָב אים געזען אַמאָל, ווען איך בין נאָך געווען אַ יינגל. דאָס איז אָבער אַצינד ניט דער עיקר. איך לאָז בעסער אים אַליין ריידן.

*

מיר זיינען געפֿאָרן אינאיינעם פֿון באַלטע. ער איז געזעסן אַנטקעגן מיר, אָנגעשפּאַרט אויף אַ זאַק שטרוי; מיר דאַכט זיך, ער האָט עפּעס ביי זיך געטראַכט. נאָך אַ קליין פֿאַרשווינדל, אַן אָרעם יידל, איז גע־שלאָפֿן צוזאַמענגעקוועטשט, אַז ס'האָט געריסן ביים האַרצן. דער באַלע־גאָלע, אַ שטאַרקער יונג מיט אַ רויטן קאַרק, האָט געהאַט אַ דרייעקיקע לאַטע אויף דער פּלייצע; אַז איך וואָלט געהאַט ביי זיך אַ שטעקל, וואָלט זיך מיר געוואָלט דעריין צו בויערן. איך האָב אָנגעהויבן אין קאָפּ רעכענען: וויפֿל מאָל אַכצן איז אין טויזנט? — אַז איך האָב דעם ענין גאַרנישט תּופֿס געווען, וואָס מיין חבר האָט מיר געזאָגט, איידער איך בין גע־גאַנגען פֿאַרן. — אַזוי שפּרינגען די מחשבות אין מיר אַרום אָן אַ סדר. מיין קאַטאַרזשניק אָבער זיצט די גאַנצע צייט און שווייגט. מען פֿאָרט איבער אַ דאָרף, הינט האַווקען. מען איז שוין ביים טויער. ער נעמט אַרויס פֿון קעשענע אַ בייטעלע מיט גוייִשן טיטון און דרייט זיך אַ ציגאַר. איך האָב ניט געקענט צוקוקן, ווי ער האָט דאָס צוגעקלעבט מיט שפּייעכץ. — אַ שוועבעלע, האָט איר אַ שוועבעלע? — האָט ער צו מיר געזאָגט.

איך האָב עס אים געגעבן. אַז ער האָט פֿאַררויכערט דעם ציגאַר, האָט ער אָנגעהויבן צו מיר צו ריידן, אַפּנים ער האָט זיך פֿון מיר דערוואוסט.

— פֿישל קאַוואַל בין איך. אַז איר זענט ניט געווען אין דער היים, בין איך געזעסן אין ראַשעוו. מיין פֿאָטער איז אויך געווען אַ קאַוואַל. איך ווייס ניט, צי איר האָט אין דעם אַ קוק. אַ קאַוואַל איז ניט אַזוי אַ זאַך ווי אַ שניידער, אַ שוסטער צי אַן אַנדער באַלמעלאָכע. אַ סטאָליער אַרבעט שוין זומער אין הייזל צי אין קאַמער; יענע אָבער קוואַקען תּמיד אין שטוב, שטאָך־שטאָך מיטן נאָדל, קלאַפּ־קלאַפּ מיטן העמערל, וואָס איז אין גאַנצן ניט גרעסער ווי אַ פּיאַטאַק; ביי אונדז שטייט מען דעם גאַנצן טאָג אין קוזשניע, זומער און ווינטער. זומער, אַז ס׳הויבט נאָר אָן שאַריען אויף טאָג. די קוזשניע איז אין דער עק פֿון שטאָט, שוין ביים סטעפּאָק; דאָ שטיי איך און אַרבעט מיר: ציען ביים בלאָז־זאַק, אַז דאָס פֿייער שפּרינגט, איז דאָס אַ דערקוויקעניש. אויפֿהייבן דעם האַמער און געבן אַ שלאָג. אויף דער קאָוואַדלע, גייט אויף דאָס האַרץ. אַז איך האָב געקאָנט דאָרט אויסהאַלטן אַ יאָר און ניט צו אַרבעטן, איז געווען אַ נס. דערנאָך האָב איך שוין געקראָגן גענוג צו אַרבעטן, אָבער ס׳איז ניט ווי פֿאַר זיך אַליין. אַ פֿערד קאָווען און אים האַלטן, דעם יונג! האָט איר געזען ווי אַזוי ס׳גליט אייזן, ווי אַזוי מען באַשלאָגט אַ ראָד? די קוזשניע איז מיר אַ סך טייערער ווי די שטוב, שבת טוט מען אַפֿילו אָן די שבתדיקע קאַפּאָטע, אָבער דאָ שטייך, נאָר אין העמד און אין פֿלודערן, באָרוועס און שוואַרץ ווי אַ קויל, איז דאָס אַ חיות!

— אַז יענע וואָלט געווען אַ שיינע. וואָס וואָלט מיר אָפּגעגאַנגען? פֿאַרדינט האָב איך גענוג, אַרבעט האָב איך תּמיד געהאַט. אַ רוח אין זייער טאַטן אַריין, די ראַשעווער פּעלצן! ביי מיר אין קוזשניע האָב איך אויף זיי געשפּיגן און נישט געקוקט וואָס זיי ריידן. מען האָט געזאָגט, אַז איך לעב ניט גוט מיט מיין ווייב; און איך וועל ניט לייקענען, אַז זי איז מיר געווען אַ ביסל נמאס שוין פֿון תּמיד אָן; אַז חתונה האָב איך מיט איר געהאַט, וואָרעם מען האָט מיר געגעבן אַ הונדערטער. ניט אָנקוקן האָב איך זי געקאָנט. מילא, אַז איך האָב זי, וואָס זאָל איך טאָן? די קינדער זיינען נאָך געשטאָרבן קליינערהייט. ליב האָב איך זיי קיינס ניט געהאַט; אַז אַלץ וואָס קומט פֿון איר, איז מיר געווען נמאס.

— מילא, אַז ס׳איז אָבער אַזוי באַשערט, און טאָמער וואָלטן אויך אַזוי אַוועקגעגאַנגען די יאָרן און מיר וואָלטן נאָך עד־היום צוזאַמען געלעבט.

דאַרף מיין ברודער, אַ ייִנגערער פֿון מיר, נעמען דאָס צווייטע ווייב. געפֿעלן האָט זי מיר באַלד, כאָטש זי איז געווען אַ בעל־גאווה. איר וואָלט געזאָלט זי אָנקוקן, אַ גבורה, זאָג איך אייך. אַז איך האָב זי דערזען, האָב איך זיך ערשט דערמאָנט, ווי אַזוי מיין ווייב איז מיאוס. און דאָס האָט מיר אָנגעהויבן שטאַרק צו אַרן... איך מיין גלאַט דער געדאַנק... דעם גאַנצן טאָג, דעם דאָזיקן, האָב איך ניט געקאָנט גאָרנישט טאָן. איך זאָל זאָגן, איך בין מקנא געווען מיין ברודער? מען זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד. איז דאָך אַ גרויסער חילוק צו האָבן אַ ווייב אַן אַנטשערקע און אַ פֿאַר־חושכטע, צי אַ געזונטע און אַ שיינע; איז דאָך דער מענטש אַ בשר־ודם, און אַז ס'געפֿעלט אים אַ נקבה, בלייבט דאָס זיצן אין האַרצן, ווי אַ דיבוק... אַז איך האָב געדינט פֿאַניען, האָט זיך אַמאָל אַ פֿעלדפֿעבל אָנגעטרונקען... איך בין געזעסן פֿאַרטראַכט און פֿאַרלייגט די הענט. איך האָב אָנגעהויבן צו רייבן דעם פֿוס אָן אַ שטיין, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד. דער ווינט איז געקומען דורכן קוימען, פֿון אָנהויב מיט אַ קוויטש, דערנאָך מיט אַ זיפֿץ, ווי אויב ער וואָלט געווען אַ באַשעפֿעניש, אַז אַ מענטש האָט אויגן און קוקט... פֿון וואַנען ווייס איך, אַז ביי אַנדערע איז ניט אַזוי? אַז קיינער זאָגט ניט אויס דעם אמת... דערווייל איז מיין ווייב אָנגעקומען, זי האָט מיר געבראַכט דעם אָנבייסן אין קוזשניע. אַז זי האָט מיר אָנגעגאָסן פֿון טעפּל דעם קאַליש, האָט זיך אין מיר צעקאָכט דער כעס. אַז זי שטייט דאָ ווי אַ קלאָץ. זי זאָגט צו מיר: פֿישל, וואָס איז דיר? איך וויל נעמען די שיסל און איר וואַרפֿן אין קאָפּ אַריין. אַז זי שטייט אַלץ און קוקט. אַ הונט איז געשטאַנען פֿאַר דער טיר, האָב איך אים דערלאַנגט אַ קלאַפּ מיט אַ שטאַנג, אַז איך האָב אים אַזש ניט צעבראָכן אַ פֿוס. פֿישל! זי האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט. גיי אין דער ערד אַריין! האָב איך מיך אַ ריס געטאָן. ביים גאָרגל וואָלט איך זי אָנגעכאַפּט. אין אַזאַ רציחה בין איך געקומען.

— אַזוי האָבן מיך אָנגעהויבן צו דערקוטשען מחשבות־זרות: אַז איך וואָלט געווען מיין ברודער און ער איך, און איך וואָלט געהאַט זיין ווייב. אַז איך האָב געפֿלעגט צו זיי קומען אַמאָל שבת נאָך מיטאָג, זעלטן אַמאָל, וואָרים גוטע פֿריינד זיינען מיר קיינמאָל ניט געווען, און אַז איך האָב זי געזען אָנגעטאָן, און מילך און בלוט אין די באַקן, האָט דאָס מיך געפּיקט און געפּיקט, און אַז זי פֿלעגט מיר דערלאַנגען די ניס און די עפּל און מיר געזאָגט: עסט! האָט דאָס מיך מוראדיק צו איר געצויגן...

דאָס איז געווען אַ נקבה, דער רײנער סמ״ך־מ״ם! איך האָב זיך אַלײן געשעמט די גאַנצע וואָך און דערנאָך, אַז איך בין געשטאַנען אין קוזשניע, געשלאָגן אויף דאָס ברענענדיקע אײַזן און אַלץ געטראַכט פֿון איר.

— אײנמאָל, אַ פּאָר חדשים שפּעטער, איז זי געזעסן, מײנע, און האָט זיך פּלוצים צעװײנט. אויף דער נאַכט איז דאָס געווען. איך האָב איר גאָרניט געזאָגט. איך בין נאָר געזעסן און האָב אַלץ געטראַכט. אָט דאָ ניט לאַנג איז ביי חײמען געשטאָרבן די װײב, ביי ראובן יאָסלס אויך... ס׳איז מיר אַפֿילו געווען פֿריקרע צו קוקן אויף איר, בשעת איך טראַכט דאָס; נו װײנט זי. מילא אַז אַ מענטש טראַכט, אָבער ס׳חזרט זיך און חזרט זיך ביי מיר איבער... זי האָט אויפֿגעהערט צו װײנען. איך האָב נאָך אויך צו איר ניט גערעדט; נאָר מיטן גלאָז וואָס איז געשטאַנען אויפֿן טיש, האָב איך געפֿידלט הין און הער. ביי יאַנקל פּעסיס האָבן זיך צעפּלאָכעט די פֿערד. אַ פֿערד האָט אויך אַמאָל זײן תאווה אַרויס־צושפּרינגען פֿון צוים. — אַז איך בין אַ מענטש און האָב שכל, וואָס קומט מיר אַרויס, — אַז איך בין אין דער ערד מיט איר? מילא ליב שענק איך אײַך, אָבער אַ װײַסע קאַפּטע, אַ רײן קלײדל, כאָטש צײן אין מויל. וואָלט איך געווען אַן אַלמן, אויף געלט קוק איך ניט, אָבער דעם קערן, געזונטע באַקן, אַ װײב, װי עס שטײט אין פּסוק. מײנט איר איך בין אַזאַ בעל־תאווה? אָסור, אָבער גוט איז גוט... אַז מען זיצט ביים טיש, מוז מען האָבן אַ הנאה פֿון דעם, וואָס דער׳לאַנגט דאָס עסן. אַ טעלער, אַ לעפֿל מוז אויך זײן רײן. זעט איר אין קוזשניע האָב איך אַן אַנדער טבע, אָבער אין דער הײם, אַז איך טו אָן אַ װײַס העמד, מוז עס זײן װײַס. גלויבט מיר, אַ הולטאַי בין איך נישט. אַ מילשטײן מאָלט דען כסדר?

*

דער ציגאַר איז אים שוין לאַנג אַראָפּגעפֿאַלן פֿון מויל. ער האָט אויפֿגעהערט צו רײדן און קוקט אָן אַ זײט. — זײן אויער האָט געפֿלאַמט. מען פֿאָרט פּאַמעלעך. איך בין אַלץ מהרהר אין דעם, וואָס ער האָט צו מיר גערעדט. און איך וואָלט געוואָלט, ער זאָל דערצײלן װײטער. איך האָב אים אָבער דאָס ניט געזאָגט...

די זון איז געשטאַנען הויך. מיר זײַנען געקומען הינטער אַ באַרג און האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ קרעטשמע. די פֿערד זײַנען געווען נאַס.

מען האָט זיי אויסגעשפּאַנט און געגעבן צו טרינקען. אַ גויישער וואָגן איז דאָרט אויך געשטאַנען. איך האָב מיך אַנידערגעשטעלט גלאָט קוקן. איך ווייס ניט וואָס. ס׳ווילט זיך מיר עסן. מיר דאַכט זיך, איך האָב נאָך אין רענצל דאַרע קישקע. יאָ, איך האָב מיר געקויפט ביי דער שענקער־קע אַ פּרענדזל און אַ גלעזעלע בראָנפן. ביים טיש צום בריג איז גע־זעסן אַן אַלטער גוי און האָט געסאָפּעט. איידער איך האָב זיך אַנידער־געזעצט עסן, האָב איך געגעבן אַ קוק דורכן פענצטער. איך זע, מיין קאָוואַל שטייט ביים וואָגן. איך רוף אים אַריין אין קרעטשמע; ער פאָלגט מיך און קומט. ביי דער קרעטשמערקע האָט ער גלייך גענומען אַ טרונק בראָנפן; דערנאָך האָט מען אים דערלאַנגט טשוכאָן מיט ברויט; ער האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן מיר און האָט אָנגעהויבן וויטער צו ריידן.

— איר זייט דאָך אַ מענטש וואָס האָט אויסגעזען אַ וועלט, וואָס זאָגט איר: שטראָפט מען? גלויבן גלויב איך אין דעם אַ ביסל; אָבער אַז גאָט וואָלט געוואָלט, וואָלט עס געווען אַנדערש... זינדיקן פאַרשטיי איך, אַז דאָס פאַרדריסט אים. אַז מען איז אָבער אַ מענטש און מען וויל, אַז ס׳זאָל ניט זיין אַזוי... פרעג איך אייך, מוז איך זיין באַגראָבן אויף אייביק און קיינמאָל ניט האָבן קיין לעבן, ווייל מיין מאַמע איז געווען אַ קלוגעטשקע און האָט צו מיר געזאָגט: פישל, נעם זי, איך הייס דיך! וואָס האָט זי דערצו צוגעלייגט? אַז מיין ווייב וואָלט געשטאָרבן צו פער־ציק יאָר, אַז זי איז געווען מסופּן שלאָף; אָפּגעבידעוועט אַ ביסל און אַן עק. דאַרף זי ווערן געזונט. מיינט איר, אַז איך האָב ניט קיין האַרץ און איך האָב איר געווינטשט דעם טויט? אַז אין אַ מענטשן לעבן בסך־הכל צוויי מענטשן: איינער וויל דאָס און איינער וויל יענס. —

— משה בעדער, אַז ס׳האָט אים איינמאָל שטאַרק דערקוטשעט, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פונעם בוידעם און האָט זיך אויפגעריסן די לונג. אַ נאַר איז ער! אַז מיין ברודער וואָלט מיר אָפּגעטראָטן זיין ווייב; איך האָב אַמאָל געהערט פון אַזאַ מעשה. וויל איך דען דאָס כּסדר? איך וויל נאָר מיינע פּטרן. האָט זי באַקומען אַ טשעריק אויפן פוס און ס׳האָט איר זייער וויי געטאָן; אין אָנהויב בין איך אַליין געגאַנגען צום פעלדשער איר קויפן מאַסט, מען איז דאָך אַ מענטש. דערנאָך אָבער, אַז ס׳האָט זיך געצויגן און געצויגן, איז דאָס מיר דערגאַנגען אין דער לעבער. אַז זי פלעגט אַראָפּנעמען דאָס שמירעכץ, איז גאָרניט געווען אויסצו־האַלטן. ווען איך וואָלט איר געקאָנט דאָס געבן אויפצועסן, די פּאַסקודסטווע,

זי פֿאַרסמעך. — דאָס איז געווען אַזוי, ווי מען גיט אַ וואָרף אַ שוועבעלע, און עס וויל ניט ברענען; דערנאָך אָבער גיט עס אַ־ין מ־יר אַ בליץ, אפֿשר טאַקע יאָ. — גאָט זאָל מיך נישט שטראָפֿן! ייִנגלווייז האָב איך ליב געהאַט נאָכצוּלויפֿן דעם היצעל. זאָגט אַליין, וואָס בין איך שולדיק. אַז מען וואָלט מיך מיט איר ניט חתונה געמאַכט, וואָלט איך זי גאָרנישט גע־קענט און איר אַפֿילו ניט געקרימט אַ האָר. טו איך דען עמעצן שלעכטס, אַז מען טשעפּעט מיך נישט? זעט איר, אַז אַ יונג קומט צו מיר און וויל מ־יר נישט באַצאָלן פֿאַר דער אַרבעט, גיב איך אים אין די ציין; אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין, דעם הונט! בין איך עפּעס זיין אומזיסטיקער משרת?

ער האָט זיך איינגערעדט אין אַ היץ, און האָט אָנגעהויבן צו בייסן אין ברויט אַריין, אָבער ניט לשם־עסן. איך האָב אַפֿילו נישט אָנגערירט דאָס, וואָס איז געלעגן פֿאַר מיר. די האָר זיינע זיינען אַרויסגעקומען פֿונעם היטל און טראָפּנס שווייס זיינען גערונען פֿון שטערן. אויף דער אמתן וואָלט איך מער נישט געוואָלט, ער זאָל מיר ווייטער דערציילן. אַז מען שטייט פֿאַר אַ תּהום, דרייט מען זיך אַוועק און מען מאַכט צו די אויגן.

ער האָט זיך אָפּגעווישט מיטן אַרבל דעם שטערן, האָט צוריק אָני־דערגעלייגט דאָס אָפּגעביסענע ברויטל און האָט ווידער אָנגעהויבן:

— אַז איר ווייסט שוין דעם אָנהויב, זאָלט איר שוין וויסן דעם סוף. דער סוף איז געקומען אַזוי גיך, איך האָב זיך גאָרניט געריכט אויף דעם, ווי אַ טוטשע רעגן פֿאַלט פּלוצים אַראָפּ פֿונעם הימל. איינמאָל שטיי איך אויף אין דער פֿרי, און ס׳איז מיר געווען טשודנע אויפֿן האַרצן... סוף זומער איז עס געווען, דרויסן איז געווען קיל ווינטער־לעך. איך נעם מיין זאַק און גיי אין קוזשניע. איך בין שוין געווען ניט ווייט פֿון דאָרטן, האָב איך מיך דערמאָנט, אַז איך האָב פֿאַרגעסן דעם שליסל. איך גיי קעריק. בין איך געקומען אַהיים, האָב איך מיך אָני־דערגעזעצט אויפֿן טאָפּטשאַן פֿאַרטראַכט. אָקערשט היינטיקער טאָג איז עפּעס משונה, אַז איך האָב גאָר קיין חשק ניט צו דער אַרבעט. פֿונ־דעסטוועגן הייב איך מיך אויף און גיי ווידער אין קוזשניע. אָבער דער קאָפּ איז נישט ביי דער אַרבעט. דער האַמער פֿאַלט מיר אַרויס פֿון האַנט. — ווי אַזוי איך האָב געקראָגן דעם סם, ווייס איך ניט עד־היום. איך האָב אים געהאַלטן אין קעשענע נעבן דעם טיטון; אַז איך וואָלט זיי פֿאַרביטן, און דאָס גענומען אין מויל אַריין, וואָלט איך אַליין געקאָנט

זאָגן ווידוי, און טאָמער וואָלט דאָס געווען בעסער פֿאַר מיר. איך גלויב ניט, אַז איך טראָג אין מיר דעם מוראדיקן געדאַנק... וואָלט דעמאָלט עמעצער אַריינגעקומען צו מיר, וואָלט איך באַלד אויסגעשריגן: ראַטעוועט מיך פֿון מיר אַליין! זעצט מיך איין און בינדט מיר די הענט, וואָרים איך בין אַ גזלן, איך וויל אומברענגען אַ מענטשן! אָבער קיינער איז ניט געקומען. און אָט דעם טאָג מוז איך, ווי אַ גזרה, עסן אין דער היים. זי זאָגט צו מיר: עס־זשע, וואָס עסט דו ניט? איך שווייג; איך ווינטש מיר דעם טויט, הלוואי וואָלט איך פֿאַרשלונגען אַ ביין און מיך דערוואָרגן אויף דער שטעל. אָט דאָ איז זי אַרויסגעגאַנגען אין קיך נאָך אַ טעלער. איך כאַפּ מיך אויף געשווינט און טו אַריין דעם סם אין איר טעלער; ס'איז מיר געוואָרן פֿינצטער אין די אויגן, איך זע ניט די וועלט פֿאַר מיר. זי קומט אַריין אין שטוב, ניין, עס ניט די זופּ! האָב איך איר געוואָלט שרייען. איך האָב, דאַכט זיך, געשריגן אַזוי הויך, אַז אַ טויבער וואָלט עס געקאָנט הערן. איך האָב געוואָלט איר צוהאַלטן ביים האַנט, אַז זי האָט אַריינגעלייגט דעם לעפֿל אין טעלער אַריין. איך האָב געהאַט נאָר דעם איינעם רעיון אַזוי צו טאָן; אַז זי עסט אָבער און הערט מיך ניט. איך זיץ ווי אַ שטיין און קאָן מיך ניט רירן. עפּעס ביטער, זאָגט זי צו מיר, גיב אַהער די זאַלץ. יחנה! האָב איך געוואָלט אויסשרייען, איך בין אַ רוצח, איך וויל דיך פֿאַרסמען, איך זאָג דיר, עס ניט ווייטער. איך ווייס ניט, וואָס איז געווען, מיר איז אַלץ פֿאַרגליווערט. עס הילכט עפּעס אין מיינע אויערן. אַז זי וואָלט דאָס אויסגעבראָכן, טראַכט איך ביי מיר, וואָלט דאָס קיין שום פּעולה ניט געהאַט. זי מוז דאָס אויסשפּייען. טאָמער טרעפֿט זיך אַ נס און עס קומט צוריק אַרויס פֿון איר מאָגן. זי קרימט זיך פֿאַר ווייטאָג; בלוי איז זי געוואָרן אינעם גאַנצן פּנים. פֿישל, ס'דרייט זיך מיר דער קאָפּ, גיב מיר אַ טרונק. זי האַלט זיך צו ביים בענקל. נעם די זופּ און גיס אויס אין צעבער, קומט מיר פּלוצים אויף דער מחשבה. אַז איך האָב איר דערלאַנגט אַ קוואַרט וואַסער, איז זי געווען גאַנץ בלוי. פֿישל, דו האָסט מיר עפּעס אַריינגעטאָן. זי פֿאַלט אויפֿן בעט און וואַרפֿט זיך. דער בויך! אוי, דער בויך, אינעווייניק! דעם פֿעלד־שער! דעם פֿעלדשער! ראַטעווע דיין ווייב, זאָג איך צו מיר, לייג איר אַריין אַ פֿינגער אין מויל אַריין, כּדי זי זאָל דאָס אויסברעכן. זי פֿאַר־לירט אויף צונ'אמתן דאָס לשון; איך האָב אויפֿגעריסן די טיר און שריי: מיין ווייב חלשט! פֿון אַלע זייטן זיינען געקומען שכנים; מען האָט זי אָנ־

געהויבן רייבן ביים שטערן און ציען ביי די הענט. בלויז איז זי געווען ווי סינקע.

— הערשל נאָז האָט געשריגן מען זאָל איר לאָזן אָן אַדער. ס'טייטש, וואָס איז איר? קומט אַהער! רייסט איר אויף דאָס קאַפּטל! אַז זי שטאַרבט, אומגעריכט, אַזאַ אומגליק! נאָך היינט אינדערפֿרי האָט מען זי געזען גיין אין יאַטקע. צוויי־און־פֿערציק יאָר!

— נאָך אַט דעם טאָג האָט מען זי מקבר געווען. געוואוסט האָט קיינער נישט, וואָס ס'איז געשען, כאָטש אויף מיין פּנים איז ניט געווען אָנגע־שריבן קיין גוטס. און אַז ס'איז געקומען פֿאַרנאַכט, האָב איך מיך אַנידער־געוואָרפֿן אויף דער הוילער ערד און האָב אָנגעהויבן צו וויינען.

*

דער באַלעגאָלע איז אַריינגעקומען און האָט זיך אָנגעהויבן צו ביי־זערן, וואָס גייט מען נישט פֿאָרן. צוויי קעלישקעלעך האָט ער איבער־געקערט אין מויל אַריין. איינגעשפּאַנט איז שוין לאַנג, זאָגט ער. עס העלפֿט נישט; מען מוז גיין פֿאָרן. דאָס יידל האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער קעלנע לעבן דעם באַלעגאָלע, איך אויבנאָן, דער קאַוואַל אָן דער זייט. מען פֿאָרט. וויאָ! וויאָ! מען איז שוין ווייט פֿון דער קרעטשמע. אַז איך קוק אָן די תּבֿואות, וואָס זיי וואַקסן פֿוןביידע זייטן וועג, דאַכט זיך מיר אַז זיי האָבן גאָר קיין הרהורים נישט, נאָר זיי שאָקלען זיך אַזוי שטיל... די זון האָט זיך אָנגעהויבן צו זעצן. ביי מיר אין האַרצן דראַפּעט די מעשה און איך טראַכט: האָט דער מענטש חרטה? — איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט מיר צו געבן אָן ענטפֿער, האָט ער זיך צו מיר געקערט און זאָגט צו מיר: — מיאוס איז מיר געוואָרן פֿון דעמאָלט אָן פֿאַר מיר אַליין, ניט די רציחה, נאָר דאָס פּאַדלאָסט; אַ מענטשן צו דערהרגענען. אַז מען באַרעט זיך מיט אים, שטייט מען דאָך מיטן אַנדערן פּנים־אל־פּנים, און יענער שלאָגט זיך אויך מיט זיין רצון, און ווען זיין כּוח וואָלט געווען גרעסער, צי ווען ער וואָלט געהאַט מיין מזל, אפֿשר וואָלט ער גאָר געווען פֿון אויבן. אָבער אַז איינער ווייסט גאָרנישט און ריכט זיך גאָרנישט, גיין און אים צעלעכערן די קישקעס אויף אַ כּיטרע וועג, דאָס איז מיאוס, און קיינמאָל וועסטו זיך פֿון דעם נישט אָפּוואַשן; אַי, צוריק, שטעל דיך אַליין און זאָג אויס און וואַרף דאָס אַראָפּ פֿון דער לונג, — האָב איך ניט געהאַט דעם קוראַזש דערצו.

— און דאָ איז געקומען מיין אייגענער ברודער, וואָס האָט מיך חושד געווען, אַז איך האָב געוואָרפֿן אַן אויג אויף זיין ווייב, און האָט גאָר מורא געהאַט פֿאַר מיר, און האָט מיך געמסרט. אַז מען האָט זי געפּאַל־מעסט, איז שוין געווען אַוועק עטלעכע חדשים, אָבער מען האָט נאָך געקאָנט דערקענען. מיך האָט מען באַלד גענומען אין טורמע אַריין און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיעלאָ. דער סלעדאָוואַטעל, זאָג איך אייך, איז געווען אַ ימח־שמוניק, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו פֿרעגן, פֿרעגט ער נאָך. אַז ער וואָלט ניט געווען אַזאַ חכם, וואָלט איך מיך באַלד מודה געווען און אַן עק. אַז ער איז אָבער צו קלוג, פֿאַרדריי איך אים נאָך מער און וויל נישט אויסזאָגן דעם אמת. כאָטש בראָט מיך. אַזוי בין איך אָפּגעזעסן איבער אַ יאָר. דערנאָך האָט מען מיך געסודיעס. אין אָקרוזשנאָי סוד איז געווען פֿיל מענטשן, ווי אויף אַ חתונה. מיר האָט זיך געצאַפּט דאָס בלוט. פֿאַר־סודיעט האָט מען מיך אויף זעקס יאָר אַרעסטאַנטסקע ראָטע. דריי יאָר בין איך אָפּגעזעסן; אַ מאַניפֿעסט האָט מיך דערנאָך אַרויסגעלאָזן. גאַלע גויים זיינען דאָרט געזעסן. דערנאָך זיינען צוגעקומען צוויי יידן; געפֿעלן זיינען זיי מיר ניט, אָבער דאָס לשון איז היימיש. אויף יענער וועלט ווי ס׳וועט זיין, ווייסט קיינער נישט. אַז גאָט משפּט אויבן, וואָלט שוין דאָ אויף דער וועלט אויך געמוזט זיין אַנדערש... איך מיין נישט דערנאָך, אַז מען האָט זיך שוין קעגן אים פֿאַרזינדיקט, נאָר פֿריער, נאָך איידער מען טוט דאָס. אַן אָקס איז בעסער צו זיין ווי אַ מענטש...

ער האָט אויפֿגעהערט צו ריידן און איז פֿאַרזונקען אין שווייגן. דער וואָגן איז געפֿאָרן ווייטער. — —

# דער בן־יחיד

## אַ מעשה פֿון לעבן

אין דער גמרא איז פֿאַראַן אַ שפּרוך: גזרה היא על המת שישתכח מן הלב, פֿאַרטייטשט אויף יידיש וועט דאָס הייסן, ס'איז נגזר געוואָרן פֿון הימל און ס'איז אַזוי באַשטימט פֿון אויבן, אַז אַ מענטש זאָל קאָנען פֿאַרגעסן אָן אַ מת און אַז מען זאָל נישט אייביק וויינען נאָך אַ טויטן... וואָרים ווען עס וואָלט ניט אַזוי געווען, וואָלט מען דאָך גאָרניט גע־קאָנט אויסהאַלטן אויף דער וועלט און עס וואָלט פֿאַר די לעבעדיקע געווען נאָך אַ סך ערגער, ווי פֿאַר די טויטע. — אַמאָל אָבער טרעפֿט זיך אַ יוצא־מן־הכלל, אַן אויסנאַם פֿון דעם, וואָס איז דער שטייגער ביי ס'רוב מענטשן, און פֿון אַזאַ אויסנאַם וויל איך דאָ דעם לעזער דער־ציילן.

*

אין אַ שטעטל נעבן לינעץ האָט געלעבט אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען נתן־נטע. דאָס איז געווען אַ מענטש פֿון אַ יאָר דרייסיק, מיט אַ שיינעם ווייסן פּנים און אַ קויל־שוואַרצער באָרד, וואָס האָט אַרומגערינגלט דאָס פּנים. געגאַנגען איז ער תּמיד ריין אָנגעטאָן און פֿלעגט טראָגן די פּלודערן איבער די שטיוול. נתן־נטע איז געווען אַ שטיק אָדם־שלם, ער האָט גע־קענט דיקדוק, איז געווען אַ בעל־תּנ"ך און געלערנט האָט ער תּמיד מיט אַ פּאָר נגידישע יינגלעך, ניט פּראָסט בתורת־מלמד, נאָר ווי אַ שטיק לערער. געוואוינט האָט ער אין צוויי שיינע חדרים ניט ווייט פֿונעם טייך, וואו מען איז זיך געגאַנגען באָדן, און פֿון די פֿענצטער איז געווען אַ פֿרייער בליק... און אויך אין די חדרים איז געווען ריין, ווי ביי אַ לערער, און ניט ווי ביי אַ מלמד. די ספֿרים זיינען געווען איינגעבונדן און אָפּגעהיט, און געהאַט האָט ער דעם חומש מיטן „ביאור" און אַ סלאָוואַר פֿון שטיינבערגן... נאָר אַ ווייב האָט ער געהאַט, דוואָסי מיטן נאָמען,

וואָס איז גאָר ניט געווען קיין שיינע; זי איז געווען העכער פֿון אים מיט אַ קאָפּ און האָט געהאַט אַ געשטופּלט פּנים. דאָס איז געווען אַ שרייערקע און אַן עכטער ווייבערשער שלאַק, אים אויף־צו־להכעיס איז זי געווען שטענדיק קויטיק אָנגעטאָן און אויפֿן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ טיכל, ניט קיין שייטל.

כאָטש זיי האָבן ניט באַדאַרפֿט אַ סך צו האָבן — ס'איז שוין געווען אַוועקגעגאַנגען אַכט יאָר נאָך דער חתונה און זיי האָבן ניט געהאַט קיין קינדער, און צוויי מענטשן אַליין האָבן ניט קיין גרויסע הצטרכות אין אַ קליין שטעטל — האָט זי זיך געמאַכט אויפֿן מאַרק אַ שטעל פֿון זאַלץ און הערינג און האָט געקרעמערט דעם גאַנצן טאָג און זיך אָפּגע־געסן דאָס האַרץ. אַהיים פֿלעגט זי קומען נאָר אויף אַ מינוט, כאַפּן אַ פּייערטאָפּ, צו קאָכן אָנבייסן אויף איין פּוס, צי גלאַט אַזוי אַ שריי טאָן אויפֿן מאַן; און איידער ער הייבט זיך אויף און גיט אַן ענטפֿער, איז זי שוין פֿון יענער זייט טיר. ליב האָבן זיי זיך קיינמאָל ניט געהאַט.

איך ווייס אַליין ניט, וואָס איז דאָס געווען פֿאַר אַ זיווג צווישן זייביידע און צו וואָס האָט די השגחה זיי צונויפֿגעבראַכט אינאיינעם? דער חומש מיטן ביאור נתן־נטעס און דוואָסיס זאַלץ און הערינג זיינען לחלוטין ניט געווען קיין מחותנים... און גלאַט אַזוי האָט מען קיין הכרחיות ניט געז־זען, אַז זי מוז דאָס דווקא אים האָבן פֿאַר אַ מאַן, צי להיפּוך, אַז זיין ווייב מוז דווקא זיין זי.

און דאָ טרעפֿט זיך אויף איינמאָל, אַז דוואָסי איז פֿאַרגאַנגען אין טראָגן און עס ווערט זיי געבוירן אַ קינד, אַ יינגל, אומגעריכט! דעם קינד האָט מען צום ברית געגעבן אַ נאָמען יואליק, און מיט אָט דעם קליינעם יואליק הויבט זיך אָן אַ נייע תּקופֿה אין לעבן פֿון נתן־נטען און פֿון זיין ווייב דוואָסין.

איז זייער לעבן פֿריער שוין ניט געווען זיס, טאָ איז עס אַצינד געוואָרן אויף דער אמתן זויער און ביטער. זיי האָבן אָנגעהויבן ביידע צו ציטערן פֿאַר דעם קינד און האָבן זינט דעמאָלט ניט געהאַט קיין רואיקע מינוט. עפּעס אַ קליינינקייט צו האָבן אַ קינד, איין אויג אין קאָפּ, אַזאַ ווייך גופֿל און אַ ילד־רך, וואָס איטלעכס ווינטל קאָן עס אַוועקבלאָזן! גאַנצע טעג פֿלעגן זיי ניט אַוועקגיין פֿון זיין וויגעלע און האָבן אַלץ אָפּגעהיט דאָס קינד. אַז דאָס קישעלע האָט זיך נאָר אַ ביסל פֿאַררוקט אויף אַ זייט, זיינען זיי שוין געווען אויסער זיך, איטלעכס רויט פּינטעלע אויפֿן פּנימל

האָט זיי אָנגעיאָגט אַ שרעק: זיי האָט זיך אויסגעמאָלט, אַז דאָס לעבן פֿון קינד הענגט אויף אַ האָר, און אָט־אָט ווערט דאָס צעריסן; אַזאַ אימה־ופּחד האָט זיך אַרויפֿגעלייגט אויף זייער נשמה... און כאָטש אײדער דאָס קינד איז געבוירן האָט מען געזען קלאָר, אַז נתן־נטע און זיין ווייב דוואָסי האָבן געהאַט צוויי פֿאַרשיידענע טבעות: וואָס אים איז געווען ליב, איז איר געווען אומליב און ס'איז ניט געווען איין זאַך, וואָס ביידע זאָלן דערין זיין בהסכם, — האָט זיך נאָך דעם, אַז יואליק איז געבוירן געוואָרן, באַוויזן, אַז בנוגע צו דעם קינד און דעם ציטערן און פּלאַטערן איבער אים, זיינען זיי געווען ביידע גלייך, ווי איין מאַמע וואָלט זיי גע־האַט. דאָס קינד האָט באַדאַרפֿט נאָר אַ פּיפּס צו טאָן, האָבן זיי באַלד אָנגעהויבן איינער צום אַנדערן: וואָס שטייסטו ווי אַ קלאָץ? גיב דאָך עפּעס דעם קינד. טאָמער איז ער ניט גוט איינגעוויקלט. אַוואו איז די באָבע? מען מוז רופֿן דער באָבען. אַן אַנדער באָבע קומט אַלע טאָג זיך נאָכפֿרעגן אויפֿן קינד; נאָר זי, די הולטאַיקע, האָט זיך גענומען אירס און מען זעט זי גאָרנישט; זויגן האָט דוואָסי ניט געקאָנט, האָט מען גע־מוזט אויפֿציען דאָס קינד מיט אַ פֿלאַש; פֿון אַן אַם האָבן זיי ניט גע־וואָלט הערן, — ווי טאָר דאָס אַ פֿרעמדער מענטש זיך צורירן צו זייער קינד? דאָס טעפּעלע פֿון די מילך האָט קיינער ניט געדאַרפֿט נעמען אין האַנט אַריין. אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז פֿאַר אַ קינד איז גוט ציגענע מילך, האָט מען באַלד געקויפֿט אַ מעלקעדיקע ציג! אַפֿילו דאָס וואַסער, וואָס מען האָט געקאָכט צו באָדן דאָס קינד, איז געווען אַ מין קודש; דער טאָפּ האָט געמוזט זיין שפּאָגל־ניי, נאָר־וואָס פֿון מאַרק, און געשטאַנען איז ער נאָך דעם אין אַ ווינקעלע ווי עפּעס פּסחדיקס...

שפּעטער, אַז דוואָסי האָט שוין געמוזט אַרויסגיין צו איר שטעל, פֿלעגט זי אַלע האַלבע שעה קומען אַ זע טאָן דאָס קינד; און טאָמער איז ניט געווען אַלץ אַזוי אַקוראַט, האָט זי געקאָנט דעם מאַן צעדראַפּען דאָס פּנים: אַזאַ טאַטע, גיט ניט אַכטונג אויף זיין קינד! און ער, וואָס ער האָט פֿריער ליב געהאַט איר צו פֿאַרשווייגן, פֿלעגט איר באַלד ענט־פֿערן: אַ מאַמע איז דאָס, גייט אַוועק צו דער שטעל און לאָזט דאָס קינד אַליין! איך בין דיר מוחל דיינע פֿאַרדינסטן, אַבי זיי שטענדיק ביים קינד. און ער אַליין האָט אויך ניט געקאָנט עוסק זיין אין זיין מלאָכה. אין מיטן לערנען מיט די יינגלעך, איז ער אַלע ווײַלע געלאָפֿן צום וויגעלע... האָט דאָס קינד אָנגעהויבן צו שרייען, האָט ער גלייך גע־

שיקט אַ תּלמיד נאָך דוואָסין אין מאַרק אַריין; און זי איז געקומען אין איין לויפעניש: אַ דונער האָט זי ניט דערשלאָגן! פאַרגעסן איבערצוזייען די מילך! און האָט גענומען שעלטן זיך מיט טויטע קללות און זידלען, ווי דוואָסי קאָן זידלען... האָט דאָס קינד געשלאָפן, האָט קיינער ניט גע־טאָרט אויסריידן אַ וואָרט, ווי אויסגעשטאָרבן איז אַלץ געווען אין שטוב, מען איז געזעסן און מען האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. אָט דאָס קליי־נע נפשל, וואָס האָט קוים געוואויגן צען פונט, האָט געהאַט די ממשלה איבער זיין טאַטען און מאַמען, אויף זיין פסוק און אויף איר שטעל אין מאַרק. די גאַנצע וועלט איז פאַר זיי געוואָרן אַנדערש, דער טאָג און די נאַכט, די שבתים און די יום־טובים. ניט דעמאָלט איז געווען שבת, ווען גאָט האָט באַפוילן, אַז מען זאָל רוען, נאָר דעמאָלט, ווען יואַליק האָט געוואָלט אַ טאָג זיין רואיק, און בשעת זיי האָבן ניט געהאַט דעם צער, טאָמער איז ער ניט געזונט, טאָמער פעלט אים עפּעס, הלילה. האָט זיך אָבער יואַליקן פאַרגלוסט פרייטיק־צו־נאַכט צו שרייען, איז שוין געווען פאַרשטערט דער גאַנצער שבת, און מען איז געזעסן אין איין פּחד... דאָס, וואָס אַלע קינדער האָבן ליב צו שרייען גלאַט אַזוי, ווייל עס פרייט זיי צו שרייען, און דאָס איז דער איינציקער דרך פאַר קליינע באַשעפעניש צו באַווייזן, אַז זיי זיינען ניט געקומען אויף דער וועלט גלאַט ווי לײדיקגייערס, דאָס האָבן זיי ניט געוואוסט, און איטלעכעס שרייען איז געווען ביי נתן־נטען און ביי דוואָסין אַ סימן פון קראַנק־זיין; אַ הוסטל איז גאָר געווען אַ סכנות; ווער שמועסט, אַז דאָס קינד האָט גע־קראָגן אַ ביסל היץ, איז גלייך אויסגעוואַקסן דער רופא, און זיי האָבן פאַר אים געוויינט און געקלאָגט, און ער האָט זיי געמוזט שווערן, אַז דאָס קינד וועט לעבן. נתן־נטע האָט זיך דערנאָך גענומען שטאַרק צום „רופא הילדים", און די כּללים און געלערעכצן האָבן אים נאָך מער צעמישט. — דוואָסי איז אַרומגעלאָפן צו שכנטעס און צו אַזוינע, וואָס זיינען געניט אין אויפציען קינדער, און האָט זיי געשלעפּט, זיי מוזן נאַכזען, וואָס איז אַצינד איר יואַליקל, און האָט ביי זיי חוקר־ודורש געווען נאָך אַלע סגולות און רפואות. און אַז ס'איז געקומען אַ שכנטע און איז צוגעגאַנגען צו דער וויג און האָט געזאָגט, אַז דעם קינד איז גלאַט גאָרניט, הלוואי אויף איר קליינעם וואָרעם געזאָגט, האָט דוואָסי נאָך מער מורא געהאַט, וואָרים טאָמער גיט זי יואַליקן אַ „גוט אויג". פאַר אַ „גוט אויג" האָט זי מורא גע־האַט אימת־מוות. אַפילו נתן־נטע, וואָס האָט געהאַלטן, על־פּי־השכלה,

אז אַ מענטש טאָר זיך ניט אַריינלאָזן אין אַבערגלויבן, האָט מורא געהאַט פֿאַר אַ „גוט אויג״... די ייִנגלעך אין חדר איז געווען דענסטמאָל אָנ־געזאָגט, ניט חלילה צוצוגיין צו דער וויג. דער פֿאָטער אַליין האָט ניט געטאָרט אַ סך קוקן אויפֿן קינד; די מוטער האָט שטענדיק געבעטן רחמים, מען זאָל זיך ניט געבן אָן איבעריקן ריר צום קינד. הכּלל, קינד אַהער, קינד אַהין, ביידע מענטשן, נתן־נטע און דוואָסי, האָבן לחלוטין גאָרניט מער געלעבט און האָבן נאָר אין זינען געהאַט דאָס קינד. געוואַשן דאָס קינד, געבאָדן דאָס קינד, געוואַשן די ווינדעלעך, געטריקנט די ווינדעלעך, געמאַכט נאָך אַ קישעלע און נאָך אַ קישעלע, גענייט העמדעלעך. און האָט מען אים אָנגעטאָן דאָס העמדל, האָט זי — אַ זו׳יערע יידענע, וואָס אין איר הויז איז קיין טראָפּן שמחה ניט געווען, און וואָס אַפילו אויף איר חתונה האָט זי זיך נישט געפֿרייט — געקאָנט אָנהויבן צו טאַנצן. און טאָקע מניה־וביה, אַז נתן־נטע האָט גענומען דאָס קינד און איר האָט זיך געדאַכט, ער גיט דעם אָן איבעריקן צי אָדער אַ קוועטש, האָט זי געקאָנט אָנהויבן שרייען: גזלן, רוצח, דו הרגעסט מיר אַוועק דאָס קינד! און ער טאָקע באַלד צוריק: וואָס מאַטערסטו דאָס קינד מיט דיין אָנטאָן? דאָס קינד וועט זיך נאָך פֿאַרקילן. אַזוי איז ניט געווען קיין מינוט רו און שטענדיק האָט מען זיך געקריגט און געזאָגט, אַז מען איז נישט יוצא פֿאַרן קינד. באַלד האָט מען זיך פֿאַראייניקט, אַז מיט ביידנס כּוחות זאָל מען אָפּהיטן דאָס קינד און אַכטונג געבן אויף דעם קינד, און באַלד האָט איטלעכער פֿון זיי אַליין געוואָלט האָבן די השגחה אויפֿן קינד און האָט דעם אַנדערן ניט געטרויט.

ווי האָט נתן־נטע געקאָנט האָבן אין זינען לערנען מיט תּלמידים, וואָס מען האָט אים פֿאַר זיי געצאָלט? וואָס האָט דוואָסי געקאָנט האָבן אין זינען די קראָם, צי גאָר טראַכטן, אַז מען נעמט איר אַוועק אַ קונה? אין מיטן זיצן אויפֿן מאַרק האָט איר געקאָנט איינפֿאַלן, טאָמער ברעכט איין דער באַלקן פֿון דער סטעליע איבער דער וויג און פֿאַלט און צע־קוועטשט דאָס קינד; צי די שטריק, וואָס די וויג הענגט אויף זיי, צע־רייסן זיך און די וויג פֿאַלט אַראָפּ; צי אַ קאַץ שפּרינגט אַרויף און גיט אַ דראַפּ דאָס קינד; צי אַ הון פֿליט אַריין דורכן פֿענצטער און פּיקט אויס דעם קינד אָן אויג. די אייגענע מינוט האָט זי שוין געקאָנט זיין אין דער היים און אָפּדרייען דעם הון דעם קאָפּ, צי געבן דער קאַץ אַ באַך מיטן פֿוס, כאָטש זי האָט געזען, אַז יואליק איז געזונט און נישט אָנגערירט.

נתן־נטע האָט און בית־המדרש אָנגעוואוירן דעם חשק צו רעדן פֿון נייס, צי גלאָט אַזוי האָבן מיט עמעצן אַ וויכוח וועגן אַ כּלל אין דיקדוק, צי פֿרעגן דעם טייטש פֿון אַ וואָרט אין ישעיה... וואָס מען רעדט צו אים, ענטפֿערט ער ניט צו דער זאַך, וואָרים ער האָט נאָר אין זינען זיין בן־יחיד...

אַזוי איז דאָס געווען אַלע טאָג און יעדע נאַכט, ביז גאָט האָט גע־האָלפֿן, אַז דאָס קינד איז אויף אַן אמתן נישט געזונט געוואָרן, ווי אַלע קינדער אין די ערשטע חדשים; ס'איז געוואָרן אַ געלויפֿעניש און אַ גע־רודער, אַז די שטוב איז געגאַנגען כּאַדאָראָם. געלאָפֿן צום פֿעלדשער, גע־לאָפֿן אין אַפּטייק, גענומען טאָן באַבסקע רפֿואות; און טאַקע ווידער פֿונעם „רופֿא־הילדים". ווער טראַכט פֿון עסן און טרינקען צי פֿון אָפּרוען. ער און זי זיינען געזעסן די גאַנצע נאַכט איבערן וויג אַריבערגעבויגן צום קינד און האָבן עס שיער ניט זאַדושעט מיט זייער דעך. אַז דער פֿעלדשער האָט פֿון זיי אויסגעהאַלטן, איז ער געווען פֿון אים אייזן. זיי האָבן אים ממש נישט געלאָזט לעבן און געוואָלט, ער זאָל ביי זיי טאָגן און נעכטיקן. ווי האָט ער אַ האַרץ צו גיין צו אַנדערע, אַז זייער קינד איז קראַנק? פֿאַרוואָס האָט ער אויף זיי קיין רחמנות נישט?

ס'איז געווען אַזוי, ווי אויב אויף איין וואָגשאָל ליגט דער קליינער יואליקל מיטן שפּיציקן קעפּל, און אויף דער אַנדערער וואָגשאָל איז די גאַרע וועלט מיט די מענטשן און די ימים־ומדבריות, און נתן־נטע און דוואָסי שטייען און מוזן ציען מיט אַלע כּוחות די שאָל פֿון יואליקן, כּדי יענע שאָל זאָל נישט אַרויפֿציען. —

די קראַם האָט דוואָסין ניט געטראָגן אַ פֿערטל פֿון דעם, וואָס זי האָט געטראָגן פֿריער. ביי אים, ביי נתן־נטען, האָט איין יינגל גאָר אויפֿ־געהערט צו קומען צו אים לערנען און האָט זיך נישט געשעמט צו זאָגן דעם פֿאָטער, אַז ער צאָלט אומזיסט שכר־לימוד... די אַנדערע יינגלעך, וואָס זיינען נאָך געבליבן, איז דאָס גיין אויך געווען נמאס־ומיאוס; און אַז זיי פֿלעגן בלייבן אַליין אין חדר, האָבן זיי געקאָנט נאָכמאַכן דעם לערער און די לערערקע, ווי זיי פֿלאַטערן איבער דעם קינד. יינגלעך שקצים! וואָס ווייסן זיי פֿון אַ האַרץ פֿון אַ פֿאָטער און אַ מוטער?

און וואָס דאָס קינד ווערט עלטער אַ חודש, ווערט עס נישט גרינגער, נאָר נאָך אַלץ שווערער. דוואָסי און נתן־נטע האָבן נאָך מער געהאָנגען אָן אים און געציטערט איבער אים. ס'איז שוין גאָר קיין לעבן אין זיי

נישט געווען, נאָר דאָס קליינע פּייערל יואליק האָט אין זיי געקוילט...
איז פריער געווען דער פעלדשער, האָט זיך אָציגד אָנגעהויבן ביי איטלע־כער קלייניקייט מיטן רופא. ס'איז געווען אַזוי, אַז ביידע האָבן זיי גע־האַלטן פאַר פּראָסטע משוגעים און האָבן שוין גאָרנישט געוואָלט גיין, אַז מען האָט זיי גערופן; און דערפאַר אַליין האָבן זיי געטראַכט, אַז יענע האָבן זיך מייאש געווען פון דעם קינד און זיך געריסן די האָר און אָנ־געטאָן מעשים. — איין מאָל איז דוואָסי אויפגעשטאַנען אין דער פרי מיט אַ געוויין; ס'האָט זיך איר געחלומט, אַז דעם קינד האָט געטראָפן אַן אומגליק. און ווי נתן־נטע האָט ניט געהאַלטן פון חלומות, איז ער געלאָפן צו נאָך דריי יידן, זיי זאָלן אים פותר־חלום־זיין... דער געדאַנק, אפשר קומט אין זייער שטוב ווידער אַ שלאַפקייט, האָט זיי געקאָנט שיער משוגע מאַכן. די גאַנצע גאַס האָט געציטערט וועגן דעם קינד. אַפילו אַזוינע וואָס האָבן ביי זיך אויך געזען קינדער געבוירן און שטאַרבן, ווי דער שטייגער איז ביי יידן, וואָס האָבן אַ סך קינדער, און וואָס וויסן נאָר, אַז מען מוז אויסגיסן דאָס וואַסער, אַז עס שטאַרבט אַ קינד, האָבן געוואוסט, אַז ווען חלילה עס זאָל שטאַרבן דאָס קינד פון נתן־נטען און דוואָסין, וועט דאָס זיין אַ שרעקלעכער אומגליק.

און דאָ טרעפט זיך טאַקע, אַז עס גייען אַרום מאָזלען אין שטעטל, און יואליק ווערט אויף דער אמתן קראַנק. מילא, וואָס זאָל איך אייך אָפּמאָלן, וואָס דוואָסי און נתן־נטע האָבן דעמאָלט אָנגעגעבן? באַדאַרף איך אייך צו זאָגן, אַז ביידע האָבן זיי אויסגעזען, ווי ווען מען ציט זיי אַרויס פון דער ערד? זיי האָבן שוין גאָרנישט געהאַט קיין כוח צו שרייען און צו יאָמערן, ס'איז געווען אַ שרעק אויף זיי אַ קוק צו טאָן. זיי זיינען פשוט געקראָכן אויף די ווענט, כדי צו ראַטעווען דאָס קינד. יידן בני־רחמנים! איך ווייס, עס זיינען געווען אַזעלכע ווייבער, וואָס כאָטש זיי קערן זיך גאָרנישט אָן מיט נתן־נטען און מיט דוואָסין און האָבן אויך אַ מאמעס הארץ, וואָלטן געקאָנט מפקיר זיין דאָס לעבן פון זייערע איי־גענע קראַנקע קינדער, אַבי יואליקל, אָט דאָס קליינע באַשעפעניש, וואָס שוין ניין חדשים אַז מען ליגט זיינעטוועגן אין די וועלט, זאָל בלייבן לעבן.

אָבער ואין־רחמים־בדין! דער אויבערשטער האָט ניט ליב, אַז די מענטשן זאָלן זיין קליגער פאַר אים. און דערפאַר אַליין טאַקע, וואָס מען האָט אַזוי געפּילדערט און געקאָכט וועגן יואליקן און געהאַלטן צוגעשלאָסן

זיין לעבן מיט טויזנטער שלעסער, האָט ער געוויזן, אַז עס העלפֿט גאָרנישט, אַז ער וויל ניט...

דעם טויט פֿון יואליקן און זיין קבורה, ווי די מוטער האָט זיך ווי אַ לייבין געוואָרפֿן איבער דאָס טויטע קינד און עס ניט געלאָזט פֿונעם קברות־ייִד אַוועקטראָגן; די בכיות און די יללות, דאָס רייסן די האָר פֿון קאָפּ און דאָס בייסן אין די פֿינגער, אַז עס זאָל שפּריצן דאָס בלוט, טאָקע ווי ביי די עובדי־כּוכבים פֿון אַמאָל און גאָרניט ווי ביי ייִדן, וואָס גאָט האָט זיי געגעבן די אמונה און דעם כּוח צו דערטראָגן דעם צער, — דאָס אַלץ אָפּצומאָלן פֿאַרמאָגט ניט אַ פּען פֿון אַ ילוד־אשה.

*

און מיינט איר, אַז דאָ לאָזט זיך שוין אויס די מעשה? ניין, זי הויבט זיך ערשט רעכט אָן. נתן־נטע און דוואָסי זיינען ניט פֿון די דאָזיקע, וואָס זאָלן אויף זיך מקבל זיין דעם גזר־דין באהבה און פֿאַרגעסן יואליקן. ווי קאָן מען פֿאַרגעסן דעם איינציקן קינד, וואָס מע האָט עס געהאָט ביי זיך כּסדר ניין חדשים? דאָס קינד וואָלט נאָך אַצינד געקאָנט לעבן און זיי וואָלטן אים מגדל געווען... פֿאַרוואָס מוז גראָד זייער קינד שטאַרבן? אַ סך קינדער זיינען דאָך קראַנק געוואָרן אויף מאָזלען און זיינען געזונט געוואָרן, נאָר יואליק, ז ײ ע ר יואליק, האָט געמוזט שטאַרבן! פֿאַרוואָס האָבן זיי ניט אַראָפּגעבראַכט אַ דאָקטער פֿון לינעץ? פֿאַרוואָס האָבן זיי זיך ניט אויסגעטאָן ביז אויפֿן העמד, כּדי צו ראַטעווען דאָס קינד? — נתן־נטע האָט נאָר באַדאַרפֿט אויפֿעפֿענען דעם תהילים און קומען אויפֿן פּסוק „על־מות־לבן״, און זיך צעוויינען, ווי אַ קליין קינד. אַלע טאָג פֿלעגט ער זאָגן קדיש נאָכן זון גאָרניט ווי דער שטייגער איז; אים איז געווען דער „יתגדל ויתקדש שמיה רבה״ נאָר אַ מזכּרת עוון, ווי ער דערמאָנט זיך אָן אַ זינד... ס'איז שוין געווען נאָך שבעה און נאָך שלושים, ס'איז שוין באַלד געווען אַוועקגעגאַנגען דאָס ערשטע יאָר נאָך יואליקס טויט, און דער שאָטן פֿון יואליק איז נאָך אַלץ געווען אין שטוב און דער צער איז געווען אַזוי גרויס, ווי ווען ער וואָלט ערשט נעכטן געווען געשטאָרבן. אַז יואליק וואָלט אַצינד נאָך געלעבט, וואָלט ער שוין געווען אַלט באַלד צוויי יאָר און וואָלט שוין געגאַנגען און אפֿשר גערעדט. זיי זעען אים אָקאָרשט ווי ער גייט, און ער רייסט די מוטער ביים פֿאַרטעך.

דאָס יאָר האָט זיך נתן־נטע פֿאַרעלטערט אויף צען יאָר און האָט באַקומען גרויע האָר אין דער שוואַרצער באָרד. און זי, דוואַסי, וואָס האָט תמיד אויסגעזען אַלט, איז שוין גאָרניט געווען צו דערקענען: די אויגן זיינען איר אַריין אין קאָפּ אַריין, דאָס מויל האָט זיך פֿאַרצויגן... אַ לאַנגע צייט האָבן זיי גאָר געשוויגן און האָבן מורא געהאַט אויסצורירן דעם נאָמען יואליק. דערנאָך האָבן זיי זיך ווידער אָנגעהויבן צו דערמאָנען פֿון אָנהויב אָן, פֿונעם ערשטן טאָג, ווי יואליק איז געבוירן געוואָרן און אַלץ וואָס זיי האָבן זיך קענען אים פֿאַרזינדיקט: פֿאַרוואָס איז די וויג תמיד געשטאַנען אינעם פֿאָדערשטן חדר און ניט אינעם הינטערשטן, וואָס דאָרט איז וואַרעמער, ווייל ס'איז לעבן דער קיך? אָפּטמאָל האָט איינער דעם אַנדערן באַשולדיקט אין יואליקס טויט, און איטלעכער האָט דערצו גע־האַט זיינע ראיות און איז געווען זיכער, אַז ער איז גערעכט.

איטלעכס ווינדעלע און קישעלע און העמדעלע פֿון יואליקן האָט מען באַהאַלטן אין קאַסטן און דאָס אָפּגעהיט, ווי אַ ספֿר־תורה, וואָס מען לייענט ניט מער אין איר. איטלעכע זאַך, וואָס מען האָט נאָר געהאַלטן אין די הענט און וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו יואליקן, האָט מען באַוויינט און באַיאָמערט.

איז פֿאַרבייגעגאַנגען אַ יינגל פֿון דריי יאָר, — און ווען יואליק וואָלט אַצינד געלעבט, וואָלט ער אויך אַלט געווען דריי יאָר, — האָט מען זיך פּלוצים דערמאָנט און צעוויינט... פּסח צום סדר האָט מען זיך אוודאי צעוויינט: אַז יואליק וואָלט אַצינד געלעבט, וואָלט ער דאָך געזעסן מיט זיי ביים טיש און וואָלט אפֿשר שוין געפֿרעגט די קשיות... האָט אַ שכנטע, וואָס האָט ניט אַזאַ פֿיינעם רגש, דערציילט דוואַסין, אַז איר יינגעלע הויבט אָן די וואָך חומש, איז דוואַסי בלוי און געל געוואָרן פֿאַר עגמת־נפֿש און האָט זיך קוים איינגעהאַלטן ניט אַרויסצולאָזן אַ געוויין.

נתן־נטען איז דער תנ״ך, וואָס איז אים פֿריער געווען דאָס אמתע דערקוויקעניש, אַצינד געוואָרן אַ גיהנום, וואָרים ער האָט זיך אַלץ פֿאָר־געשטעלט, אַז יואליק וואָלט אַצינד געלעבט, וואָלט ער דאָך מיט אים אַליין געקאָנט אָנהויבן פּסוק, און אַצינד איז פֿון אים דער נחת־רוח אָפּגענומען געוואָרן אויף אייביק.

ס'איז שוין אַוועק צען יאָר נאָך יואליקס טויט, דאָס עלפֿטע און דאָס צוועלפֿטע גייט שוין צום סוף, און דאָס טרויערן נאָך יואליקן האָט

ניט אויפֿגעהערט. מאָלט איך אויס, ווען יואליק וואָלט אַצינד געלעבט, וואָלט ער שוין געגאַנגען אויפֿן דרייצנטן יאָר · און וואָלט געוואָרן בר־מצווה... דאָס איז שוין ביי לייטן אַ יונג, וואָס מען האָט פֿון אים נחת, און דאָס האָבן זיי געמוזט פֿאַרלירן, ניט יענעם יואליק פֿון ניין חדשים, ניין — אַ בחור פֿון באַלד דרייצן יאָר!

און וואָס עס גייט אַוועק נאָך אַ יאָר, ווערט יואליק אַלץ עלטער אין זייער דמיון. ער איז שוין פֿערצן און פֿופֿצן און זעכצן יאָר אַלט. ווען ער וואָלט אַצינד געלעבט, וואָלט ער שוין געקענט פֿיל תנ״ך און דיקדוק און וואָלט געווען דער אמתער מושלם, ווי נאָר אַ זון פֿון אַזאַ פֿאָטער קאָן זיין. — אַפֿילו אויף די תלמידים קאָן מען ניט קוקן מיט אַ רואיק הארץ, וואָרעם איטלעכער דערמאָנט אָן דעם אייגענעם זון. יאָ, אַז ס'איז אַפֿילו פֿאַרבייגעגאַנגען אַ מיידל אין די יאָרן, וואָס האָט זיי געפֿעלן, האָבן זיי גלייך געגעבן אַ טראַכט, אַז ווען יואליק וואָלט אַצינד געלעבט, וואָלט ער געקאָנט האָבן אַזוינע פֿאַר אַ כלה... די גאַנצע צייט, זינט יואליק איז געשטאָרבן, האָבן זיי ניט געקאָנט גיין אויף שמחות; תחילת ניט — ווען אַ יינגל האָט אָנגעהויבן לערנען חומש, דערנאָך ניט צו אַ בר־מצווה, דערנאָך ניט צו אַ קנס־מאָל און דערנאָך ניט צו אַ חתונה.

דוואָסי און נתן־נטע זיינען שוין איבער חמשים, יואליק איז אָבער אין זייער דמיון שוין איבער צוואַנציק, און איצט וואָלט ער שוין אַוודאי געהאַט אַ ווייב און וואָלט געזעסן מיט איר ביי זיי אויף קעסט און גאָט וואָלט זיי געהאָלפֿן מיט אַן אייניקל... אַ חוץ דעם, וואָס דער זון איז געשטאָרבן, האָבן זיי נאָך אָנגעוואוירן די שנור און דאָס אייניקל, און ניט אין דור האָבן זיי באַגראָבן, נאָר צוויי דורות...

דרייסיק יאָר האָבן זיי זיך אַזוי אַרומגעטראָגן מיט דעם צער פֿון יואליקס טויט. אַנדערע אויף זייער אָרט וואָלטן זיך שוין געווען גענומען דאָס לעבן, צי וואָלטן אַראָפּ פֿונעם זינען; זיי האָבן אָבער געטראָגן די צרות. ערשט אַז זיי זיינען שוין אַלט געוואָרן זעכציק יאָר, און אין שטעטל איז אומגעגאַנגען אַ קראַנקייט, איז נתן־נטע געשטאָרבן און דוואָסי — מיט איין וואָך שפּעטער. און אין דער וואָך האָט זי געהאַט צו באַווייגען צוויי טויטע...

# פסול געוואָרן

## אַ מעשה פֿון אַ שוחט

יהונתן דראַזשנער, דער אַלטער דראַזשנער שוחט, איז געווען אַ שם־דבר און האָט געהאַט אַ נאָמען ניט נאָר אין דראַזשנע אַליין. יאָ, ס'איז דאָ אַ שוחט און אַ שוחט, ס'זיינען פֿאַראַן חילוקים. תּנחום יאַקלס איז אויך אַ שוחט. אָבער ווי קומען זיי צו יהונתן? און וואָס זנאַטשען זיי קעגן אים און קעגן זיין קענען? דאָס איז נישט גלאַט אַזוינער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנטביים אייגענעם שווער אַ ביסל שחיטה מיט אַ פּאָר דינים און ווייסט נישט מער, ווי אַ ביסל הלכות טריפֿות; דאָס איז געווען אַ ייד אַ למדן, אַן אמתער למדן און אַ בקי אין ש"ס און פּוסקים, און טאַקע אַ שטיק מושלם אין לשון־קודש. —

אין די ערשטע יאָרן האָבן זיך די חסידים אַ ביסל געקווענקלט, וואָרעם צו־גוט איז ביי זיי אַ חסרון... אָבער וואָס איז שייך? יהונתן איז פֿאָרט געווען דער גרויסער למדן און ירא־שמים און דער עיקר, אין זיין אומנות אַ בריה־נפֿלאה; די שווערסטע „סירכה" פֿלעגט ער אָראָפּנעמען, ווי אַ האָר; און קיינמאָל האָט זיך אים נישט געטראָפֿן, ער זאָל מאַכן טריף אַן אָקס, צי חס־ושלום ניט דערקוילן אַ דקה צי אַ גסה. די קצבים פֿון דראַזשנע וואָלטן פֿאַר אים געקאָנט זיך אָפּשניידן די פֿינגער, ער האָט אָבער פֿון זיי נישט מקבל־טובה־געווען, און קיינער האָט פֿון אים נישט געקאָנט דערציילן, אַז ער האָט אַמאָל גענומען פֿון זיי אַ פֿונט פֿלייש אומזיסט, צי אַ פֿוס אויף שבת, ווי דער שטייגער איז ביי אַנדערע שוחטים. אַז מען האָט אים גערופֿן קוילענען, האָט ער נישט געמאַכט קיין שהיות; ביי אים איז ניט געווען פֿאַרשלאָפֿן זיין צייט, צי לאָזן עמעצן וואַרטן, צי גאָר לאָזן שטיין אַן אָרעמע יידענע מיט דער הון און פֿריער קוילענען אַ נגידישע גאַנדז, וואָס די דינסט האָט זי געבראַכט צו טראָגן; אָרעם און רייך איז ביי אים געווען גלייך. קיינמאָל האָט ער זיך נישט

געקריגט מיט די אַנדערע שוהטים, צי געערעדט אויף זיי לשון־הרע, צי גאָר געהאַט אַ סכסוך מיטן חזן מכּוח „מי־שברך־געלט". פאַרקערט, ער האָט געלאָזט זיינס איבערגיין, און אַז ס'איז געקומען אַ מענטשן אַ טובה צו טאָן, איז ער תּמיד געווען אין דער היים. אַן אייניקל, צי אַן אָרעמאַן, אַן אָדם־חשוב, אַז ער איז געקומען קיין דראַזשנע, ביי וועמען האָט ער געפונען סטאַנציע? ביי יהונתן. און דווקא בכבוד, מיט אַ גלאָז טיי, מיט אַ וועטשערע און מיט אַ ווייס לײַלעך צום שלאָפן. — יהונתן אַליין פלעגט דעם אורח צוטראָגן נעגל־וואַסער; ער האָט פאַר דעם מבקש געמאַכט אַ צעטל פון די נגידי־העיר, צי ער איז טאַקע פון זיינעטוועגן אַליין געגאַנגען. — פאַר פּסח איז ער מיטן רב פון שטאָט געקראָכן אין די גרעסטע בלאָטעס און האָט געהאָלפן רייסן ‚מעות־חיטים' פון טויט און פון לעבעדיק. אָבער אַ גוטער איז יהונתן געווען נאָר, וואו מען באַדאַרף צו זיין גוט. האָט אָבער איינער אויסגעדונגען אַן אַנדערן די חזקה, צי גלאַט אַזוי געטאָן זיין חבר שלעכטס, דאָ האָט יהונתן געצויגן גאָר אַן אַנדערע סטרונע און האָט געמאַכט אַזאַ רעש אין בית־מדרש, ביז יענער האָט געמוזט גיין און זיך אויסגלייכן מיט זיין בעל־דין.

אויף שמחות איז יהונתן דער שוחט געגאַנגען צו איטלעכן, וואָס האָט אים נאָר גערופן, אַפילו צו אַ שניידער און צו אַ שוסטער, צום נידעריקסטן. ביי גאָט זיינען אַלע יידן גלייך, פלעגט ער זאָגן. און אַ קאַפּעטשקעלע האָט ער אויך געקאָנט נעמען און אַמאָל אַפילו אַן איבעריקס, אָבי אַן אָרעמאַן משמח צו זיין: און דאָס האָט די חסידים, — וואָס בכלל זיינען זיי נישט געווען גאָר שטאַרק צופרידן מיט אים, פאַרוואָס ער איז אַ מושלם און אַ „ידען" — ווידער שטאַרק געאַרט אין האַרצן. כּלי־קודש מוזן זיין כּלי־קודש און טאָרן זיך נישט אַראָפּלאָזן צום פּראָסטן עולם, פלעגן זיי זאָגן. דאָס זיינען געווען די סאַוואַניער חסידים, וואָס האָבן זיך דערין זייער דרך.

יהונתן איז אויך נישט געווען אַ ייד אַ כניאַק און האָט ליב געהאַט אַרומצוגיין ריין; זיין קאַפּאָטע איז קיינמאָל נישט געווען פאַרדריפּעט, ווי דער מנהג איז פון אַ פרומען יידן. תּמיד האָט ער געטראָגן אַ ריינעם קאָלנער און געפּוצטע שיך, און דאָס איז ביי חסידים, וואָס האָבן אַלץ געזוכט אויף אים חסרונות, געווען חסרון נומער דריי. אַ ייד אַ בן־תּורה, פלעגן זיי זאָגן, דאַרף נישט אין זינען האָבן חיצוניות, ווי זאָגט די גמרא: כּך דרכּו של יצר־הרע!

אָבער יהונתנס שם איז אַלץ געוואַקסן; און אַז דער טאַלנער איז אַמאָל געקומען קיין דראַזשנע, און ס'איז געווען יהונתנס וואָך צו שעכטן, האָט ער זיך נישט געלאָזט פֿריער ווייזן דעם חלף, ווי דער שטייגער איז. דאָס האָט די חסידים שטאַרק פֿאַרדראָסן; אַ בשר־ודם באַדאַרף מען נישט צופֿיל דערהייבן, פֿון דעם קומט קיין גוטס נישט אַרויס, האָבן זיי געזאָגט.

אַזוי האָט זיך יהונתן אָפּגעלעבט אין דראַזשנע אַ סך יאָרן. ער האָט שוין געהאַט אויסגעגעבן אַלע זיינע קינדער, און גאָט האָט אים געהאָלפֿן, אַז ער האָט מיט אַלעמען געטראָפֿן. איין איידעם זיינער איז געווען אַ חזנס אַ זון, דער צווייטער איז געווען אַ שוחטס אַ זון, אַ דריטער איי־דעם איז געווען אַ כּתבא־רבה און שרייבט קוויטלעך ביים זינקיווער רבין. זיין איינציקער זון איז געווען אַ געראָטענער און אַ פֿיינער יונגערמאַן און האָט זיך געשניטן אויפֿן פֿאָטער, און געווען איז ער אַן איידעם ביים סידילקעווער רבין און דאָרט איז ער געזעסן אויף קעסט און האָט שטאַרק געלערנט. — דאָס ווייבל זיינס איז געווען אַ שיינע און אַ וואוילע, און מען האָט זיך מיט איר לחלוטין נישט אָפּגענאַרט. אָט אין דעם פֿאַר־פֿאָלק האָבן זיך בײדע, יהונתן און ביילע זיין ווייב, געקאָכעט; אַלע מאָל האָבן זיי געשיקט אַהין מתּנות, און די שוחטקע פֿלעגט אַלע מאָל אַרי־בערפֿאָרן אַהין, ווארעם זי האָט שטאַרק געבענקט נאָך די קינדער...

דאַכט זיך דאָך אַלץ גוט און פֿיין, אַז מען איז שוין אַזוי ווייט מיטן מיזיניק, ס'איז שוין געווען עובר־רוב־שנותיו, אַזוי האָט יהונתן אָפּ־געלעבט פֿופֿציק יאָר, אָן זאָרגן און אָן עגמת־נפֿש, און איז געשטאַנען גוט מיטן אויבערשטן און מיט דער תּורה. דאַכט זיך, וואָס פֿעלט נאָך? וואָס־זשע קאָן טאָן דער שטן, אַפֿילו ער זאָל זיך איינשפּאַרן קאַליע צו מאַכן?

אָבער ווי זאָגן די חכמים: אַל תּאמין בעצמך עד יום מותך ואַל תּתיעש מן הפּורעניות; דאָס הייסט: אַז גאָט האָט דיר געהאָלפֿן און דו ביסט שוין אין אַלעמען באַוואָרנט, גלויב ניט פֿונדעסטוועגן, אַז דו האָסט שוין דאָס מזל אָנגעכאַפּט ביי די פּיס. איין ווינטעלע גיט אַ בלאָז און נעמט דיר אַוועק אַלץ... און טאָמער מיינסטו, אַז דערפֿאַר, וואָס דו ביסט גוט געקאָוועט אין יידישקייט און ס'איז דיר קיינמאָל אַפֿילו אין חלום נישט אַרויפֿגעגאַנגען אויף דער דעה צו טאָן אַן עבירה, ביסטו שוין זיכער פֿאַרן יצר־הרע? זאָגט מען דיר, אַז אַפֿילו פֿאַרן טויט קאָן זיך יאָוועון דער בחור...

*

ס'איז געקומען אַ יום־טוב, און יהונתנען איז געווען גוט אויפֿן האַרצן. ער האָט געשיקט אַ פֿור קיין סידילקעוו און מען האָט גענומען די קינדער אַהער קיין דראַזשנע. ס'איז געווען אַ לעקעך־און־בראַנפֿן אויפֿן ברייטן אופֿן, ווי נאָר ביי יהונתנען קאָן זיין; פֿון ביידע בתּי־מדרשים האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן צו יהונתנען אויף קידוש. איטלעכער גאַסט האָט איבערגעקערט דאָס גלעזל און גוט פֿאַרביסן. און גוט פֿאַר־בייסן האָט דווקא נישט געפֿעלט, שטרודל און אַלע גוטע זאַכן, וואָס מען לייגט צו זיי לחלוטין נישט צו. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן צו שיקן פֿון שטאָט כּל מיני איינגעמאַכצן און משקה לכּבוד די געסט. און די ייִנגלעך און די מיידלעך, וואָס האָבן געטראָגן די טעצלעך מיט די פֿלאַשן, האָבן געהאַט שׂכר־הליכה; ביילע האָט זיי אָנגעשטאָפּט די קעשענעס מיט ניס און מיט צוקערקעס און האָט געהייסן זאָגן די פֿאָטערס, אַז מען בעט זיי נאָך אַמאָל אַריבערצוקומען. יהונתן איז אַרומגעגאַנגען מיט דער אָפּ־געקנעפּלטער קאַפּאָטע און איז געווען שטאַרק בניחה־דעתיה... מען האָט זיך געזעצט צום טיש; ס'איז געווען אַן עסן כּיד־המלך! געפּרעגלטע פֿיש, וואָס זיינען געשוואומען אין בוימל, די יויך האָט געפֿלימערט אין שיסל, ווי בורשטין, אַז ס'איז געווען אַ שאָד אַריינצולאָזן דעם לעפֿל. דערצו האָט מען געטרונקען וויין, רויטן, פֿייערדיקן וויין. ביים פֿלייש הויבן זיך שוין אָן צונויפֿקומען די אייגענע באַלעבאַטים, וואָס האָבן פֿריער געשיקט משקה, און שטעלן נאָך משקה. איטלעכער האָט זיך זיין וויינ־שענקער און זיין „סימן" און איטלעכער וויל ווייזן זיין מבינות אויף וויין. ס'איז געוואָרן אַ שמועס מכּוח וויין און מכּוח יידן און מכּוח די עליות; און בתּוך־כּך הויבט מען אָן צו גיסן אין האַלדז אַריין; און טאָקע באמת, מען ווייסט גאָר קיין חילוק נישט פֿון גוטן ביז פּראָסטן וויין, מען טרינקט לחיים אויף אַלע לשונות, ס'פֿאַלט אַריין אַ ניגון, עס גיט אַ פּלעסק! די נשים האָבן זיך שוין לאַנג אויפֿגעהויבן פֿון טיש, וואָרים די מענטשן שיטן זיך, און עס קומען אַלץ אָן נייע נגידים און ברייטע באַלעבאַטים שטופּן זיך אַריין אויבנאָן און חסידים פֿון יהונתנס צד שלעפּן בענקלעך און זיצן איינער אויפֿן אַנדערן. ביילע די שוחטקע האָט געמאַכט די גוטע פּראַקעס, וואָס מען האָט זיי געקאָכט אין וויין, און דער עולם איז שיער משוגע געוואָרן פֿאַר תּענוג... אָוועקגעווישט

זיינען אַלע אַנדערע מחשבות, איטלעכער איז נאָר אַריינגעטאָן אינעם עצם־הענין. דער ווייַן האָט זיך געגאָסן און די פרייד איז געווען אַן אמתע פרייד. איר קענט נישט דעם יידן, אַז מען נעמט פון אים אַראָפּ דאָס פעקל דאגות, איר ווייסט נישט, וואָס דאָס הייסט, אַז מען לאָזט אים פריי פון עול־הפרנסה... דער חזן זינגט אויף די אויבערשטע כּלים, דער עולם זינגט איין ניגון נאָכן אַנדערן. מען כאַפּט די פלאַשן, וואָס קומען אַלץ „מיט די געסט", און מען גיסט זיי אַריין אַלע אין איין פאַס, איטלעכער שטעקט אַריין זיין גלאָז און טרינקט. קרעמערס, וואָס האָבן זיך ערשט פאַר אַ פּאָר טעג געשלאָגן פאַר אַ קונה, זיינען אויף איין מאָל געוואָרן גוטע פריינד, איידעלע באַלעבאַטים האָבן זיך אויסגעמישט מיט עמי־הארצים. מען כאַפּט שוין אַ ריקודל, מען הויבט אָן צו טאַנצן. עפּעס אַ קליייניקייט יהונתן, זייער יהונתן האָט געשיקט צו זיך רופן, מוז מען דאָך ווייזן, וואָס מען קען. אַ ייד האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן טיש און טאַנצט, אַן אַנדער ייד טאַנצט אַ וואָלעך אין אַ יאַרמלקע. דער עולם איז שטאַרק באַלעקט און פּלעסקעט אים צו. די נשים, וואָס האָבן זיך ביז אַצינד געהאַלטן פון ווייטן, קומען אַלץ נענטער און נענטער. דאָס שיינע יונגע ווייבל איז אויסגעפּוצט און איר פּנים לייכט פאַר פרייד. איציקל אַליין זיצט אויבן־אָן, נעבן דעם פאָטער, אַ שטילער בלייכער יונ־גערמאַנטשיק, נאָך אָן אַ חתימת־זקן... אַוודאי האָט מען אים אָפּגע־קוועטשט די פּלייצעס. קינד און קייט שטייען אויף די פריזבעס און קוקן אַריין אין די פענצטער. „ברוך אלהינו שהבדילנו מן התועים!" דונערט עס פון אַלע העלדזער. דעם ווייַן זופט מען שוין מיט די הענט. דאָס יאָר איז געווען אַ שנת־שובע, און יידן האָבן פאַרדינט אַ קערבל. יהונתן איז גאָר לעילא־ולעילא, עס קומט אים פאַר, אַז ער האָט זיך נאָך קיין מאָל אַזוי נישט געפרייט, ווי הייַנט. ווי הייסט, דאָס יינגסטע קינד, דער איינציקער זון און אַזאַ נחת! און גאָט איז גאָט, און יידן זיינען יידן... די שנור שטייט גאַנץ נאָענט און האַלט דאָס ווייסע פאַטשיילעכל אין האַנט. די פּערל אויפן האַלדז בלישטשען, אַן אמתע יפת־תואר־ויפת־מראה! יהונתן האָט פאַרגעסן, וואו ער איז אין דער וועלט; ער נעמט זי אָן ביי דער האַנט און ער הויבט זי אָן צו קושן...

דער עולם איז געבליבן שטיין פאַר שרעק! פון די פענצטער איז מען זיך צעלאָפן. אַלע ניגונים זיינען דערוואָרגן אין האַלדז, קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אויסצורייד אַ וואָרט; איטלעכער איז געווען ווי פאַר־

גליוורט! ערשט, אַז עס זיינען אַריבער די ערשטע פּאָר מינוט, האָט איינער אָנגעהויבן צו קוקן אויפֿן אַנדערן און ווידער געוואָלט פֿאַרגראָבן דעם פּנים פֿאַר שאַנד. —

און אין שטאָט האָט זיך באַלד צעטראָגן די ידיעה, ווי אַ שטורעם־ווינט, און האָט אַרויסגעבלאָזן דעם יום־טוב פֿונעם האַרצן. אומעטום האָט מען געזען אַרומלויפֿן מענטשן מיט בלייכע פּנימער, רעדלעך האָב זיך געזאַמלט, מען האָט גערעדט און געשריגן, אַ טייל האָבן געבראָכן די הענט: אַ קלאָג צו זיי, דרייסיק יאָר האָט מען געגעסן פֿון זיין שחיטה! די סאַוו־ראַניער חסידים האָבן נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און האָבן אָנגע־הויבן אַרויסצוואַרפֿן דורכן פֿענצטער די טעפּ... וואָס ס'האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן אין דראַזשנע, איז גאָרנישט אויסצומאָלן. ס'איז געווען ווי ווען מען וואָלט געגומען אַ באַרג מיט חרפּה און איטלעכן דראַזשנער יידן געוואָרפֿן אין פּנים אַריין.

*

און מוצאי־יום־טוב, נאָך דעם אומעטיקן מעריב, וואָס ליגט זיך אויפֿן האַרצן ווי אַ שטיין, אַז מען האָט אָפּגעמאַכט הבדלה, האָט זיך יהונתן פֿאַרגנבעט, גענומען אַ פּאָר העמדער, זיי אַריינגעלייגט אין טלית־זאַק, אָנגעטאָן דעם לאַנגן וואָכעדיקן בורנעס, גענומען דעם שטעקן אין האַנט אַריין און איז אַוועק פֿון דראַזשנע. —

צוויי יאָר זיינען אַוועקגעגאַנגען און מען האָט נישט געוואוסט, וואו ער איז אַהינגעקומען. ס'איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז ער איז ערגעץ ביי די קאַראַאימען, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער טוט תּשובה און ריכט אַפּ גלות...

דער בעל־טאַקסע האָט געצאָלט ביילען די ערשטע צייט אַ פֿערטל שׂכירות, און דערנאָך — אויס יום־טוב! ביילע האָט געמוזט פֿאַרקויפֿן די שטוב, כּדי זיך צו דערהאַלטן. אַ תּל איז פֿון אַלעמען געוואָרן.

יהונתן האָט זיך קיינמאָל נישט געזען מיט זיין ווייב און קינדער. אָפּגעוואַלגערט זיך אויף דער וועלט און ביי רביים אַרום דרייצן יאָר, און דערנאָך איז ער געשטאָרבן. —

# פֿון דער סלוזשבע

## אַן אמתע מעשה

מאירל שמעונס, — אַזוי האָט מען אים גערופֿן, אויף דער אמתן וואָלט ער געמעגט הייסן גלאַט מאיר, נישט פֿאַרצויגן, און דאָס וואָלט אַ סך בעסער געפּאַסט צו זיין פּנים — מאירל איז לחלוטין נישט געווען אַן אויסגעדעוועטע יונגערמאַנטשיק מיט אַ שמאָל גופּל און זעקס מאָל איינגעבויגן, ווי דער שטייגער פֿלעגט זיין פֿון אַ יידיש ייִנגל. פֿאַרקערט, ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן גוף און אַ פּאָר פּלייצעס מיט פּיס און הענט, וואָס האָבן בעסער געפּאַסט פֿאַר אַ מילנער, ווי פֿאַר אַ לערנער. מילא, אַ פּראַסטאַקס אַ זון קאָן אַזוי זיין, אָבער ווי קומט עס פֿאַר אַ באַלע־באַטיש קינד אַזוי אויסצוזען? זיין פֿאָטער און מוטער האָט דאָס געגנוג געקרענקט, ווי זאָגט מען, עפּעס אַ שטראָף פֿון גאָט, דאַרפֿן זיי צו האָבן אַזאַ זון, וואָס מוז זיין געזונט פֿאַר צוויי גוים. ווי אַזוינס האָט זיך גע־קאָנט צו זיי נעמען? ס׳איז נאָך געווען אַ נס, אַז מאירל האָט געקענט אַ ביסל לערנען און כאָטש אינעווייניק געווען עפּעס אַ לייט... די מוטער האָט אַפֿילו געטראַכט אים אָפּצוגעוויינען דאָס פֿילע עסן... דאָס וואָלט אָבער ביי מאירן גאָר קיין פּעולה נישט געהאַט. אַזאַ מין גוף לייגט מען נישט אָפּ פֿון זיך, ווי מען לייגט אָפּ אַ פּאָר שטיוול. אויף צו להכעיס האָט מאירל דאָס פֿאַסטן גאַרנישט ליב געהאַט, און האָט פֿאַרקערט שטאַרק געהאַלטן פֿון מצוות־אכילה. — דער עיקר איז ביי אַ מענטשן דאָס מזל. האָסט דו מזל, האָסט דו אַ זון אַ דינינקעס מיט אַ חסידיש פּנימל, וואָס פּאַסט גוט פֿאַר אַן איידעמל; האָסט דו אָבער נישט קיין מזל, איז ער גראָב און שטאַרק און זיינע כּוחות וואַקסן, ווי קראָפּיווע, כאָטש גיי עק דיך. און אויף דער אמתן: הידים הללו ידי עשו למה? צו וואָס האָט גאָט געגעבן עשון די שטאַרקע הענט און יעקבן דעם קול, דאָס מיינט מען די ווייכקייט פֿון דער תּורה, ווען נישט, אַז ס׳זאָל זיין צווישן זיי אַ חילוק...

וואָס זאָל מען טאָן? זאָל מען גיין נעמען מאירן און אים צעזעגן אויף צווייען? און דאָ האָט מען שוין אים אָנגעהויבן פֿון אַלע זייטן רעדן שידוכים. אַ יינגל פֿון אַ לייטישער שטוב, וואָס מען מעג זיך ווינטשן אַהין אָנצוקומען, און ת״ו קערבלעך נדן און הלבשה כּדרך־הנגידים, אָבער דער חסרון... די שדכנים זיינען אין האַרצן געווען בייז אויף שמעונען, וואָס ער האָט אַזאַ זון, וואָס זעט אויס ווי אַ סאָלדאַט און וואָס מען מוז ערשט יענעם געבן צו פֿאַרשטיין, אַז אין תּוך גענומען איז ער פֿאַרט געראָטן.

און כאָטש די שמעונקע האָט געהאַט אויגן און האָט נישט איין מאָל געגעבן אין האַרצן אַ טיפֿן קרעכץ, אַז זי האָט אַ קוק געטאָן אויף די רויטע באַקן פֿון מאירלען, וואָס פֿון זיי האָט געשפּריצט דאָס בלוט, האָט זי זיך אָבער אין ענין שידוכים געמאַכט אַ האַרץ. איר פֿאַרשטייט אַליין, אַז זי איז געווען דער ספּאָדעק פֿון שטוב און ביי שמעונען האָט זי געהאַט די דעה; זי איז, קיין עין־הרע, געווען אַ מאַשין, און שמעון איז געווען דער קליינינקער. זי האָט זיך אַזוי געזאָגט: כאָטש די שדכנים טוען מיר אַ טובֿה, אַז זיי קומען ריידן, וועל איך מיך דווקא נישט איילן. אַי, וואָס, שלאָגט זיך אָן איין שידוך און דערנאָך שלאָגט ער זיך אָפּ, — מאירל האָט אַוודאי זיין זיווג, און דאָס, וואָס איז אים באַשערט, וועט שוין קומען אין שטוב אַריין... און געזוכט האָט זי פּאַוואָלענקע, אָבער געזוכט; און אַז מען זוכט, געפֿינט מען, דאָס איז שוין אַן אַלטער כּלל. און דער קרן איז דווקא גוט און פּאַסט אַקוראַט, ווי אָפּגעמאָסטן, צו מאירן, דאָס הייסט וועדליק דעם געדאַנק, וואָס זיין מוטער האָט געהאַט...

און דער געדאַנק פֿון דער שמעונקען איז געווען פּראָסט, אָן חכמות, אָבער געזונט. טוט אַ רעכן: אַז איר מאירל איז צו גרויס און צו שטאַרק, מוז די כּלה זיינע זיין אַ קליינינקע און אַ שמאָלינקע. וואָס אים, מאירלען, פֿעלט, מוז זי, זיין באַשערטע, האָבן, און זיי אינאיינעם וועלן ערשט זיין אַ פּאָר, ווי גאָט האָט געבאָטן.

כייקע, די טאָכטער פֿון סענדערל אַכרימאָוועל, וואָס איז פּאָר מאירן אַ כּלה געוואָרן, איז טאַקע געווען אַזוי, ווי די שמעונקע האָט זיך אויסגע־מאָלט אין קאָפּ, אַ גאָלע רוחניות. קליין און מאָגער, קוים וואָס מען זעט זי, פּונקט ווי אַ רבס אַ טאָכטער. סענדערל איר פֿאָטער, כאָטש אַליין ניט קיין רבֿ, אָבער אַ מענטש, וואָס פֿאַרשטייט דעם עסק... געלט האָט ער נישט געגעבן אַ פּיאַטאַק, מען האָט אים נאָך געמוזט געבן צושטייער

אויף דער חתונה און די כּלה האָט מען געמוזט אויסקלײַדן פֿון אויבן ביז אַראָפּ. אָבער וואָס שאַדט דאָס אַלץ? דער עיקר, אַז די שמעונקע האָט אויסגעפֿירט, וואָס זי האָט געוואָלט.

הכּלל, געמאַכט אַ חתונה ווי בײַ יידן און ששון־ושמחה. וואָס מאירל האָט דערצו געזאָגט, ווייסט מען נישט. גאָרנישט, אַ יידישער בחור, וואָס זאָגט נישט קיין דעה אין אַזוינע זאַכן... און לעת־עתּה זיצט מען אויף קעסט, ערשט בײַ סענדערלען דעם שווער, צוויי חדשים אויף קאַטאָוועסן; עס חלומט זיך אַפֿילו נישט סענדערן צו גיין האַדעווען אַזאַ בוהאַי; דערנאָך איז מען אַריבערגעפֿאָרן קיין פּוקיטילאָווע צו זײַן טאַטע־מאַמען און דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַמעס קעסט מיט גריוון און וואַרנעטשקעס און אַלע גוטע זאַכן, און כּייקען האָט מען אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. און זי האָט טאַקע געהאַנגען אָן מאירלען, און מען האָט אָן איר נישט אָנגעהויבן צו זען, אַז זי זאָל פֿאַרשטיין דעם חסרון...

אַזוי זײַנען געוועזן אַוועקגעגאַנגען קנאַפּע דרײַ יאָר. מאירל איז כּלומרשט געזעסן אין קלויז און האָט געלערנט. געטאָן האָט ער גאָרנישט, ווי דער שטייגער איז פֿון אַ טאַטנס אַ קינד. כּייקע אין דער היים האָט אַפֿילו יאָ געהאַט עסקים. אַ קינד צום יאָר און דערנאָך מפּיל געוועזן און טראָגט שוין ווידער. און טאָמער וואָלטן זיי אַזוי אָפּגעלעבט זייערע יאָרן, כּייקע וואָלט אויסגעטראָגן און וואָלט ווײַטער געהאַט קינדער, — פּו־קיטילאָווע האָט געזען אַ סך אַזוינע דורות, — מוז דער רוח אָנטראָגן דעם פּריזיוו פֿון פֿאָניען מיט דעם ציען פֿון נומערן, און מאירל מוז אַרויסציען אַ קליינעם נומער, און צען מאָל „גאָדיען״!

וואָס זאָל איך מאריך זײַן? עס האָט נישט געהאָלפֿן נישט קיין קלאָגן און נישט קיין יאָמערן און אַפֿילו נישט קיין שמירן אויף אַלע זײַטן, מאירל איז אַ סאָלדאַט, כּאָטש שרײַ חי־וקיים. מאירל האָט שוין אָפּגע־שוואוירן און האָט זיך געמוזט גרייט מאַכן צום וועג. וואָס די שמעונקע און כּייקע האָבן אָנגעגעבן, קאָנט איר אײַך אויסמאָלן. מסתּמא האָט מען אים מיטגעגעבן אויפֿן וועג פּוטערבולקעס און טיי און נאָך גוטע זאַכן. אַז זיי האָבן דערזען מאירלען אין שינעל מיטן באַשליק מיט די גרויסע שטיוול, האָבן זיי ווידער אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין. ס'איז געקומען די מינוט פֿון געזעגענען זיך, די ווײַבער זײַנען געפֿאַלן אין חלשות. די פֿערד האָבן געטאָן אַ צי, און מאירל פֿאָרט.

*

דער פֿאָלק, וואָס מאירל האָט אין אים געדינט, איז אָנגעקומען אַזש קיין סאַראַטאָוו, צוויי הונדערט מייל פֿון פּוקיטילאָווע. אַ בריוול פֿון דאָרטן דויערט צוויי וואָכן, שרייבן שרייבט מאירל, מען זאָל אים שרייבן: גאָס־פּאָדין מאיר פּאַלעוואַי... זי שיקט אים אַלע מאָל אַ דריי‏ערל צי אַ פֿינפֿערל, — כייקע האָט געהאַט דאָס קינד און איז געבליבן לעת־עתה ביי דער שוויגער. אַזוי האָט די שמעונקע געוואָלט, זיי זאָלן כאָטש בלייבן אינאיינעם. אַז מאירל דינט, איז אַוודאי אַ וויטאָג, גאָט זאָל כאָטש רחמנות האָבן, ער זאָל קריגן כּשר צו עסן.

און מאירל עסט אין פֿאָלק טריפֿה קאַשע, און דווקא אומגעוואַשן, און האָט שוין לאַנג פֿאַרגעסן וואו ער האָט געלאָזן זיין טלית־ותּפֿילין... אין פּוקיטילאָווע וואָלט ער אַוודאי געוועזן אָפּגעהיט יידישקייט, אָבער אין קאַזאַרמע, אָנגעטאָן אין מונדיר, וואו מען מוז האָבן אין זינען דעם ביקס און די קנעפּ און וואו מען האָט אויף זיך אַן אַנדער עול, קאָן מען נישט געדענקען אַן אַזוינע זאַכן... און ווער שמועסט, אַז מען הייסט גאָר פּאַלעוואַי, נישט מאירל, און רעדן רעדט מען צו אים נישט מאַמע־לשון, נאָר רוסיש. עס גייט אַוועק אַ יאָר, און פּאַלעוואַי, אַז ער גיט אַ קלער, קאָן ער אַליין לאַכן פֿון מאירן...

און כייקען אין דער היים איז אויסגעגאַנגען די נשמה נאָך איר מאירלען. זי וואָלט אים געוואָלט אויספֿרעגן פֿון זיין געזונט און צי ער בענקט נישט נאָך די קינדער, דאָס יינגערע קען ער נאָך גאָרנישט, אָבער זי האָט נישט געקאָנט שרייבן! און אַ שכן פֿלעגט איר אַלץ שרייבן די בריוועלעך צו אים און האָט באַוויזן זיינע קונצן מיטן ציק און מיטן דריי. און מאירל האָט אויך נישט געקאָנט אַ סך שרייבן, און אין זיינע קאַרטלעך זיינען תּמיד געווען אַריינגעמישט גוישע ווערטער. און ווי ס׳איז געקומען צו אַזאַ וואָרט, האָט כייקען אַלע מאָל געגעבן אַ שטאָך אין האַרצן... זי האָט אָנגעהויבן מורא צו האָבן, אַז ווען זי וועט אים איצט זען, וועט זי אים חלילה נישט דערקענען... עפּעס גייט ער אין די לאַגערס און האָט שוין געזען דעם קיסר. ראובעלע, דאָס עלטערע יינגל, האָט שוין אָנגעהויבן לערנען חומש און זי האָט אים דאָס יענעם חודש געשריבן; ער זאָל זיך דאָס אָנהויבן פֿרייען און דערמאָנען אין בריוול מיט אַ וואָרט.

*

ס'איז געווען אַ זומערטאָג, פרײַטיק. פון די קוימענס אין פּוקיטי־לאָווע גייט אַ רויך; מען קאָכט די פיש און מען שטעלט דעם טשאָלנט. ייִנגלעך זײַנען שוין פרײַ פון חדר און לויפן אַרום אין די גאַסן. אין דער גאַנצער שטאָט ווייסט מען שוין, אַז מאיר שמעונס קומט אויף שבת קיין פּוקיטילאָווע, אויסגעדינט. ווי גיך עס זײַנען אַוועקגעפלויגן די יאָרן! וואָס עס טוט זיך ביי שמעונען אין שטוב, קאָנט איר פאַרשטיין.

פלוצלינג שפּרינגען אַרײַן צו שמעונען אין שטוב אפשר צען קינ־דער, וואָס זײַנען געשטאַנען פאַרן טויער, כּדי אויסצוכאַפּן די בשורה, און שרייען: ער פאָרט! ער פאָרט! ער פאָרט! פערד לויפן מיט אַ וואָגן און עס גייט אַ פאַרעך פון אונטער די פיס. ביי שמעונען זײַנען אַלע אַרויס פון שטוב. די מאַמע פאַלט אויפן האַלדז. כייקע שטייט נישט טויט, נישט לעבעדיק. שכנים און קינדער שטופּען זיך. לאָזט מיך, גיט ער אַ רוף, פּוסטיטיע! און ווי מען קומט אַרײַן אין שטוב אַרײַן, מען רוט זיך אַ ביסל אָפּ און מען גיט אַ קוק אויף דער אייגענער ווײַב, וואָס שטייט אַזוי שע־מעוודיק אויף אַ זייט און קאָן נישט אויסרעדן אַ וואָרט, ווערט אים קאָ־לעמוטנע אויפן האַרצן...

פון דעם שבת וויל איך נישט דערציילן. דריי הונדערט הענט געבן מאירן שלום־עליכם אין קלויז. אין דער פרי דער מפטיר און דער קידוש מיטן עולם. די שטאָט שיקט אײַנגעמאַכטס מיט ווײַן. די מוטער קוקט אַלע מאָל אויף איר זון און דערנאָך אויף דער שנור. ער איז גאָרנישט צו דערקענען. נאָך פינף מאָל אַזוי גרויס, ווי אַ הײַדאַמאַק! און כייקען איז גאָרנישט יום־טובדיק אויפן האַרצן... עפּעס זײַנע אויגן, אַז זיי קוקן אויף איר, זײַנען ווי גלאָז... נישט איין וואָרט האָט ער צו איר געזאָגט, די קינדער האָבן מורא צו אים צוצוגיין.

דאָס האַרץ האָט נעבעך כייקען ריכטיק געזאָגט. מאירל, דער אויס־געדינטער סאָלדאַט, האָט נישט מער געוואָלט זיצן מיטן ווײַב, און האָט זיך אײַנגעעקשנט, אַז זי פּאַסט ניט צו אים... זי איז מאָגער. און כאָטש די מאַמע האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט און עס האָט איר געריסן דאָס האַרץ, האָט דאָס נישט געהאָלפן. דער סוף איז געווען, עס איז געקומען צו אַ גט.

# די פיר שטעקנס

א מעשה אין פיר קאַפּיטלען. עס ווערט אין זיי דער־
ציילט, ווי אַזוי חנה־גיטל האָט חתונה געהאַט מיט
איר מאַן נחמן־שמואלן צום צווייטן מאָל. אַז
דער לעזער וועט זיך גוט צוקוקן וועט ער
זען, ווי אַפילו צום ערשטן מאָל האָבן
זיי זיך נישט געדאַרפט האָבן
זייער שטאַרק נויטיק.

## א

מיר גייען איבער צום ענין אַליין. שוין דערפון, אַז איך הויב אָן מיט חנה־גיטלען און נישט מיט נחמן־שמואלן, איז געדרונגען, אַז זי איז געווען דער ספּאָדעק. אַוודאי, ווי דען זאָל עס אַנדערש זיין? אַז זי איז געווען די קרעמערקע, און די קלייט און די שטוב האָט זי געירשנט פון איר מאַמען. זי האָט געמאַכט דעם קוואָס, פאַרקויפט די זאַלץ און דאָס מעל און זי האָט געהאַנדלט מיטן גוי און מיט די פּריצים. אַפילו ביים פּריסטאַוו האָט זי זיך געקאָנט אַן עצה געבן און איז ניט בטל געוואָרן פאַר וועמען איר ווילט אַליין. מיטן רב האָט זי זיך געקאָנט קריגן, אַז ער האָט געאַסרט צו טאָרגעווען דורך אַן ערלית אום אַ שביעי־של־פּסח, וואָס איז אויסגעפאַלן אין אַ טאָג פון אַ יאַריד פאַר חגאַ. מיאוס איז זי געווען, ווי איר קאָנט אייך נאָר אויסמאָלן. ביי אירע טירדות האָט זי דען אַמאָל צייט געהאַט זיך אויפצונייען אַ קלייד, צי אַ פאַרטעך, צי אויסוואַשן דאָס קאָפּטיכל? אַז דאָ וועגט מען מעל און תיכף מוז מען מעסטן בוימל צי גאָזע, און מען מוז לויפן אין קעלער אַריין נאָך קוואָס. קומט צו גיין אַ פּריצל און וויל אַן אַכטל טיטון. דאַרף מען אים הייסן זיך צוזעצן. עס לויפט אַריין אַ שכנה און לייט אַ דריי־פונט־וואָג, אַ גוי קומט נאָך טשוועקעס און פאַדקאָוועס. דער אַנבייסן דאַרט אין אויוון הינטער דער טיר

קאַכט איבער און לויפט אויס. אַ גבאיטע קומט נאָך אַ נדבה און וויל מאַכן אַ לאַנגן שמועס. האָט קיין פאַריבל נישט, עפּעס גייט אַ יאַריד און מען מוז צוגרייטן סחורה. געלט מוז מען באַצאָלן יאַנקלען און חיימען און גדליהן; און דאָ מוז מען, פאַרקערט ביי אַנדערע איינמאָנען חובות. אַז קיינער נעמט נישט אַרויס דאָס טייסטערל, ביז מען מאָנט אים נישט צען מאָל. אין מיטן דערמאָנט זי זיך, אַז מען מוז גאָר רופן דעם מוליער, כדי ער זאָל צורעכטמאַכן דעם אויוון; דער קוימענקערער האָט שוין לאַנג נישט אויסגעקערט די סאַזשע, און ערשט פאַר צוויי וואָכן איז ביי נתן-יחיאלס געווען אַ שריפה. דאָס אַלץ איז אויף איר קאָפּ און אויף אירע פּלייצעס. ער, נחמן-שמואל, איז עפּעס אַ מענטש, מישטיינס געזאָגט! פאַרשטיין פאַרשטייט ער נישט פון דאַנען אַהין, און אין קלייט-זאַכן איז ער אַ לא-יוצלח. אַ גליק נאָך, וואָס ער איז אַ שטיקל מלמד און קנעלט ערגעץ אין דער פרעמד, אָט איז זי כאָטש פּטור פון אים און ער מישט זיך נישט אין אירע זאַכן, אַבי קאַליע צו מאַכן. פאַרט ער אַבער אַוועק, איז אים נישט צו באַקומען אַהיים אַ יאָר כסדר, צי צוויי; אַפילו אויף פּסח מאַכט ער זיך אַמאָל אָן אויסריידעניש און קומט נישט... שרייבן שרייבט ער גאָר, ווען ער באַדאַרף צו האָבן אַ העמד צי אַ פּאָר זאָקן. זיינע פאַרדינסטן! אַלץ גייט אים דאָרט אַוועק, און תיקון האָט ער שטאַרק ליב, דווקא ווי אַ סאַדיגורער חסיד, כאָטש ער איז אַליין אַ זינקעווער. אַז ער ברענגט אַמאָל אַהיים די זיבעציק צי די אַכציק קערבלעך, האָט מען צו פאַרשטאָפּן הונדערט לעכער. און פון די צוויי וואָכן, וואָס ער זיצט אָפּ אין דער היים, איז מען שלום נאָר דעם ערשטן שבת און דערנאָך הויבט זיך אָן פאַוואָלענקע אַ קריגעניש, ווי דער שטייגער איז ביי דער קאַץ מיט דער מויז, און מען זאָגט זיך אַנאַנדער וואָס אין דער קאָרט און עס קומען בייזע טעג פאַר זיי ביידע...

אַזוי לעבט מען שוין אַ יאָר פערצן, צי זעכצן. אַ קינד האָבן זיי געהאַט, איז עס געשטאָרבן צו דריי יאָר. גטען האָבן זיי זיך געוואָלט שוין תיקף נאָך דער חתונה, אַז איר מאַמע ציפּע-לאה האָט נאָך געלעבט און עס פלעגט זיך איר פאַרגלוסטן מיטן איידעם צו לערנען „בלק״. — זי אַליין האָט זיך אויך טויזנט מאָל פאַרווינטשט איר לעבן, אַז גאָט האָט איר צוגעשיקט אַזאַ שלימעזאַלניק פאַר אַ מאַן. ער האָט איר אויך געוואונטשן דעם ליכטיקן גן-עדן, און אַז ער איז אַריבערגעפאָרן די בריק פון כמעלניק זיך זוכן אַ מלמדות, האָט ער שוין אַנגעהויבן צו

דאַנקען דעם בורא פאַר דעם, וואָס ער וועט אַצינד האָבן מנוחה פון איר. אַז ער האָט זיך אָבער געמאַכט דעם חדר, פלעגט ער תמיד געבן די באַלעבאַטים צו פאַרשטיין: בין איך דען גלאַט אַ קבצן, צי אַ פּועל־בטל, און מיינט איר, אַז ווען נישט אייערע יינגלעך, וועל איך שטאַרבן פאַר הונגער? עפּעס האָב איך דאָך אין דער היים אַ ווייב און אַ קלייט און אַ שטוב און אין כמעלניק זנאַטשע איך אויך עפּעס... לערנען האָט ער נישט ליב געהאַט שטאַרק מיט די תּלמידים, און אַז די יינגלעך האָבן אים געגנאַרט און האָבן אַפילו דאַנערשטיק נישט אָנגעהויבן צו קענען דעם שיעור, האָט ער זיך געלאָזט נאַרן. זיין באָבעס דאגה, אַז שלמה־נתנס בן־זקונים, צי אַברהם־חיימס איינקל וועט נישט זיין אַזאַ למדן; דער עיקר איז, אַז ער קאָן שלאָפן אין דער פרי און נאָכן אָנבייסן און ביינאַכט. אַ קאַפּעטשקעלע בראָנפן שאַדט אויך נישט, און נייג־ציקער איז אַוודאי גוט. דער עולם־הזה זיינער איז אָבער געווען דער מרחץ. פרייטאָג פון צוויי אַ זייגער אָן ביז פאַרנאַכט איז ער אָפּגעלעגן אויף דער אויבערשטער באַנק און האָט געשמאַק געשוויצט. דאָ אין פאַרע און אין היץ און אין געשריי האָט ער זיך אויסגעשטרעקט מעשה־מלכות און האָט זיך געריבן מיטן בעזעמל, אַז ס'האָט געבראָטן! אַלע מאָל האָט ער אַ געשריי געגעבן: מער! מער פאַרע! גיסט אויף! גיסט! און ווי עס האָט געגעבן אַ שאָס פון די צעגליטע שטיינער, האָט ער איבעראַנייס אָנגעהויבן זיך צו רייבן מיט אַלע כּוחות און האָט קוים געקאָנט דעכען. מיט אָט דעם חיות האָט נחמן־שמואל געלעבט דעם גאַנצן שבת, אַפילו ווען דער טשאָלנט ביי דער באַלעבאָסטע איז נישט געווען אַזוי געראָטן, צי ס'איז גאָר געווען אַ קאַלטער מלאך. זונטיק פלעגט ער זיך נאָך דערמאָנען אָן דעם מרחץ פון פרייטיק, און אַז ס'איז געקומען מיטוואָך, פלעגט ער שוין אָנהויבן צו ציילן די שעהען ביז פרייטיק נאָכמיטיק. איז ער געווען אין דער היים אין כמעלניק, און האָט כּדרך־הטבע געליטן פון זיין ווייב, האָט ער געדאַנקט גאָט, אַז ס'איז געקומען דער פרייטיק און ער האָט זיך געקאָנט ראַטעווען פון אירע קללות אין באָד אַריין... דער בעדער האָט אַפילו געוואוסט, אַז ביי נחמן־שמואלן באַדאַרף ער צו נעמען פינף קאָפּיקעס, כאָטש ער איז אַ מלמד. נישקשה, איר זיצט אָפּ געניג דאָס געלט, פלעגט ער אים זאָגן. דערפאַר אָבער איז ער זוכה געווען צו הערן פון זיין מויל, אַז די כמעלניקער באָד איז נישט אַזוי שלעכט ווי די

ליפּאָוויצער צי די הייסינער. וואָס דאָס האָט באַטייט פאָרן בעדער, באַ־דאַרף איך אייך נישט זאָגן.

ב

ויהי היום, האָט זיך געטראָפן, אַז נחמן־שמואל האָט ניט געקראָגן קיין קנעלעכץ, און נאָכדעם, אַז ער האָט זיך אַ חודש כסדר אָפּגע־וואַלגערט אין דער פרעמדר און געזוכט יינגלעך און נישט געפונען, האָט ער גענבעך געמוזט קומען אַהיים קיין כמעלניק און צו זיין ביי חנה־גיטלען. — די ערשטע צייט האָט חנה־גיטל אַפילו געהאַט אויף אים רחמנות און אים ניט מקבל־פּנים געווען, ווי איר שטייגער איז. עפּעס איז ער איר אויסגעקומען אַציגד, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט שאָף... און אין שטאָט אַליין איז ער דאָך אין מיטן יאָר מער נישט ווי אַ פרעמדער. נחמן־שמואל האָט זיך אַליין געחידושט און האָט געהאַלטן אין איין ציטערן: אָט, אָט, שיסט זי אויס. פאַרקערט, ער וואָלט שוין בעסער געוואָלט, זי זאָל אַרויס מיטן כעס, איידער עס זאָל זיך ביי איר קלייבן... אין קלויז איז ער געווען דער ערשטער און אָוועקגעגאַנגען איז ער דער לעצטער, ניט פון גאָטס טובה ווענן. אַ ביסל פלעגט ער זיך אַריבערכאַפּן צום שוחט, צי אַזוי צו אַן איידעלן יידן שמועסן. די צייט וואָס ער איז געווען אָוועק פון דער היים, איז ביי אים געווען ווי געפונען, וואָרעם כאָטש זי האָט זיך גע־האַלטן שטיל, איז אים נמאס געווען דאָס לעבן; יאָ אַז זי שווייגט, איז נאָך ערגער. אָט דאָ האָט ער געמוזט גיין מנחם־אָבל זיין אַ יידן, וואָס ביי אים איז געשטאָרבן דאָס ווייב, מוז ער דאָרט פאַרגעסן דעם שטעקן און די פאַטשיילע און דעם טאַבעק, עפּעס האָט ער געפּילט, אַז הייינטיקן טאָג נעמט דאָס אַן עק. און כך־הווה! ווי ער איז נאָר געקומען אַהיים און האָט נאָך נישט אוספּעיעט צו איבערטרעטן די שוועל, האָט זי שוין אָנגעהויבן אויפן קול: וואו פּידלסטו דיך אַרום דעם גאַנצן טאָג אין קרענק? אַ ייד גייט אַרום פּוסט־און־פּאַס און טוט גאָרנישט. וואָס האָסטו דיך אָנידערגעזעצט אין כמעלניק אין געהאַקטע וואונדן? קראַנק ביסטו צו טאָן ווי אַלע מענטשן, נעמען די אויגן אין די הענט אַריין און אַכטונג געבן אין קלייט? אָבער גיי רייד מיט אַ פּוילפּעלץ! צוויי הערינג האָט מען מיר היינט אָוועקגעגנבעט. אָבער דאַרט אים דען דער קאָפּ ווי מיר? מען וועט מיר אַלץ צעטראָגן: — אַרויסטראָגן זאָל מען דיך, גאָטעניו! קוק אים נאָר אָן, ווי ער שטייט דאָ? די אויגן וואָלט איך דיר געקאָנט

אויסקראַצן! וואַרט נאָר, איך וועל דיר ווייזן, ווער איך בין, אַז דו וועסט זיך דערוועגן זיך אַרומטרייבן! אויסגעריסן זאָלסטו ווערן, פֿאַרשרפֿעט זאָלסטו ווערן!... די תּוכחה שיט זיך, וואָס זאָג איך שיט זיך, עס גיסט זיך איר צאָרן. עפּעס האָט זי געוואָלט אין דעם איין מאָל אָפּצאָלן אים פֿאַר אַלע טעג, זיך קילן אין זיין בלוט. עפּעס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי איז נאָך גאָרנישט יוצא אין דעם אַלעמען, וואָס זי זאָגט אים...

וואָס טוט נחמן־שמואל? ער הויבט זיך אויף און דערלאַנגט איר אַ באַך אין פּלייצע... ער איז איבערגעביטן געוואָרן אין דער מינוט, און דער כּעס אין אים האָט זיך צעפּלאַקערט, ווי קיינמאָל נישט ביז אַצינד. זי איז אויף אים אַרויפֿגעשפּרונגען ווי אַ הונט. אין טאַטנס־טאַטן און אין מאַמעס־מאַמען, און אַזוי האָט מען זיך געשלאָגן און געהרגעט, אַז די גאַס איז געוועזן מיט זיי אויף. אַן איידעלער ייד זאָל אויפֿהייבן די האַנט אויף זיין ווייב?... אַזוינס איז נאָך קיינמאָל ניט געוועזן ביי יידן. אין שטאָט האָט זיך געקאָכט.

## ג

איר ווייסט אַליין, ווי דער שטייגער איז ביי יידן, זיך אַלעמאָל אַריינצולייגן אין אַ שלום, אָבער דאָס מאָל איז זיך איינער מיישב און האָט אַ זאָג געטאָן דאָס וואָרט „גט" און ביידע האָבן זיך אָנגעכאַפּט. זי וויל זיך נוקם זיין אָן אים און ער וויל פּטור ווערן אויף אייביק פֿון איר. אין דער גאַנצער שטאָט רעדט מען שוין: נחמן־שמואל גט זיך מיט חנה־גיטלען! מען איז שוין ביים רב און מען טענהט און דער עולם שטופּט זיך. אַפֿילו די, וואָס קערן זיך גאָרנישט אָן מיט דעם, האָבן אין האַרצן הנאה צו הערן אַ קריגעכץ.

דער רב נעמט נחמן־שמואלן אָן אַ זייט און זאָגט צו אים: וואָס מאַכט איר זיך נאַריש? איר זענט דאָך שוין אַ ייד פֿון איבער פֿערציק, שטופּט אָפּ די ביסל יאָרן און זייט מקבל יסורים באהבה. אָבער ער האַלט אין איין טענהן: אַז מען שמועסט פֿון גט, זאָל זיין גט. ס'איז אַריין אין אַן עקשנות; אויך זי, וואָס די רביצין האָט געפּרוּווט מיט איר ריידן און פֿירן זי צוריק צום שׂכל, האַלט אין איין טענהן: איך וויל פֿון אים ניט מער וויסן, אויף דער שוועל וועל איך אים ניט לאָזן. דער אמתער שטן! דער רב האָט בדעה צו ווערן אין כּעס און זיי מקיים־פּסק זיין, אָבער דאָ איז שוין געוואָרן שפּעט צו מנחה. אין קלויז איז ערשט רעכט אַ גע־

רודער, קיינער דאַוונט נישט אַ וואָרט, אַפילו אין מיטן שמונה־עשרה שושקעט מען זיך. קוים האָט מען אָפּגעזאָגט קדושה, זעט מען שוין רעדלעך יונג און אַלט, וואָס האַלטן אין איין ריידן. ער האָט זיך זיין צד און זי האָט זיך איר צד. ביי דער וועטשערע הערט מען נאָך אַלץ מאַן־און־ווייב און עלטערע קינדער שמועסן פון נחמן־שמואלן און חנה־גיטלען. גאַרנישט, גאָט האָט צוגעשיקט כמעלניק אַן עסק.

און אויף מאָרגן אין דער פרי האָט זיך אָנגעהויבן איבעראַנייס אַ קאָן. עס האַלט ביי גט. כאָטש לייג זיך אין דער לענג און אין דער ברייט. מענטשן קומען און ווילן אויסגלייכן — און לייגן צו נאָך מער פייער. חנה־גיטל האָט שוין גאָר צוגעמאַכט די קליט. ביים רב איז שוין ווידער פול די שטוב, נאָר ער שפאַרט זיך נאָך און וויל ניט מסדר זיין דעם גט. דער שמש, וואָס לויפט אַרום אַהין און אַהער, איז צע־מישט. בערל דער סופר איז לכל־הדעות דאָ און מאַכט מיט אַ מעסערל צורעכט די פען. די דיינים זיצן און קוקן אַריין אין „טיב־גיטין", ווי ווען עס וואָלט זיי גאַרנישט אָנגעגאַנגען, נאָר דער דין. עפּעס ווילט זיך דעם רב אויפשטיין און זיי אַלע לאָזן דאָ זיצן. דערוויי־ל הויבט מען שוין אָן אויסצופרעגן: ר' נחמן־שמואל בן יצחק, ווילסט דו מיט דיין גוטן רצון אַזוי און אַזוי זיך גטן מיט דיין ווייב? און אַזוי ווייטער. מקבל־קנין איז מען שוין אויך געווען. בקיצור, גע'גט. מזל־טוב! נו, מיינען מיר, אַז מיר האָבן רו אין כמעלניק.

טרעפט זיך גאָר, אַז מען האָט חרטה אויפן שידוך!

דער סוף פון דער מעשה איז געווען, אַז ווען אַלע אין שטאָט האָבן זיך אויסגעשלאָפן און מאָרגן אין דער פרי גענומען איבערצעקייען וואָס נעכטן איז געשען, האָט עס אָנגעהויבן אין האַרצן צו פאַרדריסן און מען האָט זיך געחידושט: וואָס הייסט דאָס עפּעס, אַפּזיצן זעכצן יאָר מיט אַ ווייב און מיטאַמאָל נעמען און זיך גטן! אַפילו די, וואָס זיינען, דאַכט זיך, געווען שטאַרק פאַר אַ גט, שרייען היינט: ס'איז פאַסקודנע, אַז אין אַ שטאָט ווי כמעלניק זאָל זיך אַזוינס טרעפן צווישן יידן, ס'איז ממש אַ בזיון פאַרן המון, אַז מען ווייזט זיי אַ דרך!... נחמן־שמואל אַליין האָט זיך געשעמט אַרויסצוגיין אין גאַס און אַ ביסל איז אים געווען פריקרע... עפּעס פאַר זעכצן יאָר געוואוינט מען זיך אַ ביסל צו. דערוויי־ל איז ער אַוועקגעפאָרן קיין מעזשבעזש צו אַ ווייטן קרוב. חנה־גיטל האָט גאָר

פֿאַרלוירן דעם קאָפּ. ס'איז געווען אין קלייט ווי אַן אָנשיקעניש; וואָס זי האָט אַנידערגעשטעלט אַ זאַך, האָט זי פֿאַרגעסן אַוואו. — די שכנים האָבן ניט אויפֿגעהערט צו ריידן און צו דערמאָנען נחמן־שמואלס מעלות; און אַפֿילו אמתע שונאים זיינען איר געוואָרן גוטע פֿריינד און האָבן אָנגעהויבן מיט איר צו טענהן, טאָמער טוט זיך צוריק אַ דריי... אַוודאי האָט חנה־גיטל זיך ביי זיי געבעטן רחמים: לאָזט מיך צורו. מרוצה געוואָרן איז זי אָבער אין האַרצן גלייך אויף דער שטעל, נאָר זי וויל נישט, אַז ער זאָל וויסן. זי האָט זיך שוין אַפֿילו אָנגעהויבן אויסצומאָלן, אַז זיי האָבן שוין צוריק געהאַט חתונה און זי האָט עמעצן, צו וועמען זי קאָן אויסלאָזן איר ביטער האַרץ.

## ד

גאָרנישט, איינער, וואָס זשאַלעוועט ניט קיין טרחה צו פֿאַרדינען אַ קערבל און האָט זיין כּלל: אַז מען לייגט נישט אַריין, נעמט מען נישט אַרויס, האָט נישט געמאַכט קיין סך שהיות און האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף אַ פֿור, וואָס איז געפֿאָרן קיין מעזשבעזש פֿאַר דריי גדולים. דאָרט אָנגעקומען, איז ער גלייך אַוועק צו נחמן־שמואלן און תּיכּף אָן שום קונצן אָנגעהויבן פֿון עסק פֿון אונטן און פֿון אויבן און פֿון אַלע זייטן, צוגעצויגן דעם קרוב זיינעם און זיין ווייב, וואָרים ער האָט ניט באַדאַרפֿט אַריינצולייגן די האַנט טיף אין קעשענע אַריין, כּדי צו דערקענען, אַז זיי וועלן נישט שטאַרק וויינען נאָך נחמן־שמואלן. נחמן־שמואל אַליין וואָלט אויך נישט געזאָגט גראָד ניין. עפּעס דרייצן פּסח'ס האָט ער געפּראַוועט דעם סדר אין כמעלניק, און ער איז שוין געווען געוויינט... אָבער אַז מען איז צו אים געקומען און מען וויל, אַז ער זאָל זאָגן יאָ, — זאָגט ער ניין. חיים־נתן, וואָס איז געקומען צו אים צו פֿאָרן, איז געוואָרן אין כּעס און האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק צו זידלען. אַז ער האָט אָבער געזען, אַז דאָס העלפֿט נישט, האָט ער אים געגעבן אַ שפּיי אין פּנים און איז געפֿאָרן צוריק אַהיים מיטן בייטשל. אָנגעקומען קיין כמעלניק, האָט ער אויסגעטראַכט טויזנט ליגנס. עפּעס, זאָגט ער, איז נחמן־שמואל געוואָרן אַן אַנדער מענטש און וויל זיך אַוועקלאָזן קיין וואַרשעווער פּוילן צי קיין בראָד. וליהודים היתה... כמעלניק האָט אויף לאַנג געהאַט וואָס צו ריידן.

לייט האָבן מזל, מוז נחמן־שמואל זיין אַ זינקעווער חסיד און נאָך דער גאַנצער חתונה מוז אים קומען אויף דער דעה, ער זאָל ביני־לביני אַריבערפאָרן קיין זינקעוו. וואָס ער איז שוין דאָרט נישט געווען אפשר צוויי יאָר. אַ ביסל האָט ער זיך געשעמט צו געבן דעם רבין דאָס קוויטל און דאָרט ניט מער שרייבן: זוגתי חנה־גיטל בת פעסי שתחיה׳. ר׳ חיים זינקעווער האָט ליב געהאַט אַ הלצהלע און פלעגט אים תמיד אָצען מיט דעם שלאָק זיינעם, אָבער אַז ס׳איז שוין אים אַריין אין זינען צו פאָרן, מוז מען פאָרן. געקומען איז ער קיין זינקעוו פונקט ראש־חודש־אלול, ווען דער עולם הויבט אָן צו קומען. און דער רבי האָט אים געזאָגט: בלייב שוין דאָ איבער די ימים־טובים, אָן אַלמן האָסט דו פון דיר געמאַכט אויף דער עלטער, בלייב ביי מיר און עס זיך אָן מיטן וואָרעמען קאַליש... תשובה קאָנסטו דאָ אויך טאָן. אין מיטן איז געקומען צו פאָרן דער כמעלניקער רב אויף אַ שבת, האָט אים ר׳ חיים געמאַכט אַ שוואַרצן סוף: וואו איז געווען אייער שכל, ר׳ שלמה? איר נעמט צוויי מענטשן, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן איינער פאַרן אַנדערן נאָך פון ששת־ימי־בראשית אָן און איר מאַכט צווישן זיי אַ גט. דערווייל זיינען געקומען צו פאָרן נאָך כמעלניקער יידן, אַ פור ווייבער אויך. חנה־גיטל איז פון תמיד אָן אפילו נישט געווען אַזאַ שטאַרקע חסידה, בשעת ס׳איז געקומען צו געבן דעם רבין מעמד־געלט; אַצינד אָבער האָט זי צוגעמאַכט די קלייט און איז געפאָרן. גאַרנישט, געבן דעם רבין אַ קוויטל און זיך פאַר אים אויסוויינען, טאָמער האָט מען זיך פאַרזינדיקט.

אַזוי האָט מען זיך דערוואוסט ביים רבין אין הויף, אַז ביידע צדדים זיינען דאָ... חסידים האָבן זיך גענומען צו נחמן־שמואלן און אים אָנגעהויבן צו דרייען ביי דער נאָז; אַז ער וואָלט נישט מורא געהאַט פאַר גאָט, וואָלט ער אויפגעהויבן ביידע פיס אין מיטן שבת און וואָלט געמאַכט אַ ויברח... דערווייל איז מען דאָך אָבער ביים רבין, און תורה זאָגט ער אויך דעם שבת און אַ גרויסער שלש־סעודות איז אויך דאָ, און גלאַט אַזוי איז מען דאָך עפּעס אין זינקעוו. ס׳איז געקומען שבת־צו־נאַכט און ר׳ חיים האָט אָפּגעמאַכט הבדלה און זיך איבערגעטאָן פון די בגדי־שבת מיטן שטריימל אין דעם זיידענעם כאַלאַט מיט די זילבערנע קוואַסטן און אין אַ זיידענער יאַרמלקע, און האָט זיך אָנידערגעזעצט אין דעם טייערן שטול. אַ גבאי האָט אַרויסגענומען די לאַנגע טערקישע לולקע און דערלאַנגט דעם רבין צו רויכערן. דער עולם איז געשטאַנען אַרום אים

און ער איז געווען זייער אויפגעלייגט און האָט אַ פרעג געטאָן: וואו איז נחמן־שמואל? מען האָט אים אויסגעגראָבן פון אונטער דער ערד און מען האָט אים געבראַכט צום רבין. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטופעניש, אַ פּאָר חסידים האָבן אים אַריינגעשטעקט די הענט אין גאַרטל אַריין: הכלל, ער מוז קעריק חתונה האָבן מיט חנה־גיטלען. איז דאָס נישט אַ וואונק פון אויבן, אַז זי איז אויך דאָ? דער רבי וועט בענטשן, דער כמעלניקער רב וועט אומזיסט מסדר־קידושין זיין, הפה שאָסר הוא הפה שהתיר! נחמן־שמואל רייסט זיך מיט די הענט און פיס און וויל פון דעם נישט הערן. דער עולם לאַכט און האָט שטאַרק הנאה פונעם גאַנצן עסק. דער רבי האָט אַריינגעטראָגן אַ פלעשל בראָנפן און גיט איטלעכן אַ גלעזל טרינקען צו אים לחיים. דאָס האָט גאָר געראַטעוועט און דער רבי גיט אַ רוף: וואָס טענהסט איר מיט דעם שלימזל? נעמט פיר שטעקנס און שטעלט אַ חופה, זוכט ערגעץ אויף די אַלטע.

אויף מאָרגן זיינען נחמן־שמואל און חנה־גיטל געפאָרן אינאיינעם קיין כמעלניק. זיי האָבן שוין געמעגט.

# וואָס עס טרעפֿט זיך

עס איז אַמאָל געווען אַ ייִד, וואָס האָט געהייסן ר׳ זנביל. ר׳ זנביל איז געווען אַ גרויסער עושר און האָט געהאַט קינדער און קינדס־קינדער, וואָס זיי לעבן נאָך עד־היום אין ליפּאָוועץ און האַנדלען מיט וואַטע פֿון מרחקים. דער ענין פֿון וואַטע איז, כּדי מען זאָל זיך דערפֿון מאַכן צום ווינטער אַ וואַטאָווען לייבל; דעם ייִנגל, וואָס גייט אין חדר אַריין — וואַטאָווע מאַיטקעס און דער פלוניתטע אַליין — אַ וואַטאָווע קלייד. אַז מען איז אַ נגיד, וואָס עס נאָגט ביים האַרצן און מען מוז דאָך האָבן אַ שטיקל טור־לופּ, כּדי נישט אַרומצוגיין גלאַט מעשה־קבצן, נייט מען אויבן ביים קאָלנער פֿון בורנוס און אין די פֿאָדערשטע פּאָלעס אַ פּאַס פֿוטער און פֿון הינטן שאַט־שאַט, אַ פֿלייצע פֿון גאָלע וואַטע. וואָס איז אייך דער חילוק, אַבי יענעם איז וואַרעם.

לאָזן מיר די וואַטע און קערן זיך אום צו אונדזער ר׳ זנבלען.

הייבן מיר אָן פֿון אָנהייב. נאָך איידער ר׳ זנבל האָט אָנגעהויבן צו האָבן קינדער, איז ער אַ סך יאָרן געווען חשוך־בנים. אין פֿלוג איז עס אָן עוולה פֿונעם רבונו־של־עולם; וואָס האָט ער צו ר׳ זנבלען? און דאָס פֿלעגט טאַקע זיין ווייב חנה־רייזל וויינען פֿאַר גאָט. ווי אַזוי זיי האָבן דערנאָך יאָ געהאַט קינדער, אָט דאָס וועט דערציילן די דאָזיקע מעשה.

ר׳ זנביל איז געווען דער זון פֿון בערל טויבעס. אַמאָל, אַז בערל איז נאָך געווען אַ וואַסער־פֿירער, האָט מען אים גערופֿן בערצי און מען איז מיט אים געווען אַ ביסל מחולק, פֿאַרוואָס זיינע עמערס רינען תּמיד און פֿאַרוואָס ער טראָגט ניט קיין וואַסער פֿון דער ווייטער קרעניצע. אַז ער איז אָבער שפּעטער געוואָרן אַ באַלעבאָס און האָט גאָר גענומען דאָס אַנדערע ווייב, אַ ייִדענע מיט שכל און אַ שטיק גבאיטע, איז ער מיט־אַמאָל געוואָרן בערל טויבעס. טויבע האָט זי געהייסן, וואָס האָט אים געשטעלט אויף די פֿיס, און אים נישט געלאָזט רוען, ביז ער איז נישט אַרויף פֿון הינטן אין בית־המדרש, וואו ער פֿלעגט דאַווענען, און האָט

זיך געקויפט אַ שטאָט אין שפּיגל באַנק צווישן גרוינעם לאָקש און נאָטע שמעלקעס. גרוינעם לאָקש האָט פיינט געהאַט נאָטע שמעלקעס כּחתיחה־דאיסורה, און פאַרקערט איז געווען נאָטע שמעלקעס אַ דם־שונא גרוינעמען פון תמיד אָן. אַזוי האָט זיך איטלעכער ביי זיך געפּרייט אַז דער אַנדערער וועט האָבן אַ שכן אַ גראָבן יונג. בערל טויבעס האָט געקוקט אין סידור ווי אַ האָן אין בני־אדם, און אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער אויסגעלאָזט זיין האַרץ צו איר: וואָס טויגן אים די שיינע יידן! טויבע האָט אָבער נישט ליב געהאַט אַ סך צו רעדן. דעמאָלט איז שוין זנביל געווען אַ יינגל פון צען יאָר, און אַז זי פלעגט אים געבן אַ גלעט, האָט זי ביי זיך געמיינט: זונעניו, זיי נישט אַזאַ בור, ווי דיין טאַטע.

אַז זנביל איז אויסגעוואַקסן, האָט חתונה געהאַט און האָט אָנגעהויבן צו האַנדלען, האָט זי נאָך דערלעבט, אַז מען האָט אים גערופן זנביל און נישט זנביל בערלס, — אַ פּנים מען האָט דאָס פאַרגעסן און ער איז שוין געוואָרן אַ יחוס־עצמו.

צו וואָס זאָל איך מאַריך זיין? זנביל איז שוין אַ ייד פון פערציק יאָר, זיצט אין מזרח און האָט שוין געקראָגן דעם נאָמען ר׳ זנביל, אַ שטיק עושר איז ער שוין דעמאָלט געווען, כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין סך געלט. ווייניצער בגידים האָבן אַלע נישט וואָס דער פּסוק מיינט. אָבער לייטיש זיינען זיי, דאָס קאָן קיינער נישט לייקענען.

וואָלט ר׳ זנביל געהאַט קינדער, וואָלטן אים גאָט און לייט מקנא געווען. מוז ער אָבער זיין אַ חושך־בנים! אַז עס זיינען אַוועק צען יאָר נאָך זיין חתונה און ער האָט קיין קינדער נישט געהאַט, האָט מען אָנגעהויבן שמועסן אין שטאָט: מסתמא וועט ער זיך גטן און וועט נעמען אַן אַנדער ווייב. ר׳ זנביל איז אַפילו געווען אַן ערלעכער ייד און איז קיין מאָל נישט עובר געווען אויף אַ דין, דאָ אָבער האָט ער געמאַכט אַ קנייטש... און אַזוי זיינען ווידער אַוועק עטלעכע יאָר.

ויהי היום איז געקומען אַ רבי אין שטאָט אַריין, דער סאַווראַניער. איך האָב געהערט, יידן זאָגן ס׳איז נישט געווען דער סאַווראַניער, נאָר דער קאָרשעווער, ר׳ משהלע קאָרשאָווער. וואָס־זשע איז געווען, אַז דער רבי איז געקומען? יידן זיינען געלאָפן און האָבן געגעבן פּדיונות. ר׳ זנביל איז אויך געגאַנגען. ביי אַזאַ זאַך זאָגט מען דעם רבין צו ח״י מאָל ח״י און מען האָט אַ מופת. וועט איר פרעגן: אַדרבה, זאָג צו! וועל איך אייך זאָגן בסוד, אַז ר׳ זנביל האָט שוין נישט איין מאָל צוגעזאָגט. מיינט איר,

חס־ושלום, ער האָט נישט קיין אמונת־צדיקים? אמונת־צדיקים האָט ער יאָ, אָבער ער זאָגט זיך: סוף כל דבר, אל תהי דוחק את השעה! אַז דער אויבערשטער וואָלט וועלן דיר געבן אַ זון, וואָלסטו געהאַט אַ זון. והא־ראיה, אַז עס איז געקומען דערצו, האָט ער געהאַט נישט איינעם, נאָר פֿינף. וואָס־זשע מאַכט ער ביים רבין? דער רבי האָט אים געשיקט רופֿן און האָט געזאָגט: זנביל, אַ ייד מוז האָבן קינדער. אַז דו האָסט עס נישט זוכה געווען מיט דער, ווערסטו זוכה זיין מיט אַ צווייטן זיווג. — רבי, איך לעב שוין מיט מיין ווייב אַכצן יאָר. — איך הייס דיר!

איך וועל אייך דערציילן בקיצור. ר׳ זנביל האָט זיך געמוזט גטן מיט חנה־רייזלען. ער האָט נאָך געוואוינט ביים רב אין שטוב. — אַז ער האָט געמאַכט תנאים מיט זיינער אַ קרובה, איז שוין געווען אַוועק־געגאַנגען דריי חדשים נאָכן גט. דער מחותן האָט דווקא געוואָלט התונה מאַכן מיט כלי־זמר און באַדעקנס, מיט אַלע פיטשעווקעס. מאָלט אייך אויס, אַ ייד פֿון איבער פֿערציק אַ חתן! אַז דער רבי אָבער זאָגט: נעם אַ מיידל. — וואָס טוט גאָט? ז׳אַרף די כלה שטאַרבן פֿאַר דער חופה. ווייס איך? זיך צוגעקילט, יידישע זאַכן... נאָך שלושים האָט ער זיך גענומען טראַכטן: זנביל, דאָס איז מן השמים. ער איז אַריבערגעפֿאָרן אין יענער שטאָט אַרייך, וואו זיין ווייב חנה־רייזל האָט געוואוינט ביי אַ שוועסטער און האָט מיט איר צוריק חתונה געהאַט. אַ זיבעטל איז געווען דאָס ערשטע קינד, דאָס אַנדערע איז געבוירן אין אַנדערטהאַלבן יאָר אַרום. אַזוי זיינען זיי געקומען אַלע פֿינף איינער נאָכן אַנדערן.

# די געשיכטע פֿון אומגעקערטן פּאַנטאָפֿל

אַמאָל איז געגאַנגען אַ חסיד צום רבין. עס איז געווען פֿרייטיק. פֿון דער שטאָט, וואָס דער חסיד האָט דאָרט געוואוינט, ביז צום רבינס שטאָט איז געווען אַ מייל פֿיר. שוין גאַנץ פֿרי איז דער חסיד אויפֿגעשטאַנען, אָפּגעדאַוונט, עפּעס גענומען אין מויל אַריין און וילך! זומער איז דאָס געווען. אַ שיינער טאָג, נאָך שניט. דאָס העמד אויף שבת האָט ער זיך מיטגענומען אונטער דער פּאַכווע און אַ זעקסער אין קעשענע אויף באָד־געלט און אַזוי האָט ער זיך געמאַכט זיין וועג צום רבין אויף שבת, און זיין האַרץ האָט זיך געפֿרייט, אַז ער וועט נאָך היינט האָבן די זכיה צו זען דעם צדיק. אין איטלעכן דאָרף האָט ער זיך אַ ביסל אָפּגערוט און איז ווייטער געגאַנגען געשמאַק. ער האָט קיינעם נישט באַגעגנט, און אַפֿילו ווען עס וואָלט אָנגעפֿאָרן אַ פֿור, וויל ער דאָך בעסער האָבן שכר־הליכה. קיין ירושלים פֿלעגט מען דאָך עולה־רגל־זיין, אַז דער בית־המקדש איז נאָך געשטאַנען.

אין מיטן וועג איז ער געוואָרן מיד, און ווייל ער האָט געזען, אַז עוד־היום־גדול, האָט ער זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט, האָט גענומען אַ בינטל סנאָפּעס צוקאָפּנס און האָט זיך אַנידערגעלייגט אַ ביסל איבערצודרעמלען. נישקשה, אויף אַ ווײַלע קאָן ער זיך אָנטאָן דעם תּענוג, און אַז ער וועט זיך אַביסל אָפּרוען, וועט ער האָבן מער כּוח צו גיין. נאָר ער האָט מורא געהאַט, טאָמער שטייט ער אויף און פֿאַרגעסט פֿון וואָס פֿאַר אַ זייט ער איז געקומען און אין וואָס פֿאַר אַ זייט ער באַדאַרף צו גיין ובכן איז ער געפֿאַלן אויף אַ שכל: ער האָט אויסגעטאָן די פּאַנטאָפֿל און האָט זיי געשטעלט מיטן פּנים צו דער זייט, וואוהין ער באַדאַרף צו גיין, אַזוי וועט ער זיך נישט מער קאָנען טועה זיין... ער האָט זיך אויסגעשטרעקט אויף דער ערד און האָט צוגעמאַכט די אויגן. די זון האָט געברענט, און היישעריקן זיינען אַרומגעשפּרונגען אין גראָז און האָבן געזשומעט. דער חסיד איז באַלד אַנטשלאָפֿן געוואָרן און האָט שוין שטאַרק געכראָפּעט. איז געקומען דער שטן און האָט אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל: גענומען די פּאַנטאָפֿל און זיי איבערגעשטעלט קאַפּויר ווי זיי זיינען געשטאַנען, דאָס הייסט מיטן פּנים צו דער זייט, וואָס דער חסיד איז פֿון דאָרט געקומען...

דער חסיד האָט זיך אויסגעשלאָפֿן, האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ, אָנגעטאָן אויף גיך די פֿאַנטאָפֿל אַזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען און האָט זיך גענומען גיין. אַ ביסל האָט ער שוין חרטה געהאַט, פֿאַרוואָס ער האָט זיך געלייגט שלאָפֿן, וואָרים די זון איז געשטאַנען הויך, און צום רבין אָנקומען און זיך פֿאַרשפּעטיקן וואָלט ער שטאַרק נישט געוואָלט. ער האָט פֿאַרקאַטשעט די פּאָלעס און געמאַכט גרויסע טריט, אַז ער האָט געסאָפּעט. און ער גייט אַלץ גיכער און גיכער, אָבער עס קומט אים אויס, אַז ער איז שוין געגאַנגען דעם וועג. נאָר ווער האָט דאָס צייט אַצינד צו טראַכטן און זיך אַרומקוקן? ער גייט ווייטער. גאָט האָט אים געהאָלפֿן, אַז ער האָט דערזען פֿון דער ווייטן די שטאָט נאָך צו דער רעכטער צייט... אַז ער איז אָנגעקומען צום טויער, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס זעט עפּעס אויס ווי די שטאָט, וואָס ער וואוינט אין איר. דערווײַל איז שוין פֿאַרנאַכט און מען מוז לויפֿן אין מרחץ אַריין. אָבער אין מרחץ האָט ער זיך ווידער געחידושט, אַז ביים רבין אין שטאָט איז פּונקט אַזאַ מרחץ ווי ביי אים אין דער היים, און דוכט זיך די מענטשן זיינען אויך קענטלעך... אַ סך, האָט ער געמעגט שווערן, אַז ער קען זיי גוט און זיי זעען פּונקט אויס, ווי זיין שכן חיים־בער און ווי שמעון קלמנס, אָבער ער האָט מורא געהאַט מיט זיי אָנהייבן צו רעדן. אין דער מקווה זיך געטובלט דריי מאָל, מוז מען אַריינשפּרינגען אין העמד אַריין און זיך גיך אָנטאָן. אין מרחץ ווערט עס אַלץ שיטערלעך. גייענדיק פֿון מרחץ זעט ער, אַז מען צינדט שוין אָן ליכט. מוז ער, אַז ער קומט צום רבין, זיך פֿאַרשפּעטיקן. דער עולם גייט שוין דאַווענען, און דער חסיד גייט גלייך אין קלויז אַריין. אָבער אין קלויז איז אויף אים געפֿאַלן אַ פּחד. דאַכט זיך דער אייגענער הזן, וואָס אין דער היים, און די אייגענע ווענט און דער אייגענער עמוד און די אייגענע מענטשן. — עס מוז זיין אַ כישוף. ער האָט זיך געשטעלט אין אַ ווינקל און האָט געדאַוונט בדחילו־ורחימו. גאָרנישט, דער רבונו של עולם ווייס אַוודאי, וואוהין ער האָט אים געפֿירט. נאָכן דאַוונען ווייסט ער ניט, אויב ער זאָל גלייך גיין אין הויף אַריין צום רבין און פֿאַרכאַפּן אַן אָרט, צי זאָל ער פֿריער גיין אין אַן אַכסניה מאַכן קידוש און מאַכן המוציא — וואוהין ער קוקט, טראַכט ער, פּונקט אַזעלכע הייזער זיינען דאָ אין מיין שטאָט, ס'איז משונה... אָט אין אַזאַ גאַס וואוינט ער אַליין, ער האַלט זיך צו ביים קאָפּ און טראַכט זיך, טאָמער איז אַלץ אַ חלום. אָט דאָ דערזעט ער אַ

שטוב פונקט ווי זיינע; טראַכט ער ביי זיך, איך וועל דאָ אַריינגיין און זוכן איבער שבת אַן אכסניה. ווי ער עפנט אויף די טיר, איז ער שיער געפאַלן פאַר שרעק. אַקוראַט ווי זיין שטוב, און די באַלעבאָסטע זעט פונקט אויס ווי זיין ווייב און זיינע לייכטער ברענען אויפן טיש. כּישוף, אמתער כּישוף! דאָס ווייבל האָט גוט געוואוסט, אַז איר מאַן איז אַצינד ביים רבין אויף שבת, און מיטאַמאָל גייט אַריין אַ מענטש, וואָס זעט אויס אַקוראַט ווי איר מאַן. אפשר איז דאָס דער עולם־התוהו...

דער חסיד איז צוגעגאַנגען צום טיש און מאַכט קידוש, ואָרכּבותיו־דאַ־לדאַ־נקשין. אַצינד האָט ער זיך דערוואוסט ביי זיך, אַז ער איז אין די הענט פון שטן. — פון אַזעלכע מעשיות האָט מען פיל געהערט. דער חסיד האָט זיך געוואַשן, געמאַכט המוציא און האָט אַן ווערטער פאַרמאַכט די טיר און איז אַוועק. דאָס ווייבל איז שיעור געבליבן אין הלשות. נאָר האָט זי זיך געטראַכט, טאָמער חלומט זיך איר דאָס אַלץ. זי שלאָפט אָבער גאַרנישט און האַלט איצט ביי די פיש. זי האָט אַפילו געטראַכט אַריינצורופן אַ שכן, אָבער זי האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט זי האַלטן פאַר משוגע. — דער חסיד איז געגאַנגען זוכן דעם רבינס הויף און האָט אים נישט געקאָנט געפינען; און וואוהין ער גייט, טראַכט ער זיך, אַט דאָ בין איך ערשט נעכטן געווען. ער איז שיעור ניט אַראָפּ פון זינען זוכנדיק און האָט שוין נישט געוואוסט וואוהין ער זאָל גיין. עפּעס איז ער דאָך געגאַנגען דעם גאַנצן טאָג צום רבין און האָט זיך שוין געפּרייט דערויף די גאַנצע וואָך. איז דאָס אַן עונש־מן־השמים? ער האָט אָנגעהויבן מהרהר צו זיין בתשובה און צו זוכן אויף זיך חטאים. — ער איז געוואָרן מיד, אַז עס האָט זיך אים געדרייט דער קאָפּ, און מרה־שחורהדיק אינעם רעכטן שבת. — ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ פרעמדער פריזבע און האָט אָנגעהויבן צו וויינען: רבונו של עולם! פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי געשטראָפט און מיך פאַרבלאָנדזשעט, איך וועל טאָן תשובה און איך וועל קיינמאָל נישט זינדיקן, נאָר עפן מיר אויף די אויגן, כּדי איך זאָל וויסן, וואו איך בין. אין מיטן וויינען איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן אויף דער פריזבע. איז געקומען אליהו צו אים אין חלום און האָט אים מגלה געווען, וואו ער איז און ווי אַזוי ער איז געקומען צוריק אַהער. פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן נאָך אַ גרעסערער עובד און אַ צדיק־גמור.

# אַ וועלט מיט וועלטלעך

אַ מעשה פֿון פֿאַרצייטן. דאָ הויבט זיך אָן צו דערציילן פֿון אַ גרויסן גביר און זיין טאָכטער. ווי עס ווייזט זיך אויס, איז דאָס אין לעבן פֿונעם מחבר אַ ביסל נוגע. אין מיטן גיט ער אַ שטילן וויין.

עס איז געווען אַמאָל אַ שיין מיידל, זי האָט געהייסן רחלע. זי איז געווען אַזוי שיין און אַזוי ליכטיק, אַז מען האָט נישט געקאָנט קוקן אין איר פּנים אַריין, ווי אין דער זון. זי איז טאַקע געווען אַ בת־יחידה ביים גרויסן גביר אין שטאָט, וואָס ער האָט געהאַט אפֿשר ק״ן אַלפֿים רענדלעך און נאָך אַ סך אוצרות. מען זאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ קעסטעלע, וואָס אַז מען האָט געגעבן אינדערפֿרי אין דעם אַ קוועטש אויף אַ קנעפּל, איז אַרויסגעשפּרונגען אַ גאָלדן רענדל, און אַזוי אַלע טאָג. דאָס איז געווען אַ ברכה פֿונעם שפּאָלער זיידן זכרונו־לברכה, דערפֿאַר וואָס ער האָט אים פֿאַראַמאָל געגעבן טויזנט רענדלעך אויף פּדיון־שבוים. שלמה־וואָלף האָט ער געהייסן אָט דער גביר. געבוירן איז ער געווען אַזש פֿון יענער זייט קישינעוו, צי אין רומעניע. אַז ער איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין דער וועלט מיט זיין קליין רענצל און מיט בטחון, און דאָס האָט טאַקע געבראַכט צו עשירות.

שלמה־וואָלף איז געווען אַ ייד פֿון אַ יאָר פֿופֿציק און האָט געהאַט נאָר אָט דאָס מיידל. מיט יענעם ווייב, דאָס הייסט מיט דעם ערשטן, האָט ער נישט געהאַט, לאָ־עליכם, קיין קינדער, און איז מיט איר אַרומגעפֿאָרן צו אַלע גוטע יידן און צו די גרויסע רופֿאים, וואו די וועלט האָט נאָר אַן עק. עפּעס, זאָגט מען, האָט זי געהאַט אַ טויט קינד. אַז מען שפּאַרט זיך אײַן קעגן דעם רבונו־של־עולם! דערפֿאַר איז זי געשטאָרבן אין דעם יאָר, און שלמה־וואָלף האָט געשענקט פֿאַר איר נאָמען אַן אָרון־קודש מיט אַן עמוד און אַ נייעם באַלעמער אין שול אַריין, און אַ נר־תמיד, אַ קליין לעמפּל פֿון גאָלע זילבער, ברענט אין

אַ ווינקל בייטאָג און ביינאַכט... עס זיינען שוין אַוועק אַ סך יאָרן, זינט איך האָב געזען ברענען דאָס לעמפּל, און עד־היום, אַז איך דערמאַן זיך אָן דעם, גיט מיר אַ צופּ אין האַרצן... עפּעס איז דאָך דער מענטש אַ שטיק בעל־מחשבות, און וואָס מען לעבט מער, האָט מען מער אין אַלעמען אַ קוק... פֿאַרוואָס האָט דער בורא די וועלט אַזוי באַשאַפֿן און דעם מענטש אַזוי געמאַכט, אַז דעם גוף לאָזט ער דאָ באַגראָבן און די נשמה נעמט ער אַהין? עפּעס זיינען פֿאַראַן זאַכן, וואָס דער שכל קאָן דאָס גאָר נישט משיג זיין. איך זע, אַז איך בין ווייט פֿאַרקראָכן.

שלמה־וואָלף האָט אַזוי לאַנג געטרויערט אויף זיין אשת־נעורים, ביז ער האָט ווידער חתונה געהאַט און האָט גענומען אַ יונג ווייבל פֿון גרויסן יחוס און אַ בת־בנים. איר זיידע האָט זיך אָנגעקערט מיטן רבין ר׳ שמעלקע און אַליין איז זי געווען פֿון סידילעוו, צי פֿון קאַרשעוו. דער עיקר איז, אַז ער האָט געהאַט מיט איר אַ מיידל נאָך אין דעם אייגענעם יאָר. דערנאָך האָט ער שוין מער קיין קינדער נישט געהאַט, אָבער די איינע איז געווען אַזוי געראָטן און אַזוי מיט אַלע מעלות פֿון שיינקייט און גוטסקייט, וואָס מען זעט דאָס גאָרנישט אין אַ האַלבער וועלט. עפּעס אַ קליינינקייט רחלע, רחלע די בת־מלכה. יאָ, טאַקע די שרי־מלוכה אַליין וואָלטן זיך געקאָנט ווינטשן צו האָבן אַזוינע קינדער. שלמה־וואָלף איז געווען איבערגליקלעך פֿאַר דער מתּנה, וואָס גאָט האָט אים געגעבן. רייכער איז ער געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג, אַרום און אַרום האָט ער געדונגען אַלע מילן און גאָראַלניעס. אַ וואַלד האָט ער געהאַט אויף צוואַנציק יאָר, וואָס ער פֿלעגט פֿון אים פֿאַרדינען ממון־קורח. יידן האָבן אַרום אים געלעבט און זיינען געווען גליקלעך. און אויך ווער עס האָט ביי אים געדינט, איז געווען פֿאַר זיך אַ שטיק פּריץ, וואָרים ער האָט איטלעכן געצאָלט ביד־רחבה. פֿון צדקה און מצוות איז גאָרנישט צו רעדן. דאַכט זיך, ער איז רחוק פֿון גאווה, אָבער גרויס דרך־ארץ האָט מען פֿאַר אים און אַפֿילו גויים האָבן אים אָפּגעגעבן כבוד! אַז גאָט העלפֿט אַ יידן, העלפֿט ער אים אין אַלעמען און גיט אים הצלחה און גליק, וואָס דאָס האַרץ באַגערט. וואָס איז שייך? אַז עס וואָלט נישט געווען שלמה־וואָלף דער גביר מיט דעם גאַנצן קנאַק, וואָלט געווען פּוסט אין דער גאַנצער שטאָט... אַפֿילו דער, וואָס עס גייט אים נישט אַזוי גוט, האָט דאָך אַ שטיקל התחזקות אין דעם, וואָס אַ ייד איז אַזוי געהויבן, אַז אַפֿילו דער ספּראַווניק פֿאַרט צו אים אויף טיי. יידן האָבן פֿאַרט

אַ כּוח, און אַפילו אַז זיי זיינען אין גלות, זיינען זיי פּאַרט נושא־חן... אויף אונדז אַלע געזאָגט געוואָרן, וואָס ער פֿלעגט צעטיילן נאָר אין איין יאָר. אַרויסגעפֿאָרן איז ער אויף פֿיר שוואַרצע פֿערד, אַז עס האָט גע־ברענט; דער קוטשער איז געווען אַנגעטאָן אין רויטן און האָט געהאַט אַ בייטש מיט אַ זילבערנעם קנעפּל. מען זאָגט, אַז ווען דער גובערנאַטאָר אַליין איז געפֿאָרן פֿון ראַשעוו קיין אומאַן, האָט מען ביי שלמה־וואָלפֿן געבאָרגט די קאַרעטע. מען זאָגט, עס איז אַמאָל אַראָפּגעקומען אַ מאַר־שאַל, האָט אים שלמה־וואָלף פֿאַרבעטן צו זיך און האָט מיט אים גע־רעדט מכּוח אַ גרויסן ענין. אָט דאָ האָט זיך שלמה־וואָלפֿן פֿאַרגלוסט צו האָבן אַ שלאָס. דער פּריץ פֿון שטאָט, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען אין דער היים, האָט זיך פֿאַרהוליעט און האָט געמוזט פֿאַרקויפֿן די אימעניע. עפּעס יענער, וואָס האָט דאָס געקויפֿט, איז געווען אַ גרעק, אַ האַלבער משוגענער און האָט זיך אָנגעהויבן צו קריגן מיט דער שטאָט. וואָס־זשע טוט שלמה־וואָלף? ער פֿאַרט אַריבער קיין אָדעס און דינגט ביי אים אָפּ די אימעניע מיטן שלאָס מיט כּל־ולך אויף ניין־און־ניינציק יאָר... דאָס הויז זיינס האָט ער אָוועקגעשענקט דער שטאָט צו מאַכן דערפֿון אַ שפּיטאָל, און ער אַליין האָט זיך אַריבערגעקליבן אין שלאָס אַריין. אַ יידישער שררה! דער רב פֿון שטאָט, אַז ער פֿלעגט גיין אַהינצו, פֿלעגט ער זיך אָנטאָן אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע אַפילו אין דער וואָכן. דאָס שלאָס אַליין אָפּצומאָלן מיטן לאַנגן גאָרטן און מיט אַלעמען קאָן מען גאָר נישט מיט ווערטער. דער פּריץ, וואָס האָט דעם שלאָס פֿאַרקויפֿט, האָט אים אויך נישט אַליין געבויט, דאָס האָט ער געירשנט פֿון אַ פֿעטער, וואָס פֿלעגט אַזוי אַרומפֿאָרן אין אַ זילבערנער קאַרעטע; און אַז ער האָט זיך אַמאָל געוועלט מיט נאָך אַ פּריץ, צו פֿאָרן אין אַ שליטן אין מיטן זומער, האָט מען אויף דריי וויאָרסט כּסדר געשאָטן מעל־צוקער אויף אַ האַלבן אַרשין די הויך. — ווייס ווי שניי איז געווען דער שלאָס מיט אַ סך הויכע פֿענצטער, פֿון פֿאָרנט פֿון די פֿענצטער אַן איז אַלץ געווען געפּלאַסטערט מיט גלאַטע שטיינער, און מען גייט אַרויף אויף ווייסע טרעפּ פֿון מאַרמאָר. דער גאָרטן איז אַן אמתער גן־עדן. וואָס זאָג איך אַ גאָרטן, — אַן אָגאָראָד! קליינע טייכן זיינען דאָרט פֿאַראַן און פֿיש, וואָס שווימען אויבן אַרום און פּאַטשן זיך. וואָס מען גייט ווייטער, איז אַלץ ווי אין אַ חלום... אַז איך האָב מיך דאָרט פֿאַרגנבֿט דאָס ערשטע מאָל, בין איך געווען ווי פֿאַרכּישופֿט, אַזוי שטיל איז דאָרט געווען אין

מיטן העלן טאג. דא הער איך גאר שפילן: מיר דוכט זיך, אז דאס שפילן קומט פון יענער זייט וואסער. — מען קאן דאס גארנישט אויס־מאלן. דער מענטש האט נאר איין נשמה, אבער סטרונעס זיינען פאראן אין איר א סך... איך האב אמאל געלייענט וועגן א בן־מלך, וואס איז פארבלאנדזשעט געווארן אין א טיפן וואלד, און אז ער האט זיך אנידער־געזעצט אויף א קלאץ פון אן אלטן בוים, איז צוגעפלויגן א גאלדענע גאנדז און האט אנגעהויבן מיט אים צו רעדן... מיין מאמע, עליה־השלום, האט געקאנט דערציילן א סך אזעלכע מעשיות! — אז איך בין געווען א קליין ייגעל, האט מיך דער טאטע מיינער געגומען ביי ביידע אויערן און האט מיך אריינגעפירט אין דער תורה־הקדושה און האט מיר גע־געבן א ספרל, וואס עס שטייט אין אים געשריבן פון גן־עדן־התחתון מיט די גאלדענע ברונעמס, מיט די טייכן בוימל. עפעס זינגען מלאכים א מין שירה, וואס עס איז גארנישט פאר קיין ילוד־אשה. אלץ, וואס איך האב היינט אין מיר, — איך, א ייד אן בארד און פיאות, און וויט אין דער פרעמד, אצל עם־לא־ידעתי־לשונו, — קומט אלץ פון דארט, פון דער מאמען און פון דעם טאטן, און וואס זיי האבן מיר אלץ דער־ציילט... א הולטאי בין איך, אז איך האב דאס אוועקגעווארפן און בין געווארן א גוי... מילא, דאס בין איך נישט אויסן. — איך האב דא נאר אנגעהויבן צו דערציילן די מעשה פון דער שיינער רחלע, אבער אזוי פארפלאפלט מען זיך, אז מען קומט אין רעדן...

רחלע איז געווען איינע פון יענע נשמות, וואס בלאנדזשען ארום ביי אונדז פון גאנץ לאנגע דורות, אפשר נאך פון שלמה־המלכס צייטן. אז די מקובלים זאגן: "איתפשטותא דמשה־בבל דור", מיינען זיי, אז א פונק פון משה־רבינוס גרויסער נשמה איז דא אין איטלעכן דור. נישט נאר די תורה גייט איבער פון האנט צו האנט, פון איין דור צום אנדערן און ריכט מיט אונדז צוזאמען אפ גלות... נאר אויך א טייל פון יענע נשמות פון דער גאלדענער צייט, וואס יעדער דור איז נאך געזעסן אונטער זיין פייגנבוים און אונטער זיין וויינשטאק, ווערן מגולגל און לייכטן אין דעם עולם, ווי איינצלנע שטערן אין א שטילער נאכט. א יידיש מיידל מיט דער נשמה פון א מלכות, טאקע פון די אמתע בנות־ירושלים. עס איז א סך צו דערציילן!

אוודאי האט מען מיט איר געטאן דעם גרויסן שידוך מיט דעם ריזשענערס אן אייגן אייניקל. אויך גוטע יידן האבן אין זיך א כוונה און

זייערע נשמות ווייזן אויך פֿון פֿאַרשיידענע דורות. דער ריזשענער אַליין פֿלעגט דערציילן, אַז ער איז שוין דאָ אויף דער וועלט צום דריטן מאָל. צוערשט האָט ער געלעבט אין אַהיה־השילוניס צייטן; ער האָט עווין אָבער כמעט אַלץ פֿאַרגעסן און געדענקט נאָר עפּעס ווי פֿונעם שלאָף; צום צווייטן מאָל איז ער געווען פֿון די פּרחי־כּהונה, און ער געדענקט נאָך ווי היינט איטלעכס סטעזשקעלע אין דער הייליקער שטאָט ירושלים...

אַז אַ ייד, אַפֿילו דער גרעסטער גביר, וואָס ער געהערט נישט צו אָט דער פּאָן, דערלאַנגט צו אַזאַ יחוס, איז מען אוודאי ביי זיך געהויבן און מען עפּנט די האַנט זייער ברייט. וואָס שלמה־וואָלף האָט צעטיילט יענעם טאָג אויף צדקה, וואָלט מען דערמיט געקאָנט אויסבויען אַ שול. צום קנסמאָל האָט מען געקוילעט אָקסן און שאָף און רינדער. פּדהצורן האָט מען אַראָפּגעבראַכט פֿון בערדיטשעוו, ווי אויף דער גרעסטער חתונה פֿון דער וועלט! טייכן וויין האָבן זיך געגאָסן. און אַכט טעג און אַכט נעכט האָבן יידן געהוליעט אין די גאַסן. אַפֿילו די גויים האָבן געשיכּור־ט. איטלעכער, וואָס איז נאָר געקומען, האָט זיך אָנגעשטאָפּט פֿול די קעשענעס און האָט מיטגענומען אַהיים פֿון אַלדאָס גוטס לדור־דורות. עפּעס אַ קליינינקייט אַזאַ גדולה, וואָס מען דערלעבט דאָס אפֿשר איין מאָל אין הונדערט יאָר! אויפֿן אַכטן טאָג האָט שלמה־וואָלף געשענקט אַלע יידן דעם טשינזש, צוגעזאָגט איטלעכן צו געבן פּלאַץ, וואָס וויל נאָר בויען. אויסגערופֿן האָט מען: כּל־צמאַ־ייתי־וישתה! פֿון אַלע שטעטלעך אַרום זיינען געקומען אָרעמע לייט און האָבן גאַרנישט צוגעלייגט. דאָשעוו האָט געזען טעג, וואָס מען וועט זיי שוין קיינמאָל נישט זען.

נאָר מ י ר אַליין, וואָס איך דערצייל אייך דאָ די דאָזיקע מעשה, האָט שטאַרק געצויגן דאָס האַרץ... בין איך דאָך אויך אַ רבס אַ זון. געטראַכט האָב איך ביי זיך, וואָס וואָלט געווען, אַז איך אַליין בין דער בן־מלך און קום אויף אַ באַרג און דערזע די בת־מלכּה... אַז עס איז געקומען די לעצטע וואָך פֿון געזעגענען זיך און פּדהצור האָט געשפּילט און איך בין אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן מויער, וואָרים פֿאַר אַ יינגל אין מיינע יאָרן האָט נישט געפּאַסט צו גיין אויף התונות, זיינען מיר טרערן אַריין אין די אויגן. פֿאַרוואָס לעב איך נישט אין אַלעקסאַנדער מוקדונס צייטן, צי אַפֿילו אין די צייטן פֿון די מלכי־פּרס? — עס איז מיר פֿאַרגעקומען, אַז אין שושן איז נישט ווי אין ראַשעוו, און איך האָב מיר אויסגעמאָלט, ווי וואָלט עס געווען, אַז איך וואָלט געגאַנגען אָנגעטאָן

אין רויטן און רחלע וואָלט גאָר מיך געגומען... פֿון דעמאָלט אָן איז מיר אַריין אַ מרה־שחורה אויף אייביקע צייטן.

רחלע האָט חתונה געהאַט, זיך געבאָדן אין מילך און אין האָניק, געהאַט אַ קינד און נאָך אין דעם יאָר צוגענומען געוואָרן פֿון דער וועלט. ווערים די וועלט האָט צו איר נישט זוכה־געווען... פֿאַרשטייט זיך, אַז דער זיידענער יונגערמאַנטשיק האָט נאָכדעם חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער. ער לעבט נאָך און איז אַ גביר און אַ רב אינאיינעם. איך וויל אויף אים נישט רעדן, אָבער מען זאָגט, אַז די אַנדערע רביצין האָט ביי אים אויך נישט קיין גוט לעבן.

און רחלע האָט זיך מיר געחלומט און געחלומט נאָך אַ סך יאָרן און היינט נאָך... אַזוינס טראָגט מען שטענדיק אין זיך אַרום, אַפֿילו ווען מען גייט אין עק וועלט. וואָס איז פֿון מיר געוואָרן, האָט זיך דער לעזער שוין דערוואוסט, ס׳איז אַ וועלט מיט וועלטעלעך!

# אַראָפּ פֿון זינען

אין אַ קליין שטעטל האָט געלעבט אַן אַלמנה, וואָס מען האָט זי גערופֿן חוה. דאָס איז געווען אַ לייטישע יידענע מיט אַ גוט האַרץ און געבליבן איז איר פֿון איר מאַן אַ קליין הויז, וואָס דאָרט האָט זי געוואוינט מיט איר איינציקער טאָכטער יוכבד אין אַ הינטערשטיבל; די פֿאָדערשטע זייט האָט זי פֿאַרדונגען און פֿון דעם געהאַט היונה אַפֿילו נישט ברווח, אָבער מען האָט געהאַט דאָס שטיקל ברויט און מען האָט נאָך דערפֿאַר געדאַנקט גאָט. חוה האָט געהאַלטן שטאַרק פֿון דאַווענען, אָבער דאָס איז ביי איר נישט געווען מיט אַ גערודער אין שול, פֿאַר לייטן. ביי זיך אין דער היים פֿלעגט זי זיך אַנידערזעצן ביים פֿענצטער, — בשעת זי האָט שוין געהאַט אויפֿגערוימט די שטוב און אָפּגעקאָכט דאָס אָנבייסן און יוכבדל האָט גענומען אַן אַרבעט, אַ נייעכץ צי אַ שטריקעכץ, — און פֿלעגט דאַווענען שטיל פֿון איר „קרבן־מנחה״, אין דעם גרויסן ווייבערשן סידור פֿון אַ סך דורות האַלב אויף לשון־קודש האַלב אויף יידיש, און דאָס יידישע פֿאַרשטייט מען גוט און אַז מען קומט צו אַ זאַך וואָס טוט אַ צופּ, גיט מען מניה־וביה אַ וויין... דאָרט אויבן איז גאָט דער אַלמעכטיקער, וואָס טראַכט וועגן דער גאָרער וועלט און האָט אויסגעקליבן זיין פֿאָלק ישראל, וואָס איז אין גלות; און יידן דאַרפֿן האָבן ישועות און נחמות אין אַלע צייטן. דאָס הערט זיך אַרויס הן פֿון דער שמונה־עשרה, הן פֿון אשרי, הן פֿון די ברכות. און פֿאַר זיך איז אויך דאָ צו בעטן, האָט מען דאָך אַ טאָכטער אַן איינאיינציקע און מיט אַ מיידל איז דאָס שווער, איר ווייסט. יוכבדל איז געווען אַ געראָטענע מיט דעם מזג פֿון איר מוטער, וואָס איז נאָך געווען פֿון דעם אַלטן פֿרומען דור, און מיט אַ צוגאָב פֿון יענע צייטן, ווען יידן האָבן נאָך געלעבט אין זייער אייגן לאַנד. קיינמאָל האָט זי נישט געטאָן אַ זאַך, וואָס וואָלט געקאָנט פֿאַרשאַפֿן איר מוטער עגמת־נפֿש, און אַזוי האָבן זיי געלעבט אין שלום־ושלווה אַ סך יאָרן אין דעם ריינעם, ציכטיקן שטיבל.

אָבער דאָ איז אויסגעבראָכן אין שטאָט אַ גרויסע שרפֿה און עס זיינען אָפּגעברענט געוואָרן אַ סך הייזער און דאָס הויז פֿון חוהן אויך. האָט מען אָנגעהויבן צו קלייבן זיך אין שכנות און וואוינען אין אַן אַלקער ביי יענעם, וואָס מען מוז מיט דער באַלעבאָסטע קאָכן ביי איין אויוון און זיך לאָזן אַריינקוקן אין די טעפּ. און דאָס איז נישט קיין גרויסער נחת־רוח פֿאַר אַ מענטשן, וואָס האָט שוין געהאַט זיין אייגענעם ווינקל. דו גאָט, דו באַרעמהערציקער, וואָס האָסטו געהאַט צו אַן אַלמנה און פֿאַרוואָס האָסטו פֿון איר אָוועקגענומען אירס? תּחילת האָט מען געוואוינט ביי שימענקען, אַ ייִדענע אַ מרשעת מיט אַן אָפּענעם מויל; דערנאָך, אַז מען קאָן דאָס שוין גאָרנישט מער אויסהאַלטן, קלייבט מען זיך אַריבער צו יענטע־דניאלס, וואָס קריגן קריגט זי זיך אַפֿילו נישט, אָבער זי גנבעט פֿון די הענט. אין שכנות איז די עשירות נישט אַזוי גרויס, און אַז מען שניידט אָפּ דאָס בעסטע פֿון אַ שטיק פֿלייש, וואָס האָט געקאָסט אַ גילדן, טוט דאָס טאָקע ווי אין האַרצן.

אין דעם דריטן אַלקער, ביי יוחנן מיכלס, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַנדערע צרה. זיינען טאָקע יוחנן און זיין וויב קלאָמפּערשט לייטישע, העלפֿט גאָט, אַז זיי האָבן אַ בחור אַ ליידיקגייער מיטן נאָמען שמואל, און ער קריכט צופֿיל אין אַלקער אַריין, און מען באַדאַרף נישט צו האָבן קיין גרויסע חריפֿות, כּדי צו טרעפֿן פֿאַרוואָס. אַוודאי איז אים יוכבד גוט געפֿעלן; און דווקא ווייל זי האָט פֿון אים נישט געהאַלטן און האָט אים נישט געלאָזן זיך צוצוטשעפּען צו איר, איז ער געווען נישט אָוועקצוטרייבן און האָט תּמיד געקוקט אויף איר מיט אַ פּאָר אויגן, ווי ווען ער וואָלט געוואָלט זי אויפֿעסן.

און האָט מען געפּרוווט זיך אַריינקלייבן אין אַ פֿערטן אַלקער, גאָר אין אַן אַנדער גאַס, האָט ער אַהין אויך געטראָפֿן, יוכבד האָט גאָרנישט געטאָרט מער אַרויסגיין אויפֿן גאַס איינע אַליין: אונדזער בחור לויפֿט איר נאָך און ער שעמט זיך גאָרנישט.

און דאָ מיטאָמאָל גייען אַרום אין שטאָט שלאָפֿקייטן. צוערשט וואַרגן זיי קליינע קינדער, וואָס האָבן אויף זיך נאָך נישט קיין פּעקלעך פֿון תּורה און מעשׂים־טובֿים. דערנאָך נעמען זיי זיך צו די עלטערע. דו קאָנסט דעם גאַנצן זומער הוסטן, אַז עס שטעכט אין יעדער ריפּ און וואַרעמסט זיך אָן דער זון, ווינטער אָבער ביסטו זיך מישב און טוסט אַ שטאַרב.

יידישע קינדער, שטאַרבן איז אַ ביטערע זאַך, כאָטש עס איז דאָ תחית־המתים און פון דעם שטייט עס געשריבן.

אַזוי איז אונדזער יוכבד שלאָף געוואָרן און טאַקע אויף אַן אמתן. אָנגעהויבן האָט עס מיט אַ פאַרקילן אין האַלדז. האָט מען צוגעלייגט אַ טיכל באַשמירט מיט אַ געלעכל פון אַן איי מיט זאַלץ, האָט דאָס אָנגעהויבן נאָך מער צו קראַצן און צו וואַרגן. יוכבד ליגט צוגעדעקט מיט צוויי איבערבעטן און עס רינט פון איר דער שווייס. אַ ריכטיקער דאָקטער איז אין שטאָט נישט פאַראַן, נאָר אַ האַלבער פעלדשער, וואָס קען מער פאַר אַ טויטן, און דערצו איז ער נאָך טויב אויף ביידע אויערן. ער הייסט איר שמירן און איינגעמען קרייטעכצן און פון איטלעכער רפואה ווערט אַלץ ערגער. די מאַמע זיצט אָפּ נעכט ביי דער טאָכטער. זי האַלט זיך איין פון צו וויינען, אָבער דער רבונו של עולם ווייסט איר האַרץ און דעם מלאך רפאל שיקט ער פאָרט נישט.

און אונדזער בחור שטייט אַלץ פאַר דער טיר, און אַז עס גייט אַרויס אַ מענטש, פרעגט ער וואָס מאַכט יוכבד. וואָלט ער נישט געווען קיין עם־הארץ און וואָלט ער געוואוסט פונעם פסוק והיתה נפשי תחת נפשך, וואָלט ער נישט געמאַכט קיין שהיות און געזאָגט: נעמט מיך און לאָזט זי.

דאָ איז געקומען דער מלאך־המות אין אַ ווינטיקער נאַכט און האָט אַוועקגענומען יוכבדן. אין דער קאַלטער נאַסער ערד האָט מען זי באַגראָבן כאָור־הבוקר.

שמואל איז אַראָפּ פון זינען...

# די התחלה פֿון ראובֿעלע נאַטאַנזאָן

דער דין איז אַזוי, אַז אַ ייד טוט אַ שידוך מיט אַ מיידל פֿון פֿופֿצן יאָר און גיט איר דריי הונדערט רענדלעך נדן, איז מסתמא דער חתן אַ לערנער און מען האַלט אים אויף קעסט, ביז ער וועט האָבן אַ פּאָר קינדערלעך, אַריינוואַקסן און ווערן אַ מענטש... אין די דאָזיקע יאָרן, וואָס מען טוט נישט פֿון דער האַנט אין אַ קוואָרט וואַסער און מען קריגט פֿון שווער און שוויגער אַפֿילו אויף געבן נדבות, לערנט מען אַ ביסל חושן־משפּט און יורה־דעה און גמרא, מען איז יעדן דאָנערשטיק די גאַנצע נאַכט אויף און מען געהערט צו די פֿיינע יונגעלייטלעך פֿון שטאָט. זיך מישן אין דעם שווערס מסחרים, צי גלאַט אַזוי אין עניני־דעלמא, ליגט אַזוינס אַפֿילו נישט אין דער לינקער פּאה; צו וואָס זאָל מען נעמען באַצייטנס אויף זיך דעם עול? און דער שווער האָט אויך גאָר קיין חשק נישט לאָזן דעם איידעם זיך מישן אין זיינע עסקים, וואָרים אַזאַ ייִנגל, וואָס האָט קוים אַ חתימת־זקן, וואָס ווייסט ער פֿון וועלט־זאַכן? אַז מען וואָלט אים געגעבן אין האַנט אַריין דאָס געלט, וואָס איז איינגעלייגט אויף אַ שלישית, וואָלט ער דאָס גלייך צעטרענצלט... גייען אָבער אַוועק דריי־פֿיר יאָר נאָך דער חתונה און מען האָט שוין עטלעכע קינדערלעך, מוז מען דאָך אָנהייבן צו טראַכטן וועגן אַ תּכלית... די גאַנצע וועלט קאָנען דאָך נישט ווערן קיין רבנים. און אַזוי מוז דער יונגערמאַן פֿון בית־מדרש אָנהויבן טראַכטן צו ווערן אַ סוחר... די קשיה איז נאָר, מיט וואָס זאָל ער אָנהויבן האַנדלען: מיט שטעטינעס, צי מיט פֿעל, צי מיט לעדער, צו עפּענען אַ קראָם, צי דינגען אַ מיל? טראַכט אַהין, טראַכט אַהער, אָן עצה האַלטן מיטן שווער און מיטן אייגענעם טאַטן. אַקיצור, אַז די גאַנצע משפּחה האַנדלט מיט פֿעדערן, מוז ראובן יאַסלס איידעם, וואָס מיר שמועסן אַצינד פֿון אים, אויך אָנהייבן האַנדלען דערמיט. פֿעדערן קויפֿט מען אויף אין לעטיטשעוו און אין דער סביבה, מען פּאַקט זיי איין אין זעק און מען פֿירט זיי אַוועק קיין בראָד אין דעם

גרויסן מקום, וואָס דאָרט קריגט מען פֿאַר זיי דעם גוטן מקח, און מען קויפֿט דאָרט גופֿא אײַן וואָלוול אַנדערע סחורות. אוודאי זײַנען אין לע־טישטשעוו געווען געַנוג סוחרים, וואָס האַנדלען מיט פֿעדערן, אָבער דער־פֿון איז נישט געדרונגען, אַז ראובן זאָל נישט האַנדלען אויך דערמיט. אַז גאָט וויל העלפֿן, האָט ער פֿאַר אָלעמען ... אין אַ ביטל, וואָס זיבן ייִדן זיצן שוין דערינען, קריך אַרײַן מיט די פֿיס, און דאָס וואַסער ווערט נאָך פֿולער. — אַז וואָס ראובן איז אין די ענינים נאָך נישט קיין גרויסער בקי, שטעלט מען אים צו דעם עלטערן אײדעם חיימען, וואָס איז שוין געניט אין דעם עסק. חיים איז אויך אָפּגעזעסן זײַנע קעסט, ווי ראובן, און האָט אויך געהאָט געלערנט, ווי ער; און אַז ער איז געזעסן ביי דער גמרא, האָט מען געמיינט, אַז ער וועט קיינמאָל נישט פֿאַרדינען קיין זעקסער, און אַצינד איז ער אויסגעקאָכט אין מסחר. דער עיקר איז ביי אַ מענטשן דער שכל: אַז אַ מענטש האָט שכל און הויבט נאָר אָן פֿילן דעם טעם פֿון געלט און פֿון פֿאַרדינען, ווערט מען שוין ממילא אַ סוחר...

אַזוי האָט ראובן, צי ראובעלע, דער ייִנגסטער אײדעם פֿון ר׳ יאָסלען, אַרויסגענומען דעם נדן און האָט אָנגעהויבן זיך מכין זײַן צו ווערן סאַמאָסטאָיאַטעלנע. — ראשית האָט ער גלײַך אָוועקגעלייגט דאָס לערנען, און אַז האָט אָנגעהויבן ציילן דאָס נדן־געלט, וואָס מען האָט אַצינד אַרויסגענומען האָט ער זיך באַלד געפֿרעגט, צי מען האָט אים אַלץ אָפּגעגעבן, וואָס מען האָט צוגעזאָגט, און האָט זיך גענומען קריגן מיטן שווער... ר׳ יאָסלען האָט אַפֿילו געאַרט, אַז מען וויל פֿון אים אַרויס־קוועטשן נאָך געלט, אָבער אין האַרצן האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַט פֿון דעם וועט ווערן אַ לייט. און אַז זײַן פּעסי האָט אים געמאַכט אַ בייזע שעה, פֿאַרוואָס ער לאָזט זיך אַזוינס זאָגן פֿון אַזעלכן, וואָס האָט געגעסן זײַן ברויט און איז נאָך בסך־הכּל אַ ייִנגל, האָט ער זיך צו איר אָנגערופֿן: פּעסי, לאָז זײַן, וואָלט דיר געווען מער ניחה, ער זאָל זײַן אַ תמעוואַטער און נישט פֿאַרשטיין קיין צורת־מטבע? איר באַדאַרפֿט צו וויסן, אַז ר׳ יאָסל האָט שוין אָנגעהויבן צו האָבן אין זינען זיך גאָר אויסטאָן פֿון די עסקים און אַלץ איבערגעבן די אײדעמס; ער האָט נאָר געוואָלט, אַז דער מסחר זאָל איבערגיין אין גוטע הענט. אַז מען ווערט אַלט און מען פֿילט שוין אַ מיחוש, מוז מען אָנהויבן טראַכטן פֿון יענער וועלט...

*

נו, איז געקומען די צייט, אַז ראובן זאָל פֿאָרן מיט חײמען אין וועג אַריין. צווײ וואָכן כּסדר האָט מען זיך געגרייט. דאָס געלט האָט מען אויסגעביטן אויף האַלבע אימפּעריאַלן און איינגענייט אין אַ לעדערנעם גאַרטל. דער שמועס איז געווען, אַז אַצינד זאָל ראובן נישט גלייך אָנהויבן קויפֿן פֿעדערן און מיט זיי פֿאָרן קיין בראָד, ווי דער שטייגער איז; נייך, ער זאָל תּחילת פֿאָרן מיטן מזומן געלט און דאָרט זיך אָנהויבן אַרומקוקן... און אַז ער וועט דאָרטן איינקויפֿן סחורה, וועט ער דאָ מאַכן חילופֿים מיט פֿעדערן. נישקשה, חיים וועט שוין פֿאַרשטיין, וואוהין ער זאָל אים פֿירן; און ראובן אַליין וועט ערשט עפֿענען אַ פּאָר אויגן, אַז ער וועט קומען אין דער גרויסער שטאָט בראָד און וועט זיך צונויפֿקומען מיט הונדערטער מענטשן און וועט דערזען אַ וועלט, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען, הן אין לעטיטשעוו, וואו ער איז אַצינד, והן אין כּמעלניק ביי זיין טאַטן.

חיים, אָדער ווי מען האָט אים אויפֿגערופֿן צו דער תּורה, חיים־מאיר, איז געווען דער גרויסער מושלם אין האַנדלען און בדיעבד אויך אַ שטיק פּלוט און האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, וואו ער האַלט. דער מסחר איז געווען זיין חיות און זיין נשמה. עס איז אַ וועלט, מען גיט, מען נעמט, מען קויפֿט, מען פֿאַרקויפֿט! דאָס שיקט מען אַהין, דאָס קומט אָן פֿון דאָרטן. פֿון אומעטום נעמט מען שלישית־געלט... דערווייל איז דאָ אַ שטוב מיט קינדער קיין עין־הרע, אַ קימפּעט, אַ ברית, אָן אָם. עס קומט צו פֿאָרן אַ ברודער און עס איז פּלאַטשיק מיט אים, מען מוז אים אַ ביסל העלפֿן. דערווייל גיט ער זיך אַ טאַפּ, האָט ער פֿאַר־לוירן אַ וויכטיק כּתיבהלע. און דאָ קומט אים פּאָר, אַז ער טוט צו ווייניק, אַז ער מוז אָנהויבן זוכן נייע עסקים... מיטאַמאָל דערמאָנט ער זיך, אַז איינער האָט אים נישט באַצאָלט און ער ווייסט אַליין נישט, וויפֿל יענער איז אים שולדיק.

נו, פֿאָרט ער אַצינד מיטן יינגערן שוואָגער אינאיינעם קיין בראָד, און מען פֿירט מיט זיך אָן אַפּותּיקא; און דאָרט וועט זיך אָנהויבן צו דרייען אַ נייע מעשה: מען וועט קויפֿן לעדער און זיידנס. צאָלן וועט מען די העלפֿט און דאָס איבעריקע וועט זיין אויף זעקס חדשים. דאָס אָנ־

דערע געלט בלייבט ביי אים, און מניה־זביה האָט ער פֿאַרשטאַפּט אַ סך לעכער. הכלל, פֿריש און לעבעדיק, דאָס ראָד דרייט זיך!

וואָס־זשע טוט גאָט? מוז חיים אין דער פֿערטער קרעטשמע ווערן קראַנק. אַפּנים ער האָט זיך פֿאַרקילט. מען בלייבט נעכטיקן. אין דער פֿרי איז אים נאָך ערגער און מען מוז נעבעך פֿאָרן צוריק אַהיים.. אַוודאי וויל חיים, אַז ראובן זאָל אויך פֿאָרן צוריק. וואָס איז שייך, ווי לאָזט מען ראובענען אַליין? עפּעס האָט ער דאָך גענומען אויף זיך די אחריות... אָבער ראובן האָט זיך איינגעשפּאַרט, ער פֿאָרט ווייטער. חיימען איז אַפֿילו געווען פּריקרע אים צו לאָזן; אָבער ער האָט געזען, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַן עקשן און עס וועט אים גאָרנישט העלפֿן; און דער אייגענער געזונט איז פֿאָרט טייערער, האָט ער זיך געזעגנט מיט אים און איז געפֿאָרן צוריק אין לעטיטשעוו.

ראובן איז געבליבן אַליין און האָט אָנגעהויבן צו פֿילן דעם טעם פֿון דעם, וואָס הייסט זיין אַן אייגענער באַלעבאָס און האָט באַלד געהייסן דערלאַנגען זיך דעם סאַמאָוואַר... עפּעס האָט ער געהאַט הנאה פֿון דעם עצם הייסן, און אַז עס איז נישט געווען צו דער מינוט, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו בייזערן. ער האָט געקוועלט זעענדיק, ווי אין יעדער נייער קרעטשמע קריכט מען אים אונטער די נעגל און מען טראָגט אים אַלץ אונטער. אַז ער פֿלעגט אַריינטאָן צוקער אין גלאָז טיי און אָנברעכן דעם בייגל, איז אים פֿאַרגעקומען, אַז ער האָט שוין לאַנג געמאַכט עסקים און וועט נישט בטול ווערן פֿאַר קיינעמען... פֿאַרקערט, האָט ער צו זיך געזאָגט, איך מוז ווערן דער ערשטער סוחר פֿון לעטיטשעוו. אויפֿן וועג האָט ער אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דעם שווער זיינעם און חיימען און וועגן דעם גביר פֿון לעטיטשעוו און וועגן די אַנדערע גרויסע סוחרים, וואָס פֿאַר אַ טבע עס האָט דער און יענער, און ווי אַזוי מען קומט צו אַ גרויסן מעמד. עפּעס איז אים דאָס גאַנצע זיצן ביים שווער און זיך לאָזן בעטן יעדן אינדערפֿרי, ער זאָל נעמען דאָס ביסל קאַווע, צי די ציקאָריע, פֿאַרגעקומען מעשה־יינגל. און ווי ער זיצט זיך אַצינד איינגעוויקלט אין בורקע און דער גוי אויף דער קעלניע טרייבט די פֿערד און פֿליט דורך די ווייטע פֿעלדער, פֿילט ער, אַז ער איז טאַקע אַן אַנדער מענטש! און דער קוראַזש זיינער וואַקסט פֿון מינוט צו מינוט און פֿאָרט פֿאָרט ער אין דער גרויסער מדינה, און אַ פֿינף הונדערט גאָלדענע רענדלעך פֿירט ער מיט זיך, און זיי וואַרעמען אַ סך מער,

ווי אין בית־המדרש דער „כריתי ופליתי״, צי דער „קרבן אהרון״; און אים ווילט זיך אַצינד גאָר לערנען בלק מיט חיימען און אים ווייזן, אַז ער איז צען מאָל קליגער פֿון אים. עפּעס האָט ער אַצינד פֿיינט אים און דעם שווער און אַלע אַנדערע שוואָגערס. ער מוז זיי טרעטן אויפֿן קאָפּ און נישט זיי אים. האָט איר געזען אַזוינס? ווי שטייט עס: אדם קרוב לעצמו. דאָס האָט ער אַצינד געפֿילט אין אַלע אברים, און ער האָט באַקומען אַ שטאַרקן רצון אין בראָד קונה־שלימות זיין...

אָנגעקומען קיין בראָד, האָט ער גענומען די אויגן אין די הענט אַריין און אָנגעהויבן צוצוקוקן זיך אויף אַלע זייטן. אויף דער סטאַנציע האָט ער זיך גלייך איבערגעטאָן, אַרויסגענומען דאָס געלט, עס איבער־געציילט און עס צעטיילט אויף צוויי חלקים געדענקענדיק דעם פּסוק פֿון יעקבן: והיה אם יבוא אל המחנה האחת והכהו והיה המחנה הנשאר לפלטה. ווען איין טייל געלט גייט צום רוח, בלייבט נאָך איבער דער צווייטער טייל. אַרויסגעגאַנגען אויפֿן מאַרק, האָט ער צוערשט אָנגעקוקט די קלייטן, געגאַנגען אַהין, אַהער, זיך צוגעהערט וואָס מען רעדט, זיך אַלץ מיט זיך אַליין מישב געווען. און האָבן אים געזען אַנדערע און זיינען צוגעגאַנגען צו אים און מיט אים געוואָלט מאַכן אַ שמועס, האָט ער זיי גלייך אָפּגעהאַקט און געענטפֿערט: אַז איך וועל אייך דאַרפֿן, וועל איך אייך שיקן רופֿן... און אַזוי איז ער אַרומגעגאַנגען דעם גאַנצן טאָג און עס איז ביי אים געבליבן צו קויפֿן וואָלנס און ציץ אינאיינעם.

אויף מאָרגן אין דער פֿרי איז ער אויפֿגעשטאַנען, זיך געוואַשן און געטאָן אַ קורצן דאַוון, ווי מען איז דאָס אין לעטיטשעוו גאָרנישט גע־וואוינט. אָפּגעטרונקען טיי, זיך אָפּגעווישט די ליפּן און איז אַוועק פּאַ־וואָליע אין אַ גרויסער קלייט אַריין, און האָט דאָרטן אָנגעהויבן רעדן מכּוח קויפֿן. אַזוי ווי ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מען האָט דאָ גאָרנישט פֿיינט אָפּצונאַרן, האָט ער זיך געמאַכט תּמעוואַטע, אויסגעפֿאָרשט אַלע קנייטשלעך און כיטרעס; און דערנאָך, אַז יענער האָט געמיינט, אַט קומט מען שוין צום סמיק און מען כאַפּט אים אַריין מיט ביידע הענט, האָט ער זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פֿינגער פֿון די פֿיס, געעפֿנט אַ מויל און געוויזן ציינער, אַז דער קרעמער האָט גלייך דערקענט, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ דורכגעטריבענעם יונג. אין דער צווייטער קלייט האָט ער שוין געהאַט די פּראַקטיקע פֿון דער ערשטער קלייט און האָט גלייך אָנ־געהויבן: איר האָט דאָ נישט צו טאָן מיט אַ פּריץ. אַ סוחר בין איך, און איך

האָב ליב ראַיעל און צאָל מזומנים. און געגעבן האָט ער צו פֿאַרשטיין, אַז ער האַנדלט שוין מיט יענעם קרעמער, וואָס ער האָט נאָר וואָס ביי אים געקויפֿט אַ ביסל סחורה, און דאָס טוט ער שוין אַ פּאָר יאָר; אָבער אַצינד וויל ער זען נייע מוסטערן... אַקיצור ער האָט אומעטום געמאַכט די בעסטע קניות און אומעטום האָט ער אָנגעהויבן גרויס און געקויפֿט נאָר די העלפֿט. ביים איינפּאַקן איז ער געשטאַנען אַליין, און איז נישט אַוועקגעגאַנגען, ביז מען האָט דאָס נישט אַרומגעבונדן און פֿאַרחתמעט. שוין פֿון בבא־קמא און בבא־מציאה האָט ער געוואוסט, אַז אַ מענטש, אַ בשר־ודם איז עלול צו פֿאַרבייטן... און דערפֿאַר וואָס ער האָט באַצאָלט מזומן, האָט ער געהייסן אַראָפּלאָזן פּראָצענטן. ער האָט זיך געזעצט אויף די סחורות און נישט געפֿאָרן אויף אַן אַנדער וואָגן און האָט גע־נעכטיקט גלייך מיט די טשומאַקעס און נישט געטרויט קיינעם אַ האָר. פֿאַר דער ווייב האָט ער אין דער לעצטער מינוט איינגעהאַנדלט אַ זיידן טיכל און איז געפֿאָרן אַהיים אויף אַ האַלבער אייל גרעסער ווי ער איז געפֿאָרן אַהין...

און אין לעטיטשעוו האָט ער באַלד פֿאַרקויפֿט די סחורות אַן קונצן. און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן אויפֿצוקויפֿן פֿעדערן פֿאַר בראָד, און האָט זיך אפֿשר מיט זעכציק קליינע יידלעך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס און אַריינגערוימט זיי אין אויער אַריין אַ סוד, אַז ער צאָלט מיט דריי קאָ־פּיקעס מער אויפֿן פֿונט, אָבער ער וויל גוטע פֿעדערן. און צום פּאַקן האָט ער גענומען שפּאָגל נייע זעק און געלאָזט פּאַקן, ווי איינער, וואָס האָט דאָס אויסגעשטודירט ביז אויפֿן פּינטעלע: „זיבורית מלמטה ועידית למעלה״! און אַז ער איז אין דריי חדשים אַרום ווידער געפֿאָרן קיין בראָד, און דאָס מאָל אָן חיימען טאַקע פֿון לכתחילה אָן, האָט ער דאָרט גענומען די גרויסע מקחים און האָט איטלעכן געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז ער טוט אים אַ לאַסקע, ווען ער פֿאַרקויפֿט אים. אָפּגעלייזט און איבערגעציילט אַ גוטן פֿאַרדינסט, האָט ער דאָס אַלץ גוט איינגעשנירט און זיך גענומען איינצוקויפֿן סחורות. וואו ער האָט פֿריער געקויפֿט ציץ, האָט ער אַצינד געקויפֿט וואָלנס, ולהיפוך — כדי אויסצופּרובירן איטלעכן קרעמער אין אַלעמען. און וואו מען האָט אים פֿריער אַריינגעשטופּט אַ שלעכט שטיקל סחורה, האָט ער זיך גאָרנישט געשעמט און אָפּגעבראַכט אויף איבערצובייטן און געזאָגט, אַז ווען אַזוינס קומט פֿאַר נאָך אַ מאָל, וועלן זיי אים קיינמאָל אין די אויגן נישט זען. די קרעמער זיינען אים נאָכגעלאָפֿן און האָבן

אים געבעטן, ער זאָל קויפן ביי זיי. אקיצור, ראובנען קען מען שוין אין גאַנץ בראָד!

און אַז ער איז געקומען צום דריטן מאָל קיין בראָד מיט פערדערן, און די מעקלערס אויפן מאַרק האָבן אָנגעהויבן דרייען דעם מקח, האָט ער זיך נישט געאיילט צו פאַרקויפן און האָט אָנגעהויבן פּאַוואָלינקע אויספרעגן, וואוהין די פערדערן קומען אַהין. איז ער געוואָר געוואָרן, אַז זיי ווערן פאַרקויפט קיין נאַנסי אין פראַנקרייך. וואָס טוט אונדזער ראובן? ער לאָזט איינפּאַקן צוריק די פערדערן, גיט די טשומאַקעס נייע אָדערויפן און איז נישט פויל אויפן פעלץ און לאָזט זיך אַוועק קיין נאַנסי. דאָרטן אָנגעקומען, האָט ער זיך באַצאָלט דעם רווח, וואָס די בראָדער פאַרדינען אָן די פערדערן. און אַחוץ דעם וואָס ער האָט בשלימות פאַרקויפט די פערדערן, וואָס ער האָט אַליין געבראַכט, האָט ער נאָך אָנגענומען אַ סך מכירות אויף פערדערן, וואָס ער האָט געזאָלט זיי צושטעלן ערשט אין זעקס חדשים אַרום.

פאָלג מיך אַ מאַרשרוט פון נאַנסי קיין לעטיטשעוו, — הרים־וגבעות איז ער דורכגעפאָרן! און געקומען אַהיים דער גרויסער סוחר, האָט ער אָנגעהויבן אויפצוקויפן פערדערן, און געצאָלט גוט און אָנגעהויבן צו דריקן דעם שווער און דעם שוואָגער און די איבעריקע סוחרים, ביז זיי זיינען אַלע געקומען צו אים און געבעטן רחמים, אַז זיי וועלן מאַכן מיט אים יד־אחד... הכלל אַהין, אַהער, ער האָט אָפּגעקויפט ביי זיי די פערדערן צו בראָדער מקחים, אָפּגערעכנט די פראַכט און די הוצאות און כּכלות־חצי־שנה זיך געלאָזן מיט דרייסיק פורן פערדערן אין דעם ווייטן וועג אַריין... איטלעכער האָט זיך געחידושט אויף ראובנען, ווי עס האָט זיך צו אים געגומען די שטייפקייט. אַ טייל האָבן אַפילו געזאָגט, ער ברעכט דעם קאָפּ; אָבער ראובן האָט זיך אויסגעלאַכט פון זיי אַלעמען. פינף טויזנט רענדלעך פאַרדינסט האָט אים געבראַכט אָט די נסיעה, און צוריקגעקערט קיין לעטיטשעוו איז ער שוין אַ גאַנצער מאַכער. קויפט זיך אַ שטוב מיט מעבל, ווערט אַ נגיד און אין דער גאַנצער משפחה איז ער דער יושב־ראש...

וואָס זאָל איך מאַריך זיין? נאָך פינף יאָר האָט ראובן דעם גאַנצן מסחר פון לעטיטשעווער פערדערן אין זיין האַנט; און געלט גייט צו געלט, און ער ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. אַ פּאָר שוואָגערס דינען ביי אים און ער האָלט שוין גאָר אַ בוכהאַלטער, און ער קען זיינע מענטשן פון

אינעווייניק און פֿון אויסנווייניק. אַז ער האָט זיך דערשלאָגן צו די ערשטע ששים־אלפֿים, האָט ער זיך אָנגעהויבן מישן אין קהלשע ענינים. אין האַרצן האָט ער געטראַכט, אַז אַ״ז קאָן ווערן אַ כּפּרה פֿאַר אים און זיין עסק, אָבער ער וויל זאָגן די דעה. און רופֿן רופֿט ער זיך אַצינד ראָובעלע נאַטענזאָן און פֿירן פֿירט מען זיך אַ ביסל דייטש. חוהן, זיין ווייב, אַז איר וואָלט זי אַצינד געזען, וואָלט איר זי גאָרנישט דערקענט: אָט דאָס קליינע יידישע ווייבל זעט גאָר אַנדערש אויס, אַז זי גייט אַרויס אָנגעטאָן אין סאַמעט און אין זיידנס און מיט דעם האַלדז פּערל! און צו די קינדער האַלט מען לערערס. אַזוינס האָט מען אין לעטיטשעוו נאָך נישט געזען!

און דער סוף איז געווען, ויפֿרוץ ממונו לרוב. ראָובעלע נאַטענזאָן איז געוואָרן אַ גביר אין די מאה־אלפֿים און איז אַרויסגעפֿאָרן אויף אַ פּאָר פֿערד, אַז עס האָט געטראַסקעט. וואוינען וואוינט ער אין אַ מויער מיט געוועקסלטע פּאָלן; זיין מעבל, זיין זילבער, זיינע שידוכים מיט קינדער! גאָט און לייט האָבן אים מקנא געווען, און עס איז געווען פֿאַרוואָס...

# יעקב־נתן

יעקב־נתן איז געווען אַ קלוגער ייד און אַ מענטש מיט אַ גוטן קאָפּ און אַ שטיק קענער און לערנער, און אַלץ האָט ער געוואוסט, און אין אַלעם האָט ער געהאַט אַ ידיעה: אַ בלעטל גמרא, אַ תוספות, אַ פּסוק מיט אַן אבן־עזרא, אַ שאַרפער חשבון, צי גאָר אַ שמועס אין תכונה. דער ענין גופא פון אַ זאַך איז אים קיינמאָל נישט אָנגעגאַנגען, אָבער ער האָט ליב געהאַט דעם עצם ענין פון וויסן, צו זיין אַ ידען און אַ בעל־השגה. אַקאָרשט פרום איז ער קיינמאָל נישט געווען; ער האָט געוואוסט, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט, אָבער דאָס איז ביי אים געווען אַן האַרץ און אַן אַ יסוד. ער האָט קיינמאָל נישט עובר געווען אויף אַ מצווה, ער איז געווען צו פויל אויף נישט צו דאַווענען און נישט אָפּצוהיטן וואָס מען דאַרף אָפּ־היטן. יידישקייט איז געווען אַ זאַך, עלעהאַי מען טוט אַן שיך און זאָקן, צי די קאַפּאָטע. דעם ענין פון תאווה האָט ער ניט געקענט, הן אין עסן, הן אין געלט־פאַרדינען, צי אין אַנדערע זאַכן. דער עיקר איז ביי אים געווען דער שכל און אַז ער פאַרשטייט אַ זאַך לכתחילה. וואָס ער האָט אָנגעהויבן האָט ער נישט געקאָנטשעט, און עס איז אים געווען געַנוג, אַז ער האָט אין דעם אַ תפיסה. פרעגט איר, ווי איז ער געווען אין וועלט־זאַכן צי בנוגע צו מענטשן, איז דאָס שווער צו זאָגן. אַז מען וויל איז ער געווען אַן איש־ישר, אָבער אַ קאַלטע בריאה און אין האַרצן נישט קיין גוטער. אַ וואָרט האָט ער געהאַלטן, אָבער דאָס איז נישט געווען אויף דער אמתן, וואָרים בסך הכל האָט ער נישט גערעכנט פון היינט אויף מאָרגן. נגידים האָט ער נישט מקנה געווען, וואָרים ס'רוב נגידים האָבן נישט קיין שכל. אַן אָרעמאַן צו זיין איז נאָר שלעכט, בשעת מען האָט נישט צו דער רגע דאָס קערבל; דערנאָך, אַז מען האָט עס שוין יאָ, צי מען פאַרדינט עס, צי מען לייט עס, עסט מען עס גלייך אויף און מען האָט ווידער גאָרנישט. אים איז געווען קלאָר, אַז אַן אָרעמאַן איז נאָר דער, וואָס פילט זיך פאַר אַן אָרעמאַן. דעם געפיל האָט ער אָבער

קיינמאָל נישט געהאַט, כאָטש ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין געלט.
און אַז ער האָט אַמאָל געכאַפּט אַ הונדערטער אין אַ גרויסער בורדות —
דאָס איז געווען איין מאָל, צי צוויי מאָל אין זיין לעבן — איז אים געווען
דער עיקר נאָר דער שכל דערפון, דער אויפטו. אַז מען רעדט צוויי טעג
מיט מענטשן מכּוח גרויסע סכסוכים און מען פֿאַרשטייט דאָס. פֿרעגט
אים, צי איז ער אַמאָל געווען פֿריילעך אין זיין לעבן, אַז ס'איז אויפֿ־
געגאַנגען די זון, צי אַז ער האָט חתונה געמאַכט אַ קינד און צי ער
האָט איבערהויפּט ליב געהאַט אַ קינד? אַז מען טוט אַ קוק אויף אים
מיט זיין גרוילעכער, קיילעכדיקער באָרד און זיינע לעבעדיקע אויגן,
ווייזט ער זיך נישט אויס ווי אַ קאַלטער מענטש; פֿאַרקערט, ער האָט
ליב אַמאָל אַ זינג צו טאָן פֿאַר זיך, אַ ברום צו טאָן. ער רעדט מיט
כּוח און מיט אַ קול, און בעצם איז אים נישט נוגע שטאַרק וואָס ער
רעדט. ער איז שוין אַריבער חמישים און קיינמאָל רעכנט ער נישט
זיינע יאָרן. ער איז אַ מענטש, וואָס ווערט נישט קראַנק, וואָס פֿאַרקילט
זיך נישט, וואָס טוט קיינמאָל נישט קיין הוסט. ער רויכערט נישט און
גייט נישט אויס נאָך אַ ציגאַר; ער האָט אַ שיינעם כּתב און איז פֿויל צו
שרייבן. אין קלויז זיצט ער קיינמאָל נישט אויף זיין שטאָט און אַז ער
דאַוונט, נעמט ער אַ פֿרעמדן סידור. אין ענייני פּאָליטיקע איז ער דער
ערשטער און וואַרפֿט זיך אַרום מיט אַלע שטעט פֿון דער וועלט, און
אַרויסגעפּאַרן פֿון זיין שטאָט איז ער נאָך נישט אויף אַ וויאָרסט. ער
פֿאַרשטייט אַפֿילו דעם שכל פֿון באַן און פֿון טעלעגראַף, און ביידן האָט
ער נישט געזען. אַמאָל האָט ער מיט אַ שותּף געעפֿנט אַ שטיקל זאַוואָד
און האָט געמאַכט מאַלץ על־פּי כעמיע און דער גאַנצער משא־ומתּן האָט
געהאַט אַ קיום אַן ערך דריי חדשים און דער מאַלץ האָט ניט געטויגט,
און פֿונדעסטוועגן איז ער אין דעם אַ שטאַרקער בקי. פֿון אַלע מסחרים
ווייסט ער: פֿון טאָרגעס ווייסט ער, פֿון קאָנטראַקטן ווייסט ער, און
איז קלאָר אין אַלע חשבונות און אַליין קען ער אייך נישט צונויפֿרעכענען
דריי רובל אַ וואָך, וואָס ער זאָל זיי האָבן במזומן. ביי אים אין שטוב
פֿירט מען זיך נגידיש, ס'איז דאָ אַ טישל און אַ בענקל און אַ לעפֿל
און אַ גאָפּל, און ס'איז נישטאָ וואָס צו עסן. נאָר וואָס דען, מען רופֿט
דאָס נישט אָן מיטן נאָמען. אין דער פֿרי כאַפּט מען עפּעס און מען
האָט שוין עפּעס; מען גיט דאָס אויס אַלץ אויף אַמאָל. אַז מען האָט נאָר
אַ פּאָר קוילן און אַ שטיקל צוקער און דער סאַמאָוואַר קאָכט און עס

איז פֿאַראַן דערבײַ עפּעס צו דערציילן, איז מען שוין לעילא־ולעילא. גאָט האָט מיט אַזוינע מענטשן נישט פֿיל צו טאָן און זיי דולן אים נישט דעם קאָפּ און זיי פֿרעגן אים נישט צי איז ער יאָ משגיח אָדער נישט משגיח. יעקבֿ־נתן האָט אַוודאי אַמאָל אַרײַנגעקוקט אין מורה־נבוכים און אין שער־היחוד און ער פֿאַרשטייט אַ שטיקל חקירה, אָבער אין תּוך גענומען איז אים דאָס גאָרנישט נוגע. דער חילוק צי די וועלט איז אַ קדמון צי זי איז באַשאַפֿן געוואָרן אין אדם־הראשונס צײַטן, איז נאָר דער, אַז דאָס זאָגט אַריסטו און יענס זאָגט דער רמב״ם, און אין תּוך גענומען איז סײַ־ווי־סײַ דאָ נאָר איין וועלט און דער פּועל־יוצא דערפֿון איז קיין נפֿקא־מינה נישט. דאַרפֿן דאַרף מען נאָר וויסן די דעות אויף טשיקאַוועסט. יעקבֿ־נתן וויל זיך קיינמאָל נישט לאָזן אָפּנאַרן און ער איז נאָך קיינמאָל נישט דערגאַנגען אַ זאַך ביזן דנאָ. ער וויל קיינעם נישט טאָן קיין שלעכטס און האָט נאָך קיינעם נישט געטאָן קיין טובה. ער פֿאַרשטייט נישט דעם טעם פֿון טאָן אַ טובה, פֿון רחמנות, פֿון חסד און פֿון נאָך אַזוינע זאַכן, און פֿונדעסטוועגן רעדט ער פֿון מידות און ווייסט פֿון די שמונה־פּרקים. ער האָט קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן זיך קיין דין־וחשבון פֿון אַ זאַך און האָט שטאַרק ליב צו רעכענען וועגן יענעם. מען קען נישט זאָגן, אַז ער איז אַ בעל־רכילות, אָבער אַז ער רעדט וועגן יענעם איז דאָס נישט לטובתו. צו איטלעכן מענטשן זאָגט ער „דו״ און רעדט אַ סך מיט ייִנגלעך. אַז עס קומט אַ פּאָקנטרעגער, איז יעקבֿ־נתן דער ערשטער וואָס דרשנט וועגן אים און טאַפּט בײַ אים אויס אַלע ספֿרימלעך און ער האָט כּל ימיו נישט געקויפֿט קיין ספֿר. קיין שום שיטות האָט ער נישט געהאַט און אײַנגערעדט האָט ער זיך, אַז ער האָט זיך זײַן דרך. מיט אים זיך צו שפּאַרן וועגן אַ זאַך איז געווען אוממעגלעך, און אַן עקשן איז ער נישט געווען. מאָרגן האָט ער שוין געקענט זאָגן פֿאַרקערט. אַז עס איז אים נאָר אַזוי אויסגעקומען. אַוודאי האָט ער געוואָלט מער פֿאַרשטיין פֿאַר אַלע מענטשן און וואָלט קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז עס איז דאָ איינער, וואָס פֿאַרשטייט מער פֿאַר אים און ווייסט מער פֿאַר אים, אָבער דאָס איז נישט געווען גלאַט גאווה און נישט לשם זיך איבערצונעמען. עס איז אים געווען קלאָר, אַז אין יעדער שטאָט מוז זײַן איינער, וואָס פֿאַרשטייט מער פֿאַר אַלע און וואָס האָט אַ גרעסערן שכל פֿאַר אַלע, און אויב עס איז אַזוי, איז דאָס, אין דער שטאָט וואו ער וואוינט, יעקבֿ־נתן, און נישט קיין אַנדערער.

מיינט איר אַז אַזאַ מענטש גלייבט אין טויט, צי ער גיט אַ טראַכט וועגן דער צייט, וואָס מען הערט אויף צו זיין? אָסור! ער קען זיך נישט אויסמאָלן זיין שטאָט אָן זיך. און אַז עס שטאַרבט עמעצער, שטאַרבט דאָך אַן אַנדערער און נישט ער. פון צרות־ישראל רעדט ער אויך, אָבער דאָס אַרט אים ווייניקער פון טבעיות. אַז עס איז יידן שלעכט, דאָס פאַרשטייט איטלעכער און וועגן דעם קען שמועסן אַפילו אַ יידענע, אָבער נישט יעדערער קען שמועסן פון טבעיות; און די טבע אַליין איז נאָר אַ טפל צום שכל פון דער טבע. איין וואָרט האָט ער שטענדיק געהאַט אין מויל און דאָס איז געווען „מושכל ראשון״. און אַז ער האָט דאָס אַרויסגעלאָזן פון מויל, האָט ער גוט געוואוסט, אַז גערעכט איז ער און נישט יענער; און וואָלט דאָס פאַסירט, אַז ער זאָגט, וואָס יענער זאָגט, און יענער זאָגט, וואָס ער זאָגט, וואָלט ער ווידער געווען גערעכט, וואָרים ביי אים אין מויל באַקומט די זאַך דעם מושכל און דעם עיון. פון עיון האָט ער שטאַרק געהאַלטן, נאָר איז ביי אים עיון נישט געווען דער טייטש זיך צו פאַרטיפן אין אַ זאַך, נאָר דאָס, וואָס עס בליצט דורך אינעם קאָפּ וועגן אַ זאַך. אים האָבן געקענט יונגעלייט זאָגן אַ שטיקל גמרא, וואָס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן און באַלד האָט ער געזאָגט דעם מהרש״א דערצו. בטבע האָט ער תמיד געזאָגט ליגן און בשעת־מעשה האָט ער געמיינט, אַז ער זאָגט דעם אמת.

אין שטאָט האָט הינטער זיין פלייצע קיינער פון אים נישט געהאַלטן, און להיפוך, אַז ער איז געווען דערביי, האָט מען פאַר אים געהאַט דרך־ארץ. ביי קיינעם איז ער נישט געווען באַגלויבט אויף אַ הלוואה, און פונדעסטוועגן, אַז ער האָט געבעטן אַ דרייערל, האָט מען אים געליען. עס איז קיינער נישט געווען אין שטאָט, וואָס וואָלט נישט געוואוסט, אַז יעקב־נתן האָט נישט פאַרדינט און פונדעסטוועגן איז ער נישט געווען נחשב פאַר קיין קבצן. נאָך יעקב־נתנען האָט מען נישט געבענקט, וואָרים ער האָט דאַקוטשעט מיט זיינע חקירות, און פונדעסטוועגן איז מען גע־ווען פריילעך, אַז ער איז געקומען. ער האָט גאָר געקענט אַמאָל אויספירן אַ שידוך, און אַז איר וואָלט אים געזאָגט אַז ער איז אַ שדכן, וואָלט ער אייך געלאַכט אין פנים אַריין. ער האָט צוויי איידעמס און צוויי זין און אַלעמאָל האָט ער געהאַלטן אַלץ פון אַן אַנדערן. וואָס אים איז געווען געפעלן אויף אַן אמתן, איז געווען זיינס אַן איייניקל אַ מיידל בריינע; זי האָט געלערנט חומש און דאָס איז געווען דאָס אייניציקע, וואָס ער האָט געליבט.

פֿון רביים האָט ער נישט שטאַרק געהאַלטן, דאָס באַדאַרף איך אייך נישט זאָגן; נאָר פֿון איין רבין האָט ער יאָ געהאַלטן, וואָס ער האָט פֿאַרשטאַנען דעם שכל פֿון מילן און וואָס פֿלעגט ריסעווען פֿאַר זיינע חסידים דעם פּלאַן פֿון מילן. אַז ער האָט זיך דערוואוסט פֿון יענעם רבין, וואָס ער האָט געפֿונען ביי אַ ברעג פֿון ים דעם חילזון, איז ער געווען אויסער זיך און האָט דערפֿון געשמועסט אַ יאָר נאָכאַנאַנד, כאָטש ציצית זיינען אים נישט געלעגן אין זינען און ער וואָלט זיך געקענט באַגיין אָן זיי, אַז יידן וואָלטן דאָס נישט געטראָגן.

אַז יעקב־נתן האָט זיך דערוואוסט, אַז איין מחזור צו נעילה זיינען דאָ נעבן אַנאַנדער פֿיר שטיקלעך, וואָס הויבן זיך אָן מיט די ווערטער: יה הנקרא אלהים טבע, האָט ער נאָר געהאַט די התפּעלות, אַז ער ווייסט פֿון דעם און קען דאָס וועגן במאָזני־ההגיון. אין האַרצן האָט אים אלהים געלאָזן קאַלט ווי די טבע. אַז גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, קען מען פֿאַרשטיין, און אַז אַלץ קומט פֿון דער טבע קען מען דאָס אויך על־פּי־חקירה פֿאַרשטיין. פֿון דוד המלך מוז מען אַוודאי האַלטן, אָבער וואָס איז ער קעגן דעם רמב״ם? וואָס זנאַטשעט רש״י מיט זיין ווייבערשער נשמה קעגן רלב״ג? און מיינט איר, ער האָט געהאַט התפּעלות פֿאַרן רמב״ם און רלב״ג און נאָך אַזעלכע? ניין, אַז עס וואָלטן נישט געווען קיין חוקרים, וואָלט דאָך יעקב־נתן נישט געהאַט זיך וועגן וואָס צו חקרנען. דער טוחן מוז האָבן ווייץ, אַ מענטש וואָס האַנדלט מיט תבואה, מוז האָבן קאָרן, און פֿאַר יידן ווי יעקב־נתן באַדאַרפֿן צו זיין חוקרים. אַז עס גייט אונטער די זון און עס ווערט נאַכט, צינדט מען אָן אַ ליכט; אָבער אַז עס וואָלט נישט געווען קיין הגיון, וואָלט דאָך יעקב־נתן נישט געהאַט דעם יתרון.

אַזוי איז יעקב־נתן געוואָרן אַ בן־ששים און איז געוואָרן נאָך גרויער; מען הויבט שוין אָן אַריינצוגיין אין די שבעים און ער איז ווי ער איז געווען. ער זאָל דאָס געבן אַ טראַכט וועגן ערב שמשי... יאָ, די זון אַליין און די לבנה און די שטערן זיינען דאָך נאָר דאָ לשם־תכונה.

וואָס אים האָט געפֿעלט אין גלות — און דאָס איז געווען די איינציקע זאַך, וואָס ער האָט אין דעם געזען אַ חילוק פֿון היינט צו אַמאָל, ווען יידן האָבן נאָך געהאַט זייער לאַנד — איז געווען וואָס מען בענטשט ראש־חודש ווי עס שטייט אין לוח, און וואָס מען מאַכט נישט מער דעם קידוש החודש. דאָס האָט אים כּל־ימיו געאַרט, ביז ער איז געשטאָרבן און מען האָט באַגראָבן דעם טויטן מושכּל אויפֿן בית־עולם.

# זיידע

זיין טאַטע ישׂכר־בער איז געווען אַ ייד, וואָס איז כּל־ימיו געזעסן אין אַ דאָרף, אָן אַ פּיצל נשמה פֿון אַ דאָרפֿס־יידן. עפּעס פֿאַר פֿערציק יאָר איז אים געווען באַשערט חתונה צו האָבן אין אַ דאָרף; און אַז ער איז אָפּגעזעסן זיינע זעקס יאָר קעסט און דער שווער איז געשטאָרבן, איז ער אַליין געבליבן אין דאָרף. דאָרט האָט ער געהאַלטן אַ קלייטל, געהאַנדלט מיט תבואה און מיט האָלץ, אַמאָל פֿלעגט ער פֿאַרקויפֿן אַ קצב אַ שטיקל סקאָט, וואָס ער האָט אויסגעהאָדעוועט; אָבער אַליין אין האַרצן איז ער געבליבן אַ תּהילים־זאָגער, אַ משניות־לערנער, צי גאָר אַ שטיקל בעל־תּפֿילה, אַז ער פֿלעגט קומען אין שטאָט אַריין.

ביילע, זיידעס מאַמע, האָט צום טאַטן, ישׂכר־בערן, נישט אַזוי געפּאַסט. ביילע איז געווען העכער פֿון אים מיט אַ קאָפּ און אַ יידענע וואָס נאָך אין די שפּעטערע יאָרן האָט מען געזען, אַז זי איז אַ שיינע. אַז זי איז געווען אַ מיידל, האָט זי אין זינען געהאַט גאָר אַן אַנדער חתן, אַ מענטש, וואָס האָט געדינט אין גאָראָלניע; חתונה געהאַט האָט זי מיט ישׂכר־בערן, וואָס אויב זי וואָלט זיך נישט געשעמט פֿאַר זיך — אַ יידענע מיט פֿינף קינדער — וואָלט זי זיך מודה געווען, אַז בסך־הכּל איז ער איר נישט ליב.

איר גאַנצע נחמה איז געווען זיידע, איר עלטערער זון, און דעם האָט זי מחנך געווען אויף איר דרך. נאָר נישט אַן איינגעבויגענער ייד, ווי דער טאַטע, האָט זי זיך געזאָגט. און אַז עס איז געקומען די צייט, אַז ער האָט שוין געקאָנט אַ ביסל עברי און מען האָט געזאָלט אָנהויבן מיט אים חומש, האָט זי זיך מישב געווען און אָוועקגעפֿירט אים אין אַן אויעזדנע גאָראָד, נישט אין דעם שטעטל, וואָס איז לעבן זייער דאָרף; דאָרט האָט זי אים געדונגען קעסט ביי אַ קרוב, וואָס איז געווען אַ שטיק היינטיקער, און מען האָט אָנגעהויבן מיט אים לערנען רוסיש. ישׂכר־בער האָט געמיינט, דער רוח נעמט אים, וואָרים בסך־הכּל האָט ער

פֿיינט געהאַט דעם נייעם דור מיט אַלע זיינע קענטעניש, אָבער ביי זיין ווייב ביילען האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט די דעה.

זיידע האָט זיך אַ לאַנגע צייט פּריגאָטאָוועט און פּריגאָטאָוועט, און דערנאָך איז ער מיט מי אָנגעקומען אין דער נאָראָדנע אוטשילישטשע. אין איטלעכן קלאַס איז ער געזעסן צו צוויי יאָר, וואָרים דאָס לערנען איז געווען שווער און דער מוח איז נישט געווען דער גוטער; דערפֿאַר אָבער איז ער שטאַרק געוואַקסן, און אַז ער איז געקומען אויף יום־טוב אַהיים, האָט מען אים פּשוט נישט דערקענט. געטראָגן האָט ער אַ קורץ רעקל מיט מעשענע קנעפּ, אַ היטל מיט אַ לעדערנעם דאַשעק און אויסגעזען האָט ער, גאָרנישט ווי אַ יידיש יינגל.

ביילע האָט זיך אַוודאי געפֿרייט, אָבער די פֿרייד איז נישט געווען אָן אַן עגמת־נפֿש. זי האָט זיך געטראַכט אין האַרצן, וואָס וועט זיין דער סוף פֿונעם לערנען? אַז ער זאָל ווייטער שטודירן, האָט מען נישט פֿון וואַנען, און ער אַליין האָט אויך נישט קיין חשק דערצו... אַז עס קומט אַריין אַ שיקסל, גייט ער צו צו איר און גיט איר אַן קונצן אַ קניפּ אין באַק. אַ מאַמע אַז זי זעט דאָס, האָט דערפֿון שטאַרקע יסורים.

און אַז זיידע האָט אויסגעלערנט און טאַקע געקאַנטשעט די דריי קלאַסן און איז געקומען אין דאָרף אַריין שוין אויף שטענדיק, האָבן זיך אָנגעהויבן די אמתע דאגות. אַ האַלבער געקאַנטשעטער קאָן אַוודאי נישט העלפֿן דעם טאַטן ביים מעסטן ווייץ, צי דער מאַמען ביי די בהמות, און אַזוי' ווערט מען אַ פּוסטעפּאַסניק. די ביכער ליגן און שימלען, און ווען מען האָט תּהילת נאָך געשאַנעוועט דעם טאַטן, זיך געוואַשן צום עסן, זיך געזעצט פּרייטיק צו נאַכטס צום טיש, האָט דאָס נאָכדעם אויך אויפֿגעהערט; מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, אַן אמתער משומד.

אין האָראָדיטש, אין דעם שטעטל נעבן דעם דאָרף, האָט מען געמיינט, אַז אַזוינער וועט ווערן אַ שרייבער אין אַ וואָלאָסט און וועט כאַטש פֿאַרדינען אַ קערבל. צונעמען אַ ייד אויף אַזאַ שטעלע האָט מען אָבער נישט געוואָלט; און די טבע איז געווען פֿון זיידען זיך נישט צו שטופּן, נישט עפּעס וועלן צו דאָסטיגאַיען. זיין שטייגער איז געווען צו שלאָפֿן שפּעט ביז צען אַזייגער, דערנאָך אויפֿשטיין, זיך פּאַוואָלענקע וואַשן און זייפֿן. נישט נאָר פֿרייטיק, נאָר אַלע טאָג, פּוצן די שטיוול און דעם סורדוט, איבערבייסן און אַוועקגיין ביז צום אָנבייסן. דאָס איז געווען זיין טועבץ אַלע טאָג. און דאָ איז מען געוואָרן איין און צוואַנציק

יאָר און מען האָט די טריפֿהנע הצלחה אַרויסצוציען אַ גרויסן נומער און בלייבן אין דער היים.

וואָלט ער כאָטש געטראַכט חתונה צו האָבן און צו נעמען אַ ווייב און ווערן אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, אָבער דאָס אויך נישט. זיידע איז שוין אַלט געוואָרן פֿינף און צוואַנציק יאָר און איז נאָך אַלץ אַ בחור. עס גייט אים דער זעקס און צוואַנציקסטער יאָר, דער זיבן און צוואַנ־ציקסטער, און מען איז אַכט און צוואַנציק, באַלד דרייסיק, און אַלץ קיין תכלית נישט. אַז ער איז געקומען אין שטעטל אַריין, האָט מען אויף אים געטייט מיט די פֿינגער...

ישכר־בער, דער טאַטע, האָט נישט געטאָרט אויסרעדן אַ וואָרט, צו אים גאָר עפּעס זאָגן. אין דער פֿרי, בעתן דאַווענען און קיינער איז נישט געווען אין שטוב, פֿלעגט ער געבן אַ שטאַרקן געוויין: דער שברון־לב צו זיין דער טאַטע פֿון אַזאַ זון, וואָס עסט פּשוט קאַלבאַס און איז שוין גאָר קיין ייד נישט, איז נישט קיין קלייניקייט. אָבער אַפֿילו ביילע, וואָס האָט תמיד געהאַלטן מיט איר קינד — איר האָט געהערט אַ קינד, אַ בחור פֿון דרייסיק יאָר! — האָט אויך געהאַט אַ ווייטיק אין האַרצן. אַוודאי איז ער אַ גוט קינד, האָט זי געטראַכט ביי זיך, אָבער ער האָט נעבעך נישט קיין מזל.

מענטשן האָבן איר געזאָגט, אַז ס׳וואָלט געווען בעסער, אַז ער וואָלט געבליבן אין אויעזדנע גאָראָד, דאָרטן וואָלט ער זיך געקאָנט צושלאָגן צו אַ שטעלע; עפּעס מוז ער דאָך אָנהויבן צו ווערן פֿאַרדינען. זיידע האָט אָבער גאָרנישט געוואוסט פֿון עצם פֿאַרדינען. און אַז ער האָט געפֿאָלגט און איז געפֿאָרן אין שטאָט אַריין כלומפּערשט זוכן אַ דאַלזשנאָסט, זיינען נישט אַוועק קיין זעקס וואָכן, ביז ס׳האָט אים גע־צויגן צוריק פֿון שטאָט אין דאָרף אַריין... איר וועט מיר נישט גלויבן, אָבער עס האָט אים אויך געצויגן צו דער מאַמען... אָט דער גרויסער און געזונטער מענטש, מיט דער געשוירענער באָרד, האָט געבענקט נאָך דער מוטער. אַז ער איז געקומען אַהיים און די מאַמע האָט פֿאַר אים געגרייט צום טיש צו דער וועטשערע — דער טאַטע איז נישט געווען — און ער האָט זיך געזעצט עסן, און זי האָט זיך אַנידערגעזעצט קעגן אים, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויףביידע הענט און געקוקט ווי ער עסט, איז אים געגאַנגען איבערן האַרצן. רחמי־אם איז אַ געפֿיל, וואָס מאַכט אַפֿילו ווייך אייזן...

ויהי היום, האָט ישכר־בער געהאַט יאָרצייט און ער האָט געדאַרפֿט מאַכן אַ מנין אין דאָרף; האָט ער צונויפֿגערופֿן ניין יידן פֿון די דערפֿער, — ס׳איז אַ חרפה צו זאָגן, דעם אייגענעם זון קאָן ער נישט מצרף זיין צום מנין. — אַלע ניין יידן זיינען געקומען און האָבן אָנגעטאָן די טליתים און האָבן זיך אַנידערגעשטעלט דאַווענען. זיי שטייען און שאָקלען זיך. דאָ קומט צולויפֿן אַ שייגעץ און גיט אַ קוק דורכן פֿענצטער. אַזוינס האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען. אַוודאי איז ער באַלד צוגעלאָפֿן צו אַן אַנדער שייגעץ און אים אויך געוויזן די יידן, וואָס שטייען און שאָקלען זיך... און דאָס שייגעצל האָט אויף קאַטאָוועס געכאַפּט אַ שטיין און עס אַריינגעוואָרפֿן אין פֿענצטער אַריין. די יידן האָבן זיך דערשראָקן, און איינער איז אַרויסגעלאָפֿן און האָט געוואָלט כאַפּן דעם שייגעץ. אָבער באַלד זיינען אַרויס פֿון די כאַטעס אַלע גויים, וואָס האָבן ביז אַצינד קיינמאָל נישט געטשעפּעט ישכר־בערן און וואָס פלוצים האָט זיך אין זיי דערוועקט די שנאה; זיי האָבן זיך געוואָרפֿן אויף די יידן און האָבן אָנגעהויבן שלאָגן מכות־רצח. מאָלט אייך אויס, דאָס גאַנצע דאָרף גויים וואַרפֿט זיך אויף אַ מנין דאַוונענדיקע יידן! ישכר־בערס שטוב איז שיער נישט צעטראָגן געוואָרן. אָבער דאָ האָט זיידע געוויזן, וואָס ער קאָן. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט קעגן די גויים מיט אַזאַ גבורה און האָט אָנגעהויבן אַריינצושיטן אין זיי אַזעלכע מוראדיקע קלעפּ, אַז זיי האָבן געזען, אַז אים וועט מען נישט מנצח זיין. ווי אַ לייב האָט ער געקעמפּט קעגן די פֿיינט און זיי זיינען זיך פֿאַנאַנדערגעלאָפֿן...

אַזוי האָט זיידע, דער פּוסטער בחור, געראַטעוועט פֿאָטער און מוטער, געראַטעוועט די שטוב, געראַטעוועט די יידן און געראַטעוועט דעם ספֿר, וואָס מען האָט אים געבאַרגט אין שטעטל.

אָט דאָס מאָל האָט ישכר־בער און אַלע יידן זיך דערוואוסט, אַז מיט גאַלע משניות־יידן אַליין און לערנערס קומט מען נישט אויס; אַז אויך אַזוינע זיידעס קומען אַמאָל דעם כלל שטאַרק צוניץ.

# די בני־שמעון און די בני־לווי

פֿאַרצייטן האָט געלעבט אין רוסלאַנד אין אַ שטאָט אַ ייד, וואָס האָט געהייסן אַברהם. אַברהם יונהס, אַ שטילער און אַן ערלעכער ייד, וואָס האָט זיך געהאַט חיונה און איז זיך געגאַנגען נאָך זיינס. און געהאַט האָט ער צוויי זין, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אַ צווילינג, און מער האָט ער שוין קיין קינדער נישט געהאַט. איין זון האָט געהייסן שמעון און דער אַנדערער האָט געהייסן לווי; און בײדע זיינען זיי געוועזן פֿון איין גרויס און געלערנט האָבן זיי ביי איין מלמד, און בײדע האָבן זיי אין איין צייט חתונה געהאַט און מיטן גלייכן נדן. און בײדע האָבן זיי געהאַט קינדער און אָנגעהויבן צו האַנדלען, טאַקע דעם אייגענעם מיסחר פֿון זייער פֿאָטער; אָבער דער פּועל־יוצא איז געווען גאָר פֿאַרשיידן! שמעון האָט באַלד אין אַלעמען מצליח געווען און לווי האָט אָנגעוואוירן דעם נדן, דערנאָך זיך איבערגעדרייט און ווידער פּלאָטשיק, און זיך אָנגעהויבן מוטשען. דאַכט זיך האָט ער דאָך דעם אייגענעם שכל, וואָס זיין ברודער און טאָן טוט ער דאָס אייגענע, און פֿונדעסטוועגן גיי שריי חי־וקים, אַז עס גייט נישט און עס וויל נישט גיין. מען מוז גלויבן, אַז עס איז דאָ אַ מזל, און דאָס מאַכט דעם איינעם גרויס, דעם אַנדערן — קליין. שמעון איז שוין געשטאַנען ביי די צוואַנציק טויזנט רובל און נאָך מער, און זיין נאָמען וואַקסט און ער שפּילט שוין די גרויסע ראָלע; לווי אָבער קאָן גאָרנישט דערגרייכן, כאָטש ער אַרבעט איבער די כּוחות און טוט אַלץ, כּדי צו קומען צו אַ מעמד.

ס׳איז געקומען אַזוי, אַז כאָטש מען האָט געלעבט צווישן זיך נישט שלעכט און קיינמאָל האָט מען זיך נישט געקריגט, צי אַפֿילו נאָר זאָגן איינער דעם אַנדערן אַ קרום וואָרט — מען איז דאָך בײדע טאַטנס קינדער און נישט אַן מידות — האָט מען זיך אָנגעהויבן מרחק צו זיין; און צווישן די ווייבער — וואָס כּידוע, קאָנען זיי נישט פֿיל האַלטן אין זיך — איז טאַקע געוואָרן אַ שטיקל שטילע שנאה. לוויס ווייב איז נישט

וויניקער אײדל פֿון שמעונס ווײב, פֿאַרקערט, זי קומט נאָך אַרויס פֿון אַ גרעסערן יחוס, — איז פֿאַרוואָס קומט יענער זיך באָדן אין עשירות און איר נישט? פֿאַרוואָס קאָן זי נישט אַזוי וואוינען ווי יענע און אַזוי אַרויסגיין ווי יענע? אַוודאי האָט יענע ביי איר נישט גענומען; פֿאַרקערט, וואו שמעון קאָן נאָר, שאַרט ער לווין צו אַ פֿאַרדינסט, און וועט אים קיינמאָל נישט אָפּזאָגן אין אַ בקשה, אָבער לווי בעט נישט... בעסער וועט ער מי־יודע וואָס טאָן, אָבי נישט אָנקומען צום ברודער. און שמעון פֿאַרדינט געלד, פֿון דער אַלטער שטאָט האָט ער זיך אַריבערגעקליבן אין דער נייער שטאָט און געקויפֿט אַ מויער; אַ שידוך געטאָן מיט אַ קינד מיט אַ גרויסן גביר אין קיר״ה. און לווין גייט שלעכט און דער מוח זיינער טריקנט אים אויס פֿון דאגות. אין שטוב מוז מען זיך פֿירן באַלעבאַטיש, מיט אַ שטיקל דינסט, מען איז דאָך שמעונס אַ ברודער און פֿאַר לייטן קאָן מען נישט אויפֿדעקן אַלע לעכער; פֿונדעסטוועגן ווייסט איטלעכער דעם אמת און מען הערט נישט איין מאָל זאָגן: לווין איז נעבעך נישט גוט און ער מוז זיך נעבעך מוטשען. און טוט מען אַ קלער וועגן די דרכים פֿון רבונו של עולם, פֿאַרשטייט מען אויך נישט: פֿאַרוואָס גיט ער איינעם צו פֿיל און דעם אַנדערן צו וויניק? פֿאַרוואָס מוז שמעון אין אַלעמען מצליח זיין און ביי לווין איז פּונקט פֿאַרקערט?

און דאָ האַלט שמעון ביי די מאה־אלפֿים, און אַ יש־אומרים גאָר ק״ן אלפֿים. ער טראַסקעט אויף אַלע כלים און פֿאַרט אַרויס, ווי אַ שררה; און לווי ציט פֿון זיך ממש די הויט, אָבי צו דערהאַלטן די שטוב. און דאָ וואַקסט אַריין אין מיידל נאָך דער אַנדערער. אַלע זיינען זיי, קיין עין־הרע, געראָטן און מיט אַלע מעלות. אָבער ווי גיט מען זיי אויס? דאָס טראַכטנדיק, טרייסלט זיך ביי אים דער מוח. און דבורהלע, די עלטערע און די שענערע, איז שוין אַלט דריי און צוואַנציק יאָר. און זי וויל גאָר אָנהויבן נייען פֿאַר אַנדערע און פֿאַרדינען און העלפֿן טאַטע־מאַמע; אָבער לווי וועט זיך לאָזן באַגראָבן לעבעדיקערהייט, איידער דאָס צו־צולאָזן. און די מוטער, אַז זי זעט צו ווי איר טאָכטער זיצט פֿאַרנאַכט ביים פֿענצטער און זינגט פֿאַר זיך אַ שטיל לידל, גיט זי גאָר אַ וויין.

און קיינמאָל איז נישט געקומען קיין שינוי אין לוויס מצב. זאָגט מען דאָך עס איז אַ וועלט מיט אַ גלגל־החוזר. זאָל זיך דאָס רעדל כאָטש איין מאָל אַ דריי טאָן אויף צוריק. ניין, עס איז ווי אַ גזר־דין מן השמים!

און האָט שוין לווי יאָ חתונה געמאַכט די קינדער — ביי יידן בלייבט מען נישט זיצן — האָט זיך ביי זיי אויך אַזוי אויסגעלאָזט ווי ביי אים. זייערע מזלות זיינען געווען געניית נאָך דער אייגענער מאָס, ווי זיין מזל, און מען קאָן דאָס נישט מאַכן אַנדערש, כאָטש גיי דראַפּע זיך אויף די גלייכע ווענט.

און אַזוי איז דאָס געבליבן אויף אַלע צייטן. שמעון און לווי זיינען שוין לאַנג געשטאָרבן, אָבער זייער שאָטן איז געבליבן נאָך פון יענער זייט קבר. די בני־שמעון, זיי און זייערע קינדער, זיינען תמיד געווען די גבירים פון שטאָט, און איטלעכער, וואָס איז אַריינגעקומען אין זייער משפחה, האָט מצליח געווען; און די בני לווי האָבן זיך כל־ימיהם געמאַטערט און אַפילו איינער פון זיי איז נישט דערגאַנגען צו אַ רעכטן מעמד. די בני־שמעון האָבן געוואוינט אַלע אין דער נייער שטאָט, איינ־איינעם מיט די דאָקטוירים און אַפּטייקערס; און די בני־לווי זיינען אַלץ געזעסן אין דער אַלטער שטאָט אין קליינע הייזלעך און קיינמאָל איז זיי נישט אויפגעגאַנגען די זון.

אָט דאָס זאָגט דער פסוק: ושני גוים בבטנך!

# לייבוש־מאיר קאָכלעפל

לייבוש־מאיר איז געווען אַ ייִד מיט אַ געלער באָרד און אַ שטאַרקן האַלדז און אין גאַנצן אַ באַלייבטער. אין קליידן זיך איז ער נישט געווען דער גרויסער מקפּיד: ער האָט געקאָנט אָפּטראָגן אַ קאַפּאָטע אַ סך יאָר כּסדר; דערפֿאַר אָבער האָט ער געהאַלטן פֿון עסן. ער האָט ליב געהאַט פּופּיקעס, לעבערלעך, געפּרעגלטע העלדזלעך און דאַרע קישקע; און טאַקע אַריינטאָן אַ סך פּעפּער, אַז עס זאָל ברענען און מען זאָל קאָנען דערנאָך פֿאַרטרינקען מיט ניינציקער, און פֿונעם גאַנצן שטאַרק הנאה האָבן... געהערן האָט ער געהערט צו די באַלעבאַטים פֿון שטאָט, און געוואוינט האָט ער באַלעבאַטיש מיט מעש און פֿיינע בענקלעך; אָבער געהאַט האָט ער קיינמאָל נישט זיין אייגנס אַ זעקסער, און אַ רעכטן מיסחר האָט ער אויך נישט געטאָן. וואָס איר ווילט, איז ער געווען: אַ מוכר־תּבואהניק, אַ מבֿין אויף וואַלד, אַ שליש, אַ מעקלער, אַ דרייער, אַמאָל גאָר אַ שדכן ביי נגידים, אָדער אַ שליח־מיוחד צו אַ גרויסן ענין. אין אַלעמען האָט ער געוואוסט און צו אַלעמען האָט ער געטויגט. וואו עס זיינען געשטאַנען צוויי, איז ער געווען דער דריטער. דאָ גלייכט ער אויס מענטשן; דאָ רעדט ער רכילות און טראָגט אַריין אַ שנאה צווישן גוטע פֿריינט. איז אַ מחלוקת צווישן דעם רבֿ און די שוחטים, איז ער אויף ביידע צדדים... קריגט זיך די קלויז מיטן בית־מדרש, איז ער תּמיד דער הויפּט טוער און דערנאָך מאַכט ער אַליין שלום. אויף חתונות און אויף בריתן איז ער אַוודאי אַ בעלן. דאָ גייט ער גאָר מיטן רבֿ קלייבן געלט אויף מעות־חטים, גיט אַליין צוויי קערבלעך און דערוויל באַרגט ער צען... אין אַלע קלייטן איז ער שולדיק, ביי אַלע ווייננשענקערס האָט ער קאָנטע; און אויף אים זאָגט דער פּסוק: ער וועט אייך קיינמאָל נישט לייקענען און קיינמאָל נישט באַצאָלן. אין גאַנצן אַ גוטער ברודער, אַ שטיק לץ, האַלט מיט משכּילים און מיט חסידים אינאיינעם. קען אַ סך נייס און ווייסט צו דערציילן פֿון פּריצים און גרויסע שטעט... דאַכט

זיך, ער שאָקלט איך צו מיטן קאָפּ, און פֿונדעסטוועגן זייט איר דער נאַר און ער — דער קלוגער. אַן אמתער שובעניק און אַ לעבעדיקער יונג. זיצט נישט איין אַ מינוט אויף אַן אָרט. שטעקט אומעטום, ווייסט פֿון אַלע סודות, האָט ליב צו זאָגן אַ ניבול־פּה, דערציילן ווערטלעך. מיטן פּריסטאַוו איז ער אויך אַ קנעפּל, כאָטש מיט רוסיש הינקט עס ביי אים אַ ביסל, אָבער אַזוינער קומט ביי נאַטשאַלסטווע צוניץ... זעצט מען איינעם אַריין און מען דאַרף אים אַרויסנעמען, פֿאַרשטייט מען זיך אויפֿן וואונק. און גלאַט אַזוי הייסט ער איינעם ברענגען דעם פּריסטאַוו אַ היטל צוקער, דעם — אַ פֿונט טיי; און איז גאָר אַ האַרבע שאלה, נעמט ער אויף צו כּלומפּערשטן אַליין אַ דרייערל... הײַנט זעט מען אים שטיין מיטן אוריאַדניק, מאָרגן טרינקט ער ביים גלח טיי. אַפֿילו צום פֿאַמיעש־טשיק האָט ער אַ צוטריט. אַז מען וויל בויען, איז ער אַ מאַכער אויף צו באַקומען דעם פּלאַץ. קומט דער סאָוויעטניק וועגן בלעטלעך אויף קלייטן, איז ער דער שליח; און קומט, להבדיל, אַ רבי אין שטאָט אַריין, מוז ער זיין פֿון 'די ערשטע צען און גיט עצות. און אַז עס קומט אין מיטן אַ מסירהלע, איז ער טאַקע דער, וואָס פֿאַרגלעט און זאָגט דעם רבין: האָט קיין מורא נישט, איך נעם אַלץ אויף מיר. ביי אים איז נישטאָ בטל צו ווערן, צו פֿאַרלירן דעם קוראַזש. אָבער דערפֿאַר אַליין, ווייל ער מאַכט דאָס אַן גאווה, איז ער אומעטום אַן אַנגעלייגטער גאַסט, כאָטש תּמיד איז ער דער נעמער און נישט דער געבער...

ביי אים איז אַפֿילו נישטאָ דער געפֿיל: איך האָב נישט קיין געלט, הײַנט מוז איך איך באַצאָלן. וואָס הייסט מוזן? וואָס הייסט נישט האָבן? האָב איך נישט, האָט יענער, ערגעץ איז דאָך דאָ געלט אויף דער וועלט, אַ גאַנצער כּלל איז נישט אָרעם... דאָס איז דאָס; צו אים האָט געהאָט אַ שייכות די גאַנצע שטאָט און פֿון איטלעכן האָט ער אַרויסגעצויגן אַ קערבל, אַז ער האָט באַדאַרפֿט. לייבוש־מאיר האָט טאַקע אַ חלק ביי איטלעכן, דאָס איז שוין ביי אים אַזוי געווען פֿון תּמיד אָן; עס איז דאָך פֿאַראַן אַ רשות־הרבים...

ער גלויבט אין גאָט און טוט פֿון אַלדעם וואָס אַ ייד דאַרף צו טאָן, און פֿונדעסטוועגן איז דאָס אים גאָרנישט נוגע. ער לייגט תּפֿילין, עלעהאַי ער טוט אָן אַ לייבל, און דאַוונען איז ביי אים אַזוי ווי אַ רעדעכץ... און אַז מען וויל, קען ער גאָט גוט אָפּנאַרן און זאָגן אַזוינס, וואָס ווען אַן אַנדערער וואָלט דאָס געזאָגט, וואָלט דאָס געווען אַפּיקורסות... צי

ער איז אַן עם־הארץ, צי אַן איידעלער ייד, ווייסט ער צו ביסלעך און פֿון אַלעמען נישט דערגיין. פֿון אַלעמען ווייסט ער צו ביסלעך און פֿון אַלעמען האָט ער אַ ביסל געגנאַשט, און עס איז אים געגנוג צו הערן דעם נאָמען פֿון אַ שטאָט, כּדי צו ריידן וועגן איר אַ האַלבע שעה. אין קיעוו, אין דער גובערניע, איז ער אויסגעבאָדן, און עס איז אַ סברה, אַז ער איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען... און אַפֿילו לייפּציג, צי בראָד, צי קי־שינעוו, צי כערסאָן, צי די קאַראַאימען אין אָדעס, צי בראָדסקי, וואָס ווייסט ער נישט? און אַז עס ווערט אַ מלחמה, איז ער דער ערשטער ידען און דערקלערט אייך איטלעכס געשלעג מיטן פּיינט. קומט אַרויס אַ נייער אוקאַז, ווייסט ער אייך אַלע פּרטים... פֿון הלכות פּריזיוו איז גאָר נישט צו רעדן. ביי אַ דיעלע, וועגן אַ ירושה, דרינגט ער אייך אויס כּל־מיני אַדוואָקאַטסטווע. און ווער שמועסט אין עניני רפֿואות, אַז גאָט העלפֿט, און עס גייט אַרום אַ שלאַפֿקייט, — ווען אין לאַדיזען וואָלט נישט געווען לייבוש־מאיר, וואָלט איטלעכן געפֿעלט די רעכטע האַנט.

אַזאַ ייד מוז זיין אין שטאָט, עס איז עפּעס אַ מין קיט, וואָס קלעבט צוזאַמען אַ סך מענטשן. פֿאַר לייבוש־מאירן שעמט מען זיך נישט. אים דערציילט מען פֿון אַן ענין־בית, אַן ענין־משפּחה, צי ווען איינער האָט אויף זיך אַ פּעקל, וואָס איז בסוד־סודות, — און אין ענין־שדכנות, וואָס דער שידוך שמעקט שוין גאָר מיט פּאָליטיקע, איז ער אַוודאי דער בעסטער בעל־יועץ און ווייסט שוין וואָס עס פֿירט צו אַן עק. ער איז אַ שטיק ספֿר־הזכרונות און האַלט צו די קלאַמקע ביי דער טיר פֿון יעדער זאַך...

איך מוז אייך אויסזאָגן, אַז לייבוש־מאיר האָט געהאַט אַ ווייב אַ דאַרע און אַ חולנית, און אַחוץ די צייט פֿון אַנבייסן און וועטשערע, האָט ער פֿיינט געהאַט צו זיצן אין דער היים. דאָס האָט אים פֿאַרשאַרפֿט דעם מוח, און דאָס האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ מרוצה־לרבים. — אַז ער איז מער אויף דער גאַס און ביי יענעם, ווי ביי זיך. און אַז ער גייט אויף אַ שמחהלע צי גלאַט אַזוי מיט אַן אויסרייד, כּדי צו פֿאַרזוכן גוטע וואַרעניעס צי קנישעס צי גאָר גריוון און זעצט זיך אַנידער ביי יענעמס טיש, איז ער געהויבן ביז אין זיבעטן הימל. עסן בחברותא איז ביי אים געווען אַ שטיק גן־עדן, און לעבן אויפֿן גאַס — דאָס אייגענע, ווי אַ פֿיש אין וואַסער — דאָס דריידעלע, וואָס מען כאַפּט אין מאַרק, האָט גאָר אַן אַנדער טעם. נישט דאָס געלט איז דאָ דער עיקר, נאָר דער אויפֿטו. ביי אים איז געווען

אַ כראַבראַסט צו מאַכן מיט ליידיקע פֿינגער אַ פּסח מיט וויין און מיט אינדיקעס און מיט כּל־מיני מאכלים־טובים, און גאַרנישט. וואו האָט ער דאָס גענומען? ער ווייסט אַליין נישט, דאָ, דאָרט, ניסים, געליען, גע־באָרגט, פֿאַרדינט, טויזנט פּלאַים און אַזעלכעס האָט ער ליב. וואָלט אים צוגעפֿאַלן אויף איין מאָל אַ ירושה פֿון טויזנט רובל און ער וואָלט נישט באַדאַרפֿט צו דרייען און צו כאַפּן, וואָלט ער געווען אומגליקלעך. ביי אים איז געווען זיין אופֿן צו לעבן, ווי ביים פֿויגל דאָס פֿליען אין דער לופֿטן און ווי ביים טיפֿן לערנער דער „מהר״ם־שיף״...

לייבוש־מאיר האָט געהאַט פֿיר טעכטער: וויטע, ביילע, שיינדל, בראָנע. צו ביסלעך מיאוס און קיין אַנדערע מעלות אויך נישט, נאָר פּשוט גרויסע מיידן, וואָס מען דאַרף זיי מאַכן חתונה און געלט האָט מען נישט צו זיי; און פֿונדעסטוועגן זיינען זיי אַזוי פֿאַרזאָרגט, הלוואַי אויף אַנדערע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן. נדן צוגעזאָגט און נישט געסילוקט אַ גראָשן; מבטיח געווען פֿינף יאָר קעסט און אָפּגעפּטרט מיט אַ פּאָר חדשים; הלבשה און מתנות אַריינגעשריבן אין די תּנאָים, און דער יונגערמאַן האָט שוין אַ האַלב יאָר נאָך דער חתונה געמוזט מאַכן זיין ווייב נייע קליידער; און מיינט איר, ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן, אַז מען האָט אים אָפּגענאַרט? ניין, אסור. לייבוש־מאיר האָט באַוויזן אין די שידוכים פֿון זיינע טעכטער און אין זיין חתונה מאַכן זיי מיט מענער מיט פּרנסה און לייט פֿון שיינע הייזער אַזוינע קונצן און אַזוינע מיני בריהשאַפֿט, אַז ס׳איז באמת געווען צום חידושן זיך. פֿון אָנהויב ביזן סוף איז דאָס געווען אַ מין דרייען, אַ מין איינרעדן, אַ מין יענעם פֿאַרשפּינען מיט טויזנט פֿעדים, און כּלומפּערשט מיט אַ האַרץ פֿון אַ פֿאָטער, וואָס פֿאַר זיין קינד לאָזט ער זיך אָפּשניידן די פֿינגער, און מען דאַרף נאָר צו זיין זיין איידעם, כּדי צו וויסן וואָס פֿאַר אַ גליק עס איז אָנצוקומען אין אַזאַ שטוב ווי זיינע... איר קאָנט אייך נישט אויסמאָלן, ווי אַזוי ער פֿלעגט רעדן מיט זיינעם אַ מחותן און תּמיד רק ברייטלעך. ער, לייבוש־מאיר, נעמט אַלץ אויף זיינע פּלייצעס. די קינדער און נאָר די קינדער, דאָס איז געווען איטלעכס פֿינפּטע וואָרט. און דער מחותנתטעס יויך האָט ער געלויבט אין טאָג אַריין, און פֿון דעם איינגעמאַכטס געלעקט די פֿינגער, און איז דער מחותן אויך געווען אַ קלוגעטשקער און האָט אָנגעהויבן צו מאַכן העוויות און געגעבן אַ רעד מכּוח איינלייגן דעם נדן, — האָט ער גלייך אָנגעהויבן מיט איר, טאַקע מיטן חתנס מוטער, און זיך אָנידערגעזעצט מיט איר

אויף פיר שעה שמועסן און אָנגעהויבן אויסצוהערן פון איר משׁשת־ימי־בראשית אָן; ווי אַזוי זי האָט דעם חתן געהאַט, און ווי אַזוי ס'איז איר תחילת געווען שווער אויפֿן האַרצן, אַז זי איז מיט אים פֿאַרגאַנגען אין טראַגן... און ווי זי האָט אים מגדל געווען און גלאַט אַזוי צרות. און צום סוף לאָזט זי אַרויס אַ טרער... און דאָ האָט לייבוש־מאיר אָנגעהויבן, — די קינדער דאַרפֿן נאָר קומען צו אים, אין זיינע הענט, ער וועט שוין די קינדער שטעלן אויף די פֿיס. וכך־הוה! אַ באַזונדער מזל האָט ער צו זיי געהאַט און זיי אויך. אָן נדן אָנגעהויבן און זיי זיינען שוין בטוחים אין לאַדיזען.

אַזוי איז מען אַ ייד שוין מיט פיר אויסגעגעבענע טעכטער, און מען האָט נישט אַ פּיאַטאַק... און מען לעבט, ווי אַלע מענטשן. און מניה־וביה איז מען שוין געוואָרן איבער פֿופֿציק יאָר, און נייע דורות וואַקסן אויס מיט רוסיש און מיט קענטעניש — און לייבוש־מאיר איז אַלץ דער אייגענער. געבן אַ טראַכט מכּוח יענער וועלט, דאָס האָט ער נישט אין זינען. דערווייל איז מען דאָ און מען דרייט ווייטער... אַזוי האָט לייבוש־מאיר אָפּגעלעבט זיינע פֿינף און זעכציק יאָר אָן אַ גראָשן און אָן גרויסע ירושות און האָט מער געהאַט פֿון דער וועלט ווי אַ סך אַנדערע.

# דער ליגנער

שלום־לייזער, אַ הייסינגער ייד פון דער נייער שטאָט, די גרויליעכע באָרד איז אַ ביסל אונטערגעשוירן. טראָגן טראָגט ער אַ געפּרעסטן קאָל־נער און אַ ריינעם סורדוט, די שטיבלעטן זיינען אַלע טאָג געפּוצט. צו די פרומע געהערט ער נישט, און אַז ער וויל יענעם איינרעדן, אַז ער האַלט לחלוטין מיט די הייגטיקע, ליאַפּעט ער אויף יידן. — אָבער יום־כיפּור צי גלאַט אַזוי אין דער ׳פרי ביים דאַווענען גיט ער אַ שטילן כליפּ. ער קומט אַפילו אַרויס פון נגידים, אַליין איז ער שוין אָבער לאַנג נישט קיין עושר. געלעבט האָט ער כל־ימיו פון דער ירושה, וואָס איז אים געבליבן פון זיין מאַמען. דאָס הייסט, ער האָט אַלץ אויפגעגעסן און האָט פאַרקויפט איין קלייט נאָך דער אַנדערער, דערנאָך דאָס זילבער און דעם ווייבס צירונג, דערנאָך אַפילו דעם גוטן טרויכענעם טולופּ. און די שיינע שטוב, וואָס איז אים נאָך געבליבן מיטן ׳מעבל, איז שוין צען מאָל פאַרזעצט, — הכלל, ער האָט נישט קיין אייגענע האָר אויפן קאָפּ. און גיט אים אַ פרעג, גלויבט ער נישט, אַז אַנדערע האָבן יאָ: אַלע נגידים זיינען פאַרשוילדיקט ביז איבער די אויערן, און די, וואָס האָבן נאָך נישט אַנגעזעצט, וועלן נאָך אַנזעצן. עס איז נישטאָ קיין אמת אויף דער וועלט! יענע יאָרן איז געווען גאָר אַנדערש, געלט האָט מען גע־שאַרט מיט די לאָפּעטעס; און ער אַליין, אַז ער האָט אַנגעהויבן צו האַנד־לען נאָך דער חתונה, האָט ער פאַרדינט אין איין חודש, וואָס ליבערמאַן אין קיעוו פאַרדינט היינט אַ יאָר. אויך די פריצים פון אַמאָל זיינען געווען גאָר אַנדערע פריצים און דער מיסחר איז געווען גאָר אַן אַנדער מין מיסחר. וואָס האָט אים דעמאָלט געפעלט? וואו האָט ער נישט אַנ־געשפּאַרט? הערט אַזאַ מעשה: ער קומט איינמאָל צו פאָרן קיין קיעוו און וואוינט אויפן קרעשטשאַטיק אין אַן ערשטן נומער. קלאַפּט עס אין דער טיר און ווער קומט אַריין? פּאָטאָצקי. פּאָטאָצקי אַליין און זאָגט אים: דיר, שלמה־לייזער, גיב איך איבער דעם גאַנצן צוקער אויף קאַ־מיסיע, פון אַלע מיינע סאַכאַרנע זאַוואָדן. איינמאָל האָט ער מיד־ליד

געכאַפּט לֹמ״ד אַלַפּים קערבלעך פּראָוויזיע. ער פֿלעגט אַזוי פֿיל פֿאַר־דינען, אַז ס׳איז אים נמאס געוואָרן רעכענענדיק... און געפֿירט האָט ער די גרעסטע מיסחרים אָן אַ שרייב־פּענדל און אַלץ אויפֿן קאָפּ. שוין צוריק מיט אַ דרייסיק יאָר האָט ער גערעדט פּויליש און אַלע פּריצים האָבן זיך געחידושט. און ווי איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן! קאָרט אויף אַ סור־דוט פֿון פּופּצן רובל אַן אַרשין, — יאָ, פּופּצן רובל, ווי איר זעט אים לעבן. און זײַן ווייב האָט געטראָגן אַ זײַדן קלייד פֿון דעם אייגענעם זייד, וואָס אפּרתים און בראָדסקים טעכטער האָבן געטראָגן. איר ווייסט נישט, וואָס ער האָט געקאָנט. אַז עס האָט זיך אים פֿאַרגלוסט אַ פּאָר קאַשטאַ־נעס, האָט ער פֿאַר זיי באַצאָלט פֿאַר איטלעכן צוועלף הונדערט רובל. וואָס האָט ביי אים געזונאַטשעט אַ טויזנטער? ווער האָט דאָס געהערט, ווי הײַנט, אַז אַכציק קאָרבאָנצעס זאָלן אויסמאַכן אַ גרויסן פֿאַרדינסט, צי גאָר אַ פֿינף און צוואַנציקער! דעמאָלט האָט ער טאַקע געקאָנט נעמען אַ גאַנצן פּופּציקער און פֿאַרויכערן דערמיט אַ ציגאַר. און טרעפֿט, וואָס ער האָט אַמאָל געגעבן פֿאַר אַ בוטעלקע אונגאַרישן ווײַן אויף אַרבע־כוסות, — דרייסיק קערבלעך, ווי איר זעט אים לעבן.

שלום־לייזער האָט אויך נישט פֿיינט געהאַט אַ ביסל משקה, אַמאָל — אַז ער האָט געקאָנט — גוטע, און הײַנט אַפֿילו שלעכטע... און אַז קיינער האָט נישט געזען, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין קעלער און גע־טרונקען פֿון פֿינף און צוואַנציק גדולים אַ פֿלאַש. און וואָס עס איז מיט אים געגאַנגען אַרונטער, האָט ער אַלץ געזאָגט גרעסערע ליגנס. ווער פֿאַרשטייט ווי ער, אין זאַכן פֿון צירונג, פֿון ברילִיאַנטן און פּערל: האָט דאָך זײַן ווייב געטראָגן פּערל, וואָס זײַנען געווען אַזוי גרויס ווי קליינע האָזענע ניס. פֿאַר אַ פּאָר אוירינגלעך האָט ער באַצאָלט מזומנע פֿינף טויזנט קאָרבן, און אַ סך מבינים האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז נאָך אַ מציאה. הײַנט פּוצן זיך אַלע מיט וואַרשעווער זילבער, מיט אָנגעגילטע קייטן, עס איז דער עולם־השקר אין אַלעמען, וואו איר קוקט אַריין.

דעמאָלט, אַז עס האָט ביי אים געקנאַקט, און זײַן נאָמען איז גע־גאַנגען ווייט איבער פּרײַסן, האָט ער אַמאָל אַ פּאָר געטאָן קיין אונגאַרן. וואָס מיינט איר, וואָס פֿאַראַ שטעט מען זעט דאָרט! ווי די מענטשן גייען אַרום מיט רויטע באַקן און מיט גראָבע טייסטערס. און גיין גייט מען אויף גאָלע ווײַסע שטיינער. וואָס איז אַפֿילו קיעוו קעגן טשערנאָוויץ! האָט איר אַ השגה, וואָס ער האָט דאָרטן געזען און וואָס ער האָט פֿון

דאָרטן מיטגעבראַכט: אַ זייגער, וואָס אַז ער פֿלעגט שלאָגן, האָט ער אָנגעהויבן אַליין צו שפּילן, און אַז עס זיינען אַרויסגעפֿלויגן צוויי פֿויגלען, וואָס האָבן געפּיפּסט, ווי לעבעדיקע...

און מיינט איר, נאָר גוטס, גאָלע גוטס האָט ער געזען אין לעבן? שלעכט איז אים אויך אַמאָל געגאַנגען; עס האָט געהאַלטן אַזוי, ער זאָל פֿאַרלירן אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט. וואָרים ער איז דאָס מאָל געווען שטאַרק פֿאַרקראַכן אין צוקער, און צוקער איז דעמאָלט געפֿאַלן מורא־דיק... אַז ער וואָלט נישט געווען ער, שלום־לייזער, און עס וואָלט גע־ווען אַן אַנדערער אויף זיין אָרט, וואָלט ער צען מאָל געבראָכן דעם קאָפּ. וואָס־זשע טוט ער? ער גייט אַריבער צו הענעכן, און זאָגט אים: העניך, באָרג מיר פֿופֿציק טויזנט קערבלעך אויף דריי חדשים, כּדי איך זאָל קאָנען אַלץ דעקן, און גלויבט מיר, עס זאָל נישט זיין אייער שאָדן. און העניך נעמט און גיט אים די פֿופֿציק טויזנט רובל אָן אַ שום חתימהלע, נאָר אויפֿן וואָרט. ער האָט אַלעמען געצאָלט, און דערנאָך, אַז ער האָט געהאַט כּוח איבערצוּוואַרטן, איז דער צוקער ווידער געשטיגן, און שלום־לייזער איז ווידער פֿון אויבן.

וואָס אים האָט אין לעבן געטראָפֿן! אַמאָל, אַז ער איז געפֿאָרן אויף אַ שליטן אין וואַלד, האָט ער באַגעגנט צוויי וועלף. דער גוי, וואָס איז מיט אים געפֿאָרן, האָט זיך דערשראָקן און האָט נישט געקאָנט זיך רירן פֿון אָרט; ער אָבער האָט אַרויסגענומען דאָס פּעקל שוועבעלעך און האָט אָנגעצונדן אַ סירניקל, זיינען זיי אַנטלאָפֿן!

וויפֿל מאָל איז ער שוין געווען טויט־קראַנק, אַז די דאָקטוירים האָבן זיך פֿון אים מייאש געווען; דריי טעג איז ער געלעגן אָן לשון, און מ׳האָט שוין אָנגעהויבן אים צו באַווייגען, און אויפֿן פֿערטן טאָג איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿריש און געזונט און אַלע האָבן זיך געחידושט. אַז ער האָט אַ גוף ווי פֿון אייזן. פּרוּווט אים לייגן אַ גליִענדע קויל אין האַנט, צי ער וועט אייך געבן אַ פּיפּס צי אַ מאַך מיטן אויג. אַ רופֿא האָט אים אַמאָל געצויגן דרייצן פּעני׳אַקעס אויף איין מאָל, און ער זאָל זיך געבן גאָר אַ קרים. אַז ס׳האָט געברענט אין הייסין די גרויסע שול, איז ער אַריינגעשפּרינגען אין פֿייער אַריין און האָט אַרויסגעטראָגן דעם גאַנצן אָרון־קודש מיט אַלע ספֿרי־תּורות. מיט יוחנן עטינגער האָט ער אַמאָל זיך געוועט, ער וועט נעמען אַ מילשטיין און זיך דריי מאָל מיט אים איבערדרייען, און ווער האָט געוואונען? ער.

אזוי האָט ער זיך איינגערעדט אין אַלעמען, וואָס ער האָט גערעדט, און האָט תמיד געגלויבט, אַז ער זאָגט דעם אמתן אמת. ס׳איז ביי אים געווען אַ תענוג אַזוי פון זיך צו רעדן, און אין הארצן האָט ער געפילט, אַז מען מוז דאָך די היינטיקע דורות ווייזן, ווי אַזוי מ׳האָט אַמאָל געלעבט און וואָס דער מענטש האָט אַלץ געקאָנט...

קיינעם האָט ער נישט ליב געהאַט, אַפילו נישט זיין אייגענע ווייב און קינדער! און פונדעסטוועגן האָט ער געוואָלט, אַז עס זאָל אין אַלע־מען אַריין אַן אַנדער השגה; דער עיקר איז, אַז מען דאַרף נישט אַרומ־גיין צונויפגעשנירט, און זיין אין אַלעמען אָפּגעמאָסטן און מורא האָבן און פלאַטערן. כראַבראַסט! דאָס איז געווען זיין זאַך. הייסט אים אַרי־בערשווימען דעם גרעסטן טייך, צי נאָכיאָגן גנבים, אַז זיי האָבן ביי־נאַכט איינעם באַגנבעט. אַפילו פאַר פּאָניען אַליין האָט ער אויך נישט מורא געהאַט. האָט ער נישט אַמאָל דערלאַנגט אַ פּאַמאַטשניק־פּריס־טאַוו אַ מזומנעם פּאַטש? און אַחוץ דעם, וואָס מען האָט אים גאָרנישט געטאָן, איז נאָך יענער אַראָפּ פון בענקל...

און ווי ער האָט אַזוי גערעדט און זיך גערימט אין טאָג אַריין, איז אים געגאַנגען אַלץ ערגער און ערגער. די שטוב האָט מען שוין ביי אים צוגענומען און געוואוינט האָט ער אין שכנות. זיין בורנוס איז גע־ווען אַזוי אָפּגעטראָגן, אַז עס האָבן זיך פון אים געצויגן די פּעדים. אַ געפּאַלענער און דער אמתער יורד... און אַצינד, ערשט אַצינד פילט ער זיך אַריינגעזעצט גאָר אין אַן אַנדער מין וועלט. האָט ער דאָך אַמאָל געוואוינט זומער אויף אַ דאַשע, אין יענע יאָרן וואָס אַפילו יחידי־סגולה האָבן דאָס נאָך נישט געטאָן. עפּעס לעבן אַזוי אין אַ דאָרף און האָבן פאַר זיך אַן אָגאָראָד, און דאָ זיצט מען דאַכט זיך שטיל און אין דער היים דרייען זיך מיסחרים און עס לויפן אַן די קוויטעס אויף די טויזנטער...

וואָס איז ביי אים געווען פאַרדינען? וואָס האָט ביי אים געזונאַ־טשעט אַ מיסחרל? מענטשן האָבן פון אים געלעבט און נישט ער פון אַנדערע. גיט אַ פרעג, אויב עמעצער האָט אויף אים זיך באַקלאָגט, אויב ער האָט זיינס נישט אַריבערגעלאָזן. אַ כלל האָט ער ביי זיך געהאַט — זיך נישט צו סודיען, ווארים ער האַלט נישט פון אַזוינע זאַכן. פונ־דעסטוועגן, אַז עס איז אים אַמאָל דערגאַנגען ביז אין דער לעבער, האָט ער געפירט אַ דיעלע ביז קיין פּעטערבורג און ביז צום סענאַט

און האָט געוואוינען, כאָטש די גרעסטע אַרוואָקאַטן האָבן געזאָגט, אַז ער וועט פאַרלירן. דערפֿאַר האָט ער דאָך זיין קאָפּ און הייסט שלום־לייזער.

און שלום־לייזער איז נאָך מער געפֿאַלן. פֿיל מאָל האָט מען אים אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דער דירה, ווארים ער האָט נישט געהאַט צו צאָלן דירה־געלט. די בנים זיינע זיינען געוואָרן שאַרלאַטאַנעס, און האָט ער זיי געפּרואווט זאָגן אַ וואָרט, האָבן זיי דעם אייגענעם טאַטן געקאַנט מבוזה־ומבזה־זיין. אויסגעזען האָט ער אויסגעדעוועדט. און האָט ער אַמאָל דערטאַפּט אַ באַקאַנטן און געקראָגן פֿון אים אַ האַלבן קערבל, האָט ער דרייסיק קאָפּיקעס געבראַכט אַהיים און צוואַנציק האָט ער אָוועקגעגעבן אין אַ שענק און זיך אָפּגעווישט דאָס מויל. דער צער זיינער און דער כּעס אויף דער וועלט, וואָס באַשטייט פֿון לויטער ליי־דיקגייערס און קיינער פֿאַרשטייט נישט צו גיין אינעם רעכטן וועג, אַזוי ווי ער האָט פֿאַרשטאַנען, איז געווען גרויס. פֿריער, אַז ער איז נאָך געגאַנגען אָנגעטאָן מעשה־מענטש, האָט ער כאָטש געפֿונען פֿאַר וועמען זיך אויסצורעדן. אַצינד שעמט מען זיך מיט אים אָפּצושטעלן אויף דער גאַס. עס איז נישטאָ קיין אמת אויף דער וועלט!

# אין דער וועלט אַריין

משולם־זיסי האָט זיך אויפֿגעהויבן אינדערפֿרי און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער וועלט אַריין, ווי מען זאָגט, מיט גאָרנישט. וואָס באַדאַרף אַ ייד אויפֿן וועג מער ווי אַ פּאָר העמדער און אַ פּאָר תּחתּונים אַריינגעלייגט אין טלית־און־תּפֿילין אַריין און צונויפֿגעבונדן מיט אַ פֿאַטשיילע; נאָר איין קלימעקל נעמט מען מיט און דאָס איז דער בטחון, דער בטחון אינעם בורא, אַז ער וועט נישט פֿאַרלאָזן. משולם־זיסי האָט אַליין נישט געוואוסט, ווי עס האָט זיך היינט גענומען צו אים דער רצון צו גיין אין דער וועלט אַריין, נאָך דעם וואָס ער האָט אָפּגעלעבט אין אָכרימאָווע זיינע רוב־שנים. ער האָט פּשוט גענומען דעם שטעקן אין האַנט אַריין און געזאָגט: רבונו־של־עולם! אַז דיר איז ניחא, אַז איך זאָל אָפּלעבן דאָ אַזוי פֿיל יאָרן און זאָל מיך נישט צושלאָגן צו אַ שטיקל מעמד, וועל איך דיר ווייזן, אַז איך פֿאַרשטיי דיין וואונק. למאַי זאָל איך זיך געזעגענען מיט דער ווייב און איר אָנטאָן יסורים? וועל איך קומען צוריק אַהיים מיט עפּעס, איז גוט; ווען נישט, צו וואָס טויג איר דער דלות אין צווייען? געלויבט זאָל זיין דיין נאָמען, אַז איך מאַך כאָטש נישט קיין ויברח. אָנגעזעצט האָב איך קיינעם נישט און כּל־ימי האָט מיר קיינער נישט געוואָלט לייען קיין גראָשן. אָכרימאָווע דערלייגט נישט צו דעם, וואָס איך גיי אַוועק. נאָר דאָס, וואָס עס בלייבט ווייניקער מיט אַ קבצן. אַזוי האָט משולם־זיסי אַ שטאַרקן שמעק טאַבאַק געטאָן און זיך געמאַכט אַ האַרץ. עפּעס אַ קליינינקייט, אַ ייד אין זיינע יאָרן, וואָס איז שוין גרוילעך געוואָרן, און די פֿיס זיינען שוין אויך נישט ביי די כּוחות, לאָזט זיך אַוועק פֿון זיין שטאָט און הויבט אָן צו זוכן אַ נייעם מזל. אַ מיוחס איז ער אַפֿילו נישט, און ער איז געווען געוואוינט אויסגעריסן און פֿאַרשוואַרצט צו ווערן, אַבי צו פֿאַרדינען דאָס שטיקל ברויט. אַזאַ מחוסר־פּרנסה, ווי ער איז אין אָכרימאָווע, האָט איר דען געזען? צו זיין אַ מחוסר־פּרנסה און צו האָבן חלה אויף שבת און אַ פּיצל פֿיש איז נאָך נישט אַזוי שלעכט; אָבער נישט קיין

פּרנסה און נישט קיין חלה אויף שבת און אַפילו נישט קיין ברויט אין שטוב, וואָס דאַרפֿט איר מער? לאָמיר זיך נישט נאַרן, אַז משולם־זיסי האָט ביי זיך גומר געווען דעם ענין אָן אַ רבין און אָן אַ בעל־יועץ, מסתמא האָט ער געפֿילט, אַז עס קאָן שוין אַנדערש נישט זיין, און אויף דער אמתן איז דאָס אַ סך בעסער, ווי צו בלייבן זיצן אין דער היים און זיך קראַצן, ווי אַנדערע, ביי דער הרובע און וואַרטן אויף אַ נייעם יציאת־מצרים, וואָס מען רופֿט דאָס אַרגענטינע צי אַמעריקע. משולם־זיסי האָט נישט געוואוסט פֿון אַזוינס. ער האָט נאָר געוואוסט אַז ס'איז דאָ אַ וועלט און די וועלט איז גרויס, און אַז מען לאָזט זיך אַוועק, שלאָגט מען זיך שוין צו צו עפּעס...

ביי דער ערשטער קרעטשמע, ווי מ'גייט קיין דאַשעוו, האָט זיך משולם־זיסי אַנידערגעזעצט און האָט אָנגעהויבן טראַכטן... משה־בער דער קרעטשמער האָט אים גוט געקענט. אַ יידישע נשמה קאָן מען נישט אַוועקמאַכן. ער האָט אים גלייך געגעבן אַ טרונק בראָנפֿן, און דווקא אומזיסט, און דווקא שלעכטן, און אַ שטיקל ברויט מיט אַן אוגערקע אויך, און האָט אים געהייסן זיך וואַשן. גאָרנישט, צו אַ מצווה לייגט מען נישט צו! משולם־זיסי האָט זיך גאָרנישט געפּרואווט נאַריש מאַכן און באַצאָלן; אַז ער האָט אָפּגעגעסן און אָפּגעבענטשט, האָט ער זיך געוואָלט אַריינלאָזן מיט משה־בערן אין אַ שמועס און אים פֿרעגן, ווי ווייט עס איז נאָך קיין דאַשעוו און וואו מ'קאָן נעכטיקן. ער האָט אָבער געזען, אַז די זון שטייט שוין הויך, און ער האָט געוואָלט אָנקומען קיין דאַשעוו בעוד־היום־גדול. משה־בער האָט אים אויך נישט פֿאַרהאַלטן.

געשטאַרקט און אויפֿגעמונטערט פֿון דעם ביסל עסן און טרינקען, האָט ער שוין נישט מער געהאַט די מרה־שחורה פֿון אין דער פֿרי. גע־טראַכט האָט ער זיך: אל תנסו את ה'! ווי קום איך צו וועלן זיין קליגער פֿאַר גאָט? בין איך אָפּגעזעסן אויף איין אָרט אַזוי פֿיל יאָר און האָב מיך געהאַלטן, וואָס זאָל איך אָנהויבן זוכן נייעס? אַלט בין איך שוין און איידער איך קום צו אַ נייעם מעמד, גיט מען אַ שטאַרב, ולמה־כל־עמלי? און צו וואָס האָב איך מיך געמאַטערט און ווער פֿאַרוואָגלט אין דער פֿרעמד? און אַז מ'וויל קלערן צוריק, וואָס הייסט דאָס, גיין אַנטלויפֿן פֿונעם אויבערשטן? אַז ער וואָלט געוואָלט, אַז משולם־זיסי זאָל האָבן פּרנסה אין אַכרימאָווע, וואָלט ער דען נישט געקאָנט? היד ה' תקצר? קאָן גאָט נישט, אַז ער וויל? און ווער ווייסט, טאָמער ווערט מען נאָך

פֿאַרוואָגלט צווישן ליטוואַקעס? און וואָס איז די איילעניש? פֿאַרוואָס איז ער נישט געבליבן אין דער היים איבער שבת? ווי גייט עס אַ ייד אַרויס אין אַזאַ מהלך־רב אין אַ מיטוואָך, אין מיטן וואָך? מאָרגן איז שוין דאָנערשטיק, איבערמאָרגן פֿרייטיק! אַזוי גייט משולם־זיסי פֿאַוואַ־לענקע און טראַכט: וואָס האָט ער צו כאַפּן? וואָס ער מאַכט אַ טריט, איז אַלץ נעענטער צו אַכרימאָווע, וואָרים ער איז באַלד פֿון דער קרעטשמע געגאַנגען צוריק און האָט זיך גאָרנישט גענומען גיין קיין דאַשעוו. פֿאַרוואָס האָט זיך אים פֿאַרגלוסט צו גיין גראָד קיין דאַשעוו און נישט קיין טעפּליק? טעפּליק וואָלט אפֿשר געווען אַ סך גלייכער. און וואָס ער קומט נעענטער צו אַכרימאָווע, געפֿעלט אים טעפּליק אַלץ בעסער און בעסער, אין טעפּליק האָט ער אויך אַ קרוב...

וואָס זאָל איך אייך מאַריך זיין? משולם־זיסי איז געשטאָרבן אַ קבצן אין אַכרימאָווע, טאַקע בעיר־מולדתו, ווי גאָט האָט געבאָטן, און ליגן ליגט ער אויפֿן בית־עולם צווישן אַלע קבצנים. תהי נשמתו צרורה בצרור החיים! דער אויבערשטער זאָל אים העלפֿן, ער זאָל כאָטש אויף יענער וועלט זיך צו עפּעס דערשלאָגן...

# סצענעס און שפּילן *

## שלום געוואָרן

### אַ בילד

די פֿאָדערשטע לאַנגע שטוב ביים שישקאָווער רב. קרומע, שוין לאַנג נישט געשמירטע ווענט. אַן איינגעבויגענע סטעליע, צו דער גאַס אַ קליין פֿענצטערל, אויף דעם ליגט אַ צעריסענער, אַנגעשטאָלענער טלית־ותּפֿילין. לעבן דעם פֿענצטערל אַ טיר אונטערגעשלאָגן מיט אַ רעדנע. איין וואַנט איז פֿול מיט ספֿרים פֿון אונטן ביז אַרויף. ביי דער אַנדערער וואַנט, אַנטקעגן, שטייט אַ לאַנגע הילצערנע באַנק און פֿאַר דער באַנק שטייט אַ לאַנגער נישט פֿאַלירטער טיש צעשניצט און באַליאַפּעט מיט טויזנטער פֿלעקן. גאַנץ הינטן, אין דער הינטערשטער וואַנט, זיינען דאָ צוויי טירן. איינע פֿירט אין קיך אַריין צו דער רביצין, און איינע אין אַלקער אַריין, צום רבס טאָכטער, וואָס זיצט אויף קעסט. פֿאַר דער באַנק מיט ספֿרים שטייט נאָך אַ באַנק פֿאַר צדדים, וואָס קומען זיך לאָדן. און ביי דער וואַנט פֿון די ספֿרים איז אַ צווישנשייד צו אַן אַנדער שטוב, וואָס דאָרט וואוינט דער חזן; דער חזן און דער רב פֿון שטאָט וואוינען בשותּפֿות אין איין הויז. ס'איז אלול־צייט. אין דרויסן איז נאָך שטאַרק זומערלעך. אַ ציג, וואָס האָט געמאַכט אין דער פֿרי אַ קרום פּנים און איז דערפֿאַר נישט געגאַנגען אין טשערעדע, ליגט אין אַ ווינקל און שלאָפֿט. פֿון דרויסן הערט מען אַ קול: יידן, קויפֿט קאַווענעס, צוויי קאַחע־נעס פֿאַר דריי גראָשן. — אויף דער באַנק פֿאַרן טיש זיצט דעם רבס איידעם, אַ יונגערמאַן מיט רויטע אויגן און אַ ציגן־בערדל און מישט אין אַ חושן־משפּט; אויבנאָן אויף אַ פּראָסט בענקל זיצט דער רב אַליין, אַ בן־שבעים

*) ס'איז נישט דערלויבט אויפֿצופֿירן די סצענעס און שפּילן אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פֿון די יורשים.

מיט אַ גרויסן, שטאַרקן בויך, אַ ברייט פּנים און קליינע אויגן מיט קורצע ברעמען. אָנגעטאָן איז ער אין אַ כאַלאַט, וואָס איז פֿאַרנט גאַנץ אָפֿן, און עס זעען זיך אַרויס די תּחתּונים. אין איין האַנט האַלט ער אַ לאַנגע ליולקע און רויכערט, און פֿאַר אים אויפֿן טיש ליגט שולמאַנס אַ ביכל... — עס עפֿנט זיך די טיר און ס'קומט אַריין פּיצי דער מילנער, אַ ייד פֿון אַ יאָר פֿערציק, מיט אַן אָפּגעגעסן בערדל, שוין אַ ביסל גרוילעך, מיט נאָסע, ווייסע אויגן און קרומע הענט; אָנגעטאָן איז ער ווי אַ קבצן מיט אויסגעדרייטע שטיוול, אָפּגעשאָטן מיט מעל.

דער רב (קוקנדיק אין ביכל): וואָס ווילסטו פּיצי?

פּיצי: איך וויל זיך גטן מיט מיין ווייב.

דער רב: זעץ זיך.

פּיצי: רבי, איך זאָג דאָס אייך אויף דער אמתן. ס'דערקוטשעט מיר ביז אין האַרצן אַריין.

דער רב: וואָס־זשע ווילסטו?

פּיצי: וואָס וויל איך זאָגן, איר קאָנט אַוודאי מיין ווייב, חיה־ביילעס טאָכטער?

דער רב: הויב נישט אָן אָן משֵשת־ימי־בראשית. פֿאַרוואָס ווילסטו זיך גטן?

פּיצי (קראַצט זיך) איך ווייס, אַז אַ ייד וויל זיך גטן, מסתּמא ווייסט ער.

דער רב (קלאַפּט אויס די ליולקע און לייגט אָן נייעם טיטון): נישקשה, דערצייל ווייטער.

פּיצי: ס'איז נישטאָ וואָס צו דערציילן. מיר ווילן אונדזביידע גטן, אַזוי האָבן מיר אונדז ביידע אָפּגערעדט.

דער רב (צינדט זיך אָן די ליולקע און סמאַקעט געשמאַק): וואו איז זי?

פּיצי: יאָ, רבי, איר פֿאַרשטייט, זי איז ביי דער אויסגעגעבענער טאָכטער, זי וויל זיך באַוואָרענען, און איך וויל זיך אויך באַוואָרענען. איטלעכער מענטש שטייט זיך אַליין נעענטער. אָבער איך זאָג אייך, צרות האָט אַ מענטש; יאָ, אַז מען לעבט, דערלעבט מען. אַז איינער וואָלט מיר געזאָגט נאָך מיט אַ יאָר צוריק, אַז איך וועל זיך אויף דער עלטער גטן מיט מיין ווייב, וואָלט איך אים געגעבן אַ שפּיי אין פּנים.

דער רב (רוקט אַוועק דאָס ביכל אָן אַ זייט און הייבט אויף דעם קאָפּ צו פּיצין): זאָג דעם אמת, טאָמער הלומט זיך דיר אַלץ.

פּיצי: איך זאָל אַזוי ריין זיין פֿאַר גאָט, ווי איך שטיי ריין פֿאַר אייך.

דער רב: ווער שמועסט פֿון ריין! דער עיקר איז, אַז אַ מענטש זאָל נישט דולן אומזיסט אַ קאָפּ. ווילסטו זיך גטן, מוזטו רעדן אַנדערע ווערטער. ווילסטו נישט, באַדאַרף איך נישט אויסצוהערן.

פּיצי: וואָס דען בין איך צו אייך געקומען?

(דער רב נעמט אַרויס אַ רויט טיכל און שנייצט אויס די נאָז גרינטלעך).

(פֿון דער הינטערשטער טיר קומט אַריין אַ יינגל פֿון אַ יאָר זעקס אין אַ צעריסענער אַלטער קאַפּאָטע און אויסגעשמירט, ווי פֿון קוימען און זאָגט צום יונגנמאַן, וואָס הערט שוין נישט מער פּיצין און איז כּלומפּערשט אַריינגעטאָן אין דער תּורה.)

דאָס יינגל: טאַטע, איך האָב מיר איינגעשניטן מיט אַ מעסער.

דער יונגערמאַן: גיי צו אַלדע רוחות; טאָמער האָב איך מיך אָני־דערגעזעצט לערנען, קומט ער צוגיין און לאָזט נישט צו־רו.

פּיצי (צום יונגנמאַן): דאָס איז אייער יינגל, יוחנן?

דער יונגערמאַן: יאָ, מיט לעבן און געזונט.

דאָס יינגל: טאַטע, קום אַהער, וועל איך דיר ווייזן, ווי איך האָב מיך צעקאַליעטשעט.

דער יונגערמאַן: ווער האָט דיך געהייסן זיך שפּילן מיט אַ מעסער?

דאָס יינגל (פֿאַרוויינט): גיב מיר אַ קאָפּיקע אויף וואַרמעס.

דער יונגערמאַן: אַ מכּה!

דאָס יינגל: דו האָסט דאָך צוגעזאָגט מיר צו געבן.

דער יונגערמאַן: אַז דו גייסט נישט אַוועק, וועל איך דיר צעברעכן די ביינער.

(דאָס יינגל וויינט. עס לויפֿט אַריין די מוטער, אַ ווייבל פֿון אַ יאָר דרייסיק, אַ הויכע און אַ דאַרע מיט אַ קאָסינקע אויפֿן קאָפּ)

די מוטער: וואָס איז שוין ווידער?

דער יונגערמאַן: נעם אים אַוועק פֿון דאַנען.

די מוטער (צום יינגל): גיי אַוועק פֿון אים, אַ טאַטע איז דאָס, אַ רוצח!

(דער יונגערמאַן ווערט רויט פֿאַר כּעס און פֿאַרבייסט די ליפּן)

דער רב (צו דער טאָכטער): קינדער, קריגט אייך נישט. ברענג מיר

בעסער אַ פּאָר עפּל, איך וואַרט שוין אויף זיי אפשר אַ שעה און קיינער קומט נישט.

דאָס ווייבל: באַלד. (גייט אַוועק מיטן יינגל.)

דער רב (צו פּיצין): וואו ביסטו געבליבן שטיין?

פּיצי (שפּאַרט זיך אָן ביים טיש און זאָגט): רבי, ווילט איר זי שיקן רופן?

דער רב: וואו וואוינסטו דען היינט?

פּיצי: וואו אַמאָל, לעבן דער מיל.

דער רב: איז פאַראַן גענוג וואַסער?

פּיצי: וואַסער איז דאָ גענוג, אָבער קיין קאָרן איז נישטאָ.

דער רב: ס׳איז דאָ קאַרג קאָרן אויף דער וועלט?

פּיצי: אַדעס קויפט אַלץ אויס...

דער רב: זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס קומט דיר דאָס אויס גראָד אַצינד, אַז ס׳גייט צו ראש־השנה און צו יום־טוב, זיך צו וועלן גטן?

פּיצי: ווינטער האָב איך אַוודאי קיין צייט נישט.

דער רב: און פאַרוואָס ווילסטו זיך גטן?

פּיצי: ווייס איך? ליב האָבן מיר זיך קיינמאָל נישט געהאַט.

דער רב: ווער שמועסט פון ליב? אַז דו זיצט אָפּ מיט אַ ווייב דרייסיק יאָר, קענסטו שוין זיצן ווייטער.

פּיצי: הלוואַי וואָלט איך דאָס אויך נישט געווען געזעסן.

דער רב: האָסט גאָר חרטה אויפן גאַנצן שידוך?

פּיצי: אַוודאי האָב איך חרטה, אָבער ס׳איז פאַרפאַלן, דאָס הייסט פאַרפאַלן איז נאָר דאָס, וואָס איז געווען, אָבער אַצינד וויל איך פון איר פּטור ווערן.

דער רב: און זי פון דיר?

פּיצי: אַזוי זאָגט זי אויך:

דער רב: און וואָס זאָגסטו?

פּיצי: איך זאָג, אַז אַ ייד האָט אַ שלעכט ווייב, מעג ער זיך לעבע־דיקערהייט באַגראָבן.

דער רב דו קריכסט מיר צו ווייט אין חקירות. איך פרעג דיך באמת, ווילסטו זיך גטן מיט דיין ווייב פּלונית בת פּלונית? וואָרים אַז זי קומט און זאָגט יאָ, מוז איך מקבל קנין זיין.

פּיצי: טוט מיט מיר וואָס איר ווילט, רבי, אַבי זייט מסדר דעם גט.

דער רב: זעקס קערבלעך מיר און דריי דעם סופר מוזטו געבן.

פיצי: ס׳זײַנען הײַנט שלעכטע צײַטן.

דער רבֿ: דערפֿאַר באַדאַרף איך טאַקע צו האָבן געלט.

פיצי: נײַן קערבלעך איז הײַנט בײַ מיר אַן עשירות.

(פֿון קיך קומט אַרײַן דאָס דינסטמײדל אָנגעטאָן נישט אַזוי שבתדיק, אָבער מיט רויטע באַקן און שוואַרצע האָר, אַז עס ברענט. זי שטעלט דעם רבֿ אַנידער אַ טעלער מיט רויטע עפּל).

דער רבֿ: וואָס וועט הײַנט זײַן צו וועטשערע?

דאָס מײדל: עסיקפֿלײש.

דער רבֿ: טו אַרײַן ראָזשינקעס.

(דאָס מײדל קוקט אויף פּיצין און אויפֿן יונגנמאַן און גײט)

דער יונגערמאַן (שרײַט איר נאָך): ברענג מיר אַ העער אַ גלאָז וואַסער.

דאָס מײדל (דרײט זיך אויס פֿון שוועל און זאָגט): נעמט אײַך אַלײן.

דער יונגערמאַן: אַן עזות.

(דאָס מײדל גײט אַוועק. דער רבֿ שײלט די עפּל, עסט אײנעם נאָכן אַנדערן. אַז ס׳קומט צו אַ ווערימדיקן עפּל, זאָגט ער):

דער רבֿ: אַ דור, גאָר קײן רעכטס האָבן זײ נישט הײַנט.

פיצי: זאָל איך גײן זײ אײַך שיקן?

דער רבֿ: אַז דו ווילסט גײ, אָבער פֿאַרגעס נישט צו קומען געזעגענען זיך.

(פּיצי גײט אַוועק.)

דער יונגערמאַן: שווער, איך האָב אין ש״ך אַ שווער שטיקל.

דער רבֿ: איך האָב אין די יונגע יאָרן גענוג געלערנט, אַצינד מוטשע דו זיך.

דער יונגערמאַן: יאָ, הײַנט ליגן אײַך אין זין מליצה־ביכלעך.

דער רבֿ: איך מוז אַרײַנקוקן אין זײערע זאַכן, כּדי צו זען, ווי דאָס איז פּוסט.

דער יונגערמאַן: דאָס ווײס איך, כאָטש איך האָב דאָס נישט געלײענט.

דער רבֿ: דאָס ווײסטו נ י ש ט; ל ש ו ן קענען זײ.

דער יונגערמאַן: וואָס איז דער חידוש, אַז מען גיט זיך אָפּ דערמיט, קען מען.

דער רב: עס וואָלט דיר נישט געשאַדט זיך אַ ביסל אָפּצוגעבן מיט דעם. איך בין פון דער אַלטער צייט. דו ביסט אַ יונגערמאַן און היינטיקע יאָרן מוז מען קענען שרייבן צום עסק...

דער יונגערמאַן: דאָס וועט איר ביי מיר נישט פועלן.

דער רב: מיינעטוועגן: אָבער ליי מיר אַ דרייערל.

דער יונגערמאַן: איך האָב נישט קיין חשק.

דער רב: אָבער עסן ווילסטו.

דער יונגערמאַן: דאָס איז ווערט דער פּראָצענט, וואָס איר זייט מיר שולדיק.

דער רב: הלוואַי וואָלטן אַלע דיינע הלוואות געווען אַזוי גוט ווי ביי מיר.

דער יונגערמאַן: איר קענט אייך אויף מיר פאַרלאָזן, איך פאַרשטיי שוין וועמען צו געבן.

דער רב: יאָ, אָבער די וועלט ווייסט, אַז דו שניידסט זיך אויף א רב און דו קאָנסט נישט אָפּזאָגן.

דער יונגערמאַן: פונדעסטוועגן שענק איך זיי נישט.

דער רב: גיב אַהער דאָס דרייערל. דו מיינסט, איך האָב שוין פאַרגעסן?

דער יונגערמאַן: ביז ווען?

דער רב: ביז איך וועל מסדר זיין דעם גט ביי פיצין און פאַרדינען די זעקס קערבלעך.

דער יונגערמאַן: פאַר די זעקס קערבלעך גיב איך אייך נישט קיין זעקס גראָשן.

(עס קומט אַריין די רביצין, אַ הויכע יידענע פון אַ יאָר זעכציק; האַלט אין האַנט אַ קויטיק האַנטוך און ווישט אַ גלאָז. זי זאָגט צום רב:)

די רביצין: משולם, גיב אַהער צוויי קערבלעך.

דער רב: נעם דיר ביי דעם איידעם דיינעם.

דער יונגערמאַן: איר זויגט מיך אויס.

דער רב (שטייט אויף און מאַכט אים צו דער ש"ך): נעם אַרויס דאָס טייסטערל!

דער יונגערמאַן: גזלנים, אמתע גזלנים.

דער רב: עפן אויף דאָס טייסטערל, לאָז נישט אַן אַלטן מענטש שטיין אויף די פיס.

דער יונגערמאַן: דאָ אין שטוב וועט פֿון מיר קיין לייט נישט ווערן.

(שלעפּט אַרויס פֿון קעשענע דריי איינצלנע, פֿאַפּירענע קערבלעך און באַקוקט זיי גוט.)

די רביצין: גיב אַהער דאָס געלט.

דער רב: וואָס זי זעט מוז זי באַלד האָבן.

(די ציג כאַפּט זיך אויף און הויבט זיך אָן צו טרייסלען, דריי שוואַרצע הינער פֿליען אַריין און הויבן זיך אָן צו שלאָגן.)

די רביצין (וויל זיי כאַפּן): אַקיש, קיש, קיש.

דער רב: קיש, קיש.

(די דינסט ווייזט זיך אין טיר)

די דינסט: רביצין, ס׳איז געקומען אַ גוי מיט קאַרפּן.

דער רב (צו איר): גיי גיך.

(זיי גייען ביידע אַוועק.)

דער יונגערמאַן: שווער, איך מיין, אַז ס׳איז שוין צייט גיין דאַווענען מנחה.

דער רב: איך וויל בעסער דאַווענען אין דער היים.

דער יונגערמאַן: און תּפֿילה־בציבור?

דער רב: איך האַנדל נישט מיט קוויטלעך און באַדאַרף נישט צו גיין אין בית־מדרש אַריין.

דער יונגערמאַן: איר ווילט מיר געבן אַ שטאָך?

דער רב: אַן איידעם מעג מען אַלץ זאָגן.

דער יונגערמאַן: און אַ שווער אויך.

דער רב: זאָג.

דער יונגערמאַן: וואָס איך האָב צו זאָגן האָב איך שוין געזאָגט.

דער רב: דו מיינסט אַקעגן דעם, וואָס איך לייען די ביכלעך...

דער יונגערמאַן: דאָס איז אַוודאי נישט קיין מעלה פֿאַר אַ רב.

דער רב: דערפֿאַר וועלן זיי אין דיר האָבן אַלע מעלות.

(דער יונגערמאַן שווייגט. דער רב גייט צו צו דער שאַפֿע ספֿרים, נעמט אַרויס אַ לאַנגן צעריסענעם גאַרטל און גאַרטלט זיך צו.

דער יונגערמאַן: נו, וועל איך אויך דאַווענען אין דער היים.

(ער גאַרטלט זיך צו מיט אַ רויטער פֿאַטשיילע און שטעלט זיך ביים פֿענצטער אָן אַ זייט, וואָס גייט אויף דער גאַס, לענט זיך אָן מיטן

עלנבויגן אויפֿן פֿענצטער און מאַכט בלומפּערשט ווי ער דאַוונט. דער יונגערמאַן זאָגט קטורת און ציילט די ווערטער. דער רב דרייט זיך אויס און גיט אויף אים אַ קוק. עס ווערט טונקל. עס קומט אַריין אַ יידענע פֿון אַ יאָר פֿערציק אָנגעטאָן אַ ביסל שבתדיק ; אַ שוואַרץ קלייד און אַ געל טיכל אויפֿן קאָפּ)

די יידענע : גוטן אָוונט.

(קיינער ענטפֿערט איר נישט. זי זעצט זיך אַנידער פֿאַר דער שאַפֿע ספֿרים און וואַרט.)

דער רב (שטילערהייט) : דאָס מוז זיין יענעמס ווייב.

(ער דאַוונט ווייטער)

(דער יונגערמאַן האַלט אין שמונה־עשרה און שאָקלט זיך און וואַרפֿט זיך אויף ביידע זייטן. פֿון דער וואַנט צווישן דעם רבס און דעם חזנס שטוב הערט מען אַ שיין קול פֿון אַ באַס. דער יונגערמאַן שאָקלט זיך אַלץ שטאַרקער. די טיר עפֿנט זיך ווידער און פּיצי קומט אַריין, דער־זעט זיין ווייב, און בלייבט שטיין אַ ווײַלע ביי דער טיר. דערנאָך גייט ער פּאַמעלעך ווייטער אין שטוב אַריין. די יידענע רוקט זיך אויף דער באַנק און קוקט אָן אַ זייט. פּיצי בלייבט ווידער שטיין און קוקט אויף דער ווייב. פֿון דער וואַנט פֿאַרט ווידער אַרויס אַ סאָפּראַן. פּיצי דרייט מיטן קאָפּ)

דער יונגערמאַן (זאָגט אַרויס העכער : ולמלשינים אל תהי תקווה.

(די יידענע רוקט זיך אַלץ אויף דער באַנק. פּיצי וויל צו איר צוגיין ; די יידענע זיצט אַראָפּגעלאָזט די אויגן)

פּיצי (גייט צו איר צו) : זאָג נישט אויס דעם רב, הערסט ? איך בעט דיך, זאָג נישט אויס.

(די יידענע הייבט נישט אויף דעם קאָפּ. דאָ הערט זיך ווידער פֿון חזנס שטוב דער קול פֿון אַן אַלט : „ונתנה־תוקף־קדושת־היום״, על־פּי ניסי בעלזער, און אַן אַנדער קול הערט מען אויך דאָס אייגענע מיט מער מתיקות, און דער באַס ברומט צו אַזוי טיף, אַזוי צום האַרצן. די יידענע טוט אַ זיפֿץ. דער אַלט הויבט ווידער אָן. עס רירט אין האַרצן מוראדיק.)

פּיצי (צערודערט פֿון זינגען, צום ווייב) : גיי אַהיים. ס׳וועט אַלץ זיין גוט.

(די יידענע האַלט זיך צו דאָס טיכל פֿאַר די אויגן און גיט אַ כליפּ)

פּיצי (צופּט זיך ביי דער ליפּ): איך בעט דיך, גיי אַהיים, גיי אַהיים.

(ער ציטערט אַזש.)

(די יידענע הייבט זיך אויף פּאַמעלעך און פֿאַרלאָזט די שטוב. דער רב איז אויסגעגאַנגען שמונה־עשרה, דער יונגערמאַן בייגט זיך ביי מודים. פּיצי שטייט אין מיטן שטוב. עס ווערט פֿינצטערלעך. דער רב שפּייט שוין אויס צו עלינו. די דינסט טראָגט אַריין אַן אָנגעצונדן ליכט אין אַ לייכטער און שטעלט עס אַנידער אויפֿן טיש.)

דער רב (דרייט זיך אום צו איר): ווערט באַלד פֿאַרטיק זיין?

די דינסט: ס׳קאָכט.

דער רב (צו פּיצין): ווי האַלט עס?

פּיצי (פֿאַרשעמט): רבי...

דער רב: מיר דאַכט זיך, זי איז אָט דאָ אַוועקגעגאַנגען.

פּיצי: יאָ, רבי האָט קיין פֿאַריבל נישט.

דער רב: זי איז דאָך אָבער דאָ געווען, וואָס האָט זי געוואָלט?

פּיצי: גלויבט מיר, זי איז נישט שולדיק, איך בין אַליין שולדיק, איך אַליין.

דער רב: צו וואָס ביסט דו אָבער געקומען?

פּיצי: וואָס־זשע זאָל איך טאָן רבי?

דער רב: איך מוז דיך קנסענען פֿאַר ווייטער.

פּיצי: האָט אויף מיר רחמנות.

דער רב: שוטה איינער, דיין שטוב וועל איך ביי דיר נישט אַוועקנעמען, אָבער אויף בראָנפֿן מוזטו געבן און פֿאַרבייסן.

פּיצי (קראַצט זיך): איך ווייס, רבי...

דער רב: גיב אַהער צוואַנציק קאָפּיקעס אויף בראָנפֿן און פֿינף אויף פּלעצלעך.

פּיצי: רבי, נאָט אייך אַ גילדן.

דער רב: דו ווילסט זיך נאָך דינגען?

פּיצי: שלעכטע יאָרן...

דער יונגערמאַן (וויל זיך איינקויפֿן ביי פּיצין): איך וועל צולייגן.

דער רב: איך האָב ליב אַז דו ווערסט אַ וותרן.

(פּיצי לייגט אַנידער צוואַנציק קאָפּיקעס אויפֿן טיש.)

דער רב: וואָרט, ביזט נאָך נישט פּטור, מוזט אַליין גיין קויפן.

(פּיצי נעמט דאָס געלט פון טיש און גייט צו דער טיר. דער יונ־גערמאַן יאָגט אים נאָך, און שטופּט אים אַריין אין האַנט פינף קאָפּיקעס)

דער יונגערמאַן: דאָ האָט איר אויף פּלעצלעך.

(פּיצי גייט אַוועק.)

דער רב: דאָ האָסטו די שישקעוועך הכנסות...

דער יונגערמאַן (ציט אָן דאָס זייגערל): אונדזער חזן האָט שוין אָנגעהויבן זיך מאַכן משוגע...

# פאַרן בית־דין

## אַ צווייט בילד

### די פּערזאָנען

**שלמה־ניסן,** דער רב,
**יואל,** דער בעל־טאַקסע
**לייבוש־בער,** דער ערשטער שוחט,
**חיים־יונה,** דער צווייטער שוחט,
**פּדהצור,** דער שמש,
**חיה,** איר שוויגער,
**חלף,** אַן אַלטער קצב,
**וואָלף־מאָטל,** אַ צווייטער קצב,
**שמעון,** אַ יונגער קצב, דער בעל־עבירה,
**אסתּר־מאַכליע,** אַ יונג ווייבל,
**זעקס קצבישע יונגען.**

עס שפּילט זיך אין לאַדיזשענקע, אַ יידיש שטעטל אין דער אוקראַינע, אינעם ערשטן צענדליק פונעם 19טן יאָרהונדערט.

אַ גרויסער חדר פונעם לאַדיזשענקער רבס שטוב, שיינע געקאַלכטע, ווייסע ווענט. דריי פענצטער גייען אַרויס אויפן גאַס, פאַרהאַנגען מיט ווייסע, האַלב־אויפגעצויגענע פאַרהענגלעך; אַרום אַ לענגלעכן פּאַלירטן טיש שטייען עטלעכע געפלאָכטענע בענקלעך. אין ביידע עקן פון שטוב שטייען צוויי גרויסע שאַפעס מיט ספרים. אויף דער לינקער וואַנט הענגט אַ גרויסער אַלטמאָדישער זייגער, אויף דער רעכטער זייט, אַנטקעגן, הענגען צוויי עסע־לאָמפּן פון מעש. די הינטערשטע טיר פירט אויפן גאַס. אויף דער צווייטער זייט איז דאָ נאָך אַ טיר, וואָס פירט אין קיך אַריין.

אויף אַ בענקל אויבנאָן ביים טיש זיצט דער רב, שלמה־ניסן, אַן ערך פינף און פערציק יאָר אַלט, אַ יונג גלאַט פּנים, באַוואַקסן מיט אַ שוואַרצער קיילעכדיקער באָרד. די באָרד איז אויסגעקעמט, די פּאות זיינען פאַרקרייזלט, ער טראָגט אַ גוטע שוואַרצע קאַפּאָטע און אַ שיינעם קאַפּעליוש. אויפן פּנים ליגט אַ האַלבער ערנסט. לעבן אים, ביי דער לינקער זייט, זיצט יואל, דער בעל־טאַקסע, אַ ייד פון אַ יאָר זעכציק, מיט אַ גרוי, קליין בערדל, ער טראָגט אַ זיידענעם קאַשקעט און אַ ווייסן געפּרעסטן קאָלנער. ער איז אַריינגעטאָן מיטן רב אין אַ שמועס.

דער בעל־טאַקסע: וואָס זשע מיינט איר זאָל זיין?

דער רב: און וואָס האַלט איר פֿון דעם עסק?

דער בעל־טאַקסע: איר מיינט שמעונען, וואָס מען זאָגט, אַז ער פֿאַר־קויפֿט טרייפֿע פֿלייש, איך ווייס?

דער רב: די שטאָט קאַכט וועגן דעם, מען מוז אים קנסענען.

דער בעל־טאַקסע: קודם־כל מוז מען דערגיין די זאַך.

דער רב: וואַרט, באַלד וועט זיין גבית־עדות, אָבער אַן גבית־עדות ווייס איך אויך גוט, ווי אַזוי עס פֿירט זיך ביי אונדז אין די יאַטקעס...

דער בעל־טאַקסע: לאַדיזשענקע איז נישט ערגער פֿאַר אַנדערע שטעט, קצבים זיינען אומעטום קצבים...

דער רב: דאָ בין איך אָבער דער רב, און אויף וועמען פֿאַלט די אחריות?

דער בעל־טאַקסע: ווער טשעפּעט אייך דען?

דער רב: אייך איז גוט. מיר אָבער קומט אויס, אַז צו זיין אויף מיין אָרט, הייסט פֿאַרקויפֿן די נשמה.

דער בעל־טאַקסע: דערפֿאַר האָט איר אַ רואיקן קאָפּ.

דער רב (מיט פֿאַרדראָס): איר האַלט מיך אַפּנים פֿאַר אַן עושר.

(עס עפֿנט זיך די טיר פֿון גאַס און עס קומט אַריין חלף, דער קצב, אַ גרויסער און אַ שטאַרקער ייד אין וואַטאָווע הויזן, וואָס זיינען אַריינגעטאָן אין די שטיוול און בלישטשען פֿון פֿעטקייט. ער טראָגט אַ קורץ פּעלצל און אַן אָפּגעריסן היטל מיט אַ דאַשעק. ער טוט זיך אַ זעץ אויפֿן בענקל, אַז עס גיט אַ טראַסק.)

דער קצב: גוטן אָוונט. זאָגט מיר, רבי, וואָס האָט איר מיך געשיקט רופֿן? מיינט איר, אַז חלף ווייסט נישט, חלף ווייסט. (צום בעל־טאַקסע): אַי, רבי יואל, אייך זעט מען גאָרנישט, ביז וואַנען וועל איך ביי אייך שטיין אין דער דריטער שורה, אַז איך וועל שיקן נאָך קוויטלעך צום קוילען? אויף אונדזערע צוויי שוחטים, די כפּרה זאָלן זיי ווערן, וויל איך נישט רעדן. איך זאָג אייך, לאַדיזשענקע קען זיך איבערנעמען מיט אירע כּלי־קודש... (גיט זיך אַ כאַפּ צום רב): אייך, רבי, מיין איך נישט; אַז איר וואָלט נישט געווען אונדזער רב, וואָלט איך מיט אייך געהאַלטן. (ער זוכט עפּעס אין דער בוזעם־קעשענע; צום בעל־טאַקסע): איך האָב געמיינט, איך האָב דאָ דאָס ביכעלע, וואָלט איר געזען, וויפֿיל ס'שטייט פֿאַרשריבן;

איר מאַנט ביי מיר מער מיט אַ רובל און זעכציק קאָפּיקעס. אַזוי פֿיל, ווי אייער נאָמען זאָגט, האָט דאָס פֿלייש נישט געוואויגן. אייערע נאמנים און אייערע וואָגן: אויפֿן לויט איז דאָס, ווי זאָפּראָן.

דער בעל־טאַקסע: פֿאַרקויפֿט בעסער פֿלייש אָן ביינער.

דער קצב: נעמט אייך נאָר נישט אָן פֿאַרן קהל.

(די טיר פֿון גאַס עפֿנט זיך ווידער און עס קומט אַריין וואָלף־מאָטל, אַ מאָגערער, אויסגעטריקנטער קצב, קויטיק אָנגעטאָן און ברוגזלעך.)

וואָלף־מאָטל: גוטן אָוונט, גוטן אָוונט אייך: איז שמעון שוין דאָ געווען?

(ער שטעלט זיך אַנידער ביים פֿענצטער רעכטס און דרייט מיט דער קלאַמקע. די טיר, וואָס פֿירט אין קיך אַריין, עפֿנט זיך אויך און עס קומט אַריין חיים דער שוחט, אַ ייד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גאַרטל. אויפֿן קאָפּ טראָגט ער אַן אַלטן קאַפּעליוש, דער גוף זיינער איז איינגעבויגן און שאָקלט זיך ביי איטלעכן טריט, ער האַלט אַרויסגע־שטעלט די הענט, וואָס פֿון זיי טריפֿט נאָך דאָס וואַסער, גייט צו צום האַנטעך, ווישט זיך אָפּ די הענט און זאָגט אויפֿן קול):

וואָלף־מאָטל: אשר־יצר... (מורמלט שטילער).

(חלף דרייט זיך אויס מיט דער פּלייצע צום רב.)

חלף: אַ, רב חיים.

(דער רב הייבט זיך אויף פֿון בענקל, בייגט זיך איבערן טיש און ציט חלפֿן ביים אַקסל.)

דער רב: חלף, ביי מיר אין שטוב מאַכט נישט אייערע שטיקלעך...

(חיים האָט זיך אָפּגעווישט די הענט, גייט צו צום טיש און זאָגט צום רב:)

חיים: איר זיצט אייך דאָ ווי אין אַ „בוררות", איך בין נישט גע־שלאָפֿן די גאַנצע נאַכט...

חלף: האָבן אייך געביסן די פֿליי?

(דער רב ווינקט ווידער צו חלפֿן. די טיר פֿון דרויסן עפֿנט זיך ווידער און עס קומט אַריין דער אַנדערער שוחט, לייבוש בער, אַ זיבעציקער ייד מיט אַ געשטופּלט פּנים. גייט זיך פּאַמעלעך, ער טראָגט אויסגעפּוצטע שיך

און ריינע ווייסע זאָקן. ער ווינקט צו איטלעכן מיטן קאָפּ, נעמט זיך אַ בענקל און זעצט זיך אַנידער צווישן דעם רב און דעם בעל־טאַקסע.)

לייבוש־בער: **דער חתן איז נאָך נישטאָ, שמעון איז שטענדיק ביי זיך דער מיוחס.**

(עס הערן זיך קולות פֿון הינטער דער טיר; די טיר עפֿנט זיך און עס גיט זיך אַ שיט אַריין אַ שטיק זעקס קצבים, גרויסע יונגען מיט היטלען, אָנגעטאָן אין קורצע גויאישע פּעלצלעך און גרויסע שטיוול. זיי בלייבן שטיין ביי דער טיר און דושען זיך פֿון געלעכטער; דער פֿאָדער־שטער יונג מיט אַ רויטן פּלעק אויף דער באַק און אויפֿן האַלדז, רופֿט זיי צו:)

דער יונג מיטן רויטן פּלעק: **זייט שטיל!**

דער רב: **וואו איז שמעון?**

**דער יונג מיטן רויטן פּלעק: (טרעט צו נעענטער) רבי, שמעון וועט באַלד קומען.**

(חלף הייבט זיך אויף, גייט צו צו די יונגען און שמועסט מיט זיי שטילערהייט. אַ יונג, וואָס שטייט הינטן, לאַכט און האַלט זיך צו דאָס מויל. די טיר עפֿנט זיך ווידער און עס קומט אַריין פּדהצור, דער שמש, אַ גרויסער, לאַנגער ייד, מיט אַן אָפּגעגעסן געל בערדל, אַן אויסגעשמירטע קאַפּאָטע מיט לאַטעס אויף ביידע אַרבל.)

דער שמש (שטופּט זיך דורך די יונגען): **לאָזט מיך, יונגאַטשעס. (ער גייט צו צום טיש): רבי, איך בין שוין געווען ביי איר, זי רופֿן; זי שעמט זיך צו קומען.**

לייבוש־בער: **וואָס הייסט, זי וויל נישט, זי מוז דאָך זיין צום גבית־עדות, זי האָט דאָך געקויפֿט די טרייפֿע פֿלייש.**

דער בעל־טאַקסע (צו זיך): **ס'ברענט אין אים די יראה.**

דער רב (צו פּדהצורן): **גיי און רוף זי נאָך אַ מאָל.**

(דער שמש גייט צוריק צו דער טיר. די יונגען צופּן אים ביים אַרבל. אין דער טיר טרעפֿט זיך דער שמש מיט מאיר, דעם נאמן, זיי ווינקען זיך צו. מאיר קומט אַריין, אַ ייד אין אַ רויטלעכן כאַלאַט מיט גרויסע קעשענעס.)

דער נאמן: **גוטן אָוונט, גוטן אָוונט!**

(ער פרואווט לאַכן אַ ביסל צו איטלעכן. ער גייט צו צום פענצטער לינקס און שפּאַרט זיך אָן, ער נעמט עפּעס אַרויס פון קעשענע און קייעט. די טיר עפנט זיךווידער און עס קומט אַריין שמעון, אַ שטאַרקער קצב פון אַ יאָר דרייסיק, מיט אַ פעסטן גאַנג. ער איז פאַרגאַרטלט מיט אַ גרינעם גוייִשן גאַרטל און אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ שמויסן היטל. מען זעט אָן אים, אַז ס׳איז אַ מענטש, וואָס ווערט פאַר קיינעם נישט בטל, ער גייט צו נעענטער און שטעלט זיך אַוועק נעבן חלפן. דער רב רוקט זיך אויפן בענקל. און הויבט אָן, ווי איינער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט אויסנווייניק:)

דער רב: ווייסטו שמעון אין וואָס די שטאָט איז דיך חושד?

(חלף קוקט אויפן רב.)

שמעון (האַלט די האַנט ביים עק טיש און זאָגט): אין וואָס איז מען מיך חושד?

דער רב: אַז דו האָסט פאַרקויפט טרייפע פלייש פאַר כשרע.

שמעון: ווען האָב איך דאָס פאַרקויפט די טרייפע פלייש?

דער רב: אסתּר־מאַכליעס.

שמעון: אָט דער.

דער רב: יאָ, אָט דער.

שמעון: דאָס איז נישט קיין אמת.

דער רב: איך האָב זי געשיקט רופן. זי וועט דיר דאָס זאָגן אין די אויגן.

שמעון: מילא, וועט זי זאָגן.

חיים דער שחט (מישט זיך אַריין): פאַרוואָס זאָל זי אויף דיר אויס־טראַכטן?

שמעון (הייבט אויף די אויגן אויף אים): איער ווייב האָט ביי מיר נישט לאַנג גענומען אַ פוס אויף שבת, און זי האָט גאָר קיין מורא נישט טאָמער איז עס טרייפע.

חיים (פרואווט צו ווערן אין כעס): שמעון, דו ביסט אַן עזות־פנים.

(די טיר עפנט זיך איבעראַנייס און עס קומט אַריין אַ יונג ווייבל, עפּעס שעמעוודיק. זי קוקט זיך אַרום אין שטוב. אַלע קוקן אויף איר.)

דער רב; (צום ווייבל) קומט אַהער נעענטער.

מאיר (גייט צו איר צו פונעם פענצטער): וואָס האָט איר מורא?

(דאָס ווייבל גייט צו פּאַמעלעך צום טיש.)

דער רב: האַלט איר נאָך אַלץ דערביי, אַז שמעון האָט אייך פאַר־קויפט טרייפע פליש?

דאָס ווייבל: מוז איך דאָס זאָגן נאָך אַמאָל, אַז ס'איז געווען פונעם זאַדעק?

דער רב: איר מוזט אים דאָס זאָגן אין די אויגן.

דאָס ווייבל: יאָ.

דער רב: (צו שמעונען) פאַרוואָס פאַרענטפערסטו זיך נישט?

שמעון: איך האָב זיך נישט וואָס צו פאַרענטפערן; דאָס ווייבל קאָן זיך טועה זיין, זאַדעק־פליש פאַרקויף איך נישט קיין יידן...

דער רב: זיי זיך בעסער מודה, וועט עס זיין גרינגער פאַר דיר.

שמעון: איך האָב מיך נישט וואָס מודה צו זיין.

דאָס ווייבל: רבי, קען איך שוין גיין?

דער רב: וואַרט נאָך אַ ביסל, טאָמער דאַרף מען אייך נאָך.

(שמעון נעמט אַרויס אַ טאַבאַטשניצע, מאַכט זיך אַ ציגאַר און פאַר־רויכערט אים.)

דער רב (צו שמעונען): רויכער נישט.

(שמעון רויכערט ווייטער.)

דער רב: דו מעגסט זיך זיין אַ תקיף, אָבער קהל איז קהל, און אַז מען וועט אויסרופן אין קלויז, אַז ביי דיר טאָר מען נישט קויפן קיין פליש, וועט מען נישט קויפן.

שמעון: איר ווילט מיך אַפּנים אַריינלייגן אין חרם.

דער רב: אַז עס וועט קומען דערצו — יאָ.

שמעון: דערצו האָבן מיר, גאָט צו דאַנק, אַ פּריסטאַוו.

דער רב: דו ווילסט מסרן?

שמעון: איך באַדאַרף איך נישט מסרן, איך באַדאַרף נאָר צו זאָגן, אַז איר האָט מיין יאַטקע אַריינגעלייגט אין חרם און דאָס טאָר מען נישט על־פּי־זאַקאָן.

דער רב: און על־פּי־דין טאָר מען נישט פאַרקויפן קיין טרייפע פליש פאַר קיין כשרע, דערויף זיינען מיר יידן.

(די טיר עפנט זיך, עס קומט ווידער דער שמש, מען דערקענט אָן אים, אַז ער האָט שוין גענומען אַ נייעם טרונק בראָנפן; נאָך אים גייט

אַריין חיה, אסתּרס שוויגער, אַן אַלטע ייִדענע, איינגעבויגן, מיט אַ גרויסן שאַל אויפֿן קאָפּ. די יונגען קנייפּן זיך.)

דער רב: זענט איר חיה?

חיה: אַזאַ הונט פֿאַרקויפֿט מײַן שנור אַ שטיק טרייפֿע פֿלייש. דער מלאך־המות זאָל אַזוינע קצבים קענען; קאַרג דראָבעס גייען אַרום שבת אויסגעפּוצט מיט די מיידן, מוזן זיי נאָך טרייף מאַכן די שטאָט, און איר זענט אַ רב און שווייגט.

(די יונגען דושען זיך.)

דער רב: שאַט, שאַט!

לייבוש־בער: (צום רב) טאָמער גיט איר מיר רשות, אויסצופֿרעגן חיהן?

(איינער פֿון די יונגען שיסט אויס מיט אַ געלעכטער.)

לייבוש־בער (הייבט זיך אויף און בייזערט זיך): איר פֿאַרגעסט, אַז איר זענט ביים רב אין שטוב.

איינער פֿון די יונגען: (רופֿט אויס) קוקט אים נאָר אָן, גאָטס גנב.

דער רב: וואָס איז דאָס פֿאַר אַ תּנועות?

די ייִדענע: רבונו של עולם, צו וואָס מיר האָבן דערלעבט, וואָס זיינען דאָס פֿאַר אַ צייטן!

שמעון: (צו דער ייִדענע) וויפֿיל זענט איר אַלט, חיה?

חיה: (פֿאַרוואונדערט) וויפֿיל? זעכציק יאָר.

שמעון: איר זענט שוין באַצייטנס עובר־בטל.

דער צווייטער שוחט: הולטאַי איינער, דו ביסט מבייש אַן אַלט מענטש!

דער יונג מיטן רויטן פּלעק (גייט צו צו אים): דערוועגט אייך נישט זיך צו מישן.

דער שוחט: שייגעץ, ביסט אַן עזות־ומחוצף־פּנים! איך וועל דיר נאָך וויזן, אַז יש־דין־בישראל!

(דער יונג מיטן רויטן פּלעק גיט אים אַ כראָקע אין פּנים. די ייִדענע שפּרינגט אויף. עס ווערט אַ גערודער, דער רב, דער ערשטער שוחט, דער בעל־טאַקסע, דער נאמן, אַלע הויבן אָן צו שרייען.)

וואָס ווילט איר דאָ האָבן, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ וועלט? ווער שפּייט דאָס אַ ייִדן אין פּנים? וואָס איז דאָס?

דער צווייטער שוחט (טויט בלאַס פֿון כּעס): מיר, מיר, מיר! (ער ווישט זיך אָפּ מיט אַ פֿאַטשיילע די שפּייעכץ.) מיר װעלן, מיר װעלן אויף אײַך גוזר זײַן...

שמעון: (שלעפּט חלפֿן) אַ גוטן טאָג אײַך, זײַט גוזר, אַז עס גלוסט זיך אײַך.

(אַלע קצבים פֿאַרלאָזן אינאײנעם די שטוב, אין הײזל הױבן זײ אָן צו זינגען אַ גויאיש לידל. מען הערט פֿון װײַטן זײער קול...)

# די שבועה

## אַ סצענע

### די פּערזאָנען

| | |
|---|---|
| דער רב, | צווייטער ייד, |
| די רביצין, | דריטער ייד, |
| ערשטער ייד, | דעם רבינס קינדער, |

די שכנים פון גאַס,

**די שטוב פון לעטיטשעווער רב. אַ גרויסער חדר פול מיט שאַפעס ספרים. פון דער רעכטער זייט גייט אַ טיר צום גאַס. דער רב, אַ בייכיקער ייד אין די מיטעלע יאָרן, זיצט מיט דער רביצין און צוויי קינדער ביים טיש, וואָס איז געדעקט נאָר צוויי דריטל, זכר־לחורבן. אויפן אַנדערן עק טיש ליגט אַ גמרא. זיי עסן אָנבייסן. אַלע לעפלען קאַליש פון אַ גרויסער שיסל, וואָס עס גייט פון איר אַ פּאַרע. אין דרויסן איז אַ יאַריד. מען הערט אַ פאָרן פון וועגענער און אַ געשריי פון גויים. עס איז זומער. עס עפנט זיך די טיר און עס קומען אַריין דריי יידן זיך לאָדן.**

ערשטער ייד: **רבי. האָט נישט קיין פאַריבל, אַז מיר שלאָגן אייך איבער דעם עסן, ס'איז היינט אַ יאַריד און מיר האָבן נישט קיין צייט.**

דער רב: **נישקשה. (צו דער רביצין, אַ ריינע יידענע מיט אַ געל טיכל אויפן קאָפּ): ס'איז ווייניק געזאַלצן...**

די רביצין: **נאַ, טו אַריין זאַלץ.**

צווייטער ייד: **רבי, הערט מיך אויס, ער טשעפּעט זיך צו מיר אומזיסט.**

דריטער ייד: **(צום צווייטן) זיי נישט קיין נאַר, משה.**

צווייטער ייד: **(צום דריטן) דו מיש זיך נישט. ווער האָט דיך געבעטן?**

דער רב: **(לייגט אַוועק דעם לעפל, ווישט זיך אָפּ דאָס מויל מיט דער האַנט.) קריגט אייך נישט יידן. דערציילט בעסער, וואָס האָט איר צווישנאַנאַנדער.**

ערשטער ייד: **איך האָב אַ דין־תּורה מיט דעם יידן.**

(ווייזט אויפֿן צווייטן.)

צווייטער ייד: **אַ שיינע דין־תּורה. טאָמער איז היינט אַ שטיקל יאַריד, זאָל איך אים אָנווערן פֿון זיינעטוועגן. אָן אמתע אַנשיקעניש אויף מיר!**

דער רב: (צום צווייטן ייד) **שלאָגט נישט איבער, איך בעט אייך. אַז איך וועל אויסהערן איינעם, וועל איך אויסהערן דעם אַנדערן.**

צווייטער ייד: **ס'איז נישטאָ וואָס אויסצוהערן, ס'איז פּוסטע זאַכן, גאָלע בלבולים!**

ערשטער ייד: **זאָל טאָקע דער רב אויסהערן די בלבולים...**

דער רב: (צו די קינדער) **גיט מיר מים־אחרונים־וואַסער.**

(דאָס עלטערע ייִנגל לויפֿט אין קיך און ברענגט אַ האַלב גלאָז וואַסער. מען באַגיסט זיך די שפּיץ נעגל.)

צווייטער ייד: **איך האָב קיין מורא נישט. מעגסט דערציילן.**

(ער זעצט זיך.)

דער רב: (צום צווייטן ייד) **שטייט אויף זייט מוחל. איין בעל־דין טאָר נישט שטיין און דער אַנדערער זיצן.**

(ער בענטשט. מען הערט די ווערטער: „הזן־ומפרנס". די ייִנגלעך ברומען נאָך.)

ערשטער ייד: **הערט מיך אויס, רבי. איך בין היינט געקומען צופֿאָרן אויפֿן יאַריד, האָב איך געהאַט ביי מיר הונדערט און דריי און אַכציק קערבלעך פּאָזיטן: צוועלף צענערלעך, צען פֿינפֿערלעך, דריי דרייערלעך און איין איינציק קערבל. דאָס האָב איך אַלץ געהאַט צונויפֿגעלייגט אָט אין דעם טייסטער (ער נעמט אַרויס אַ שוואַרצן לעדערנעם טייסטער). געצאָלט האָב איך דריי מאָל. אַזוי ווי איך שטענדיק אַז איך פֿאָר אויפֿן יאַריד, און איינגעשריבן האָב איך אַלץ אין אָט דעם ביכעלע (ער נעמט אַרויס אַ קליין ביכעלע און לייענט): דאָנערשטיק פּרשת קורח הונדערט און דריי און אַכציק קערבלעך פּאָזיטן און צוויי און אַכציק קאָפּיקעס קופּער. דעם קופּער האַלט איך דאָ אין קעשענע. איך האָב געמוזט געבן אַ רובל מיט צען קאָפּיקעס אויף האָבער, האָב איך אַרויסגענומען דעם איינציקן קערבל און צען קאָפּיקעס.**

צווייטער ייד: **וואָס גייט מיך אָן דער גוי דיינער מיטן האָבער?**

דריטער ייד: **לאָז אים אויסרעדן.**

צווייטער ייד: שווייג, פּאַסקודניאַק, וואָס שטופּסטו דאָס מויל, אַז מען בעט דיך נישט.

ערשטער ייד: (דערציילט ווייטער) איז געקומען יונה, אַט דער ייד, (ווייזט אויפֿן דריטן) און האָט ביי מיר אויסגעביטן אַ צענערל און אַכט פֿינפֿערלעך. דערנאָך האָב איך געקויפֿט ביי אַט דעם יידן (ווייזט אויפֿן צווייטן ייד) אַ קו און האָב באַצאָלט זעכציק קערבלעך, און האָב אים אויס־געצאָלט זעקס צענערלעך, מוז מיר דאָך איבערבלייבן נאָך זיבן. זאָגט ער צו מיר אויך: בייט מיר אויס איין צענערל אויף צוויי פֿינפֿערלעך, מוז איך דאָך האָבן זעקס פֿינפֿערלעך און אַכט צענערלעך, האָב איך אָבער פֿאַרגעסן צוריקצונעמען דאָס צענערל...

צווייטער ייד: רבי, ס׳איז אַלץ ליגן! איך האָב גאָרנישט גענומען צו מיר דעם זעקסטן צענערל. ער האָט מיר באַלד געגעבן פֿינף צענערלעך און צוויי פֿינפֿערלעך. והא־ראיה. ציילט מיין געלט (ער לייגט אַנידער פֿאַזיטן איינגעוויקלט אין אַ טיכעלע): איך האָב לויטער דרייערלעך און איינצלנע קערבלעך, צוויי פֿינפֿערלעך און פֿינף צענערלעך.

(דער ערשטער ייד וויל כאַפּן דאָס געלט פֿון טיש.)

צווייטער ייד: (לייגט זיך אָן אויפֿן טיש און פֿאַרדעקט מיט די עלנ־בויגן דאָס געלט) ביי מיר איז נישטאָ׳קיין כאַפּן.

דער רב: (קאָנטשעט דאָס בענטשן) שלאָגט אייך נישט, יידן. (צו דער רביצין): נעם צו פֿונעם טיש.

דריטער ייד: (צום רב) איר זעט.

דער רב: (צום ערשטן ייד) טאָמער האָט איר אייך טועה געווען און איר האָט געהאַט מתחילה וויניקער מיט איין צענערל.

ערשטער ייד: ס׳טייטש, רבי, ווי אַזוי קען איך מיך טועה זיין, אַז איך האָב איבערגעציילט דאָס דריי מאָל און איך וויים גוט, וויפֿיל איך האָב עס גענומען ביי יאַנקל כ״ץ און פֿאַרשריבן שטייט ביי מיר אויך...

צווייטער ייד: מאָלע, אַז דו האָסט ביי דיר פֿאַרשריבן, וועט גלויבט דיר!

דריטער ייד: איך בין אַליין געשטאַנען דערביי.

צווייטער ייד: (צום דריטן) דיין עדות־זאָגן איז ווערט בלאָטע. דיך קאָן מען אָפּקויפֿן מיט אַ טרונק בראָנפֿן.

דריטער ייד: (צום רב) זייט אָן עדות, רבי, אַז ער איז מיך מבוזה און מבזה.

צווייטער ייד: (צום דריטן) איך בעט דיך, ווער האָט דיך גערופֿן, זאָלסט קומען. איינער איז מיר ווייניק?

(די רביצין רוימט אַראָפּ פֿון טיש. זי שטרויכלט זיך און וואַרפֿט אַראָפּ אַ טעלער, ער ווערט צעבראָכן.)

די רביצין: אַ קלאָג צו מיר, דער צווייטער היזק די וואָך.

(אַלע דריי בייגן זיך איין און קלייבן אויף די שערבלעך.)

דער רב: לאָזט זיין, מען וועט שוין אויפֿקלייבן. (צו די ייִנגלעך): פֿאַרוואָס גייט איר נישט אין חדר, פּוסטעפּאַסניקעס!

דאָס עלטערע ייִנגל: ס'איז היינט אַ יאָריד ביים רבין.

דאָס ייִנגערע ייִנגל: און ביי מיין רבין רייבט מען היינט מאַכאָרקע און ס'ברענט אין די אויגן.

דער רב: (צו די ייִנגלעך) גייט אַריין אין יענעם חדר און חזרט איבער פֿונעם חדר.

(די ייִנגלעך גייען אַרויס.)

צווייטער ייד: רבי, נו וויל איך אַצינד טענהן. אין תּוך גענומען האָב איך גאָרנישט צו טענהן. ס'איז אַלץ ליגן, שקר־וכזב!

דער רב: ווייסט איר זיכער, אַז איר האָט ביי אייער בעל־דין נישט איבערגענומען דאָס צענערל?

צווייטער ייד: אַוודאי ווייס איך, איר האָט דאָך אַליין געזען אַז איך האָב נאָר פֿינף צענערלעך.

ערשטער ייד: אויף דיר איז אַ קשיה. דו קענסט האָבן נאָך געלט אין די שטיוול...

צווייטער ייד: איך וועל דיר געבן אין מאָרדע, אַז דו וועסט מיך חושד זיין.

(כאַפּט אים ביים אַרבל.)

דער רב: אַז איר ווילט זיך קריגן קענט איר אייך גיין געזונטערהייט.

ביידע יידן: (אינאיינעם) ווער שלאָגט זיך דען?

(זיי לאָזן אָפּ איינער דעם אַנדערן.)

דער רב: (צום דריטן ייד) און וואָס ווילט איר זאָגן?

דריטער ייד: איך בין אַן עדות.

דער רב: קערט איר אייך אָן מיט דעם תּובע?

דריטער ייד: מיר זיינען נאָענטע שכנים און איך בין זיין ווייבס אַ פֿריינטל.

דער רב: אויב אַזוי, זענט איר פּסול־לעדות.

דריטער ייד: אַז איך האָב אָבער פאַרט געזען אַלץ מיט מיינע אייגענע אויגן.

דער רב: (צום ערשטן און צום צווייטן ייד) לייגט אַנידער פסק־געלט.

(דער ערשטער ייד לייגט אַריין די האַנט אין קעשענע און נעמט אַרויס פיר קופּערנע צענערס און לייגט זיי אַנידער אויפן טיש. דער צווייטער ייד זוכט אין בוזעם און לייגט אַנידער אַ זילבערנעם גילדן.)

דער רב: איך טאָר נישט נעמען ביי איינעם מער און ביי איינעם וויניקער.

(דער צווייטער ייד קראַצט זיך און לייגט צו נאָך אַ צענער. דער רב נעמט אַרויס פון כאַלאַט אַ רויטע קויטיקע פאַטשיילע און זאָגט צו די בעל־דינים):

דער רב: זייט מקבל־קנין.

(דער ערשטער ייד גייט צו און נעמט אָן איין עק פאַטשיילע און לאָזט זי אָפּ פאַמעלעך. דער צווייטער ייד גייט צו און טוט דאָס אייגענע.)

דער רב: (צו זיי ביידע) ווילט איר אַן אמתע דין־תורה צי אַפשר אַ פשרה?

ערשטער ייד: מיינעטוועגן זאָל זיין אַן אמתע דין־תורה.

צווייטער ייד: איך האָב נישט קיין מורא אַפילו פאַר אַן אמתע דין־תורה. איך ווייס, אַז אַלץ איז אַ בלבול...

דער רב: איך טאָר איך נישט צורעדן, אָבער אויב איר ווילט מיך פאָלגן, וועל איך בעסער מאַכן אַ פשרה...

צווייטער ייד: ניין! אַצינד וויל איך נאָר אַן אמתע דין־תורה.

דער רב: וואָס עקשנט איר זיך אַזוי? על־פּי אמתער דין־תורה איז אויף אייך חל אַ שבועה.

צווייטער ייד: נו, וועל איך שווערן.

דער רב: היינט שווערט מען אָבער נישט.

צווייטער ייד: איך וויל אָבער דערויף יאָ שווערן.

ערשטער ייד: וועסטו שווערן ביי אַ ספר?

צווייטער ייד: אַז דער רב וועט הייסן, שווער איך ביי אַ ספר.

דער רב: אַזאַ זאַך נעמט מען נישט אויף זיך. גיט בעסער דעם יידן אַ פינפערל און ווערט פּטור פון דער שבועה.

צווייטער ייד: **ביי מיר גייען פינפערלעך נישט צו פוס...**

דער רב: **היינטיקע צייטן שווערט מען נישט, אפילו אז ס׳גייט אין טויזנטער.**

צווייטער ייד: **רבי, זייט מסדר די שבועה און לאזט מיך גיין.**

דער רב: **איר זאלט מיר אפילו אנשיטן פול די שטוב מיט גאלד, וועל איך אזוינס נישט טאן.**

צווייטער ייד: **וועל איך אליין שווערן.**

דער רב: **דאס וועל איך נישט לאזן.**

(דער צווייטער ייד גייט צו צום טיש, כאפט די גמרא, וואס ליגט אויפן טיש, און וויל ביי איר שווערן.)

ערשטער ייד: **ניין, ביי אן אמתן ספר זאלסטו שווערן, ביי א ספר־תורה.**

צווייטער ייד: **ביי מיר איז קיין חילוק נישט ביי וואס איך שווער, אלע ספרים זיינען הייליק.**

דער רב: **איך בעט אייך, גיט אהער די גמרא. זינט איך בין א רב, האב איך נישט דערלאזן צו קיין שבועה. ביי יידן גלייכט מען זיך אויס און מען נעמט נישט אויף זיך אזא זאך.**

צווייטער ייד: **איך נעם אלץ אויף מיר. איך שווער, איך שווער אט ביי דעם ספר.**

דער רב: **(שפרינגט אויף) לאזט אים נישט.**

ערשטער ייד: **(רייסט פון אים די גמרא) גיב אהער, ממזר, דער רב הייסט נישט.**

צווייטער ייד: **לאז מיך, דו כלב, איך שווער ביי ווייב און קינדער.**

דער רב: **(שרייט) רבונו של עולם! (צום דריטן ייד) וואס שווייגט איר, דאס איז קיין קאטאוועס נישט.**

צווייטער ייד: **איך שווער, אז איך האב נישט...**

(דער דריטער ייד לויפט צו צו אים און האלט אים ביים מויל. דער צווייטער ייד דערלאנגט אים א פאטש. עס פאלט אראפ די גמרא. דער רב בייגט זיך איין און הייבט זי אויף. די רביצין און די קינדער לויפן אריין. אלע דריי יידן שלאגן זיך. פון דרויסן לויפן אריין שכנים, זיי פאנאנדער־צוּנעמען. זיי שלאגן זיך ווייטער. מיט מי שטופט מען זיי ארויס. מען הערט פון יענער זייט זייער קול: ביים פריסטאוו וועסטו קענען שווערן וויפל דו ווילסט.)

דער רב: **(צו זיך) ברוך שפטרני. אבי נישט שווערן ביי מיר...**

# די ירושה

## אַ צווייטע סצענע

### די פּערזאָנען

**משולם,** אַ יונג רבל,
**יוחנן,** אַ צעבראָכענער ייד פֿון אַ יאָר פֿערציק,
**נתן,** אַ פּראָסטאַק, אַלט אַכט און צוואַנציק יאָר,
**ישעיה,** אַ יונגערמאַן פֿון אַ יאָר צוואַנציק,
**אלימלך,** אַ געלער ייד פֿון אַ יאָר פֿינף און דרייסיק, דעם רבס גוטער פֿריינט,

אַ רבניש שטיבל, באַלעבאַטיש איינגעריכט, אַ טיש און נייע בענקלעך. אויף דער געלער ערד ליגט אויסגעשפּרייט אַ דיוואַן. צווישן צוויי פֿענצטער, וואָס גייען אַרויס אין גאַס, הענגט אַ קיילעכדיקער זייגער. לינקס איז אַ טיר צו דער גאַס. דאָס רבל זיצט אויף אַ בענקל און דרייט זיך דאָס בערדל. פֿאַר אים איז אָפֿן אַ ספֿר, אין האַנט האַלט ער אַ באָקסער און קייעט. עס עפֿנט זיך די טיר און עס קומען אַריין דריי יורשים: יוחנן, נתן און ישעיה.

דאָס רבל: **וואָס ווילט איר אַלע אינאיינעם ?**
אַלע דריי: **(אויף אַמאָל) מיר זיינען געקומען זיך לאָדן.**
דאָס רבל: **מכּוח וואָס ?**
אַלע דריי: **מכּוח דער ירושה פֿון אונדזער טאַטן.**
דאָס רבל: **קענט איר אַליין נישט דורכקומען ?**
אַלע דריי: **ניין, ניין, רבי.**

(זיי קוועטשן זיך ביים וואָרט „רבי“.)

דאָס רבל: **זעצט אייך.**

(אַלע דריי זעצן זיך.)

דאָס רבל: **הויבט אָן צו טענהן.**
אַלע דריי: **ס'איז נישטאָ וואָס צו טענהן.**
דאָס רבל: **עפּעס מוזט איר דאָך האָבן אַ סכסוך.**

נתן: (ווייזנדיק אויף ישעיהן) יאָ רבי, איך און מיין ברודער, אָט דער, זיינען מיר פּראָסטע יונגעץ; אונדזער למדן (ווייזט אָן אויף יוחנן) איז געקומען צו פאָרן און וויל פון אונדז אַלץ אָוועקנעמען...

יוחנן: (רואיק) איך וויל נאָר האָבן, וואָס עס קומט מיר על־פּי־התורה.

דאָס רבל: וואָס ווילט איר האָבן?

יוחנן: איך וויל צוויי חלקים פון דער ירושה, ווייל איך בין דער בכור.

נתן: (צו יוחנן) דו האָסט אָבער געקאָסט דעם טאָטן מער ווי מיר ביידע.

יוחנן: אַז דער טאַטע, עליו־השלום, וואָלט געוועז געהאַט שפּעטער געלט, וואָלט איר אים אויך געקאָסט.

נתן: וואָס האָבן מיר פון דעם, וואָס עס וואָלט געווען? איך ווייס, אַז איך האָב געמוזט גיין אַרבעטן, און שעיה איז געווען אַ דינסט אין קיך, אַז די מאַמע איז געשטאָרבן.

דאָס רבל: ווען איז אייער מאַמע געשטאָרבן?

יוחנן: (צום רבל) האָט קיין פאַראיבל נישט; וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות, צו וויסן ווען אונדזער מאַמע איז געשטאָרבן, צו אונדזער דין־תורה מכּוח דער ירושה?

נתן: (צו יוחנן) דו ווילסט נאָך דעם רב אויך לערנען?

יוחנן: (אין כּעס) מיין נישט, אַז איך בין דו...

ישעיה: (העלפנדיק נתנען) איך גיב דיר אָן עצה צו זיין רואיק, וואָרים פון אונדז ביידע קענסטו קריגן תּיקף דיין חלק ירושה דאָ אויף דער שטעל.

יוחנן: (צום רבל) זייט אָן עדות, אַז זיי זיינען עזות און מחוצף פּנימער אקעגן אַן עלטערן ברודער.

נתן: אַ קונץ איז צו זיין אַן עלטערער ברודער! אַז דער טאַטע וואָלט מיך געוועז געהאַט פריער, וואָלט איך געווען דער בכור. עס איז דאָ וואָס זיך איבערצונעמען מיט אַזאַ זאַך.

יוחנן: (צום רבל) איר הערט דיבורים?

דאָס רבל: קריגט אייך נישט קינדער. (ביים וואָרט „קינדער" טוט ישעיה אַ צופּ נתנען) זייט בעסער רואיק און זאָגט אייערע טענות.

נתן: איך האָב נישט וואָס צו טענהן, איך וויל, אַז אַלע דריי זאָלן באַקומען גלייכע חלקים, איינער נישט מער ווי דער אַנדערער.

יוחנן: מאַלע, וואָס דו ווילסט.

נתן: פֿאַרקערט, לאָז דעם רב זאָגן, צי איך בין נישט גערעכט.

יוחנן: איך ווייס שוין, וואָס דער רב וועט זאָגן.

דאָס רבל: (אַ ביסל אין כּעס) אַז איר ווייסט שוין, זעצט־זשע אייך אַנידער אויף מיין שטול און זייט איר דער רב.

נתן: (צופּט ישעיהן) זעסטו? (צום רבל) איך זאָג אייך, רבי, צו האָבן אַ ברודער אַ בן־תּורה, איז אַן אומגליק. וואָלט ער געווען אַ פּראָסטער, ווי מיר, וואָלטן מיר זיך אויסגעגליכן מיט גוטן, און וואָלטן פֿאַרשפּאָרט צו קומען צו אייך.

יוחנן: שווייג, וואָרים אַז נישט וועל איך דערציילן דעם רבין.

נתן: (מיט כּעס) וואָס וועסטו דערציילן?

יוחנן: צי מיך נישט ביי דער צונג.

נתן: פֿאַר דיר האָב איך טאַקע אַוודאי מורא.

דאָס רבל: קריגט אייך נישט, ברידער דאַרפֿן זיך נישט קריגן.

ישעיה: אַ שיינער ברודער!

(יוחנן שפּרינגט אויף.)

נתן: (נעמט אים אַן ביים אַקסל און זעצט אים צוריק אַנידער אויפֿן בענקל) און היט דיך אים צו זאָגן אַ וואָרט.

יוחנן: (מורא האָבנדיק) פֿאַר וועמען זאָל איך מיך היטן?

נתן: פֿאַר אונדז.

יוחנן: איך הער אייך ווי המן דעם גראַגער.

נתן: דאָס וועלן מיר שוין זען.

דאָס רבל: אַז איר טוט אָפּ ביי מיר אין שטוב אַזעלכע מעשים, בין איך אייך מוחל די גאַנצע דין־תּורה.

יוחנן: איר זענט אָבער ביי אונדז געוואָרן רב און איר מוזט די שקצים וויזן, אַז פֿאַר אייך מוז מען האָבן דרך־ארץ...

נתן: פֿאַרן רב האָבן מיר דרך־ארץ אָבער נישט פֿאַר דיר.

יוחנן: שייגעץ איינער, איך בין עלטער פֿון דיר.

נתן: דאָס האָסטו שוין טויזנט מאָל געזאָגט.

ישעיה: (צו נתנען) ווייסטו וואָס, לאָמיר זיך גאָר אויפֿהייבן און גיין אַהיים. מיט אים וועלן מיר קיינמאָל קיין עק נישט דערגיין.

יוחנן: סמאַרק.

ישעיה: (כאַפּט אים ביי דער באָרד): איך וועל דיר ווייזן, וואָס הייסט סמאַרק.

(עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אלימלך, אַ קלוגעטשקער ייד, אָנגעטאָן ווי אַ קבצן.)

אלימלך: שאַט, שאַט, וואָס קריגט איר איך? (ער צענעמט זיי). זעצט זיך אַנידער.

יוחנן: (צום רבי'ל) איר זענט קיין רב נישט.

אלימלך: (צו יוחנן) איר נעמט אייך צופיל איבער מיט אייער ביסל תורה. זענט איר געקומען צום רב זיך לאָדן, מוזט איר ווייסן, אַז איר זענט ביים רב און נישט ביי זיך אין דער היים.

ישעיה און נתן: (כאַפּן זיך אָן) יאָ, אלימלך, איר זענט גערעכט.

אלימלך: זאָגט־זשע מיר, אין וואָס באַשטייט אייער לאָדעניש, לאָמיך אויך ווייסן.

אַלע דריי: (אינאיינעם) וואָס הייסט אין וואָס? מכוח דער ירושה פון אונדזער טאַטן.

(אלימלך לאַכט.)

יוחנן: איר לאַכט און מיך שטעכט עס.

אלימלך: מאַכט אייך נישט נאַריש. זינט דרייצן יאָר איז אייער טאַטע געווען אין שכנות, מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער פאַרזעצט בחייו.

נתן און ישעיה: (כיטרע) עס איז טאַקע אַזוי, ס'איז גאָרנישט געבליבן.

יוחנן: (הויך) ס'איז שוין דאָ וואָס צו ירשענען.

נתן און ישעיה: וואָס איז דאָ?

יוחנן: אַ קישן און אַ קאָלדרע, אַ טיש מיט אַ הענגללייכטער, מיט טעפלעך און העק און געצייג.

נתן: דער הענגללייכטער מיטן געצייג האָט מען פאַרקויפט אויף רפואות.

יוחנן: דאָס האָט איר ביידע צוגענומען נאָך איידער איך בין געקומען.

נתן: דו ביסט אונדז חושד אין אַזאַ זאַך. מיר קענען שווערן, אַז דו האָסט צוגענומען דאָס חנוכה־לעמפל, בשעת דו ביסט געווען דעם לעצטן סוכות ביי אונדז.

יוחנן: איר הערט רבי, וואָס זיי זיינען מיך חושד?

נתן: און דו מעגסט אונדז חושד זיין?

אלימלך: (מישט זיך אַריין) וועגן דעם וואָס עס איז נישטאָ, איז נישטאָ וואָס זיך צו קריגן; און דאָס, וואָס איז יאָ דאָ, איז, דאַכט זיך, נישט פיל ווערט.

נתן: ווערט איז דאָס נישט קיין זעקסער, מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד. איך מיאוס זיך פאַר דעם קישן מיט דער קאָלדרע, וואָס דער טאַטע איז אויף זיי געלעגן קראַנקערהייט. אָבער ווער האָט געגעבן קבורה־געלט? מיר! מוז ער (ווייזט אויף יוחנן) גאַנץ גוט באַצאָלן זיין חלק. (גיט זיך אַ פּאַטש אין קאָפּ אַריין) וואו איז מיין שכל? ער איז דאָך דער בכור, מוז ער דאָך געבן צוויי חלקים.

יוחנן: (אין כעס) ביסט אַ גוטער למדן.

דאָס רבל: גייט אייך געזונטערהייט, איך בין אייך מוחל אייער דין־תורה.

נתן: אָבער פאַרוואָס האָבן מיר אייך געדולט דעם קאָפּ אומזיסט?

אלימלך: איר מוזט טאַקע געבן דעם רב פסק־געלט.

נתן און ישעיה: פון אַזוינע ירושות טראָגט נישט אויף קיין פסק־געלט.

(זיי גייען אָפּ איינער נאָכן אַנדערן; הינטער דער טיר הערט מען נאָך ווי זיי קריגן זיך.)

# אַ נאָכמיטיק ביים רב אין שטוב

## אַ בילד

דער פּאָדערשטער חדר ביים טאָדאָוועצער רב. אַ נידעריקע סטעליע. צוויי קליינע פענצטערלעך גייען אַרויס אויף דער שמאָלער גאַס. לעבן אַן אַלט באַנקבעטל שטייט אַ לענגלעכער קיילעכדיקער טיש. אויבנאָן, אויף אַן אַלטן שטול, אונטערגעשפּאַרט מיט אַ קישן, זיצט דער רב, אַ קליין יידל מיט אַ שפּיציק גרוי בערדל. ער האַלט די האַנט אָנגעשפּאַרט אויפן טיש און קוקט אַריין אין משניות. אַ הויכער ייד, מיט גרויסע שטיוול, אין אַ לאַנגן ריבסע־נעם כאַלאַט מיט אַ פאַרגרינט פּליושן היטל, שטייט ביים אַנדערן עק טיש און טענהט.

דער רב: (הייבט נישט אויף די אויגן פון ספר) איך האָב דיר געזאָגט, חיים, איך טאָר דיך אַליין נישט אויסהערן.

דער ייד: רבי לעבן, ער קוילעט מיך, ער איז מיר משיג־גבול.

דער רב: (מיט כּעס): איך טאָר נישט הערן איין בעל־דין אָן דעם אַנדערן. קום אינאיינעם מיט אים און האָט אַ דין־תורה.

דער ייד: אַז דער הולטאַי וויל גאָרנישט גיין צווישן יידן און וויל נאָר אָפּגעבן אין סוד.

דער רב: (הייבט אויף דעם קאָפּ) איך וועל אים שיקן רופן.

דער ייד: ער וועט אייך נישט הערן, דאָס איז אַ כּלב־שבכּלבים.

דער רב: (רופט) יאַנקל, יאַנקל, וואו איז ער? (עס קומט קיינער נישט) וואו איז יאַנקל? זאָל ער גיין נאָכן שמש.

(מען הערט דער רביצינס קול: יאַנקלען האָב איך געשיקט צו פייסין אין קלייט נאָך צוקער.)

דער ייד: וועל איך אייך אַליין גיין רופן שואלן.

דער רב: אַז דו ווילסט, גיי.

(דער ייד גייט אַרויס דורך דער טיר, וואָס עפנט זיך אין דרויסן. די טיר וויל זיך נישט צומאַכן, אַ ווינטל בלאָזט. די רביצין, אַ גראָבע מיאוסע

יידענע אין אַ טשיפּיקל, קומט אויף דער שוועל פֿון קיך אין חדר און קוקט אַריין:)

די רביצין: שלמה, איז ער שוין אַוועק?

דער רב: יאָ.

די רביצין: טאָמער האָסטו נאָך צוואַנציק קאָפּיקעס.

דער רב: (קראַצט זיך) איך האָב נישט.

די רביצין: אַ כּפּרהניק איז דאָ געווען און וויל צעהאַקן דאָס האָלץ. ער וויל אָבער פֿערציק קאָפּיקעס אַ טאָג.

(די טיר פֿון דרויסן עפֿנט זיך און דער ייד קומט אַריין.)

דער ייד: ער וועט באַלד קומען.

דער רב: זעץ זיך דערווייל.

די רביצין: אַ, חיים.

דער ייד: (קרעכצט) יאָ, מ׳בידעוועט.

די רביצין: וואָס איז אייך?

דער ייד: אַ דין־תּורה האָב איך מיט שמואלן; ער האָט מיך באַראַ־בעוועט און וויל מיך אויסטאָן פֿון העמד.

די רביצין: יאָ, יאָ, חיים, מען מוז נאָך אויסהערן יענעמס צד...

דער ייד: (שפּרינגט אויף) וואָס זאָגט איר, רביצין! דאָס איז אַ ראַזבאָיניק, ווי איר זעט מיך לעבן, איך זאָל אַזוי גערעכט זיין פֿאַר גאָט, ווי איך בין גערעכט.

(די טיר פֿון דרויסן עפֿנט זיך אויף, און שאול, דער שמש, אַן אַלטער, שוואַרצער ייד פֿון אַ יאָר זעכציק, קומט אַריין הוסטנדיק.)

שאול: קכי, קכי (ער שנייצט אויס די נאָז) רבי, וואָס לאָזט איר מיך נישט שלאָפֿן. איך וואָלט מיך אַ ביסל אָפּגערוט, איך הוסט שוין זייט דריי טעג און דער קאַטער... האָט איר געהערט, ביי ראובן־זיסעס איז היינט געפּייגערט די ציג. אַ רחמנות. שרה־רבקה איז געלעגן געוואָרן און האָט געהאַט אַ ייִנגל, דאָס אַכטע. אין בית־מדרש האָט מען היינטיקע נאַכט געגנבעט האָלץ. איך מוז מיר אָפּעסן דאָס האַרץ מיטן גבאי, ער זאָל קויפֿן אַ שלאָס.

דער רב: (גוטברידערלעך) לאָז די מעשיות, שואל. גיי אַריבער צו שמואלן און זאָג: איך לאָז אים רופֿן, ער זאָל באַלד קומען צו גיין.

דער שמש: (קוקט אויף חיימען) איך פֿאַרשטיי שוין, אַ לאַדעניש. ביי וועמען האָב איך דעם זעקסער? מוז איך מיר אָפּגיין די פּיס אומזיסט? (ער פֿאַרהוסט זיך) קכי, קכי, קכי.

דער רב: גיי שוין. אונטערוועגנס קויף מיר ביי פייסין אַן אַכטל טיטון, סרעדניע.

דער שמש: גיט אַהער געלט.

דער רב: נעם אויף באָרג.

(די רביצין ווינקט צום רב. דער רב גייט צו צו איר.)

די רביצין (שטילערהייט) שיק נישט נעמען אויף באָרג. ער האָט קיין חשק נישט. מיר זיינען אים שולדיק ניין קערבלעך.

(דער רב הויבט אָן צו קראַצן אין קעשענע און געפֿינט אַן אָפּגעריבע־נעם דרייער. שואל איז דערוויל אַוועקגעגאַנגען. עס קומט אַריין אַ געזונטע שיקסע מיט אַ רויט קליידל מיט אַן אויסגענייט העמד.)

די שיקסע: דאָוואַי דרישטשי נאַ שעסט קאָפּיעיעק.

(די רביצין גייט צו צו דער שאַפֿע און וועגט אָפּ אַ לויט הייוון.)

דער רב: וויפֿל האָסטו געלייזט, רבקה?

די רביצין: זעקס קאָפּיקעס.

דער רב: השגחה!

(אַ יונג חייבל, אַ שעמעוודיקע, עפֿנט די טיר.)

די רביצין: שלמה, אַ שאלה.

דער רב: קומט אַהער.

(דאָס חייבל גייט פּאַמעלעך צו צום טיש און נעמט אַרויס פֿון האַנטעך אַ מאָגערע הון.)

דאָס ווייבל: איך האָב זי גענומען כשר מאַכן, האָב איך נישט געפֿונען די גאַל.

(דער רב שטעקט אַריין די האַנט און נעמט אַרויס די לעבער און לעקט זי.)

דער רב: ס'איז ביטער — ס'איז כשר.

דאָס ווייבל: (שטייט) איך וואָלט אייך געוואָלט פֿרעגן, איך האָב אַ דייזשקע, וואָס איך באַניץ זי נאָר צו וואַסער, און שטיין שטייט זי אין קאַמער, נישט אין קיך, אַצינד וויל איך אין איר שטעלן פסחדיקן באָרשט.

דער רב: מען מעג, אָבער מען מוז זי כשרן.

דאָס ווייבל: נעכטן האָב איך געהאַט די האַנט אין מעל, האָב איך גענומען די קוואָרט און האָב אָנגענומען וואַסער.

דער רב: איך האָב אייך געזאָגט, כשרט זי.

דאָס ווייבל: (נישט צופרידן) ווייס איך, איך האָב געמיינט קויפן בעסער אַ נייע דייזשקע. אָבער אַז מען מעג...

(זי נעמט די הון פונעם טיש, וויקלט זי איין און גייט אַוועק.)

דער רב: (צו דער רביצין) ווער איז זי?

דער ייד: שמעונס שנור.

דער רב: אַ מחמירטע.

דער ייד: יאָ, דער מאַן איז אַ גנב.

דער רב: דו רעדסט מיר צו שטאַרק אויף יידן.

דער ייד: אַלע זיינען זיי גנבים, די שמעונס.

דער רב: (גייט צו צום פענצטער און קוקט) שואל איז נאָך נישטאָ, אַז מען שיקט אים אַוועק, קען מען זיך נישט דערוואַרטן. רבקה, (ער קערט זיך צו דער רביצין) זע נאָר, אין שופלאָד האָב איך אַ ביסל טיטון.

דער ייד. (נעמט אַרויס אַ ציגאַר טיטון) נאַט אייך, רבי, ס'איז גוטער.

דער רב: דו ווילסט מיר געבן שוחד? איך וועל שוין וואַרטן אויף שואלן.

(יאַנקעלע קומט אַריין, אַן אויסגעשמירט, באַרוועס יינגל פון אַ יאָר ניין מיט אַ צעריסן היטל.)

יאַנקל: באָבע, איך בין געפאַלן און האָט אויסגעשיט דעם צוקער.

(דער רב ווערט רויט פאַר כעס. די רביצין נעמט אים אָן ביי דער האַנט און פירט אים אַוועק אין קיך אַריין.)

דער שמש: (קומט) וואָס איז ביי אייך פאַר אַ הונט ביי דער טיר? אַ דאָ האָט איר דעם טיטון. פייסי האָט זיך אַפילו אַביסל געקרימט... שמואלן האָב איך נישט געפונען אין דער היים. האָב איך געזאָגט זיין ווייב (ער הוסט) אַ ווינט איז דאָס! צו נחום קאָזניאַנסקי איז געקומען צופאָרן אַ פריץ.

(דער ייד כאַפּט זיך אויף.)

דער רב: וואוהין גייסטו, חיים?

דער ייד: איך וועל באַלד קומען.

(גייט אַוועק.)

דער שמש: (אַז חיים איז אַוועקגעגאַנגען) רבי, ס'איז פּוסטע זאַכן, זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט לאָדן, איר האָט געזען?

דער רב: וואָס?

דער שמש: ווי ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַז איך האָב געזאָגט וועגן פריץ.

דער רב: אַ ייד וויל נעבעך פּאַרדינען.

דער שמש: אַ שיינער נעבעך, אויף מיר געזאָגט געוואָרן. ווי ער זיצט דאָ, וואָלט איר פאַר אים קיין צוויי גראָשן נישט געגעבן, אָבער איר זאָלט אים געדאַרפט זען אין אַ מעקלעריי.

דער רב: שמואל פּאַרנעמט זיך דאָך אויך מיט מעקלעריי.

דער שמש: אַוודאי, און דערפאַר טאַקע רייסן זיי זיך אַרום.

(דער רב זעצט זיך ווידער צום משניות און הויבט אָן אַריינצוקוקן.)

דער רב: וואָס שטייסטו שואל?

דער שמש: ווער וועט מיר באַצאָלן פאַרן גאַנג?

דער רב: (מאַכט אַ הלצהלע) האָב דו מיט חיימען אַ דין־תורה.

דער שמש: איך איז גוט צו לאַכן. פון וואַנען זאָל איך לעבן?

דער רב: הויבסטו שוין ווידער אָן. (זוכט אין קעשענע. נעמט אַרויס אַ דרייער) נאָ, האָסטו.

דער שמש: (טאַפּט דאָס געלט. צו זיך) אַ דרייער.

(ער גייט.)

דער רב: (זעצט זיך ווידער, מישט צוריק די בלעטלעך און הויבט אָן צו לערנען) מאימתי קורין את שמע בערבית (צו זיך) מען איז מיך מבטל פון דער תורה...

# די קניה

## אַ סצענע

### פּערזאָנען

שמואל־יאָקלס, אַ באַלעבאָס, יונתן, אַ מעקלער,
פּערל, זיין ווייב, יואל, אַן אָפּגעקומענער מעקלער.

ס'איז אַ קליין שטעטל, אַ זומערטאָג, נאָכמיטאָג. דער פּאָדאָשעק פֿון אַ קליינע קעלערשטוב. אינמיטן אַ טיר. פֿון איין זייט צוויי פֿענצטער און פֿון דער אַנדערער זייט — איין פֿענצטער. די פֿענצטער זיינען פֿאַרהאָנגען פֿון אינעווייניק מיט דינע פֿאָרהענגלעך. ביי די צוויי פֿענצטער שטייט אַ הילצערנע באַנק. אויפֿן פּאָדאָשעק שטייט שמואל־יאָקלס, דער באַלעבאָס פֿון שטוב, אַ געלער ייד, אַ בעל־בשר. ער האַלט די הענט אין די קעשענעס פֿון די הויזן און קוקט אין גאָס אַריין. לינקס פֿאַרן פּאָדאָשעק שטייט אַ ווייסע טעליצע און עסט פֿון אַ צעבער נאָסע קלייען. עס קומט צו יונתן, דער מעקלער, און האַלט אַ צוזאַמענגעוויקלטן בויגן פּאַפּיר אין האַנט. ער קוקט שטאַרק אויף דער טעליצע...

יונתן: (צו שמואלן) וואָס איז ביי אייך פֿאַר אַ רויך פֿון קוימען?

שמואל: מיין ווייב פּרעגלט פּאָווידלע.

יונתן: איר שטייט אייך, ווי אויב איר וואָלט שוין אויסגעגעבן אייערע קינדער אין פֿריידן.

שמואל: און איר גייט אַרום אייביק פֿאַרטאָן און האַלט אין די הענט אַ ליידיקן בויגן פּאַפּיר.

יוחנן: פֿון וואַנען ווייסט איר אַז ער איז ליידיק?... (קוקנדיק אויף דער טעליצע) זאָגט מיר נאָר, וואָס שטייט ביי אייך די טעליצע אין מיטן טאָג און עסט?

שמואל: (לאַכנדיק) כדי איר זאָלט פֿרעגן.

יונתן: קאַטאָוועס אָן אַ זייט.

שמואל: ווער טרייבט קאַטאָוועס?

יונתן: וואָס ווילט איר פֿאַר דער טעליצע?
שמואל: פֿון ווען אָן זענט איר דאָס געוואָרן אַ קונה פֿון טעליצעס?
יונתן: אַז אַ ייד פֿרעגט אייך, זאָלט איר אים ענטפֿערן.
שמואל: וואָס האָט איר דען געפֿרעגט?
יונתן: איך זע, איר מאַכט אייך תּמעוואַטע. איר ווילט נישט זאָגן, איז נישט.
שמואל: אַוודאי וויל איך נישט.
יונתן: וואָס־זשע דען האָט איר געשיקט אייער ייִנגל נאָך מיר?
שמואל: האָב איך אים דען געשיקט?
יונתן: רוקט אייך אַרויס מיט די דיבורים, וואָס האָט איר געשיקט נאָך מיר?
שמואל: איך האָב צייט. אָבער אַז איר ווילט, גייט אייך.
יונתן: ווייסט איר וואָס, רופֿט אַרויס אייער ווייב. מיט פֿרויען קען מען בעסער שמועסן.
שמואל: איר האָט אַ ווייבערישע נשמה.
יונתן: איך האָב פֿיינט פּוסטע רייד. זאָגט איר, צי אייער ווייב, וואָס איר ווילט פֿאַר דער טעליצע?
שמואל: פֿאַרוואָס זאָל איך זי פּלוצלינג פֿאַרקויפֿן?
יונתן: מסתּמא ווייסט איר, פֿאַרוואָס איר ווילט זי פֿאַרקויפֿן.
שמואל: ווי איר קוקט מיך אָן, איך ווייס פֿון גאָרנישט.
יונתן: רופֿט אַרויס אייער פּלוניתטע.
שמואל: גייט און רופֿט זי, אַז איר ווילט.

(יונתן גייט אַרויף אויפֿן פּאָדאַשעק, נעמט אָן די קלאַמקע און וויל עפֿענען די טיר. שמואל האַלט אים צו און לאָזט אים נישט.)

שמואל: וואַרט, טאָמער וואָלט איך געקענט וויסן, ווער איז דער קונה.
יונתן: וואָס איז אייך דער חילוק ווער ס'איז? איך קויף ביי אייך די טעליצע און ביי מיר האָט איר דאָס געלט.
שמואל: געלט איז נאָך ווייניק.
יונתן: אָבער וויפֿל ווילט איר פֿאַר איר, זאָגט שוין אַרויס?
שמואל: וויפֿל איך וויל?
יונתן: יאָ, וויפֿל?
שמואל: זעצט אייך אַנידער, מיר וועלן שמועסן.

יונתן: איר האָט אָפּנים נאָך קיינמאָל אין אייער לעבן נישט פֿאַר־קויפֿט קיין טעליצע.

שמואל: און ווער זאָגט אייך, אַז היינט וויל איך יאָ פֿאַרקויפֿן?

יונתן: זאָגט, וויפֿל ווילט איר פֿאַר איר? לאָמיך דערגיין אַן עק.

שמואל: איר זענט מיר צו היציק.

יונתן: לאָזט מיך גיין.

שמואל: גייט, ווער לאָזט אייך נישט?

יונתן: איך וויל דאָך אָבער קויפֿן די טעליצע.

שמואל: און איך האָב צייט.

יונתן: פֿאַרוואָס ציט איר מיר די נשמה?

שמואל: זעצט אייך אַנידער.

(יונתן זעצט זיך.)

שמואל: זאָגט מיר דעם אמת, פֿאַר וועמען ווילט איר קויפֿן די טעליצע?

יונתן: וואָס איז אייך די נפֿקא־מינה?

שמואל: אַוודאי איז מיר אַ נפֿקא־מינה. איך וויל וויסן ביי וועמען מיין טעליצע וועט אַנשפּאַרן.

יונתן: ס'איז ביי אייך, ווי אויב איר טוט אַ שידוך מיט אַ קינד.

שמואל: זאָגט מיר, אַ שטייגער, וויפֿל ווילט איר פֿאַרדינען אָן דער טעליצע:

יונתן: אַ שטוב וועל איך מיר נישט קויפֿן פֿון דער מעקלעריי.

שמואל: וועט יענער געבן זיבעציק קערבלעך?

יונתן: (טוט אַ שפּרונג) פֿאַרוואָס טאָקע נישט אַכציק, צי הונדערט?

שמואל: וואָס מיינט איר, אַז איך גיב זי אָפּ פֿאַר זיבעציק? בין איך דען אַראָפּ פֿון זינען?...

יונתן: און יענער וועט זיין ביים זינען, אַז ער וועט אַרויסנעמען זיבעציק קערבלעך און אייך געבן?

שמואל: קיינער איז נישט געצוויט. פֿאַר מיין טעליצע וועל איך שוין באַקומען מיין געלט.

יונתן: אָבער נאָר נישט זיבעציק קערבלעך.

שמואל: מיר וועלן זען.

יונתן: דאָס וועל איך נישט זען און איר וועט דאָס אויך נישט זען. מאַכט זיך נישט נאַריש און זאָגט באמת, וויפל אירווילט פאַר דער טעליצע.

שמואל: איך האָב איך געזאָגט, זיבעציק קערבלעך, נישט ווייניקער אַ גראָשן.

יונתן: איר וועט זיך נאָך לאָזן בעטן...

שמואל: זיבעציק קערבלעך; זיבן אָפּגעציילטע צענערלעך.

יונתן: אויב אַזוי, מוז איך גיין. איך זע, ס'וועט פון גאַנצן עסק גאָרנישט ווערן.

שמואל: וויפל דען מיינט איר?

יונתן: לאָזט פריער אַראָפּ, און דערנאָך וועל איך זאָגן.

שמואל: איך לאָז נישט אַראָפּ פון דעם, וואָס איך האָב געזאָגט אַ גראָשן, דאָס ווייסט איר גוט.

יונתן: איך גיב איך פערציק, מזומנע.

שמואל: אַז איר וואָלט נישט געווען עלטער פון מיר, וואָלט איך איך געמעגט אַ שפּיי טאָן אין פּנים אַריין.

יונתן: איך בין אַ סך לייטישער פון אייך, איך האָב איך נישט געשפּיגן אין פנים אַריין, אַז איר האָט געזאָגט זיבעציק.

שמואל: וויפל דען האָב איך געזאָלט זאָגן?

יונתן: איר ווייסט אַליין, אַז פאַר זיבעציק רובל קען מען שוין, אַז מען וויל, קויפן צוויי טעליצעס.

שמואל: אַדרבה, נאָט איך זיבעציק קערבלעך און גיט מיר צוויי טעליצעס.

יונתן: גיט אַהער די האַנט.

(שטרעקט אויס די האַנט.)

שמואל: אַ חכם זענט איר, אָבער וואָס פאַר אַ טעליצעס!

(די טיר פון שטוב עפנט זיך, און עס קומט אַריין פערל, אַ פאַר־שמירטע יידענע, מיטן טשיפּיקל אויפן קאָפּ, די הענט זיינען טונקל־רויט פון פלוימען.)

פערל: (צו יונתן) וואָס טוט איר דאָ, יונתן?

יונתן: גוט וואָס איר זענט געקומען; איר זענט אַ סך קליגער, ווי אייער מאַן.

שמואל: (צו פערלען) טרעף וואָס יונתן וויל? ער וויל אונדז אָוועקנעמען אונדזער טעליצע.

פערל: אַי, יונתן.

יונתן: זאָגט אַליין, אייער מאַן מוטשעט מיך שוין דאָ אַ שעה נאָכאַנאַנד און איך זע נישט אַרויס קיין לאַד.

פערל: קומט אַריין אין שטוב; צו וואָס זאָלן מיר שטיין דאָ און רעדן?

שמואל: ניין, איך וויל קוקן טאָמער קומט נאָך אַ קונה.

יונתן: האָט נישט קיין מורא, אַזוי גיך יאָוועט זיך נישט קיין בעלן.

פערל: (צו יונתנען) וויפֿל בעט דען שמואל ביי אייך פֿאַר דער טעליצע?

יונתן: זיבעציק קערבלעך, אַ רציחה

פערל: און איך גיב זי נישט אָפּ פֿאַר זיבעציק.

יונתן: ווילט איר נאָך זיין ערגער ווי אייער מאַן?

פערל: לויבט מיך נישט אין די אויגן, איך קען מיך נאָך איבערנעמען.

(מען הערט פֿון דער שטוב אַ געשריי פֿון אַ קינד. פערל לויפֿט אַריין אין שטוב. עס קומט אָן יואל, דער אָפּגעקומענער מעקלער, אַן אָרעמער ייד מיט אַ לאַנגער באָרד.)

יואל: וואָס איז, וואָס טוט זיך דאָ?

שמואל: (מיט אַ שמייכל) מיר האָבן אויף אייך געוואַרט.

יואל: אַרויס מיט לשון, דערציילט.

שמואל: יונתן האָט אַ יינגל און איך אַ מיידל, און ער איז אַליין דער שדכן, און ער וויל, מיר זאָלן זיך משדך זיין.

יונתן: טרייבט נישט קיין קאַטאָוועס. (צו יואלן) זאָגט, אויף אייער יושר, וויפֿל איז ווערט די טעליצע, וואָס שטייט אָט דאָ?

יואל: (זיך קראַצנדיק) וואָס הייסט וויפֿל? ס'איז אַ חילוק צו איך קויף, צי איך פֿאַרקויף זי.

יונתן: חכם איינער, אָבער אַ טעליצע מוז דאָך האָבן סתּם אַ ווערט.

יואל: אויב איך זאָל זאָגן דעם אמת, איז די טעליצע ווערט אַ פּופּציקער.

יונתן און שמואל: (ביידע פֿאַראַמאָל אויסשיסנדיק) איר קענט זיך נישט אויף טעליצעס.

יואל: איך וועל גיין, אָבער ווען איר פֿאַרקויפֿט די טעליצע, האָב איך אַ חלק אין דער מעקלעריי.

יונתן: אַ מכה אין די ציין.

שמואל: קריגט איך נישט, איך פֿאַרקויף זי שוין נישט אַצינד, פֿאַר כל הון דעלמא נישט.

יואל: אַז איר ווילט, וועל איך מאַכן אַ פּשרה. אום וויפֿל דינגט איר איך?

יונתן: איך וועל שוין אַליין אויסקומען אַן איך.

יואל: (צו שמואלן) זייט איר אָבער אַן עדות, אַז איך בין אויך אַ קונה.

(ער גייט.)

יונתן: (צו שמואלן) נו, וויפֿל ווילט איר פֿאַר דער טעליצע?

שמואל: (רואיק) זיבן צענערלעך.

יונתן: דאָס האָב איך שוין געהערט.

שמואל: טאָ גיט אַהער, וואָס איך וויל.

יונתן: איך גיב אייך פֿינף און פֿערציק קערבלעך.

שמואל: איך לאָז אייך אַראָפּ אַ דרייערל.

יונתן: און איך לייג צו נאָך אַ דרייערל.

שמואל: גיט אַהער פֿינף און זעכציק.

יואל: איר מוטשעט אייך אומזיסט, איך גיב אייך אַ פֿופֿציקער און מאַכט אַ סוף.

שמואל: זעכציק קערבלעך, ווייניקער נישט אַ קאָפּיקע.

יונתן: איך שווער אייך, אַז איך האָב געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט...

שמואל: און איך זאָל נישט דערלעבן אַריינצוגיין אין שטוב, אויב איך נעם ניין און פֿופֿציק מיט ניין און נײַנציק קאָפּיקעס.

יונתן: איז נישטאָ וואָס צו רעדן.

שמואל: טאָ וואָס דולט איר מיר אַ קאָפּ?

יונתן: אַז איר זענט אַן עקשן, ווער איז איך שולדיק?

שמואל: ווייסט איר וואָס, קומט אַריין אין שטוב, וועט איר טרינקען אַ גלאָז טיי.

יונתן: איך בין אייך מוחל אייער טיי.

שמואל: לאָמיר גאָרנישט רעדן פֿון דער טעליצע. לאָמיר שמועסן מכּוח עפּעס אַנדערש.

יונתן: נעמט האַנטגעלט און לאָזט מיך גיין. איך מוז נאָך היינט פֿאַרנאַכט געבן תּשובֿה.

שמואל: ווּעמען?

יונתן: לעקישן.

שמואל: איר פֿאַרגעסט ווער איך בין!

יונתן: דאָס ווייס איך, ביי איך צו פֿאַרדינען אין מעקלעריי איז שווערער ווי אויפֿצוהייבן אַ באַרג.

שמואל: איר זענט מיר דער גוטער מעקלער.

יונתן: צו וואָס האָט איר געשיקט נאָך מיר און נישט נאָך יואלן?

שמואל: וואָס מיינט איר? איך מיט מיין טעליצע האָבן קיין דאגה נישט...

יונתן: און אַ מזומנער קונה, וואָס וויל געבן פֿאַר אַ טעליצע אַ פּופּציקער האָט אויך קיין דאגה נישט.

שמואל: גיט אַהער פֿינף און פּופּציק קערבלעך, כאַפּט אייך דער רוח.

יונתן: מילא, זאָל זיין אַזוי, נאַט אייך אַ צענערל אַן אַדערויף.

# דער שידוך

## אַ שמועס

ר׳ לאָקש: (צו ר׳ פֿאַרפֿלען) איך מוז אַרויס פֿון די כּלים...

ר׳ פֿאַרפֿל: שאַט, שאַט, וואָס זייט איר פֿאַר אַ מיוחס?

ר׳ לאָקש: ס׳איז אַ העזה פֿון אַ מענטש, מיין זון רעדן משולמס טאָכטער. איר פֿאַרשטייט מיך? איר זייט בסך־הכּל אַ גאָרנישט.

ר׳ פֿאַרפֿל: נישט זידלען זיך, מיין קינד; איך זאָג אייך, ס׳איז פֿאַר אייך אַ גליק, כּ׳לעבן, איר וועט מיך נאָך בעטן.

ר׳ לאָקש: בעטן זאָל מען אייך צום רוח. אַז איר וועט זיך דערוועגן נאָך אַמאָל צו קומען צו מיר מיט דעם דאָזיקן ענין, וועל איך אייך ווייזן די טיר.

ר׳ פֿאַרפֿל: וואָס־זשע זאָל איך טאָן? אַז איך בין פֿאָרט אַ שדכן און דער שכל זאָגט מיר, אַז דאָס איז ווי פֿאַר אייך געבוירן?

ר׳ לאָקש: טראָגט אייך אָפּ, איר ברענגט מיך אַרויס פֿון מיין הויט.

ר׳ פֿאַרפֿל: גיין וועל איך שוין, אָבער דער ענין איז טאַקע אַן ענין, לאָמיר זיך נישט נאַרן.

ר׳ לאָקש: (פֿון כּעס הויבט אָן פֿאַרפֿלען צו דוצן) פֿאַרפֿל, איך וועל דיך אַרויסוואַרפֿן, אָט דאָס וועט זיין דער סוף.

ר׳ פֿאַרפֿל: וואָס זענט איר אין כּעס, ווער נויט אייך דען? איך בין מיר אַ ייד און טו מיר מיינס: איר ווילט נישט, איז נישט.

ר׳ לאָקש: אַ העזה פֿון אַ מענטשן.

ר׳ פֿאַרפֿל: גיט אַהער דעם בריוו.

ר׳ לאָקש: וואָס פֿאַר אַ בריוו!

ר׳ פֿאַרפֿל: איך מיין דעם בריוו, וואָס איך האָב אייך אָט דאָ געגעבן.

ר׳ לאָקש: אַ, דעם בריוו פֿון משולמען מכּוח דעם נדן? דעם האָב איך צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך.

ר׳ פּאַרפּל: גיט אַהער דעם בריוו און מאַכט אייך נישט נאַריש, איר ווילט דאָך דערפֿון גאָרנישט וויסן. ביי מיר איז דאָס אַ סחורה, איז נישט לאָקש, איז גרויגעם צו בוידעם, יינגלעך זיינען דאָ ביי יידן אַ סך, ברוך־השם.

ר׳ לאָקש: צו וואָס־זשע טויג אייך דער בריוו?

ר׳ פּאַרפּל: אַ שכל פֿון אַ מענטשן! דעם בריוו וויל איך טאַקע ווייזן גרונמען, אַז איך וועל אים פֿאָרלייגן דעם שידוך.

ר׳ לאָקש: וואָס גייט מיך אָן גרונם? זאָל ער ברעכן דעם קאָפּ.

ר׳ פּאַרפּל: דאָס איז מיין דאגה. זייט נישט פֿויל אויפֿן פּעלץ און גיט אַהער, זייט מוחל, דעם בריוו.

ר׳ לאָקש: איז ביי אייך אַ רענדל אַ מינוט? אַ מענטש מוז זיך דאָך מישב זיין.

# ברויט *

## אַ בילד

(הינטער דער טיר. מען הערט עמעצן כליפּען.)

ער: שרה־לעב, וואָס־זשע ווייִנסטו? אַז גאָט וואָלט געוואָלט אונדז העלפֿן, וואָלט ער דען נישט געקאָנט? מאָל דיר אויס, מיר האָבן יאָ ברויט, יאָ געלט, יאָ קאַרטאָפֿל, יאָ שמאַלץ — זינדיק נישט. איז נישט דער מענטש בסך־הכּל אַ בשר־ודם? ווי שטייט עס געשריבן: היום־כּאן, היינט זייַנען מיר דאָ, און מאָרגן זייַנען מיר דאָרט... זעסטו, וואָס מיך אַרט אויף דער אמתן, איז די בושה, נאָר די בושה. איך שעם זיך פֿאַר מיר אַליין, זיך אַרומצודרייען אויפֿן מאַרק און קוקן איטלעכן אין די אויגן אַרייַן, טאָמער גיט ער מיר עפּעס צו פֿאַרדינען... אַז מען דאַרף אָנקו־מען צו אַ מענטשן, ער זאָל עפֿענען דאָס טייסטערל און זאָל זאָגן: יחיאל, איך באָרג דיר פֿינף און דרייסיק קאָפּיקעס אויף שבת, — וואָלט מען בעסער אויסגערונען געוואָרן אין דער מאַמעס בויך. וואָס־זשע זאָל איך טאָן, אַז יענער איז אַ הונט און האָט פֿון אונדז אָוועקגענומען דעם לעצטן ביסן? זאָל איך זיך מיט אים נעמען לאָדן? אַז ער אַליין האָט אויף מכּות. דייַן מאַמע איז געווען גערעכט, אַז זי פֿלעגט צו מיר זאָגן: יחיאל, פֿון דיר וועט נישט זייַן קיין תּכלית. וואָס טויג דיר שותּפֿות? שותּפֿות איז נאָר גוט צו זייַן מיט דעם אייגענעם ווייַב. אָבער אַז דו ווייִנסט, וואָס־זשע זאָל איך טאָן? איך פֿרעג דיך: גייַן שלאָגן זיך מיט גאָט, אַז יענער האָט אונדז באַראַבעוועט און האָט אַליין קרענק. קרענקען זאָל ער אין הקדש, גאָטעניו, אָבער נקמה האָבן אין אַ מענטשן טאָר מען דאָך אויך נישט. ווי שטייט עס אין חומש: התחת אלהים אנוכי? גלויב מיר, שרה, ס'איז נישטאָ קיין אמת אויף דער וועלט, אַז גאָט קען אונדז אַזוי פֿאַרלאָזן. אָבער מעג מען דען אַזוי זאָגן? טאָר מען דאָס? טאָר דאָס אַ מענטש קוקן גאָט

* איבערגעגעבן פֿונעם לשון־קודשן.

אין די קאַרטן אַריין און זיך נאָך פֿאַרזינדיקן? ווין דאָך אָבער נישט, איך ווער שיער משוגע.

(דאָס כליפּען ווערט שטאַרקער)

ער: און דו וויינסט נאָך אַלץ; אָבער זאָג אַליין, וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן? זאָל איך ווערן אַ מקבל, צי עפּענען אַ טאַינע שענק, צי זאָל איך שרייבן דעם פֿעטער און מאַכן אַ רחמנות־פּנים אין בריוו, אַז מיר גייען אויס ווי אַ ליכט?... שרה, איך בעט דיך, שוויג נישט, רעד דאָך אַ וואָרט, זיי נישט קיין עקשן. צי זעסטו נישט, אַז איך ווער גרוי און אַלט? זעסטו נישט, אַז איך האַלט זיך קוים אויף די פֿיס? קומסטו נאָך און וויינסט און צערייסט מיר דאָס האַרץ.

(זי וויינט אַלץ)

ער: וואָס־זשע ביסטו פֿאַר אַ מענטש, שרה, איך פֿרעג דיך! דו זעצט זיך אַנידער און וויינסט. האָבן דען יידן נישט קיין גאָט? גלויב מיר, שרה, פֿאַרלוירן זיינען מיר נאָך נישט. אַוודאַי, ס'איז ביטער און פֿינצטער, אַז מען גייט אַרום מיט ליידיקע הענט און מען קען גאָרנישט טאָן. זאָל איך גיין אַרבעטן טאָג־אַרבעט? איך ווייס אַליין נישט וואָס אָנהויבן צו טאָן; אַז איך הויב זיך אָן צו דערמאָנען, אַז עס קומט דער ווינ־טער און מיר האָבן נישט אַפֿילו וואָס צו פֿאַרזעצן. אונדזערע חכמים זאָגן: יש־תקווה. ווייס איך, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ וועלט? מענטשן גייען אַרום און האָבן נישט וואָס צו עסן. נעכאַי וואָלט געוועזן עפּעס צו פֿאַרדינען. זשאַלעווע איך דען די כּוחות? אָט־דאָ נישט לאַנג האָב איך גערעדט מיט אַברהמען, ער זאָל מיך נעמען אין מיל. האָט ער אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַ פֿאַר אויגן... איך זאָג דיר, דו קענסט נישט קיין מענטשן — חיות, אמתע חיות! פֿון יושר שמועסט מען נישט, אָבער אַזוי, רחמנות האָבן, אַריינגיין אין יענעמס לאַגע און זאָגן: יענער איז אויך אַ מענטש און מוז אויך לעבן. איך זאָג דיר, ווען איך וואָלט נישט קיין מורא געהאַט פֿאַר גאָט, וואָלט איך געזאָגט: פֿע, ס'איז גאָרנישט דאָ... כאַטש לייג זיך אַנידער אין מיטן גאַס און שטאַרב... אַ וועלט איז דאָס מיט מענטשן, ס'איז נישט אויסצוהאַלטן פֿאַר וויטאָג. (ער גיט אַ כליפּ, רעדט ווייטער): אָט, זעסטו, אַז מען רעדט מיט אַ יידענע, ווערט מען אַליין אַ יידענע; וואָס־זשע איז דאָ צו וויינען? איך זאָג דיר, אַז נישט היינט, איז מאָרגן, גאָט

מוז העלפֿן און וועט העלפֿן. איז שוין גאָר נישטאָ קיין שומר־ומציל? איז שוין גאָר נישטאָ קיין בעל־רחמים? פֿאַרשטייסט, עפּעס זיינען מיר דאָך מענטשן און מען מוז גלויבן אין השגחה. ביסט דען נישט קיין יידיש קינד און האָט דען דיין מאַמע דיך דאָס נישט געלערנט? איך פֿאַרשטיי נישט, וואָס איז מיט דיר, שרה, זעצסט זיך אַנידער און וויינסט ווי ווען הימל און ערד וואָלטן אויף דיר געפֿאַלן און די זון וועט שוין קיינמאָל נישט לייכטן! מיר האָבן נישט פֿון וואַנען אַ טאָג איבערצוקומען. איך ווייס, אָבער דעם בטחון אויף גאָט דאַרף אַ מענטש נישט אָנווערן. אַ מענטש מוז זיין שטאַרק און זיך נישט מיאש זיין. אַז איך בין געווען אַ יינגל, האָב איך געהערט אַ מאַמר: אַפֿילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם — דאָס איבעריקע האָב איך שוין פֿאַרגעסן. דער עיקר איז אָבער, אַז ווען אַפֿילו אַ שאַרפֿער שווערד ליגט אויפֿן האַלדז, קען נאָך אויך קומען די ישועה. און מיינסטו, אַז דעם כלל־ישראל איז גוט? עפּעס זיינען נאָך היינט אויך דאָ אַ סך גזירות. דו פֿאַרשטייסט, אַביסל איז איטלעכער ייד אַ פּסוק פֿון דער גרויסער סדרה גלות. יאָ, ווען מיר וואָלטן געווען אין ארץ־ישראל! אָבער דאָרטן זיינען ערשט די ריכטיקע קבצנים, וואָס זיי לעבן פֿון דעם, וואָס מיר וואַרפֿן אַריין אין פּושקע. יאָ, איך זאָג דיר, גיי פֿאַרשטיי גאָטס דרכים און ווי אַזוי ער פֿירט די וועלט און וואָס ער מיינט זיך מיט אונדז יידן און מיט איטלעכן איינציקן. אַ גוי האָט נישט אַ טויזנט חלק פֿון די צרות, כאָטש ער איז אַ גוי; אונדז האָט מען אַזוי פֿיל צוגעזאָגט, און מיר ווערן פֿאַרשוואַרצט און אויסגעריסן כל־ימינו. שרה, דער קאָפּ דרייט זיך מיר, אַז איך הויב זיך אָן צו דערמאָנען פֿון אַלעמען און דערצו האָבן מיר שוין נישט קיין ברויט אין שטוב.

(דאָס כליפּען גייט איצט איבער אין אַ קול און עס שיסט אויס מיט אַ מאָל)

ער: שרה, דו הרגעסט מיך אַוועק מיט דיין וויינען (זיין קול הערט זיך העכער) איך בעט דיך, הער אויף, הער אויף. וואָס ווילסטו האָבן פֿון מיין לעבן, וואָס ווילסטו פֿון מיר? (ער שרייט): הער אויף צו וויינען די מינוט, אַניט, נעם איך אַ מעסער און שנייד מיר איבער דעם האַלדז. ווער קען אויסהאַלטן מיט אייך, איר קענט אייזן צעברעכן. וואָס איז אַזאַ געוויין אויף דיר? ס'איז אונדז שלעכט, זייער שלעכט, אמת איז אמת, זאָל איך דעריבער מיך אויפֿן אָרט באַגראָבן, צי זאָל איך מיך אַריינוואַרפֿן אין אַ קרעניצע? רבונו־של־עולם (מען הערט אים אַרומגיין אין חדר)

וואָס האָסטו מיר געגעבן פּאָר אַ ווייב? וואָס האָסטו געוואָלט פון מיר? איך האָלט דאָס נישט אויס! איך וועל לויפן און שרייען. שרה, הער אויף צו וויינען אויף דער שטעל, וואָרים, אַניט... זעסט דו, ווי דו האָסט מיך אַריינגעבראַכט אין כּעס! בין איך דען געוואוינט אַזוי צו דיר צו רעדן? גאָט, וואָס האָסטו מיך געשטראָפט!

(זי כליפּעט אַלץ)

ער (צו איר, שוין אַנדערש): זאָל איך זיך מיט דיר אַנידערזעצן? פּאָרקערט, טאָמער טראַכטן מיר איינאיינעם אויס, וואָס צו טאָן, דאָס וויינען וועט דאָך נישט פירן צו גאָרנישט. טאָמער זאָל איך פאָרט גיין אויפן מאַרק, טאָמער קריג איך ערגעץ אַ צענערל און דו עפנסט דיר אויף אַ קלייטל. גלויב מיר, שרה, איך וויל דיר נישט אויסרעדן, אָבער טאָמער האָט גאָט פאָרט אויף אונדז רחמנות. וואָס ווילן מיר פון אים? כאָטש טרוקן ברויט; צען גילדן אַ וואָך און דיר אַ לייבל אויף ווינטער. קינדער האָבן מיר נישט. אַליין אויף דער וועלט און קיין פּת־לחם איז נישטאָ. די בושה אַליין, זיך מוטשען און מוטשען און גאָרנישט האָבן, אַפילו די בהמה האָט איר עסן, און אַ מענטש נישט, נישט...

(ער שיסט אויס מיט אַ געוויין און מען הערט זיי ביידע לאַנג כליפּען)

# דער קדיש

## אַ בילד

אַ הולטאַי פֿון אַ יונג קומט צופֿאָרן און זעצט זיך אַנידער ביי מיר. אַ קרובֿס אַ זון. איך זאָג, וואָס גייט מיך אָן קרובֿישאַפֿט? זי אָבער, אַ יידענע, איר באָבעס טאַטע האָט זיך אָנגעקערט מיט איר עלטער־זיידן, אליעזר שפּרונג! און דאָס זיצט ביי מיר און עסט, שלאָפֿט נאָכמיטיק, גאָרנישט, וואָס פֿעלט אים? מיינער זאָגט ער אַ חניפֿהלע, מיט מיר שפּילט ער פּאָליטיק און פֿאַרשטייט זיך ביי מיר אַריינצונאַרן... איך פֿאַרשייט, קינדער האָט מען נישט, סקוטשנע איז אַ ביסל, אַזוינער ביים טיש זאָגט אַמאָל אַ ווערטל צי דערציילט עפּעס אַמאָל; אַז דער קאָפּ דרייט זיך מיר פֿון די קוויטעס, גיב איך אים אָפּצושרייבן און מיינער לייגט צו קאָפּ — וואָס זאָל איך מיך פֿאַר אים היטן? אַן אייגענער! אַז איך האָב צייט, גיב איך אים אַ טאַפּ ביים דופּק. ברודערוניו, ווי שטייט עס ביי דיר מכּה אָפּהיטן אַ קערבל און צי ווייסטו דעם טעם פֿון אַ קערבל? אָ, אויב ער ווייסט, אַז ער רעדט מיר נאָך נאָכן מויל... איר פֿאַרשטייט, אַ שטיקל הינטער־קער איז ער, און דער שטייגער איז פֿון הינטיקע צו זאָגן מוסר דעם בעל־עסקא — ער אָבער רעכנט די פּראָצענטן און זאָל דאָס געבן אַ קנייטש מיטן שטערן, און גיט נישט אויס, וואָס איך גיב אים. ביים עסן ווייזט ער זיך נישט אויס, אַז ער האָט אַ זיידענע קישקע.

ער הויבט מיר אָן צו געפֿעלן. מיינע איז שוין גאָרנישט אָפּצוגע־וואוינען פֿון אים, און זי זאָגט צו מיר: בערל, שרייב אים צו צו דיר און לאָמיר האָבן אַ זון. גיב איך מיך אַ בייזער: וואָס הייסט צושרייבן? אַ יינגל פֿון פֿינף יאָר צי אַ קליין מיידעלע, וואָס מען קען זיי צוטשעפּען צו זיך און זיך איינרעדן, אַז מען איז זייער אייגענער פֿאָטער און מוטער, שרייבט מען צו; אָבער אַ יונג פֿון ניינצן יאָר, וואָס באַדאַרף שוין באַלד שטיין צום פּריזיוו... גיט זי אַ זאָג: טאַקע דערפֿאַר אַליין. פֿאַרוואָס זאָל מיין בלוט און פֿלייש גיין דינען? — אַי, ווי מעג מען דאָס אַ קינד

צושרייבן, וואָס איז שוין עלטער פֿון צען יאָר? דאָס קען דאָך אַפֿילו דער גובערנאַטאָר אַליין נישט פֿאַזוואָליען! — זאָגט זי: בערל, ביי אונדז אין לאַדיזשען גיט מען זיך שוין אַן עצה אָן דעם גובערנאַטאָר... אַקיצור אַהין, אַהער, זיך טויזנט מאָל מישב געווען מיט זיך אַליין, וואָרים ביי מיר איז נישטאָ כאַפּ־לאַפּ, און דאָ הויב איך מיר אָן צו זיך אַליין צו זאָגן: אַ גרויע באָרד קריגסטו, פֿאַרוואָס זאָל דאָס, וואָס דו האָסט מיט אַזוי פֿיל מי צונויפֿגעקליבט, ווערן צעזייט און צעשפּרייט אויף שבעה־ימים? טו דאָס, וואָס דיין ווייב זאָגט דיר און האָב אַ קדיש... דאָס הייסט, איך אַליין טראַכט נישט קיין סך וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָרים אַז מען שטאַרבט און מען לאָזט איבער די אַפּותיקה דאָ, און דאָרט דרייט מען זיך אַרום אין תכריכים, וואָס האָבן אַפֿילו נישט קיין קעשענעס, אין דאָס איינערליי. אָבער זי מיט אירע רעיונות און מיטן טיקען אין קאָפּ אַריין, אַז מען מוז האָבן אין זינען עולם־הבא... און לפֿלוג, אַז ס'איז דאָ איינער, וואָס היט אָפּ יאָרצייט, וואָס קען דאָס שאַטן? פֿאַרוואָס קריכן אַזוי ווייט? אַז ער איז שוין ביי אונדז איבער אַ יאָר, און מען געוואוינט זיך, און פֿאַרלאָזן קען מען זיך אויף אים אַ ביסל, און אַ קהלס־מאַן, אַ געריבענער יונג, ווערט דערפֿון געוואויר און קומט און רעדט מיר דעם שידוך... הונדערט רובל האָב איך געגעבן די גנבים, אַ ריפּ פֿון האַרצן, אַחוץ מעקלעריי, אָבער אַז עס מוז אַזוי זיין, און כתוב־וחתים אין דער אופּראַווע, אַז איך, בערל מאַשקאָוויטש וואָלעדניקאָוו האָב אַ זון, וואָס הייסט שמעון, אַן אמתער זון, וואָס איז מיר געבוירן געוואָרן אין אַט דעם און דעם יאָר, מיטן טאָג און מיטן חודש, און אַ מעטריקע — אייזן.

איר פֿאַרשטייט, דאָס איז נאָך פֿאַרשריבן אין די אַלטע ביכער פֿון צוריק מיט צוואַנציק יאָר, וואָס זיינען שוין געווען אין דער רעוויזיע און זיינען געחתמעט און געשטעמפּלט. און אַז לייט, וואָס לעבן פֿון דעם, באַקומען ווינט, גיט מען דעם אַ פֿינפֿערל און דעם אַ דרייערל, און איינער אַ מוסר־יונג האָט פֿון מיר אַרויסגעריסן אַ גאַנץ צענערל. צונויפֿגערעכנט אַלץ אינאיינעם, איז דאָס שוין אַ נייער הונדערטער, און דער טוט מער ווי ווי דער ערשטער, וואָרים ער איז פֿון צוביסלעך, און אַלעמאָל מוז מען אַרויסנעמען און יענעם אָוועקגעבן און ביי יעדן מאָל אַרט דאָס. און לייקענען וויל איך נישט, אַ ביסל מרה־שחורהדיק בין איך געוואָרן נאָך דעם, וואָרים פֿריער, איידער איך האָב מיר איינגעבראַקט די מעשה, בין איך געווען ביי זיך אַ תּקיף און איך האָב פֿאַר קיינעם נישט געהאַט קיין

מורא, און אַ דאָ מוז איך גוט זיין צו איטלעכן. ווארים ס׳פאַרשטייט זיך אַליין, אַז גאַנץ לאַדיזשען ווייסט, אַז איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין זון, און קיינער קען זיך נישט דערמאַנען, אַז איך האָב אַמאָל געמאַכט אַ ברית. פאַרן פּריסטאַוו האָט דאָס געהייסן, איך בין זיינער אַ פעטער, און צו יעדן נאַוויגאָד האָב איך אים געגעבן אַ היטל בראָדסקיס צוקער און אַ פונט טיי. דאָס האָב איך מיר אַליין אַרויפגעלייגט די טאַקסע.

און מיין יונג פילט זיך טאַקע היימיש ביי מיר, קיין לידיקע שאַפּעס זיינען ביי מיר ברוך־השם נישטאָ, און אין דעם איזערנעם קעסטעלע, וואָס איז צען מאָל פאַרשלאָסן, ליגט אויך עפּעס... און קליידן מוז איך אים כמנהג־הנגידים... און ער איז גאָר שוין אַ בעלן אויף אַ רוסישן און אַ פוילישן בוך: ניש־קשה, ס׳קען נישט שאַטן, אַז מען קען רעדן מיט אַ פריץ. — נאָר איינס איז מיר אַ פליאה, ער איז שוין נישט מער אַזאַ מתמיד אין איבערשרייבן און קאָפּירן... און אַמאָל, אַז איך האָב אים געמוזט אָפּהאַלטן אַ גאַנצן טאָג ביי מיר ביז שפּעט אין דער נאַכט, און איך האָב געמיינט, אַז ער וועט זיך פרייען, גיט ער מיר אַ זאָג: וואָס האַלט איר אייך נישט אַ יונגל? אַזאַ חצוף! אַז איך וואָלט געוועזן זיין פאָטער, וואָלט איך אים דערלאַנגט אַ פּאַטש! נו, זאָגט־זשע אַליין, שלאָגן קאָן מען נישט אַזוינס און מען קאָן אים אַפילו נישט זאָגן קיין וואָרט און על־פּי־מעטריקע איז ער דיין זון. און ביים עסן ציט ער מיך שוין און דרייט און ליבט דווקא גוטע פליש און אַ סך. און אַמאָל האָב איך באַדאַרפט עפּעס האָבן צו יואל דייטש מכּוח אַן עסק, גיב איך אַ קוק: מיין יונג זיצט אין ווינשענק אין אַ פּראָסטן מיטוואָך ביי אַ פלאַש ווין. איך זאָג אייך, איך האָב געמיינט, אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן, און אַז איך בין געקומען אַהיים, האָב איך מיך אָנגעהויבן צו גריזען מיט מיין ווייב, אַז מיר גריזען זיך נאָך. זי האָט מיר אָנגעהויבן זיך מודה־ומתוודה זיין, אַז ער הויבט איר נישט מער אָן צו געפעלן. עפּעס איז דער שמעון ווי איבערגעביטן געוואָרן די לעצטע צייט. איינמאָל האָט זי נאָכגעקוקט פאַרנאַכט, אַז ער האָט נישט געדאַוונט, און געזאָגט האָט ער, אַז ער האָט יאָ געדאַוונט. איר פאַרשטייט, ביי איר איז דאָס גאָר קיין קאַטאָוועס נישט, און ביי מיר אויך אַזוי: אַז מען גייט אַרויס חוץ־לגדר, שאַדט עס אויך צום מסחר. מילא, אין זאַכן פון בין־אדם־למקום, זאָל זיך גאָט אָננעמען זיין קריוודע, אָבער ווייך, אַ זולל־וסובא און נאָך פאַר געלט, פאַר מיין געלט!

רעדט צו אים מיט גוטן, צי מיט בייזן, ס׳איז ווי אַרבעס צום וואַנט. מייך יונג ווערט ערגער און ערגער. טוט נישט פֿון דער האַנט אין אַ קוואַרט וואַסער, גייט אַרום פּוסט און פּאַסט, רויכערט זיך דעם גוטן ציגאַר טיטון. אַז ער גייט אין בעדל, שטייט אים נישט אָן צו גיין בציבור, ווי איך, מיט נאָך זעקס יידן, נאָר אַליין; און געבן גיט ער דעם גוי, וואָס גיסט אַריין דאָס וואַסער, מער ווי איך גיב באַד־געלט. טראָגט אַ שניפּס און אַ גע־פּרעסטן קאַלנער, ווי דער ריכטיקער פּריץ, און אַלץ פֿאַר מיין בלוט.

אַשטייגער, אַז ער וואָלט נישט געווען געקומען צו מיר און וואָלט נישט געווען געבליבן ביי מיר און מיך וואָלט נישט געווען אָנגעטראָגן דער גוטער יאָר אים צוצושרייבן צו מיר, וואָלט איך אים דאָך געהערט ווי דעם פֿאַראַיאָריקן שניי און וואָלט אַפֿילו נישט געוואוסט, אַז ס׳איז דאָ אַזאַ באַשעפֿעניש אויף דער וועלט. וואָס וואָלט איך געוואוסט פֿון צרות, פֿון אַזעלכע צרות! נאָר וואָס דען, ער איז יאָ געקומען און איז גע־בליבן, און איך האָב אים צוגעשריבן על־פּי־חוקי־האופּראַוועי, און דער־פֿאַר מוז איך אָפּקומען מיין גאַנץ לעבן! איר פֿאַרשטייט, אַז מען זעצט מיר אָן, אַז איינער האַנדלט מיט מיט אַ סך יאָרן און דערנאָך גיט ער אַ זאָג: לאָ־אשלם! אַרט דאָס מיך שטאַרק, וואָרים איך האָב פֿיינט, אַז מען גיט מיר נישט אָפּ, און האָב נישט ליב אויסצומעקן אַ חשבון פֿון בוך, גלאַט אַזוי מיטן שרייב־פּענדל. אָבער דערנאָך זאָג איך מיר, ס׳ליגט שוין אין דער טבע, אַז מען באַרגט צו צען, קען איינער אויך איין מאָל נישט אָפּגעבן. זאָל ער דאָס אויסקרענקען! גאָרנישט, מען גיט זיך אַ שניט אין פֿינגער, ס׳רינט אַ ביסל בלוט און עס פֿאַרהיילט זיך. אָבער אַזאַ צרה קומט צו מיר אין שטוב אַריין און מען עפֿנט נאָך אַליין די טיר און מען מיינט: ווער ווייסט, וואָס איז געקומען.

און דאָ קומט אַ זאַך, וואָס איך שעם זיך איך צו דערציילן. אַ נייע דינסט האָבן מיר צוגענומען. אַ רייך, ציכטיק מיידל. זי דערלאַנגט אים די טיי, ער קוקט אויף איר, זי אויף אים, איך אויף זיי בײדע. מײַנע זאָגט: מען דאַרף זיי נישט לאָזן אַליין אין שטוב. איך זאָג גאָרנישט. אַקיצור, אַ פֿרייטיק צונאַכטס, איך בין שוין געלעגן און בין געשלאָפֿן: מיינער האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין קאַמער פּאַרעט זיך איינער, זי גייט אַראָפּ אין איין העמד און וויל עפֿענען די טיר פֿון דער קיך, וויזט זיך איר אויס, אַז צוויי מענטשן שושקען זיך אויפֿן אויוון. שווערן וויל זי נישט, אָבער זי זאָגט, ס׳איז דאָך אַ נפֿקא־מינה צי מען הערט אַ קול

פון איינעם, צי פון צוויי. אויפן אויוון שטייט פּרייטיק־צו־נאַכטס דער טשאָלנט און דאָס מיידל שלאָפט אויך דאָרט... מיר האָבן אונדז אָנגעהויבן צו זאָגן, אַז דאָס איז אַ שלעכטער פּערציקער מיטן בחור, און אַז עס וואָלט געווען אַן אייגענער זון, וואָלט מען אַוודאי אַזוינס פון אים נישט דערלעבט, ווארים אַן אייגענעם זון דערציט מען פון קינדווייז אָן, און אַז ער גייט אַמאָל אַראָפּ פונעם דרך, האָלט מען אים אָפּ. וואָס אַ מאַמע זאָגט צו איר בלוט און פליש, דאָס גייט דעם זון אין האַרצן אַריין. און נעמען אָפּשאָפן דאָס מיידל איז אַ שאָד, אַ בריה און אַ חוץ דעם קען מען אויף איר גאָרנישט זאָגן.

אַ שנאה איז מיר אַריין אויף אים, ווי איר קענט אייך דאָס גאָרנישט אויסמאָלן, און אויך מיינע פילט זיך נישט גוט, ווען ער איז דאָ. דאָ זיצט אַ פרעמדער ביים טיש און עסט פאַר דרייען און מיר זיצן דערביי און רעדן נישט. עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז מען מוז זיך היטן פאַר אים. מאָלט אייך אויס: אַ שבת צי אַ יום־טוב האָבן אַ ראַזבאָיניק ביי זיך און האָדעווען אים. אַמאָל, אַז גנבים זיינען אַריין ביי שמואל־שואָלקעס ביינאַכט און זיינען אים באַפאַלן, האָב איך מיר געטראַכט, וואָס טו איך, אַז מיין בחור הייבט זיך אויף כחצות־הלילה און קוילעט מיך. אַ משוגעת! און איך זאָג אייך, אַז אָט דעם שגעון האָב איך מיר אויסגעמאָלט מיט אַלע פּיטשעווקעס, ווי ער קומט צוגיין מיט אַ וואַקסענעם ליכטל, דאָס פּנים אויסגעשמירט מיט סאַזשע און נעמט מיך בינדן. מיינע ליגט שוין געבונדן, און אַ פאַטשיילעכל איז איר אַריינגעשטופּט אין מויל אַריין. טויזנט מאָל האָב איך נאָכגעקוקט, אַז איך בין געגאַנגען שלאָפן, אויב די שליסלען זיינען דאָ אונטערן קישן, און אַז איך האָב זיי נאָר וואָס געהאַלטן און פאַרשטעקט טיף־טיף, האָט עס מיך געצויגן, זיי ווידער אַנצוטאַפּן. טאָמער האָט זיך מיר דאָס פריער נאָר אויסגעדאַכט. אַפילו אין דער פרי צו דער ציקאַריע האָב איך מורא געהאַט צו קוקן אים אין פּנים, טאָמער אַפילו אַז ער איז ריין און טראַכט לחלוטין נישט קיין בייז, וועט זיך אַריבערכאַפּן דער געדאַנק פון מיין מוח אין זיין מוח און זיך צוקלעבן צו אים...

איך זאָג אייך, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען אַ חודש כסדר, קען איך אייך גאָרנישט אויסמאָלן. איך וואָלט אים מוחל געווען צען עבירות אין קיך, אַבי איך זאָל האָבן מנוחה! און דערצו קומט נאָך מיינע און צעוויינט זיך, פאַרוואָס האָבן מיר גענומען אַ משומד אין שטוב אַריין? אַז גאָט הייסט נישט האָבן קיין קינדער, זאָל מען נישט זיין צו קלוג.

וואָס קען דען שוין ווערט זיין דער קדיש פֿון אַזאַ מין נפֿש? אַי וואָס, נעם און וואַרף אים אַרויס, — איז ער ראשית, איז ער צוגעשריבן צו דיר, און שנית וואַרפֿט מען נישט... איך וואָלט געדאַנקט גאָט, אַז ער וואָלט מיך נישט אַרויסגעוואָרפֿן, און דאָס האָב איך געוואוסט, אַז איך וועל אַלט ווערן זיבעציק יאָר און וועל נישט מער האָבן די כּוחות און ער וועט אײַ־בערנעמען די מלוכה, וועט ער מיט מיר לערנען בלק.

און אַצינד וויל איך אײַך דערציילן, ווי אַזוי איך בין זײַנע פּטור געוואָרן, דאָס הייסט נישט אויף תּמיד, אָבער אויף אַ פּאָר יאָר. צו איין און צוואַנציק יאָר האָט מען אים גערופֿן צום פּריזיוו. וואָס ווייזט זיך אַרויס? הערט און שטוינט, אַז ער איז גאָרנישט קיין בן־יחיד ביי מיר. אַז איך בין געווען אַזוי לאַנג אַ חשוך־בנים, האָט זיך קהל מישב געווען און האָט מיר צוגעשריבן נאָך פֿאַר דער מעשה מיט שמעונען אַ זון, יצחק, אַ בראָדיאַגע, צי ווייסט אים דער רוח. איך שריי: געוואַלד געשריגן! זיי זאָגן: ס'איז אַ טעות, ס'איז אַרייַנגעקומען פֿון זיך אַליין. דער סעקרע־טאַר איז געווען שיכּור און האָט געדאַרפֿט אַריינשרייבן איינעם אין יענעם בלאַט, האָט ער אים אַרייַנגעשריבן אין דעם בלאַט. אַקיצור אַהין, אַהער, אַ געלויף, אַ טענה. זאָל איך גיין דערלאַנגען אויף זיי, וועלן זיי דערלאַנגען אויף מיר. בדיעבד, זאָל ער אָנווערן די לגאָטע און זאָל גיין דינען! אַי וואָס, ער וויל נישט און האָט נישט קיין חשק? ווער פֿרעגט אים. — דינען דינט ער נעבן יאַרמעליניעץ און גייט אויף לאַגערס און שרייבט אַמאָל אַ בריוו. איך שיק אים אַמאָל אַ צענערל, כּדי אים צו פֿאַרשטאָפּן דאָס מויל. דער עיקר, וואָס איך האָב געוואָלט פֿרעגן אַן עצה: איך וויל זיי ביידע מעביר־נחלה־זיין, די ביידע זין מיינע, וואָס איך האָב זיי קיינמאָל נישט געהאַט און הלוואַי וואָלט איך פֿון זיי נישט געוואוסט. אַז מען לעבט, דערלעבט מען.

# דריי חדשים אָדער דער עגמת־נפֿש פֿון אַ ייִדן

גאָט, וואָס זיינען דאָס פֿאַר אַ מענטשן, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ דור! נעמען אַ מענטשן און אים מוטשען. פֿאַרוואָס, איך פֿרעג אייך? שטעלט אייך פֿאָר, איך זיץ שוין דאָ דריי חדשים און טענה אַלץ מיט זיי: גיט מיר אַרויס די ירושה! לאַכן זיי מיר אין פּנים אַריין און זאָגן: ווער ס'גיט, איז אַ נאַר. זאָג איך צו זיי מיט גוטן: איר זענט דאָך מיינע ברידער און איר מוזט דאָך אַריינגיין אין מיין לאַגע, אַז איך קען נישט לאָזן איבערגיין מיינס. זאָגן זיי: מיר ווילן דען ביי דיר עפּעס נעמען? פֿאַר אַהיים געזונטערהייט און דו וועסט זען, צי מיר וועלן קומען צו דיר. הויב איך אָן אויף טערקיש: ס'טייטש, ממזרים, פֿאַרוואָס קומט אייך די גאַנצע ירושה? איר זאָגט: דער טאַטע האָט ביים לעבן מיר גענוג געגעבן; אייך האָט ער דען ווייניק געגעבן? פֿאַרקערט, גייען מיר צו מענטשן, צום רב, צו וועמען איר ווילט אַליין. אַז רעדט צו דער וואַנט. — וואָס טויג אונדז דאָס גאַנצע לאָדעכץ, אַז מיר זיינען דיר נישט שולדיק קיין קאָפּיקע. הויב איך אָן פּשוט צו שרייען געוואַלד: איר האָט מיך באַראַבעוועט, איר האָט ביי מיר אַוועקגענומען מיין חלק, איך וועל גיין אין קלויז און וועל מאַכן אַ רעש. איך וועל נישט לאָזן לייענען. זיי זיצן זיך רואיק און זאָגן: כאַצקל, ווילסט אַ גלעזל טיי? קלעמט דיר נישט דאָס האַרץ? איך קלאַפּ אין טיש: הינט, איר ווילט מיר געבן שוחד? איך וועל אייך נישט שענקען, אַהער מיט די ירושה. זיי: שאַ, נאַר אָן געפּילדער און אָן רעש. וויפֿיל האָבן דיך געקאָסט די הוצאות אַהער? זיבן קערבלעך. מיר קערן דיר אום די הוצאות אַהער און צוריק און אַחוץ דעם גיבן מיר דיר נאָך צוויי קערבלעך, דעם ווייב אויף אַ זיידן טיכל אַ מתּנה. פֿונעם טאַטן וועלן מיר דיר געבן די זוהרס און די משניותן און פֿאָר אַהיים. דאַכט זיך יוצא? איר הערט ווערטער? דריי הונדערט קאַרבן איז געבליבן במזומן און אַ האַלבע שטוב, אַ חוץ ספֿרים און מעש. איר ווייסט נישט אַלץ, וואָס מיין טאַטע האָט געהאַט. די קו האָבן זיי אים

אָוועקגענומען נאָך ביים לעבן. זיי זיינען געזעסן דאָ און האָבן אים גע־ציקעט און איך נאָר מוז וואוינען אין סוויטיאַץ און בין געבליבן ביים שרייען. אַ טענה האָבן זיי, אַז איך האָב חתונה געמאַכט אַ קינד, האָט דער טאַטע, עליו־השלום, געגעבן דעם נדן און האָט מיט דעם מיר אויס־געצאָלט דעם חלק ירושה. פֿרעג איך אייך, ווער ירשנט דאָס אַ פֿאָטער ביים לעבן? איך זאָג צו זיי: לאָמיך נאָר זען די צוואה. זאָגן זיי: נישטאָ קיין צוואה. זאָג איך: עס מוז זיין אַ צוואה. — אַדרבה, גיי און וויז זי — חכמים, איז זייט געווען ביי דער לוויה און האָט די צוואה צוגענומען. — האָסטו עדות? — קיין עדות האָב איך נישט, אָבער ברענגט איר עדות, אַז ס'איז נישט געבליבן קיין צוואה. אַזוי טענהן מיר אַלץ און עס קומט נישט צו קיין עק. אין קלויז זאָגט מען מיר: דערלאַנג! דערווייל זיץ איך ביי זיי און עס ביי זיי און שלאָף ביי זיי. איך פּרואוו איינמאָל צו זאָגן: ווייסט איר וואָס, דאָס געלט האָט איר צוגענומען, גיט מיר אָוועק די שטוב. זאָגט די שוועסטער מיינע: די שטוב האָט דער טאַטע שוין ביים לעבן פֿאַרשריבן אויף מיין נאָמען. איך ווייס, אַז דאָס איז אַ ליגן. די חתימה איז נישט די חתימה פֿון טאַטן. מיין שוואָגער איז זיך מישב און וויל מיר געבן צוואַנציק קערבלעך יוצא־געלט. איר פֿאַרשטייט אַן ענין? דאָ עס איך מיר אויס די גאַל מיט זיי און מיין שויך, אַז איך בין שוין אויף אַ שטיקל לאַד, און דאָ לאָזט זיך אויס: צוואַנציק קערבלעך! דאָרט אין סוויטיאַץ מיינען זיי, איך ברענג די אַפּותיקה און שאַרפֿן זיך שוין די ציין, און איך קום אָן מיט מיינע צוויי צענערלעך. און היינט בין איך דאָך גערעכט. ווער האָט דאָס געהערט, מען זאָל נעמען אַ ברודער, דערפֿאַר וואָס ער האָט נישט געוואוסט און איז נישט געווען אַקוראַט צו דער לוויה, און מען זאָל פֿון אים אַוועקנעמען זיינס? איז שוין גאָר קיין יושר נישטאָ אויף דער וועלט? איך פֿרעג אייך, וואָס זאָגט איר דערצו! מאָלט אייך אויס, איר זייט איך און איך וויל מען אַוועקנעמען די ירושה! וועט איר פֿאַרבייסן מיט די ליפּן און מאַכן אַ שוויג? עפּעס האָט דאָך דער מענטש אַ גאַל און עס גריזעט אים ביז אין די ביינער אַריין. עס איז נישט דאָס געלט אַליין, נאָר די עוולה. אַז איך זאָג מיר אַפֿילו טויזנט מאָל: זיי זיינען גנבים און רוצחים, פֿאַר אַהיים און זיי אַלץ מפקיר, לאָזט מיך עפּעס דאָס האַרץ נישט. עפּעס איז אין האַרצן דאָ אַ דעה, אַן עקשן, וואָס זאָגט: ניין, דו טאָרסט נישט צולאָזן איבערגיין דיינס. איר פֿאַרשטייט? אין מוח זיינען דאָ נאָך דעות און נאָך מחשבות

און איטלעכע האָט זיך איר ראיה; איין דעה זאָגט: זיך. און די אַנדערע זאָגט: גיב אַ שפּיי כאַצקל, דיין זיצן דאָ וועט דיר נישט העלפֿן. אָבער די איין דעה, דער עקשן, איז גובר און האַלט מיך און לאָזט מיך נישט אָוועקפֿאָרן. דאָס לאָזט מיך נישט שלאָפֿן און עסן און פּיקט מיר אַלץ אין האַרצן: רייס זיי אַרויס די אויגן, לאָז זיי נישט רוען, צי זיי אַזוי לאַנג ביי די קישקעס, ביז זיי וועלן נאָכגעבן. און ווי איך הער דאָס, גיב איך אַ טראַכט: אפֿשר טאַקע יאָ? האָסט אַזוי פֿיל געוואַרט, וואַרט נאָך. עפּעס וועלן זיי דאָך נישט וועלן, דו זאָלסט ביי זיי אָפּזיצן ימים־ושנים. און אין לפֿלוג, לייג איך נישט צו מיט מיין זיצן? און ווער איך נישט קאַרג אָן, וואָס איז פֿינף מאָל מער ווערט ווי די גאַנצע ירושה? איר ווייסט, אַ קלייט לאָזן אויף אַ יידענע אַליין. איך, אַז איך בין דערביי, מאַך איך חילופֿים. מען האַנדלט און מען זעט דעם לעבעדיקע זעקסער. וואָס טו איך דאָ? וואָס מאַך איך דאָ? אַזוי טענה איך מיט זיך אַליין, אָבער עס העלפֿט נישט. איך קען נישט אויפֿהייבן די פֿיס און אָוועק־פֿאָרן און זיי לאָזן דעם חלק ירושה. איך שווער אייך, איך קען נישט. און אַז איך וועל שוין אָוועקפֿאָרן, וועל איך נישט האָבן קיין רו אין דער היים. מיינע וועט מיך גריזען און עסן. אין בית־המדרש וועט מען מיר אָפּעסן די גאַל: סטייטש, ווי נעמט אַ ייד און לאָזט אַ ירושה? וויפֿיל מאָל ירושות האָט מען אין לעבן? פֿאַר צוריק אין אַכרימאָווע און גיב אָן אין סוד. מיר וואָלטן מיט זיי בלק געלערנט. גיב אַ טראַכט: דאָ שטייסטו און האַרע־וועסט אויף אַ פּיאַטאַק און דאָרט לאָזטו ליגן אַ הונדערטער. ווי איר זעט מיך לעבן, אַ גאַנצער הונדערטער קומט מיר אַרויס. איר ווייסט, וואָס דאָס הייסט? איר ווייסט, וואָס איז דער טייטש פֿון אַ הונדערטער. אַ געלער הונדערטער מיט דער קרוין, און דאָס קנייטש איך צונויף און דאָס האַלט איך אין האַנט און דאָס איז מיינס? איך זעץ מיך אַנידער עסן און איך האָב דעם הונדערטער; מען לייגט זיך שלאָפֿן און אונטערן קישן ליגט דער הונדערטער; מען גייט דאַווענען מיטן טלית־ותפֿילין און אין קעשענע ליגט דער הונדערטער. איר פֿאַרשטייט דעם טעם? און דאָס האָב איך געירשנט, נישט צונויפֿגעלייגט אַ רובל צו אַ רובל און צו איט־לעכן צוגעגעבן אַ שטיק געזונט, נאָר אַלץ געירשנט אין איין מאָל, דאָס איז עפּעס ווערט, דאָס פֿאַרגין איך מיר און פֿאַרגין דאָס אייך און אַלע גוטע פֿריינט. פֿאַרוואָס? פֿאַרוועזן? בין איך ווייניקער אַ זון ווי זיי? וואָס האָב איך מיר שוין נישט אויסגעמאָלט פֿאַר דעם הונדערטער: אי־

בערבויען מיין שטוב, אַוועקלייגן אויף פּראָצענט. און דאָ לאָזט זיך פֿון אַלעמען אויס אַ בוידעם. וואָלטן זיי מיר כאָטש געגעבן אַ פּופּציקער, זאָגן מיר, די העלפֿט. איר קענט דאָך די פּשרה פֿון אַ גזלן: חצי־שלי וחצי־שלך, זאָלן זיי זיך דערוואַרגן מיט דעם אָפּגעריסענעם פּופּציקער. אַ פּופּציקער גייט אויך נישט צופּוס, דאָס איז שוין אַ מטבע; אָבער צוואַנציק קערבלעך, וואָס הויב איך אָן מיט צוואַנציק קערבלעך? איך זאָג אייך, איך גיי שיער אַראָפּ פֿון זינען פֿון עגמת־נפש און דאָ זיץ איך ביי זיי און מוז עסן ביי זיי און שלאָפֿן ביי זיי, ווי איך האָב אייך געזאָגט. ס'פּאַסט דאָך נישט, אַ ברודער און אַ שוואָגער זאָל נעכטיקן ביי אַ פֿרעמדן. יאָ, איר ווייסט נישט, וואָס אַ מענטש קען ליידן. מען איז, דוכט זיך, צו גאַסט, אַ שיינער גאַסט. נישט איין מאָל האָבן זיי מיר געוואונטשן מיין קלימעקל ווייט פֿון דאַנען. אַז איך עס, בלייבט מיר דער ביסן שטעקן אין מויל. אָבער איך פֿאָר נישט אַוועק, ביז איך וועל נישט באַקומען מיינס. איך זאָל אַפֿילו שטאַרבן, וועל איך זיך נישט רירן פֿון אָרט. דערפֿאַר הייס איך כאַצקל.

אויף אַ רגע קומט מיר אַפֿילו דער געדאַנק: פֿאָר אַהיים און זאָג: אַ שיינע ריינע כּפּרה, די ירושה וועט זיי נישט וואויל באַקומען. דאָס געלט וועלן זיי אויסקרענקען, די שטוב וועט אָפּגעברענט ווערן, ס'איז דאָך דאָ אויף דער וועלט שכר־ועונש. קומט אָבער די אַנדערע דעה, די עקשנטע, און זאָגט: פֿאָר נישט, האַלט אויס, ביז דו וועסט אויס־פֿירן. פּרואוו איך צו זאָגן: ס'איז מיר שוין נמאס געוואָרן, איך פֿאָר אַהיים, איך בענק נאָך מיין ווייב און קינדער. גיט זי — די עקשנטע — אַ געשריי: פֿאַרקערט, דו מוזט האָבן אין זינען ווייב און קינדער און באַשטיין אויף דיינס. אַט אַזוי זיץ איך דאָ אָפּ שוין דריי חדשים...

# בקשות

## נאָכדערציילטע דעם בעל־המעשה

פֿעטער, זעצט איך אַנידער צו מיר אַ דאָ אויף דער פּריזבע אויף אַ ווײַלינקע, וועל איך אײַך דערציילן א שיינע מעשה, וואָס מיר האָט גע־קאָנט פּאַסירן. וואָס־זשע אײַלט איר אײַך אַזוי? די סמעטענע פֿון הימל וועט מען אײַך נישט אַוועקנעמען. איר מוזט וויסן, אַז איך בין בערל פּאַסטערנאַק און אַז איך זאָג אײַך זעצן, איז זעצן. די פֿאַרדינסטן הײַנ־טיקע יאָרן! וואָס האָט איר אָנצואווערן? מילא, ביי דער פֿאָלע וויל איך אײַך נישט צוהאַלטן, אָבער די מעשה איז שאַרף און מיט אַ שפּיצל.

די מעשה איז אַזוי. איר קענט מיך, ווי איך קען אײַך אויסגעבאָדן. וואָס איז שייך, צי אַלטע שטאָט, צי נײַע שטאָט. איטלעכער ווייסט, וואָס עס טוט זיך ביים אַנדערן אין טעלער, און אַ קוק האָט מען אויך, וואָס יענעם פֿעלט און וואָס ער באַדאַרף צו האָבן און וויפֿיל ער איז שולדיק אויף זײַן הויז און דאָס און יענס און בוידעם. דאָס קאָסט נישט קיין געלט, אָבער ס'איז ווערט געלט. וואָרים איר פֿאַרשטייט, הײַנט מוז איטלעכער מענטש זײַן באַוואָפֿנט און וויסן פֿון אַלעמען פֿון איין עק שטאָט ביז צום אַנדערן; קומט אײנער און רעדט דיר אָן אַ פֿויגל, מוזטו אים זאָגן: ברודערוניו, מיך וועסטו נישט אָפּנאַרן. אַז מען מישט אַריין וואַסער אין מילך, דערקען איך, און אַז מען גיט מיר אַ פֿאַרווייסטע קאָפּיקע פֿאַר אַ פֿערציקער, דערקען איך, און אַז מען גיט מיר אַ וועקסל, וואָס איז — איך בעט איבער אײַער כבוד — גיב איך דערפֿאַר נישט קיין צוויי גראָשן במזומן. איר פֿאַרשטייט, אַז מען גייט אַרויס אין מאַרק און אײנער קומט צו דיר צו גיין און שלאָגט דיר פֿאַר אַ מיסחרל, מוז ער גלייך זײַן ביי דיר בחזקת־גנב, און כּל־זמן דו האָסט נישט איבערגעציילט דעם פֿאַרדינסט און נישט אַרײַנגעלייגט אין קעשענע, טאָרסטו זיך נאָך נישט פֿרייען אַפֿילו אויף אַ האָר, וואָרים ס'קען גוט זײַן, אַז דאָס איז אין גאַנצן

אַ ברכה־לבטלה און עס שמעקט מיט אַן אויפּטו, אויף פּראָסט יידיש: מיט אַ שווינדל. לאָמיר זיך נישט נאַרן, וואָס איז די היינטיקע וועלט? גנוב־וכחוש־ורצוח. איך זאָג איך, פֿרעגט מיך, ביי מיינע פּופּציק יאָר האָב איך מיר געגוג אָפּגעברענט די פֿינגער, און טאָמער מיינט איר, עס העלפֿט עפּעס צו זיין אַ קלוגער? אַ טעות! אַז דער רוח וויל צונעמען, נעמט ער צו. ער געפֿינט שוין זיינע שלוחים. קענט איר יאָסלען, יאָסל נחמנס? ער, דער גוטער יאָר זאָל אים נישט קענען, קומט צו גיין צו מיר איין מאָל און זאָגט צו מיר שטילערהייט: ר׳ בער, ווילט איר מיר טאָן אַ טובה? ס׳וועט איך גאָרנישט קאָסטן און מיר וועט אַרויסקומען פֿון דעם אַ גרויסע טובה. — נו, וואָס ווילסטו פֿון מיר? — איך וויל איבערשרייבן מיין שטוב אויף אייער נאָמען. דאָס פֿאַרשטייט מען, וואָס דער פּסוק מיינט דערמיט, אָבער שאַטן קאָן דאָס אין דער אמתן נישט. ער וויל דאָך פֿאַרשרייבן זיין שטוב אויף מיין נאָמען און נישט פֿאַרקערט. מהיכי־תיתא, זאָג איך מיר אין האַרצן. צו אים זאָג איך אָבער: גוט, איך וועל זיך מישב זיין. פּלאַצט ער אויס: פֿע, ר׳ בער, אַזאַ קלוגער ייד, ווי איר, וואָס זייט איר אַן איידעמל, וואָס מוז צוערשט אָנפֿרעגן ביים שווער? זאָג איך: נאַר אַן כּעס, ס׳ברענט דאָך נישט. זאָגט ער: ניין, עס ברענט. איך דאַרף איך דאָך נישט צו פּיקן די צונג. זאָג איך: גוט; גייען מיר אַריבער צום נאָטאַריוס. זאָגט ער צו מיר: דעם פּאַפּיר האָב איך שוין פֿאַרטיק אין קעשענע אויף אייער נאָמען און שוין געחתמעט. זאָג איך: אי, ברודערל, ווייז נאָר אַהער דעם פּאַפּיר. זאָגט ער: איך וועל אייך שוין ווייזן, זאָגט מיר נאָר צו. זאָג איך: זאָג מיר אויף פּראָסט יידיש, וואָס ווילסטו פֿון מיר? זאָגט ער: איך וויל אַ באַוואָרעניש, אַ קליין באַוואָרעניש. — וואָס הייסט אַ באַוואָרעניש? — אַ חתימהלע, אַ קליין חתימהלע, אויף אַ שטיקל פּאַפּיר. — אַ מכּה! זאָג איך. — אי, ר׳ בער, זאָגט ער, מיט אייך איז נישט גוט אַפֿילו קאַליש צו עסן, וואָס־זשע האָט איר פּלוצלינג אָנגעהויבן מורא צו האָבן? אַז איך שרייב אויף אייך אָפּ מיין שטוב מיט די קעלערס און מיט כּל־ולך, און אויס־געציילט די חדרים מיט די פֿענצטער און די טירן, און וואָס וויל איך פֿון איך? נעמט אַרויס אַ שרייב־פֿענדל און טוט אַ שרייב אויף אָט דעם שטיקל פּאַפּיר: בערל פּאַסטערנאַק. נאָר אָט די צוויי ווערטער, דאַכט זיך, ס׳איז דאָך גאָרנישט מסוכּן. — זאָג איך אים: אַ גוטן טאָג! און לאָז אים שטיין אין מיטן גאַס ווי אַן אָפּגעגאָסענעם.

דריי טעג כסדר האָב איך אים נישט געזען. אויפֿן פֿערטן טאָג קומט ער צו גיין צו מיר אינדערפֿרי, שוין גאַרנישט דער אייגענער מענטש מיטן קוראַזש און מיט דער שטוב, נאָר פּשוט אַ רחמנות־פּנים. ער איז אין דחקות. עפּעס איז ער פֿאַרוויקלט אין אַן ענין און ער מוז האָבן זאָלאַג, נישט קיין מזומן געלט, נאָר אַן אונטערשריפֿט, און דאָס נאָר פֿון מיר, אַ איש־בטוח. עס וועט מיך גאַרנישט קאָסטן, און ער זאָל באַגראָבן ווייב און קינדער, אויב עס וועט מיר געקרימט ווערן אַפֿילו אַ האָר. ער האַלט מיך ביי די הענט און בעט: ר׳ בער, סערצע, דערהאַלט מיך ביים לעבן, איך בין אַ ייד מיט זעקס קינדער און דערוואַקסענע. — עפּעס איז דאָס דאָך אַ וועלט, וואָס צו טאָן גוטס ווערט נישט פֿאַרלוירן. און וואָס וואָלט טאַקע געוואָרן פֿון די מענטשן, ווען איינער וואָלט נישט גע־האָלפֿן דעם צווייטן אין אַ נויט? עפּעס איז דאָך דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט.

איך זיץ און באַטראַכט מיר אים, רעדנדיק. אויף צו־להכעיס איז גע־ווען מיין ליולקע פֿאַרשטאָפּט און איך קלאַפּ מיר בניחותא דעם טיטון און קוק אים אָן. ער רעדט אַלץ און דרינגט מיר אויס מין־התורה און מין־הנביאים און פֿון מענטשלעכקייט, אַז איך באַדאַרף אים נישט אָפּ־זאָגן און גלייך אויף דער שטעל טאָן, וואָס ער בעט מיך, וואָרים ווען נישט, איז ער אומגליקלעך און עס קומט אים אויס זיך אַריינצוואַרפֿן אין וואַסער, ויהיו דמו ודם זרעותיו עד סוף כל הדורות תלוי בי. איך האָב עס ביד, אים מיט זיין ווייב און קינדער צו דערהאַלטן ביים לעבן. — ר׳ בער, זאָגט ער צו מיר, מאַלט אייך אויס פֿאַרקערט: איך בין אייך אַוודאי קיין שונא נישט, אָבער ס׳קען דאָך אַ מענטשן אַלץ פּאַסירן, און גאָט באַהיט, איר דאַרפֿט צו איינעם צו האָבן און איך בין דעמאָלט אין אַזאַ מעמד, אייך צו טאָן אַ טובה? זאָגט אַליין? וואָלט איך עס נישט געטאָן? וואָלט איך נישט געקראָכן אין פֿייער, אַבי אייך צו העלפֿן?

— איך האָב שוין געהאַט פֿאַררויכערט די לולקע און זאָג מיר: אָט־אָ דער יאָסל איז אַ שווינדלער. איך קען שווערן, אַז ער האָט בדעה מיך אָפּצונאַרן. נאָר לאָז אַ הונט נישט בילן. אָרעם וועט ער מיך נישט מאַכן. און איך טראַכט שוין צוצוגיין צום טיש און שרייבן פֿאַר אים אַ זשירע. גיט עס אָבער מיך אַ צי אויף צוריק: האַלט, אייל זיך נישט. גיי אַרויס אין גאַס און טו אַ פֿרעג. די מציאה וועסטו נישט אָנווערן און זיך דער־

טרינקען וועט ער זיך נאָך דערוויל היטן. ער לאָזט מיך אָבער נישט אָפּ פון אָרט און זאָגט: איך גיי נישט אַוועק ביז איר טוט מיר נישט די טובה. פאַר אייערע אויגן לייג איך מיך אַנידער און שטאַרב אָט־דאָ ביי אייך אין שטוב.

איך זע, ס׳איז אַ שלעכטער פּערציקער, און זאָג צו אים: יאָסל, רייד קלאָרע דיבורים. אונטערשרייבן וועל איך פאַר דיר נישט. דאָס צו טאָן מוז איך אָנווערן דעם שכל, און דער קאָפּ ביי מיר איז נאָך שטאַרק. קען איך דיך פּטרן מיט אַ פּערציקער — איז גוט, און נישט מער אַ גראָשן. עס איז צייט צו גיין דאַווענען, עובר געווען זמן קריאת שמע האָבן מיר שוין ביידע. גיט ער אַ שפּרונג: ר׳ בער, איך באַדאַרף צו האָבן צוויי מאָל שי׳ן קערבלעך און איר גיט מיר אַ פופציקער. זאָג איך אים: נעם, אַז מען גיט דיר, ווארים אין אַ שעה אַרום קריגסטו דאָס אויך נישט. זאָגט ער: וואו זאָל איך נעמען דאָס איבעריקע? זאָג איך: וואָס אַרט דאָס מיך? זאָגט ער: איר זענט דאָך אָבער אַ מענטש מיט אַ האַרץ. האַרץ אַהין, אַהער, איך זאָג אים: איך קען נישט. ער לאַכט מיך אויס: הלוואַי אויף מיר געזאָגט, כאַטש אַ העלפט פון דעם, וואָס איר האָט היינט ליגן ביי אייך אין שופלאָד. אַזוי איז ער ביי מיר אָפּגעזעסן אַ גאַנצן אינדערפרי און עס האָט מיר נישט איינמאָל איבערגעחלשט דאָס האַרץ פון הונגער. נאָך מיטאָג אַ נייער גאַסט, שרה, זיין ווייב, אַ שיינע יידענע און אַ שטילע. אָן אַ סך צו רעדן לייגט זי אַנידער אַ פּעקל, וואָס זי האָט געהאַלטן אונטערן שאַל, און שיט דאָס אויס אויפן טיש: לייכטער, בעכערלעך, לעפל, גאָפּלען, אַ שנירל פּערל, אויערינגלעך. ר׳ בער, זאָגט זי, גיט אונדז אַ זשירע כאַטש אויף שי״ן קערבלעך. איך זע, די טרערן שטעלן זיך ביי איר אין די אויגן און איך שעם זיך צו נעמען ביי איר די משכנות. אָפּזאָגן קען איך נישט, איר פאַרשטייט, אַז אַ יידענע בעט, און נאָך דערצו נאָך אַ לייטישע. ווי אַזוי האָט זיך גענומען צו דעם פּלוט, צו יאָסלען אַזאַ ווייב? איך נעם אַרויס דאָס לעדער מיט פּאַזיטן. זי זאָגט: ניין, אַ חתימה איז גענוג — איך וויל אַפילו זאָגן: נעמט אייך צוריק דאָס זילבער, איך גלויב אייך. איר וואָלט געדאַרפט דעמאָלט זען זי שטיין, דאָס פּנים פאַרוואָלקנט, אָבער מיט חן. איך האָב דאָס אָבער נישט געזאָגט און אָנגערירט האָב איך עס אויך נישט און נישט באַטאַפּט.

דעם סוף וועט איר שוין אַליין וויסן. זי, איך קען שווערן, זי איז אין דעם נישט שולדיק, אָבער ער, אַ ריכטיקער אַפּעריסט. צו דריי הונדערט אין

ציפּער איז אַ קלייניקייט צו נעמען אַ פּען און צוצושרייבן נאָך אַ נול, אויף טשיקאַווּעסט. איך בער לעקיש, מוז צאָלן דריי טויזנט רובל און פאַרבייסן מיט די ציין. וואָס, זאָל איך אים אַריינוואַרפן אין אָסטראָג? איז זי ווידער געקומען צו מיר און האָט געוויינט און איז מיר געפאַלן צו די פּיס. אַ וועלט מיט מאַשענסטווע! בקשות!

# סכסוכים

## אַ קרעכץ

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן בענקל און האָט געגעבן אַ ברייטן יידישער קרעכץ. כאָטש ער האָט גאָרנישט אויסגעזען אַזוי שלעכט. מוז איך האָבן אויף דער עלטער נאָך אַ סכסוך מיט די אייגענע קינדער — האָט ער אָנגעהויבן — זעכציק יאָר בין איך אַלט געוואָרן און איך מעג זאָגן, אַז איך בין נישט געזעסן מיט פֿאַרלייגטע הענט. וואָס איר זעט מיך האָבן, האָב איך פֿאַרדינט מיט מיינע פֿינף פֿינגער: אַ שטוב אונ־טערן טשערעפּ און אַ שטוב דאָ הי; דריי קלייטן אין מאַרק און די גרויסע ווינט־מיל אויפֿן סטעפּ. פֿריער האָב איך געהאַלטן די קליינע מיל אין ווילשינקי פֿון כאַדעראָוון און עס איז מיר נישט איין מאָל גע־וואָרן אָפּגעריסן די בריק. דרייצן יאָר האָב איך געהאַלטן דעם קאָרזשאָ־ווער טייך. איך אַליין פֿלעג מיך זעצן אויף דער לאָדקע און כאַפּן פֿיש. איר האָט געדאַרפֿט זען: קאַרפּן און שלייענס ווי די בערן. איטלעכעס וויג־קעלע אין טייך איז מיר געווען קלאָר און איך האָב געוואוסט די טבע פֿון די פֿיש. פּרוּאוון זיך צו פֿאַרגנבענען פֿון מיר, צי גאָרנישט וועלן אַרויפֿקומען, איז ביי מיר נישט אָנגעגאַנגען: איך האָב פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, די הענט אַריינגעשטעלט אין וואַסער און האָב אים אָנעכאַפּט, דעם מחותּן, ביים ווידל און האָב געזאָגט: קום ברודער! דער בחור מיינער האָט געעפֿנט אַ מויל און זיך אַריינגעוואָרפֿן אין זאַק אַריין. און אַז איך האָב געהאַלטן די מיל, האָב איך אַליין אַרומגעשלאָגן דעם מיל־שטיין, געטראָגן אויף די פּלייצעס די פֿולע זעק ביז אויפֿן אויבערשטן גאָרן, און אַז די זאַסטאַוועס זיינען משוגע געוואָרן און האָבן נישט געוואָלט פֿאַר־האַלטן דאָס וואַסער, האָב איך אַליין, מיט נאָך איין גוי, זיי אַראָפּגעלאָזן. דעם שכל פֿון דער מיל האָב איך געקענט צען מאָל אויף אויסנווייניק, און אַז צו מיר איז געקומען אַ מאַראַטשניק, אַ געלערנטער, און האָט מיר אָנגעהויבן צו טאָלקעווען דאָס און יענס און אויסחשבונען מיטן

שרייב־פענדל, האָב איך גענומען דאָס שטיקל פּאַפּיר און געגעבן דערויף דריי קריץ, געמאַכט אַ קעסטעלע און עס דורכגעצויגן און אים באַוויזן אַלץ, ווי אַזוי איך פאַרשטיי דאָס אויף מיין דרך, אַז ער האָט זיך אַליין געחידושט. און אַז ס'איז אויסגעגאַנגען דער סראַק און יידן האָבן זיך גענומען אויסצודינגען ביים פּריץ די מיל, און ער, אַ הונט, האָט געוואָלט האָבן מיך אויך אויף ווייטער, נאָר מיט זייער געלט, האָב איך זיי געלאָזט אַזוי לאַנג אַרויפּציען דעם מקח, ביז איך האָב געוואוסט, אַז זיי וועלן ברעכן דעם קאַרק, און דערנאָך האָב איך געלאָזט די מציאה פאַר זיי און האָב מיר געדונגען די ווינט־מיל, אַזוי גוט ווי געקויפט, און דעמאָלט בין איך צוריק אַריין אין שטאָט.

די לייט האָבן מיך געהאַלטן פאַר משוגע, אַז זיי האָבן מיך געזען זיך אַרומשלאָגן מיט דער מיל. איר פאַרשטייט, ווינט איז נישט קיין וואַסער. דאָס מוז מען פאַרשטיין, ווי אַזוי צו דרייען און אַנצושטעלן אַקעגן דעם ווינט, און אַז עס איז דאָ צו מאָלן ביז איבער די אויערן, איז גראָד אויף צו־להכעיס נישטאָ קיין ווינט. וואָס טוט מען דעמאָלט? נישט איין מאָל האָט מיר געטריקנט דער מוח טראַכטנדיק, און געזאָגט האָב איך מיר: דו מוזט עפּעס אויסקלערן, עס זאָל גיין אָן ווינט, איר פאַרשטייט? אַז איך בין געווען אַ יונגערמאַן האָב איך געקענט תכונה...

יאָ, אַצינד האָב איך אַ גראָב פּנים און גראָבע הענט און טראָג גוישע שטיוול, אָבער אַז איך בין נאָך געווען אַ יונגערמאַן, בין איך געווען ווי אַלע יונגעלייט און האָב אַריינגעקוקט אין אבן עזרא און אַ האַרב שטיקל האָט מען אויך פאַרשטאַנען, און אין קידוש החודש בין איך געווען דער איינציקער. אַז מיין מאַמע האָט נאָך געלעבט, פּלעגט זי תמיד זאָגן, אַז ווען גאָט וואָלט געוואָלט, וואָלט איך זיך גענומען גאָר אויף אַן אַנדער שניט. אפּנים, אַז ער האָט דאָס נישט געוואָלט און איך האָב עס אויך נישט געוואָלט... פּלוצים, אַז איך בין אַלט געוואָרן זיבן און צוואַנציק יאָר, איז מיר מיטאַמאָל אַריין אין דער מחשבה, אַוועקצוואַרפן די קלויז מיט דעם לערנען מיטן כל־ולך און איך בין אַרויס אין אַ דאָרף און האָב אָנגעטאָן דאָס פּעלצל און בין געוואָרן אַ דאָרפס־ייד מיט אַלע הידורים. יעדער, וואָס האָט מיך געקענט פון פריער, האָט געזאָגט: ישראל איז אַראָפּ פון זינען! קויפן פלעג איך פּראָסטע און האָבער, און דערנאָך פאַרקויפן דאָס קורעלאַפּניקעס און אויף די סטאַנציעס; דערנאָך איז מיר דאָס אויך נמאס געוואָרן, און איך האָב מיך גענומען צו מילן

און צום טייך. געאַרבעט האָב איך פֿאַר זעקס, בייטאָג און ביינאַכט, און עס איז מיר אַפֿילו נישט מער געקומען אויפֿן זינען דער עניין טבעיות...

מיינט איר, אַז איך האָב שוין מער נישט ליב צו חקרנען? פֿאַרקערט, אָבער נאָר מיט זיך אַליין. די ספֿרים, דאָס ביסל וואָס איך האָב, ליגן ביי מיר ערגעץ און ווערן פֿאַרפֿוילט, און גיין רעדן מיט די אַכרימאַוועט בהמות, בין איך גראָד נישט קיין בעלן, אָבער פֿאַרשטיין פֿאַרשטיי איך גראָד דעם מענטשן און דעם תּכלית... בעסער איז, אַז מען מאַכט גאָר צו די אויגן און מען קלערט גאָרנישט. פֿאַרקערט, וואָס איז דאָס אַלץ? זעט איר, אָט־דאָ אין האַרצן האָב איך מיר אַריינגעשריבן אַ פּאָר ווערטער... דאָס אָבער זאָג איך קיינעם נישט אויס, ביז איך וועל נישט שטאַרבן. אַז איר וועט זיין אין מיינע יאָרן, וועט איר אַלץ פֿאַרשטיין. איך קען אייך און איך וויים, אַז איר לאָזט זיך נישט נאַרן. השגחה! מען זאָגט, אַז גאָט איז גערעכט, יאָ, מען זאָגט...

האָב איך אויסגעהאָדעוועט פֿיר בנים, איינער גרעסער פֿונעם אַנדערן, און האָב זיי אַלע חתונה געמאַכט און זיי האָבן אַלע ווייבער מיט קינדער און האָבן זיי מיר פֿריער כּלומרשט געהאָלפֿן און אַצינד מיסחרן זיי אַליין. ווען נישט איך, דער טאַטע, וואָלטן זיי אַלע געמעגט שיין אָנשפּאַרן. פֿון מיין טבע האָט קיינער פֿון זיי נישט אַ פּיצל. וויל איך פֿאַרקויפֿן די שטוב, (וואָרים איך קען נישט מער האָרעווען, און אַז עס קומט ווינטער, לייד איך אויף די פֿיס; נישט איין מאָל האָבן זיי מיר אָפּגעפּרוירן, זיי האָבן געענוג אָפּגעדינט), — לאָזן זיי מיך נישט, די פֿיר קדישים מיינע, און ווילן מיך שלאָגן. יאָ, צו פֿערציק יאָר וואָלטן זיי געמעגט מיט מיר אָנהויבן. נאָך היינט בין איך קיינעם נישט מקנא, אַז איך בין אים מכבד מיט אַ פּאַטש און עס רינט דאָס בלוט ביז איבערן מויל און אויף די ציין. אָבער זיך גיין מיט זיי שלאָגן, שאַנעוועט מען דאָס ביסל כּוחות.

כּיבוד־אָב, שענק איך אייך. משה־רבינוס חומשל איז היינט נישט קיין גרויסער פּריץ, און אַז מען איז נישט מעביר די סדרה, גייט מען נישט אויף דריי חדשים אין טורמע. איך וועל זיך נישט גיין מאַכן נאַריש און זאָגן: פֿע, אויפֿהייבן די האַנט קעגן אַ טאַטן! האָט איך צען מאָל אַ שוואַרץ יאָר, אָבער לאָזט מיך פֿאַרקויפֿן די שטוב! פֿאַרקערט, איך גיב אייך אַליין צו פֿופֿציקער, פֿאַרזוכט אַ שטיקל ירושה ביי מיין לעבן, אָבער לאָזט מיך טאָן מיינס!

וואָס־זשע וויל איך אייך בעטן? שיקט אַריבער צו זיי און טוט מיט זיי אַ רעד. רופֿט דעם דריטן מיינעם, בנימינען, ער איז זייער אַלעמענס קאָפּ, און צווישן אונדז רעדנדיק, שכל האָט ער פֿאַר אַלע פֿיר, און אָט דעם גיב איך פֿינף און אַכציק קאַרבן... שיקט נאָך אים, ר׳ יאָסל, אַוודאי איז אייער טאַטע דער רב אין שטאָט און עס איז זיין זאַך, אָבער פֿאַר אייך וועלן זיי האָבן מער דרך־ארץ...

# אָן אַ שדכן

פונקט נאָכדערציילט

זעט איר, איך בין אַ ייִד אָן חכמות, און אַז דאָס מזל איז נישט אַזוי גוט, ווישט מען אָפּ די ליפּן און מען גייט ווייטער. וואָס איז דער מענטש היינטיקע צייטן? ער איז אַפֿילו נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט אים. גאָט האָט אונדז אַלע געשטראָפֿט, ווייל מיר ייִדן זיינען עם לא היה. ביי זיך אין דער היים זיצט יעדער פֿון אויבנאָן און האָט נישט אַ זעקסער פֿון אַ מטבע און די וועלט איז אַ פֿאַרקערטע און עס גלוסט זיך נאָך גיין מיטן קאָפּ אַראָפּ. — די ווייבער זיינען אָן אַנדער מין מכשפֿות, גייען אָנגעטאָן אין ווייסע קאָפּטלעך, און דעם ערשטן זומער נאָך דער חתונה איז מען קוצעניו־מוצעניו און דערנאָך ציען זיי דיר אַרויס דעם מאָרך פֿון די ביינער. איז איר טאַטע געווען אַ באַלמעלאָכע, ווי די ערשטע מיינע, ביזטו אין זייערע אויגן דער ריינער סמ״ך־מ״ם. איז זי חס־וחלילה גאָר פֿון אַ באַלעבאָטישער שטוב און זי האָט געזען ביי איר טאָטן אַמאָל אַ זילבערנעם לעפֿל, ביזטו מיט דיין לעבן נישט מער זיכער. און צען מאָל אַ טאָג וועלן זיי דיר אויפֿוואַרפֿן, אַז עס איז געווען פֿאַר זיי דאָס גרעסטע אומגליק, אַז זיי האָבן דיך גענומען, און אַז זיי וואָלטן דיך נישט געווען גענומען, וואָלטן זיי געקענט נעמען אַ מאָן מיט פרנסה, און אַ זיידן טיכל אויך, און וואָלענע מייטקעס אויך. איך פֿרעג אייך אַליין, וואָס זאָל איך טאָן, וואָס זאָל איך, נחמן רבקהס טאָן? אַ ייִד פֿון פֿערציק יאָר און חיונה מיט דריי קנייטשן און זיבן לעכער און אַ זון און צוויי טעכטער, קיין עין־הרע. מילא, ער איז אַ פּראָסטער יונג, דער מאַמעס אַ זון מיט די ביינער. אָבער זיי, מיידלעך, דערוואַקסענע מיידלעך. פֿרעגט איר, צי זיי זיינען שיין? אַוודאי זיינען זיי שיין, און אַפֿילו אַז מען איז נישט שיין, אַז מען צוואָגט זיך אויס און מען טוט זיך אָן אַ ריין קלייד און מען האָט צו געבן דעם פּופּציקער נדן במזומן, קען מען שוין אַ חתן געפֿעלן. אָבער אָט־דאָ איז די קשיה, פֿון וואַנען נעמט מען אָט־אָ־דעם

פּופּציקער? צו הלבשה איז נישט קיין גבול: אַזאַ עושר, ווי איך בין, צוויי שאַפֿעס שטייען ביי מיר און אַלע ביידע זיינען זיי ליידיק, אַ חוץ שמאַטקעלעך נאָך פֿון דער חתונה־צייט, וואָס זיינען נישט ווערט אַ דרייער.

דעמאָלט האָב איך נאָך געהאַט אַ ביסל צוגעקנעלט. עפּעס האָבן מיר די לייט אין שטאָט איינגערעדט, אַז איך בין אַ בריה אויף פּסוק. די גאַנצע וואָך האָב איך געהאַקט האָלץ מיט די פּויערים און אַז עס איז געקומען צום צאָלן האָבן די טאַטעס געזאָגט: וואָס? פֿאַר פּסוק מוז מען אויך צאָלן, ס'איז דאָך לחלוטין נישט קיין גמרא... אַז איך וואָלט נישט געהאַלטן דאָס קלייטל מיט אַ ביסל צוקער, צימערינג, עסיג, גאַז, וואָס האָט געציקעט, וואָלט איך מיט די קינדער געהאַט אַ שיין פּנים. אַ שאַפֿקעלע פֿון צעלניק איז ביי מיר אויך געווען אין קלייט: קנעפּלעך, באַנוועלעך, נאָדלען. אָט־דאָס שאַפֿקעלע האָט מיך אָפּגעקאָסט אַ האַלב לעבן. וואָרים אַלע מאָל האָט נישט געסטאַיעט קיין סחורה. און די גרויסע קרעמערס האָבן אַ טבע, אַז זיי ווילן נישט געבן קיין סחורה אָן געלט: און אַז איך שווער מיך צען מאָל אָפּ, אַז איך וועל זיי באַצאָלן, ווען איך וועל לייזן, איז ביי זיי מיין וואָרט אַזוי פֿיל ווערט, ווי די בלאָטע. און אויף דער אמתן, שענקען וויל קיינער נישט. אָבער זי, די קליפּע מיינע, איך זאָג אייך, אַז עס איז געקומען אַ סמאַרקאַטע מיידל און האָט געוואָלט האָבן דריי העקעלעך און עס איז אויף צו־להכעיס נישט געווען, האָב איך מיך געמעגט אָפּגעזעגענען מיטן לעבן. אַ פּיסק מיט טויזנט קללות, מילא, שעלט און פֿאַרברען דיר די ליפּן שעלטנדיק, אָבער גיי אין קלייט אַריין, פּערל. ניין! זאָל בתיה גיין. בתיה הייסט די עלטערע מיינע און דווקא נישט די מיאוסע. מילא, אַז זי זיצט אַליין אין קלייט, קומט אַריין אַ טשיקאַווער יונג כלומרשט עפּעס קויפֿן און אויפֿן מאָרגנדיקן טאָג קומט ער נאָכאַמאָל. אַז אין קלייט איז שטענדיק די טיר אָפֿן און איטלעכער קען קומען. טראַכט מען זיך: וואָס, מען וועט זי אויסכאַפּן? איז זי עפּעס אַ בייגעלע, וואָס מען לייגט דאָס אַריין אין קעשענע? אָבער היינטיקע יאָרן, איר פֿאַרשטייט?

אַז זי זיצט אין דער היים און ווערט פֿאַרחושכט און מוז שאָבן און וואַשן, האָט זי אַוודאי נישט אין זינען קיין פּוסטע זאַכן. זיצנדיק אָבער אין קלייט, איבערגעטאָן, קומט אַריין דער פּוסטאָפּאַסניק, קויפֿט זיך אַן אַכטל טיטון, דרייט אַ ציגאַר און זאָגט: האָט איר אַ שוועבעלע, באַרישניע? באַרישניע! אָט־אַזוי שמועסן זיי ביי אונדז ביינאַנד דער נייער

דור! איר וועט דאָס נישט גלויבן, ביי אונדז אין שטאָט רוקאַיעט מען זיך שוין. אַפילו דעם רבס שנור איז זיך אַ גאַנצע וואָילע. יאָ, יידן זיינען אויף אַ שיינעם שטייגער. דער רבונו־של־עולם האָט גענוג צו זינגען און צו זאָגן.

האָט קיין פאַריבל ר׳ יאָסל, איך וויל מיך אַביסל אַנידערזעצן. מען זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, איך הוסט שוין ניין יאָר. מיינע, די הולטאַיקע, האָט מיך עפּעס אין זינען? מאַכט זי מיר אַ גלעזל וואַרעמס אין דער צייט? איר ווילט אַוודאי וויסן וואָס ס׳איז געווען דער סוף פון דער מעשה. וואָס זאָל איך פון אייך לייקענען? אין שטאָט האָט מען אָנגעהויבן רעדן... מיינע אויגן האָבן אַליין געזען ווי זיי ביידע שושקען זיך. האָב איך זי אַ פרעג געטאָן: וואָס האָסטו זיך מיט אַזוינעם צו שושקען? איז פון איר נישט אַרויסצוקריגן קיין וואָרט. הויב איך מיך אָן צו בייזערן, הייבט זי זיך אויף און שטייט אויף פונעם טיש. גיי איך איר נאָך און זאָג איר: בתיה׳, זאָג, וואָס האָסטו מיט אים, לאָמיך הערן. שטעלט זי זיך אַנידער נעבן פענצטער און הויבט אָן צו וויינען. אַ קלאָג צו מיינע יאָר. און די מאַמע, אַזאַ מרשעת, איז אויף איר זייט און הויבט מיך אָן צו שעלטן, און ערשט נעכטן האָט זי מיר אָפּגעגעסן די גאַל פאַרוואָס איך שווייג. גאַרנישט: אַ פאָטער זעט אַ טאָכטער ווערט צע־לאָזן און שווייגט. — אָבער וואָס וועט מיר העלפן? האָב איך געהאַט אַ גוטן פריינט, בין איך אַריבערגעגאַנגען צו אים און געפרעגט שטי־לערהייט אַן עצה, וואָס טוט מען? זאָגט ער: טו אַ שידוך מיט איר און גיב איר אַ מאַן מיט פרנסה, וועט זי נישט האָבן אין זינען קיין נאַ־רישקייטן. יאָ, ס׳איז גרינג אַזוינס צו זאָגן. גיב איך זי איינמאָל ווידער אַ פרעג — פלאַצט זי אויס: זי וויל דעם משרת־יונג, כאָטש גיי, שריי חי־וקים און לייג אַיין די וועלט.

איך פרעג אייך אַליין — פאַסט דאָס עפּעס פאַר מיר, אַז אין מיין שטוב זאָל מען שפּילן ליבעס? יאָ, אַזוי זאָגן זיי, הייסט דאָס. ווער עס האָט דאָס אויסגעטראַכט מיט די אַלע מעשיות, זאָל אים קיין גוטער ייד נישט קענען.

איך וויל אייך דערציילן בקיצור. מיין ווייב האָט געחלשט. איך האָט שיעור נישט פאַרלוירן דעם זין, כאַפּ־לאַפּ! ער נעמט זי ווי זי שטייט און גייט. אַ חתונה, אויף קיין שום ייד נישט געזאָגט געוואָרן, אַ חופה, מ׳שטיינס געזאָגט, און די קלעזמער — ס׳קלעזמערט זיך מיר אין האַרצן

און אין קאָפּ און אין די קישקעס. דעם רב רופֿט מען אָפּ אין אַ זייט. מיר מעגן אונדז אויפֿן אָרט באַגראָבן... נאָך פֿינף חדשים מיט דרייצן טעג האָט זי געהאַט אַ יינגל. איר קענט איך אויסמאָלן, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין, גרוי און אַלט בין איך געוואָרן. מיטן חדר איז אויס.

איך זאָג איך, ר׳ יאָסל, ס׳איז אַ וועלט מיט צרות. דאָס לעבן איז קיין שאָס פולווער נישט ווערט. און דאָס קלייטל איז פֿון דעמאָלט אָן געעקט... מען מוטשעט זיך געגוג. ווילט איר מיר לייען פּופּציק קאָפּי־קעס ביז דאָנערשטיק? מען האָט מיר געזאָגט אַז אייער ווייב איז אַ וואַרשעווער. טאָמער האָט איר ביי זיך אַ ציגאַר?...

# זכות אבות

## אַ ייִד פֿאַר זיך

פֿאַראַיאָרן האָט זיך מיר געטראָפֿן אַזאַ מעשׂה. איך גיי פֿונעם טויג און גיב אַ קוק: ס׳איז שפּעט. איר קענט אונדזער פּריץ, אַ וואוילער מענטש, זאָג איך אייך, און האָט נישט פֿיינט אַ ייִדן; זי, די פּריצה, אַז זי דערזעט מיך, איז גאָר אַ פֿרייד: אַך, פּאַניע שמערקאַ, — ווי איר זעט מיך לעבן. בין איך עפּעס אַ קצין? אָבער איך בין אַן אָפּן מענטשל און שעם זיך נישט מיטן קבצן... גיט גאָט דעם פּערציקער, איז גוט. גיט ער נישט — וועט ער געבן. ער איז ביי מיר אַ בטוח... קיין כּאָבאָר נעם איך נישט, פֿאַרשטייט איר מיך, איך בין אַן אידעם ביי אַ סאָטסקי. ייִדישע קינדער, זאָג איך זיי, געוואָלד געשריגן, וואָס טויגן אייך די מאַכערס און די ווי־באַרעס און די אַלע זיבן זאַכן? דערווייל בין איך אַראָפּ פֿונעם ענין... אַז איך בין דעמאָלט געגאַנגען פֿונעם טויג, האָב איך מיר געטראַכט ביי זיך: שמערל, גיב אָפּ חשבון דיר און דיין ווייב און דיינע קינדער, צו וואָס האָט דיר געטויגט צו האָבן אַ חלק אין דעם געגנבעטן פֿערד... אי, ווער זאָגט, אַז ס׳איז געווען פֿון אַ גנבה? בין איך עפּעס אַ מענטש, וואָס האַנדלט מיט אַזעלכע זאַכן? אָבער גלאַט כּשר איז דאָס אויך נישט געווען; והאַ־ראַיה, מען גיט אויף דיר אָן און מען רופֿט דיך צום סודיאַ, אַזוי האָב איך מיט מיר געטענהט, און בין נישט געקומען צו אַן עק. — דערווייל ווערט פֿינצטערלעך און מרה־שחורהדיק, מען איז דאָך אַ מענטש, וואָס האָט געזינדיקט. — חזיר האָב איך אַוודאי נישט געגעסן און דאַוון תּמיד בציבור, אָבער אַז מען האָט נישט, און עס טרעפֿט זיך, אַז מען קען יאָ האָבן... איר פֿאַרשטייט, אין השגחה איז גוט צו גלויבן, אַז מען האָט דאָס ייִדן גאַרטעלע און מען זיצט זיך אָפּ די פּאָר שעה אין מזרח און דערנאָך קומט מען אַהיים און דאָס ווייב גיט דעם גוטן אָנבייסן. אַז מען האָט פּרנסה בשפֿע, מעג מען אַלץ טאָן, און ווער קוקט אויף דעם ביי די רייכע; אָבער מיר פּראָסטאַקעס! האָסט גענומען דעם דרייערל,

און מען האָט דאָס נישט געטאָרט נעמען, גיי אין אָסטראָג אַריין און זיץ... מילא, דאָס בין איך איך מוחל, אָבער די גביות־עדותן און דער גאַנצער טאַראַראַם, צוערשט ביים פּריסטאַוו, און דערנאָך ביים סליעדאָוואַטעל. הויבט זיך אָן אַ סדרה מיט אַן אַדוואָקאַט, וואָס איז אַליין אַ גנב און אַ רוצח, אָבער מיט זיסינקע רייד, און דערנאָך אַ גאַנצן טאָג אין סוד; איך זאָג אייך, איך בין שיער נישט משוגע געוואָרן. מאָלט אייך אויס, מענטשן מיט שכל זעצן זיך אַנידער אויף צען שעה כסדר און מען פרעגט און מען שרייבט און מען רופט אויס, איטלעכער הייבט אויף די אויגן אויף מיר און קוקט מיך אָן, ווי ווען איך וואָלט געוואָלט באַפאַלן מענטשן אין מיטן וואַלד. מיין ווייב שטייט אין אַ ווינקעלע און ציטערט. עפּעס הער איך: מען לייענט דעם פּראָטאָקאָל, נישט געשטויגן און נישט געפלויגן! פרעגט מיך ווי אַזוי די מעשה איז געווען. און גיט מען מיך אַ פרעג, ענטפער איך פּונקט קאַפּויער. וואָס דען, דעם אמת וועל איך זיי זאָגן? אַ מכה אין זייערע ביינער! נעמען אַ יידן פון פערציק יאָר, וואָס האָט נאָך קיינעם נישט געקרימט אַ האָר, און מוטשען אים... דריי חדשים טורמע מיט דרייצן טעג — אויסגערעכנט! מען זאָגט מיר, איך זאָל אָנגעבן אַן אַפּעלאַציע; אַי, מיין ווייב און די קינדער, ווער וועט זיי דערווייל געבן עסן? מילא, אַז מען זאָגט זיצן, העלפט נישט. דאָרט טרייבט מען ניט קיין קאַטאָוועס... קום איך אַרויס, הויבט אָן מיין מחותן, ס'שטייט אים נישט אָן צום שידוך; איר פאַרשטייט אַן עסק? ער האָט נאָך צו מיר טענות, איך האָב אים געגעבן אַ יונג מיט ביינער און ער מיר אַ דאַר מיידל. אָבער וואָס הער איך דעם לעקיש? אין „שומר לבוקר" פאַרשטייט מען אַנדערש דעם פּסוק: מען נעמט מיך אויף ווי ווען איך וואָלט אַראָפּגעפאָרן פון אַמעריקע: אַ ברייטן שלום־עליכם מיט אַ מפטיר און מיט קידוש. אַי, וואָס געלט, אַ רוח אין זייער טאַטן אַריין! אָבער אַ שנאה אין האַרצן טראָג איך אויף די גזלנים, כאָטש בעסער איז מיר פון דעמאָלט אָן און איך בין נישט מער גאַלע־קבצן. אַי, פון וואַנען נעמט מען? גאָרנישט, זכות אבות.

# אַ קניפּל

## פֿונעם בעל־מעשה אַליין

ובכדי איר זאָלט וויסן פֿונעם טאָלנער, וועל איך אייך דערציילן דעם גאַנצן ענין. די מעשה איז אַזוי געווען. איך אַליין בין, לא עליכם, אַ חשוך־בנים; מיין מאַמע האָט מיך געהאַט צו דרייצן יאָר נאָך דער התונה. מיין טאַטע איז געווען אַ נגיד, אַ ירושה האָט ער מיר געלאָזן, — נישקשה; טאָן טו איך גאָרנישט כּל־ימי, אַ ביסל עיסקא, מילא. ווייבער האָב איך געהאַט, אַחוץ דער היינטיקער, צוויי. ליב האָב איך זיי אַלע געהאַט. איטלעכע יידענע האָט זיך איר טבע. די ערשטע איז געווען אַ גוטע, אָבער גאַלע רוחניות, מילא; די צווייטע איז געווען אַ הויכע, אָבער די לעצטע יאָרן איז זי געווען תּמיד שלאָף, אויף רפֿואות האָב איך מיך אַ סך אויסגעבראַכט. די לעצטע איז קיין עין־הרע אַ מאַשין. זי איז אַפֿילו פֿאַר מיינע יאָרן צו יונג. אַ ייד, וואָס האָב איך פֿריער באַדאַרפֿט? אין מיינע יאָרן אַ שיין ווייב! איך זאָג אייך, פֿרעגט מיך, מילא. נישט דאָס בין איך אויסן. האָט זי געהאַט אַ פּלעמעניק, איז ער צו אונדז געקומען צו פֿאָרן. האָב איך אים געגעבן אויף הוצאות און האָב אים געזאָגט: אַ יונגערמאַן מוז עפּעס טאָן, וואָס איז שייך, פֿאָרט ערגעץ און זוכט אייך אַ שטעל. ביי מיר אַליין איז אַפֿילו דאָ אַ שטיקל שרייבער. טאָמער מיינט איר, איך באַדאַרף אים האָבן נויטיק? נאָר אַז ער איז דאָ שרייבט ער די קוויטעס. היינטיקע יאָרן מוז אַלץ זיין פֿאָרמענע. איך גיב אים דריי רובל אַ וואָך און אַמאָל אַ העמד און פּלודערן פֿון מיר. מיין ווייב האָט ליב מיט אים צו רעדן, ער איז טאַקע נישט קיין נאַר!

ויהי־היום, איך האָב געמוזט פֿאָרן קיין קרעמענטשוג אויף דריי טעג. האָב איך אים געזאָגט: שמערל: אַז דו ווילסט, קענסטו נעכטיקן אין דער גרויסער שטוב. דערווייל איז דאָס אַ שטוב מיט זילבער, אַ יידענע אַליין איבערלאָזן, די דינסט איז אויך אַ נקבה — וואָס איז שייך? אָט אַזוי בין איך אָפּגעזעסן אין קרעמענטשוג אַ גאַנצע וואָך. דערנאָך בין

איך געקומען אהיים, מײן װײַב איז געװען אװעקגעגאַנגען און די דינסט האט מיר דערלאַנגט די ציקאָריע און איז געבליבן שטיין בײַ דער טיר. האָב איך צו איר געזאָגט: דו. נעסי, פאַרװאָס שטײסטו דאָ? האָט זי זיך אָנגעהויבן קראַצן אין דער לינקער באַק. איך הײב מיך אויף פון בענקל און זאָג צו איר: נעסי, דו װילסט מיר עפּעס זאָגן? זי שװײַגט און האַלט זיך צו בײַם מויל, דערנאָך הויבט זי אָן: נײן, באַלעבאָס, אַז איך װאָלט געװען געשװיגן, װאָלט עס געװען אַ זינד; אַז איך זאָג אַ ליגן, זאָל מיך די ערד נישט צונעמען. אײַערנעכטן, איך האָב שוין האַלב געשלאָפן, האָב איך געהערט עפּעס שאַרן מיט די פיס, איך הויב מיך אויף, דאַכט זיך מיר — עס שטײט אַ מענטש אין תחתונים, איך פאַרשטעל מיט דער האַנט די אויגן און קוק דורך די פינגער; נײן, באַלעבאָס, װײַטער רעד איך נישט, איר זאָלט מיך אַפילו צעשנײַדן אויף שטיקער.

— איז דאָס געװען שמערל? יאָ. — ער איז געגאַנגען אין מײַן װײַבס חדר? יאָ. דו ביסט אַ חצופה, פאַרשטײסטו, אַרויס פון מײַן שטוב. איך האָב אָבער זי צוגעהאַלטן און געזאָגט: נעסי, פאַרשטײסטו, רעדן רעד נישט, איך װעל עס דערצײלן דער באַלעבאָסטע, װעסטו האָבן אַ מיאוסן פּסק. טאַקע אַלײן בין איך געבליבן זיצן װי דערשלאָגן. מרה־שחורהדיק בין איך קײנמאָל נישט געװען, אָבער אַזאַ זאַך דערנעמט.

בתוך־כּך איז זי געקומען, זי איז געװען אין מאַרק. אויף צו־להכעיס האָט איר דאָס טיכל זײער גוט געפּאַסט. — האָסט שוין געטרונקען ציקאָריע? פרעגט זי. איך לאָז אַראָפּ די נאָז און האַלט זי צו מיט דער האַנט, כּדי זי זאָל עס נישט דערקענען. איך גיב אַ קוק אויף איר און טראַכט מיר: צו װאָס האָט דיר געטויגט דײַן פאָרן? מילא, איך נעם דעם טלית און תפילין און גײ דאַװענען. תמיד בלײַב איך נישט לאַנג זיצן אין קלויז. דאָ שטײט נעבן מיר דער רב, אַ װאָױלער ייד און אַ גוטער. ער זאָגט צו מיר נאָך דעם דאַװענען: ר׳ הירש, איר האָט עפּעס אויפן האַרצן. איך לײג צונויף דעם טלית און לײג אַרײַן די ציצית, מילא, אַ ייד, עס זײַנען דאָ אַ סך זאַכן. אַז איך בין מיט אים געגאַנגען פון קלויז, האָב איך אים מגלה געװען דעם סוד. מײַן רב זאָגט צו מיר: אַװדאי, ס׳איז אַן ענין, אָבער דאָ אין שטאָט, פאַרשטײט איר מיך, אַ דין תורה גײט נישט, איך װיל בעסער נישט פאַרדינען, פאָלגט מיך און פאָרט מיט איר צום רבין קײן טאַלנע. איך טראַכט [מיר, אַז מען זאָגט, פאָלגט מען. אַ פור האָב איך געהאַט אַ גוטע, בײַ דודן, װײסט איר. נאָר אויפן װעג

איז מיר געווען זייער פּריקרע; איך האָב אַפילו חשק געהאַט זי אַנצוגעמען ביי דער האַנט, נאָר האָב איך מיר געזאָגט: יצר־הרע, דאָס מאָל וועסטו ביי מיר נישט פּועלן. אַז מען פֿאָרט צום רבין, מוז מען אים געבן אַ שיין קערבל, דאָס מאָל האָב איך אים געגעבן צען קערבלעך מיט אַ קוויטל, און האָב אים בעל־פּה דערציילט די מעשה. דער טאַלנער, דער אַלטער, איז געווען אַ חכם, ער איז גאָרנישט נבהל געוואָרן, ער האָט מיר נאָר געזאָגט: גיי אויף דער סטאַנציע און שיק מיר דיין ווייב. אַז זי איז געקומען, האָט ער זי געפּרעגט: וויפּיל גיט דיר, למשל, דיין מאַן אַ וואָך, ער גיט דיר דאָך וואָכנגעלט? אַזוי האָט ער צו איר געזאָגט. — פֿופֿצן קערבלעך, האָט זי געזאָגט. — גיסטו דאָס אויס אין גאַנצן, צי דו לאָזט דיר עפּעס, מיר מעגסטו אויסזאָגן דעם אמת. — יאָ, רבי אַ דרייערל לאָז איך מיר, אַמאָל מער. וואוהין טוסטו דאָס דרייערל אַהין? — איך באַהאַלט עס אין אַ זאַק. מיין מאַמע, עליה־השלום, האָט אויך געהאַט אַ קניפּל, זי האָט מיר דאָס אָנגעזאָגט... — האָסטו שוין אַ סך געלט? — איך ווייס עס נישט, רבי, אַלע יאָר ווערט עס פּולער. — וואו באַהאַלטסטו עס? אונטער דעם איבערבעט ביי אים, ביי מיר קען ער אַמאָל זוכן. — האָט שמערל געזען, אַז דו באַהאַלטסט עפּעס? אפּשר יאָ, ווייס איך, אַז יענער איז כּסדר אין שטוב. — פֿאָר אַהיים און גיב אַ קוק.

איך וויל אייך דערציילן בקיצור. דער זאַק איז נישטאָ. האָט מען זיך גענומען צו שמערלען, האָט ער זיך מודה געווען און האָט געבעטן רחמים: ער דאַרף חתונה מאַכן אַ שוועסטער, אַ דערוואַקסן מיידל פֿון נײַנצן יאָר.

דער טאַלנער, זכרונו לברכה, איז טאַקע געווען דער גרויסער חכם, אַ מלאך אלהים, אַז די וועלט זאָגט, זאָל מען גלויבן.